ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אלע אגדות פון
# תלמוד בבלי

## ערשטער טייל

אידיש

**67**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ו לפ"ק

אַלע

# אגדות פון תלמוד

## אַן עין יעקב אויף אידיש

ענטהאלט אלע מעשיות, אגדות, משלים
אַלעגאָריען, אנעקדאָטען, היסטאָרישע און
ביאָגראפישע ערצעהלונגען, פּאָעטישע,
מאָראַלישע און פילאָזאָפישע פערל פון

## גאַנץ תלמוד בבלי און ירושלמי

אין דריי טייל

איבערזעצט פון תשר״ק

דריטע פערבעסערטע אויפלאגע

ניו יאָרק
Tashrak Publishing Co., 187 E. Broadway, New York
תרפ״ה

COPYRIGHT 1922
By ISRAEL J. ZEVIN

# THE LEGENDS OF THE TALMUD

Printed in the United States of America.

צום אנדענקען פון מיין פאטער
דער למדן, שעהנער איד און בעל צדקה
יהודה ליב זעווין ז"ל.

# אלע אגדות פון תלמוד
## ערשטער טייל: בבלי

# אינהאלט פערצייכניס

## פון ערשטען טייל

דיזער אינהאלט פערצייכניס צייגט אָן ווי צו געפינען יעדען ענין אין דיזען בוך און אויך אין גמרא.

פאר יעדע מסכת איז דאָ אַ בעזונדער אינהאלט פער־צייכניס.

נאָך דעם טיטעל פון יעדען ענין געפינט זיך אַ ציפער. נאָך דעם ציפער קומט אַ העברעאישער מספר. דער ציפער צייגט אויף וועלכער זייט אין דיזען בוך דער מאמר געפינט זיך. דער העברעאישער מספר צייגט אָן דעם דף אין דער גמרא.

צום ביישפיעל, אין מסכת ברכות געפינט איהר אַ טיטעל "ער בענקט דאָרט אין הימעל, 11, ג." מיינט עס אז דיזער מאמר געפינט זיך אויף זייטע 11 אין דיזען בוך, און אין גמרא אויף דף ג.

אין די אגדות פון מסכתות ירושלמי און אַ פּאָאר מסכתות בבלי װערען אָנגעגעבען די פרקים אנשטאט די דפים, דאס איז ווייל דיזע מסכתות זיינען ניט געדרוקט אין אלע דרוקען גלייך מיט די זעלבע גרויס פון די דפים.

## ברכות


1. ער בענקט דאָרט אין הימעל, 11, ג.
2. דוד'ס פידעל, 12, ג.
3. וועלט שמערץ, 13, ה.
4. מיט אַ גנב דאַרף מען אויך זיין עהרליך, 14, ה.
5. ר' ישמעאל'ס געבעט, 14, ז.
6. די ברכה פון אייגענע הענד, 15, ח.
7. אַ חכם האָט אויגען, 16, ח.
8. זינד און זינדער, 16, י.
9. אַ מענש דאַרף אימער האָפען, 17, י.
10. צוליעב נייע צרות פערגעסט מען די אלטע, 18, יג.

11. פון יעדען לויט זיינע פעהיגקייטען, 18, יז.
12. גוטעס פון א שלעכטע ווייב, 19, יח.
13. פרוּוען פּוּצען זיך אפילו אין קבר, 21, יח.
14. פרעמדעס געלד דארפמען היטען בעסער ווי איי־
גענע, 21, יח.
15. אויף טויטע רעדט מען נאר גוטעס, 22, יט.
16. א מענש מוז האבען געדולד, 23, כ.
17. א ריינע הארץ איז בעשיצט געגען זינד, 23, כ.
18. די רעוואָלוציאָן אין בית המדרש, 24, כז־כח.
19. ר׳ יוחנן׳ס ברכה, 30, כח.
20. דער צער פון גלות, 30, ל.
21. די תפלה פון א פערביטערטע הארץ, 31, לא.
22. פון צופיעל וואוילטאג זינדיגט מען, 32, לב.
23. דער מלך און זיין פריינד, 32, לב.
24. קלוגע רייד פון א פרומען מאן, 33, לב־לג.
25. א צדיק איז א הארטער ביסען, 34, לג.
26. א קורצער דאוונען — א לאנגער דאוונען, 34, לד.
27. נעהנטער צו גאָט, 35, לד.
28. א צעהנטער צום מנין, 36, מז.
29. ינאי המלך און שמעון בן שטח, 36, מח.
30. א פרומער מאן קען קיין ליגנער בלייבען, 37, נג.
31. עוג מלך הבשן׳ס מפּלה, 38, נד.
32. וועגען גוטע און שלעכטע חלומות, 39, נה־נו.
33. בר הדיא דער פותר הלום, 40, נו.
34. דער יחיד און דער כלל, 43, נח.
35. אמת׳ע גרויסקייט מאכט קיין טומעל, 45, נח.
36. ווי ר׳ שילא איז דערהויבען געווארען, 46, נח.
37. די חויז פון צדקת, 47, נח.
38. פון וואנען ערדציטערנים קומט, 48, נט.
39. אלעס וואס געשעהט איז צום גוטען, 49, ס.
40. די ענדע פון א גרויסען מארטירער, 50, סא.

## שבת

1. מען טאָר זיך ניט נעהמען אויף זיכער, 52, יב.
2. אומזיסט שטראפט ניט גאָט, 53, יג.
3. ווען די שבת ליכט לייכטען, 54, כג.
4. די שלעכטע שוויגער, 54, כו.
5. דער לעצטער טאָג פון דוד המלך, 55, ל.
6. הלל׳ס גרויסע געדולד, 57, ל־לא.
7. הלל שמאי און די גרים, 58, לא.
8. רבי שמעון בן יוחאי׳ס גלות, 58, לג.
9. די בעדייטונג פון א נס, 62, נג.
10. זיין פרוי האָט געהאָט בלויז איין האַנד, 62, נג.
11. דער אָנפאַנג פון אידישען גלות, 63, נו.
12. האַלט ניט אַ הונד אין הויז, 63, סג.
13. אַ תשובה צו אַן אפיקורס, 64, פה.
14. משה און די מלאכים אין הימעל, 64, פח.
15. משה דער עניו, 65, פט.
16. גימל דער רייכער, דלית דער אָרימער, 66, קד.
17. וואָסער איז די בעסטע מעדיצי׳ן, 66, קטז.
18. ארונטערגעריסען די מאַסקע, 67, קטז.
19. אַלץ לכבוד שבת, 68, קיט.
20. יוסף מוקיר שבי, 69, קיט.
21. אַ גוטער איינפאַל, 69, קיט.
22. די צוויי מלאכים, 70, קכא.
23. צופיעל מחמיר געווען, 70, קכא.
24. דענק וועגען דעם אַנדערען נאָר גוטעס, 71, קכו.
25. אלישע מיט די פליגלען, 73, קל.
26. קערפערליכע פערגעניגענס שוואַכען אָב גייסטיגע פעהיגקייטען, 74, קמז; אדר״נ פרק יד.
27. עס איז שווער כדאי געווען, 75, קמח.
28. דער לוין פון אַ שומר שבת, 75, קן.
29. דער מזל דרעהט זיך, 76, קנא.
30. איין אונגליק איז גענוג, 76, קנא.
31. ווען די עלטערע יאָהרען קומען, 76, קנב.
32. דעם מענשען׳ס שענסטער בגד, 76, קנד.
33. אימער דאַרף אַ מענש זיין צוגעגרייט, 77, קנג.

34. זיין גוטסקייט איז איהם בייגעשטאנען, 78, קנה.
35. צדקה תציל ממות, 79, קנו.
36. די טרייהייט פון א מוטער, 80, קנו.

## עירובין

1. איז כדאי פאר'ן מענשען געבוירען צו ווערען? 81, יג.
2. רייגליכקייט איז געטליכקייט, 82, כא.
3. דער קערפער געהט נאכ'ן קאפ, 82, מא.
4. קלוגע אידישע קינדער, 83, נג; מדרש איכה א.
5. צופיעל רייד זיינען איבעריג, 84, נג.
6. די וועלט איז א חתונה, 84, נג.
7. דעם גנב'ס פסק, 85, נד.
8. דער גרויסער שכר למוד, 85, נד.
9. קליידער מאכען לייט, 86, פה-פו.

## פסחים

1. ניט גוטע נייעס דארף מען ניט דערצעהלען, 88, ג.
2. אלע מענשען זיינען גלייך, 89, כה.
3. זיין שטראף אויף דער וועלט, 89, נז.
4. ווען הלל האט זיך פערגעסען, 90, סו.
5. די עטיקעטע פון טרינקען, 91, פו.
6. די וועלט פון אמת, 92, נ.
7. די צוזייטע און צושפרייטע, 93, פז.
8. א צו שנעלע בעשולדיגונג, 93, פח.
9. פינף לעבענס רעגעלען, 94, קיב.
10. נאך חייליגער ווי די הייליגע, 95, קיג.
11. טוביה זינדיגט זיגוד קריגט קלעפ, 95, קיג.
12. אדם הראשון'ס צער, 96, קיח.
13. א נס בתוך נס, 96, קיח.
14. דוד המלך'ס טאאסט, 97, קיט.

## יומא

1. צו גאָט און צו לייטען, 98, יח.
2. גאָלדענע פרוכטען פון ירושלים, 98, כא.
3. דאס פאָלק און זיינע פיהרער, 99, כב.
4. געדענקען אן עולה איז ווי נקמה נעהמען, 99, כג.
5. דער אָרימאַן, דער רייכער, דער רשע, 100, לה.
6. נקנור׳ס טויערען, 102, לח.
7. די קינסטלער פון ירושלים, 103, לח.
8. די גרעסטע טראַגעדיע פון חורבן, 104, לח.
9. נאַפט און באַלזאם, 105, לח.
10. קנאה צווישען ברידער, 105, לט. (זעה פירוש הרמב״ם, מנחות).
11. א שטאָלצע אידישע מוטער, 107, מז.
12. די וועלט און דער צדיק, 107, נג.
13. שרעקט ניט דאס פאָלק, 108, נג.
14. אונריינע אויגען זעהען אונריינע זאכען, 108, נד.
15. דער טאָג פון חר גריזים, 109, סט.
16. ווי דער יצר הרע האָט זיך גערעטעט, 110, סט.
17. א תשובה אויף אַן אַנצוהערענים, 112, עא.
18. ער שטראַפט מיט רחמנות, 112, עה.
19. דער מן האָט אויסגעזאָגט, 113, עה.
20. דער מלך און דער בן מלך, 113, עו.
21. עסען פרעמדעס איז ניט גוט, 114, פג.
22. א נאָמען האָט פּיעל צו זאָגען, 114, פג.
23. משה און דוד, 116, פו.
24. די פעראַנטוואָרטליכקייט פון א ריכטער, 116, פו-פז.
25. האָסטו אימיצען בעליידיגט בעט מחילה, 117, פז.
26. די שטראָף פון אַן עזות פנים, 117, פז.

## סוכה

1. א סוכה צווישען הימעל און ערד, 119, כג.
2. ווי דער רבי אזוי דער תלמיד, 119, כה.
3. א געשלאָגענער האָט אימער מורא, 120, כט.

4. ווען רויבער גיבען צדקה, 120, ל.
5. אז מען וועט קוילען דעם יצר הרע, 121, נב.
6. ס'איז לייכט יענעם צו בעשולדיגען, 121, נב.
7. דער טויטער קאָפּ אויפ'ן וואסער, 122, נג.
8. וואו א מענש דארף שטארבען אהין טראָגען איהם זיינע פיס, 123, נג.
9. וואס די גוים האָבען פערלאָרען, 123, נח.
10. מרים בת בילגה, 124, נו.

## ביצה

1. מענשען וואס זוכען וואוילטאג, 125, טו.
2. געגעסען א גאנצע וואָך לכבוד שבת, 126, טז.
3. די רייכע פון בבל, 126, לב.

## ראש השנה

1. זינד געגען גאָט זינד געגען מענשען, 127, יז.
2. א דעמאָנסטראציע געגען גזירות, 127, יט.
3. אין די ימים נוראים, 128, לב.

## מגילה

1. אלע מענשען זיינען גאָט'ס בעשעפעניסען, 129, י.
2. ושתי המלכה'ס סוף, 129, יב.
3. ושתי'ס ריכטער, 130, יב.
4. ליעבע און רחמנות, 131, יג.
5. אחשורוש אזוי ווי המן, 132, יד.
6. מרים הנביאה, 132, יד.
7. אסתר'ס פלענער, 133, טו.
8. המן און מרדכי, 133, טז.
9. ערד און שטערן, 135, טז.
10. ניט יעדען פורים טרעפט א נס, 135, ז.
11. טאַפּען אין דער פינסטער, 135, כד.
12. קדוש לשבת, 136, כז.

13. געבענשט אין א גוטער שעה, 136, כג.
14. א סגולה צו לאנגע יאהרען, 137, כח.

# תענית

1. א שעהנע ברכה, 138, ה.
2. גוטער וויין אין א מיאוס'ער כלי, 139, ז.
3. דער בים פו זא שלאנג, 140, ח. (זעה רש"י).
4. די קאץ און דער ברונען, 143, ח. (ערוך, ערך חלד).
5. ווער עס גיט ברויט גיט לעבען, 143, ח.
6. פערשעהמט דעם רבי'ן, 143, ט.
7. אלץ צוליעב א צדיק, 144, ט.
8. ליגנערשע מענשען, ליגנערשע רעגענס, 144, ט.
9. דער איד וואס איהם ארט ניט, 144, יא.
10. דער סוף פון א רשע, 145, יח.
11. נקמה פאר אידישע העלדען, 145, יח.
12. נקדימון בן גוריון, 146, יט-כ.
13. גאוה ברייננט צו זינד, 148, כ.
14. מען טאר זיך ניט פערלאזען אויף נסים, 149, כ.
15. א נאבעלער לעבען, 150, כ.
16. תורה און סחורה, 151, כא.
17. די טראגעדיע פון נחום איש גם זו, 152, כא.
18. גם זו לטובה, 153, כא.
19. פייער בעשיצט געגען פייער, 155, כא.
20. אונגליקען זיינען אנשטעקענד, 155, כא.
21. צדקה איז גרעסער פון אלעם, 155, כא-כב.
22. מענשען וואס טהוען גוטעס, 157, כב.
23. חוני המעגל און דער רעגען, 159, כג.
24. חוני המעגל'ס 70 יעהריגער שלאף, 160, כג.
25. אבא חלקיה, 161 כג.
26. חנין דער בעהאלטענער, 164, כג.
27. פרום און בעשיידען, 164, כג.
28. די טרערען פון א יתום, 165, כג.

29. צרות פון א ווייב'ס משפחה, 165, כג.
30. פרום אבער צו שטרענג, 166, כד.
31. אן ערליכער אייזעל, 167, כד.
32. זיך פערארימט צוליעב צדקה, 168, כד.
33. פאר אן אמת שלאגט מען, 169, כד.
34. דער זכות פון גוטע מענשען, 170, כד.
35. ברויט און לעבען, 170, כד.
36. די טראגעדיע פון הונגער, 171, כד.
37. מען טאר ניט בעטען אויף נסים, 172, כד.
38. ארים אין געלד, רייך אין גייסט, 173, כד-כה.
39. ר' חנינא'ס ציגען, 176, כה, פירוש הכותב לעין יעקב
40. ניט כדאי איבערצומאכען די וועלט, 176, כה.
41. אנגעשריען אויפ'ן הימעל, 177, כה.
42. א טענה געגען רבונו של עולם, 177, כה.
43. די וואלקענס האבען פערבלאנדזשעט, 178, כה.
44. ניט גרעסער נאר בעסער, 178, כה.
45. שמואל הקטן'ס משלים, 179, כה.
46. ווען דער מאגען איז פול זינגט זיך, 180, יט-כו.
47. א קלאג אויף דורות, 180, כט.
48. זיך איינגעקויפט גן עדן, 180, כט.
49. צוריקגעגעבען גאט די שליסלען, 181, כט.
50. די צוויי פרעהליכסטע ימים טובים, 182, כו-לא.

## מועד קטן

1. דוד'ס נאמען רייניגוואשען, 183, ט.
2. קללות וואס זיינען ברכות, 184, ט.
3. א פרוי איז קיינמאל צו אלט, 185, י.
4. עס לוינט זיך פרום צו זיין, 185, י.
5. די שטראף פון א זינדיגען, 186, יז.
6. א גנב איז א חצוף, 188, יז.
7. א הונד אין חרם, 188, יז.
8. וואס בעשערט דאס בעווערט, 189, יח.

9. א חשד איז ניט אומזיסט, 189, יח.
10. נחום אבלים, 190, כא.
11. א שפעטע טרייסט, 190, כא.
12. פערלאָרען א פרוי, געפונען א פרוי, 191, כג.
13. גרויסקייט קען מען ניט אָבמעסטען, 191, כח.
14. צופיעל קלאָגען טאָהר מען ניט, 192, כז.
15. ביים גרעניץ פון דער עווינקייט, 192 כח.

## חגיגה

1. מיט פליים גרייכט מען אלעס, 195, ג.
2. פערשווייגט נים א גוט וואָרט, 195, ג.
3. צווישען דער וועלט און יענער, 196, ד.
4. צדקים שטאַרבען יונג, 197, ה.
5. פערשעהמט ניט דעם אָרימאַן, 197, ה.
6. דער כבוד פון א תלמיד חכם, 198, ה.
7. א תלמיד אויף איין טאָג, 198, ה.
8. יחזקאל און ישעיה, 199, יג.
9. די ערגסטע קללה, 199, יד.
10. די טראַגעדיע פון א דענקער, 199, טו; רות רבה, פסוק ליני הלילה; ירושלמי חגיגה, פרק ב'.
11. אחר'ס לעצטע יאָהרען, 203, טו.
12. אחר'ס גרויסקייט, 204, טו.
13. דער מילגרוים, 205, טו.

## יבמות

1. וואָס עס מיינט א איד צו זיין, 206, מז.
2. פון העכסטען גליק אין טיעפסטען אונגליק, סא; מדרש איכה, פסוק על אלה אני בוכיה.
3. ערד ארבייט און מסחר, 208, סג.
4. קליגער פון דעם טאַטען, 208, סג.
5. א שלעכטע פרוי האָט אויך מעלות, 209, סג.
6. טעאָריע און פראַקטים, 210, סג.

7. א שאלה ביי איהר מאן, 210, סח.
8. די שעדליכקייט פון גאוה, 211, קה; בראשית רבה, פא.
9. זיך אנגענומען פאר א תלמיד חכם, 212, קת.
10. א מיטעל געגען שטרענגע קאלעקטארען, 213, קכ.
11. נחוניא און זיינע קינדער, 213, קכא.

## כתובות

1. הערט ניט קיין לשון הרע, 215, ח.
2. א כלה דארף מען לויבען ,215, טז-יז.
3. די מחשבה הייליגט די מעשים, 216, יז.
4. די צערעמאניע פון קצצה, 216, כח.
5. לײדיג ארומגעהן ברײנגט צו זינד, 217, נט.
6. א פערדיענטער נס, 217, סא.
7. זיך אויסגערעדט אין א בייזער שעה, 218, סב.
8. שוין אן אלטער אונגליק, 219, סב.
9. צוליעב א פרוי׳ס טרערען, 219, סב.
10. ענדע גוט, אלעס גוט, 219, סב.
11. ניט דערקענט זיין טאכטער, 220, סב; ויקרא רבה, פרשא כא.
12. ניט דערקענט זיין זוהן, 221, סב.
13. דער פאסטוך וואס איז געווארען גרויס, 222, סב-סג; נדרים, נ.
14. געראטען אין דער מוטער, 225, סג. (זעה תוספתא, אויך מהרש״א.)
15. ניט אויסגעהאלטען די בענקשאפט, 226, סג.
16. חומה די פערפיהרערין, 226, סה; סדר הדורות, ערך אביי הכהן.
17. די טאכטער פון נקדימון בן גוריון, 227, סו-סז.
18. אין צדקה טאהר מען ניט קארגען, 229, סז.
19. גאט שיקט צו פאר׳ן ארימאן, 230, סז.
20. מר עוקבא׳ס צדקות, 230, סז.

21. דער וועג איז ווייט ווען ניט אנגעגרייט, 231, סז.
22. די שווינדלער קומט א דאנק, 232, סז־סח.
23. א קאמפף פאר לעבעזאון טוים, 232, עז.
24. תורה און ברויט, 233, קג.
25. דער טויט פון רבי הקדוש, 234, קג־קד.
26. מיט א גוט ווארט קען מען אויך אונטערקויפען, 236, קה־קו.
27. די ליעבע צו ארץ ישראל, 238, קיא.
28. א לאנד פון מילך און האניג, 238, קיא; ירושלמי, פאה, פרק ז.

# נדרים

1. דער נזיר, 240, ט.
2. צו וואס כעס קען ברייגגען, 241, כד.
3. א משל מיט א קליין שטעטעל, 242, לב.
4. בקור חולים, 242, מ.
5. ווען עס קומט דער סוף, 243, מא.
6. א פנים זאגט גארנישט, 243, מט.
7. פון וואס רבי עקיבא איז רייך געווארען, 244, נ; זעה פירוש חר"ן; ע"ז, כ.
8. די מזל'דיגע מאלפע, 247, נ.
9. א מויל פון פעך און שוועבעל, 247, נ.
10. אמאליגע קוכערס, 248, נ.
11. בר קפרא דער וויצלינג, 248, נ־נא.
12. זיך בעשיצט מיט דער תורה, 250, סב.
13. צדקיהו און נבוכדנאצר, 250, סה.
14. ארימקייט פערדארבט אידישע שעהנהייט, 251, סו
15. צוליעב שלום בית, 252, סו.
16. ווען מאן און ווייב פערשטעהען זיך ניט, 254, סו.
17. דער נדר פון א בחור, 255, פט.
18. דער אונשולדיגער ליעבהאבער, 255, צא.

## נזיר


1. די מחשבה איז דער עיקר, 257, כב.
2. ר׳ מאיר׳ס תלמידים, 257, מט.


## גיטין


1. א משל מיט צוויי שעפסען, 259, ז.
2. די ערנסטקייט פון א שבועה, 259, לה.
3. רב נחמן׳ס טעכטער, 260, מח.
4. זיך אבגערעכענט מיט די מענשענפרעסער, 262, מז.
5. גרויסע אונגליקען צוליעב קליינע פאסירונגען, 263, נה־נו.
6. גירון׳ס אנקומען אין ירושלים, 265, נו.
7. די בעלאגערונג פון ירושלים, 265, נו.
8. די שתדלנות פון ר׳ יוחנן בן זכאי, 267, נו; זעה אדר״נ פרק ד; איכה רבתי, א.
9. טיטוס און דער מוק, 269, נו.
10. דער חורבן פון טור מלכא, 270, נז.
11. פרימער פון יוסף הצדיק, 271, נז.
12. דער חורבן פון ביתר, 272, נז.
13. פאר די בלוט פון דעם נביא, 273, נז; איכה רבתי, ב.
14. מרים און איהרע זיבען זיהן, 274, נז; איכה רבתי, ב.
15. די פיער הונדערט קדושים, 277, נז.
16. דער קליינער געפאנגענער, 278, נח.
17. די טראגעדיע פון ברודער און שוועסטער, 279, נח; איכה רבתי, א.
18. די שעהנע צפנת, 280, נח.
19. די גערויבטע פרוי, 281, נח.
20. שלמה המלך און דער אשמדאי, 282, סח.
21. שלמה המלך בעקומט דעם שמיר, 285, סח.
22. דעם אשמדאי׳ס גבורה, 287, סח.
23. די בענעהמונג פון מענער צו פרויען, 288, צ.

## סוטה

1. דער בעל גאוות, 290, ח.
2. די שטראָף פון א זינדיגע, 289, ז.
3. אבשלום און זיינע שעהנע האָר, 291, ט.
4. פרעה צייגט א ביישפיעל, 292, יא.
5. צוליעב די גוטע אידישע פרויען, 292, יא.
6. ווען דער טאַטע נעהמט די מאמען, 293, יב.
7. די מצרים'ער שפיאָנען, 294, יב.
8. פרעה'ס טאָכטער און איהרע דיענסטען, 294, יב.
9. די שבועה פון יוסף הצדיק, 295, יג.
10. ווארום משה'ס קבר איז פערבאָרגען, 295, יד.
11. משה'ס בעגעהר, 296, יד.
12. א פרומער נאַר און א כיטרער רשע, 296, כא.
13. עס זיינען דאָ אויסנאַהמען, 297, כב.
14. אמת פרומע און פאַלשע, 297, כב.
15. כלב אויף קבר אבות, 298, לד.
16. יוסף און פוטיפר'ס ווייב, 298, לו; בראשית רבה, פרשה פז.
17. יוסף בעזיעגט זיינע געגנער, 299, לו.
18. די אידען ביים ים סוף, 301, לו-לז.
19. די ענייוות פון רבי אבהו, 301, מ.
20. ווען דער קעניג האָט געוויינט, 303, מא.
21. די ליעבע פון עלטערן צו קינדער, 304, מט.
22. ווי אזוי א ווערטעל ווערט בעשאַפען, 305, מט.
23. ווארום ארץ ישראל האָט געציטערט, 305, מט.

## קדושין

1. ווארום דער מאַן זוכט די פרוי, 307, ב.
2. די שטראָף פון א פערשקלאַפטער נשמה, 307, כב.
3. זיך געביטען מיט'ן זוהן, 308, כט.
4. די מצוה פון לערנען תורה, 308, ל.
5. ער האָט ליעב געהאט צו פרעגען, 309, לא.

6. א ביישפיעל פון כבוד אב ואם, 309, לא; דברים רבה, א.
7. רעספעקט דארף זיין מיט ליעבע, 311, לא; זעה רש״י; ירושלמי פאה, פרק א.
8. א קאנקורענץ צווישען טאטע-מאמען, 312, לא.
9. געטראָגען זיין מוטער אויף די הענד, 313, לא; ירושלמי פאה, פרק א.
10. פערהיילינגט זיין מוטער, 313, לא.
11. אָהן א טאטען, אָהן א מאמען, 314, לא.
12. קיינער דארף זיך גרויס האלטען, 314, לב.
13. א נאָכגעגעבענע מוטער, 315, לא.
14. רעספעקט פאר געלעהרטע, 315, לג.
15. רעספעקט פאר יעדען מענשען, 315, לג.
16. מענשען מיט שטארקע גייסטער, 317, לט-מ.
17. לערנען און טהאָן, 319, מ.
18. ווי די וועלט האָט זיך צוטיילט, 319, מט.
19. די רבנישע ערד, 320, נט.
20. פאר׳ן אמת שלאָגט מען, 321, סו.
21. ווער עס בעליידיגט אן אנדערן טרעפט זיך, 323, ע.
22. ניט קיין גלייכער שדוך, 325, עא.
23. שטארקער פון פייער, 325, פא.
24. קיינער איז זיכער מיט זיך, 326, פא.
25. זיך גערייצט מיט׳ן יצר הרע, 327, פא.
26. אלץ געהט נאָך דער כונת, 328, פא.

# איינלייטונג

דער צוועק פון דיזער ארבייט איז צו געבען אין אונזער פאלקס שפראך א פאלשטענדיגע זאמלונג פון אלע ערצעהלונגען, לעגענדען, משלים, פאעטישע און פילאזאפישע פערל פון גאנץ תלמוד בבלי און ירושלמי.

די אגדות פון "ים התלמוד" שטעלען צוזאמען א גרויסע און רייכע ליטעראטור, קרעפטיג, זאפטיג און מיט דעם חן פון אייביגע יוגענד. אין קיין אנדער ליטעראטור, אין קיין שפראך, געפינט מען אזא רייכען אוצר פון פאעזיע, וויץ, הומאר, סאטירע, שעהנע אלעגאריען, גייסטרייכע לעגענדען און וואונדער־שעהנע ערצעהלונגען. אין די אגדות פון תלמוד זעהען מיר ווי אין א קלארען שפיגעל אונזער אלטע אידישע קולטור וועלט. דורך די מעשה'לעך ווערען מיר בעקאנט מיט די גייסטיגע העלדען פון אונזער פאלק, מיט זייער ריינעם לעבען, זייערע פילאזאפישע אנשויאונגען, זייער חכמת, וויץ און שארפזין.

די רוימער און די פערזיער האבען אין יענע צייטען פערפלייצט א וועלט מיט בלוט, זוכענדיג צו פערכאפען דעם ערדקוגעל מיט פויסט און שווערד. די גריכען האבען געזוכט צו בעהערשען נאציאנען דורך זייער עראטישע קולטור. צו דער זעלבער צייט האבען א קליין הייפעלע חימלאזע, פערטריבענע, פערפאלגטע און אונטערדריקטע מענשען געהאלטען זייערע אויגען צום הימעל און האבען ענטוויקעלט אן אייגענע קולטור וועמעס פונדאמענט איז געווען א ריינער גלויבען מיט א הויכען מאראל, מיט די שעהנסטע בעגריפען פון יושר, רחמנות און מענשליכקייט. דיזע הייפעלע מענשען זיינען די תנאים און די אמוראים און זיי זיינען געגאנגען אויף מסירת

נפש פאר זייער אויפגאבע. טראָץ דעם פערבאָט פון זייערע אונטערדריקער האָבען זיי געגרינדעט לעהר אנשטאַלטען, חדרים און ישיבות צו אונטערריכטען די קינדער פון זייער פאָלק אין די לעהרען פון אונזערע געזעצגעבער, נביאים און דענקער, — יענע לעהרען וואס האָבען אויפגעהאלטען אונזער פאָלקס אינדיווידואליטעט און פערהיט די אידישע נאַציאָן פון אונטערגאַנג.

אין תלמוד זיינען דאָ א גרויסע צאָהל מעשה'לעך וואס ציינען אונז דעם העלדענמוטה און די מסירת נפש פון די אידישע לעהרער. אמבעסטען ווערט דאס אילוסטרירט דורך א משל פון רבי עקיבא. פפוס בן יהודה, וועלכער איז געווען א זעהר אָנגעזעהנע פערזאָן ביי אידען, האָט איינמאָל פיר־געהאלטען רבי עקיבא'ן דערפאר וואס ער שטעלט זיך דאס לעבען אין סכנה און לערנט תורה מיט אידישע קינדער. האָט איהם רבי עקיבא געענטפערט: "דו, פפוס, וואס אלע האלטען דיך פאר א קלוגען, ביזט דאָך ניט מעהר ווי א נאַר. איך וועל דיר ענטפערען מיט א משל. אמאָל האָט א פוקס געזעהן פישעלעך ארומשווימען אין טייך און עס האָט זיך איהם שטארק פערגלוסט זיי צו עסען. האָט דער פוקס געזאָגט צו די פישעלעך: "קומט ארויף אויף דער יבשה און לאָמיר לע־בען צוזאמען אזוי פריינדליך ווי אונזערע עלטערן האָבען גע־לעבט". האָבען די פישעלעך איהם געענטפערט: "דו, פוקס, וואס אלע האלטען דיך פאר דעם קליגסטען פון אלע חיות, ביזט דאָך ניט מעהר ווי א נאַר. מה דאָך, דאָ, אין וואסער, וואו מיר לעבען, זיינען מיר אימער אין סכנה. היינט ווי איז שוין אויף דער יבשה, דאָרט וועלען מיר דאָך האָבען א זיכע־רען טויט". אָט אזוי איז מיט אונז אידען. מה דאָך ווען מיר לערנען די תורה, וואס איז אונזער אויפהאלט אין לעבען, זיינען מיר אין געפאהר פון אונזערע שונאים, היינט ווי איז שוין אז מיר וועלען אויפהערען צו לערנען תורה, דאַן וועלען מיר דאָך געווים אין סכנה".

נאָך מעהר איז צו בעוואונדערען דעם העלדענמוטה און די זעלבסט אָפּפערונג פון די חכמי התלמוד ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אז קיינער פון זיי האָט זיך ערלויבט צו ציהען א פערזענליכען נוצען פון לערנען. די תנאים און די אמוראים, די לעהרער פון די חדרים און ישיבות, האָבען זייער ארבייט געטהאָן אומזיסט און זייער חיונה האָבען זיי

געמוזט ציהען פון ארבייט אָרער געשעפט. עס איז געווען פערבאָטען צו מאַכען די תורה פאר א "קרדום לחפור", פאר א לעבענסמיטעל. די תנאים האָבען אוועקגעשטעלט א רעגעל: "אהב את המלאכה ושנא את הרבנות", האָב ליעב די ארבייט און האס די גרויסקייט. דאס איז געווען א רעגעל פאר די לעהרער. פאר די תלמידים איז געווען אַן אַנדער רעגעל: "ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסען, און וואסער מיט א מאָאס זאָלסטו טרינקען, און שלאָפען זאָלסטו אויף דער ערד, און א לעבען פון צער זאָלסטו לעבען".

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָבען אונזערע גרויסע לעהרער געלערנט און פערשפרייט אידישע וויסענשאַפט.

א גרויסע צאָהל פון די חכמי התלמוד איז בעשטאַנען פון בעלי מלאכה און טאָג ארבייטער. פון תלמוד ווייסען מיר אַז הלל, איידער ער איז געוואָרען נשיא, איז געווען א טאָג-ארבייטער און א גאַנץ קליינער פערדיענער. ר' יוסי ציידנא האָט, ווי זיין נאמען צייגט, זיך בעשפטיגט מיט מאַכען נעצען פאר פיש. יהודה הייטא האָט א חוץ שניידעריי זיך אויך אָבגעגעבען מיט איבערשרייבען ספרים און ער האָט געהאט א זעהר שעהנע האַנדשריפט, וועלכע רבי הקדוש האָט שטארק געלויבט. עס איז א סברה אַז ר' יהושע הגרסי, דער תלמיד און דער טרייער משרת פון רבי עקיבא, האָט ניט געהייסען "גרסי" ווייל ער איז געקומען פון א שטאָדט מיט אַזא נאמען, נאָר "גרסי" מיינט אַז ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט שטויסען גאָנעלעך. ר' יוחנן הסנדלר, וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבי עקיבא און א חבר פון רבי מאיר, איז געווען א סאַנדאַלען מאַכער. יצחק נפחא, דער פאטער פון רבי יוחנן, איז געווען א שמיעד. דער גרויס געלעהרטער רבי יהושע, צוליעב וועמען רבן גמליאל איז ארונטערגעזעצט געוואָרען פון זיין הויכען אַמט אַלס ראש ישיבה פון יבנה, איז געווען אַן אָרימער נאָדעל מאַכער. שמעון בן שטח, א שוואָגער פון ינאי המלך, האָט געהאנדעלט מיט פּלאַקס. אבא חושעיא פון טרייא, וועלכער האָט איינמאָל אומגעקעהרט צו א קעניגין א גרויסען אוצר וואס זי האָט פערלאָרען ביים טייך, איז געווען א וועשער און האָט געוואשען פרעמדע וועש פאר זיין שטיקעל ברויט. איידער ריש לקיש איז געוואָרען א שוואָגער פון רבי יוחנן איז ער געווען א גלאַדיאטאָר אין א צירק, נאכדעם א וועכטער אין א גארטען. רב כהנא

האָט פערקויפט געפלאָכטענע קערב צו פרויען אין מארק. דער פרומער אבא חלקיא צו וועמען די אידישע פיהרער פון זיין צייט פלעגען שיקען שלוחים אז ער זאָל בעטען אויף רעגען, ווען עס איז געווען א גרויסע טריקעניש אין לאנד, האָט גע־ארבייט אלס טאָג ארבייטער אויף א פארם. רב חנינא און רב אושעיא זיינען ביידע געווען שוסטער אין ארץ ישראל. זייער ווארשטאט האָט זיך געפונען אין מארק און זייערע קונדען זיינען געווען אויסגעלאסענע פרויען. דער תלמוד דערצעהלט אז ווען די פרויען פלעגען קומען צו לאָזען נעה־מען א מאָאס פון זייערע פיס, פלעגען די צוויי געלעהרטע שוסטער זיך היטען ניט אויפצוהויבען זייערע קעפּ, אום זיי זאָלען נים אָנקוקען די פרויען אין פנים.

אנדערע פון די חכמי התלמוד זיינען געווען פארמערס, און יעדער פון זיי האָט זיין פעלד אליין געאַקערט, געזייהט און געשניטען. ווידער אנדערע זיינען געווען סוחרים, און זעהר ווייניג פון זיי האָבען זיך ערהויבען צו א ביסעל עשירות. זיי האָבען געלעבט אין אָרימקייט, אין דחקות, אבער זיי האָבען זיך קיינמאָל בעקלאגט. ר׳ יהודה בר עילעאי איז געווען אזוי אָרים דאס ער האָט אויף זיך קיין בגד גע־האַט. איינמאָל האָט זיין פרוי בעקומען וואָל און האָט פון דעם געמאכט אַ מין מאנטעל. אז זי פלעגט דארפען געהן אין מארק פלעגט זי עס אָנטהאָן, און אז ער פלעגט דארפען געהן אין בית המדרש פלעגט ער עס אָנטהאָן, און דאָך פלעגט ער לויבען גאָט׳ס נאמען יעדען מאָל ווען ער פלעגט אָנטהאָן דעם שותפות׳דיגען בגד. (נדרים, מ״ט). פיעל גרעסער און טראגישער איז געווען די אָרימקייט פון רבי חנינא בן דוסא, וועלכער האָט א גאנצע וואָך געלעבט מיט א מאָאס באָקסער, און דאָך האָט זיין פרוי געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו בעהאלטען איהר דלות פון איהרע שכנות. ביי די חכמי התלמוד איז דיזע וועלט געווען פעררעכענט בלויז אלס קארי־טאָר צום גרויסען פאלאסט, צו יענע וועלט. און דער גאנצער צוועק פון לעבען איז ביי זיי געווען זיך צוגרייטען אין קאָ־רידאָר, כדי מען זאָל זיין פאסענד אריינצוקומען אין פא־לאסט. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לתרקלין!

בלויז א קליינע צאָהל פון זיי זיינען געווען רייך און האָ־בען ערוואָרבען גרויסע פערמעגענס, אזוי ווי רבי חקדוש, רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא אין ארץ ישראל, און רבי

אבא, אדער "רב" אין בבל. אבער דיזע און אויך אנדערע עשירים פון זייער גלייכען האבען דורך זייערע מיטלען געשפייזט טויזענדע ארימע תלמידים אין זייערע ישיבות און אויך געגעבען א סך צדקה צו אנדערע ארימע און אונגליקליכע. זייער בעגריעף פון צדקה איז געווען א זעהר הויכער. זייער רעגעל איז געווען: "גיב גאט פון דאס זייניגע ווייל דו און דאס וואס דו פערמעגסט זיינען אלץ זיינס". אויב דער ארימאן איז אמאל געווען רייך דארף מען איהם געבען אלע לוקסוסען צו וועלכע ער איז געווען געוואוינט. און הלל האט דעם רעגעל אזוי אוועקגעשטעלט: "און אפילו א פערד צו רייטען און א קנעכט וואס זאל לויפען פאראוים דארף מען איהם געבען אויב ער איז געווען אזוי געוואוינט". עס ווערט זאגאר דערצעהלט, אז איינמאל האט הלל געהאט צו בעזארגען אזא "יורד", און ווייל הלל האט ניט געקענט קריגען א קנעכט וואס זאל דעם יורד לויפען פאראוים בעת ער רייט אויפ'ן פערד, האט הלל פערביינגט זיין אייגענעם כבוד און איז אליין געלאפען פאראוים דעם פערד, אויף וועלכען דער יורד האט געריטען.

פון די ערצעהלונגען אין תלמוד זעהט מען ווי שטרענג עס איז ביי די אידישע געלעהרטע פון יענער צייט געווען די פערזענליכע ריינקייט. א כלל איז געווען, אז "א תלמיד חכם ביי וועמען עס געפינט זיך א פלעק אויף זיין בגד פערדיענט דעם טויט". (שבת, קיד). באדען זיך איז ביי זיי געווען א טעגליכע געוואוינהייט. "איך וועל טראגען דיינע קליידער אין באד", איז געווען אן אויסדרוק וואס האט ארויסגעצייגט גרויס רעספעקט. צו האלטען דעם קערפער ריין איז פעררעכענט געווען אלס דער בעסטער מיטעל צו פערמיידען קראנקהייטען. רבי חנינא וועלכער איז געווען א דאקטאר, איז צו 80 יאהר געווען געזונד און שטארק און האט געקענט אנטהאן א שוך שטעהענדיג אויף איין פוס. ער האט ערקלעהרט אז ער האט זיין שעהנעם עלטער צו פערדאנקען זיין מוטער וועלכע האט איהם געהאלטען זעהר ריין אין זיין קינדהייט. פון שמואל, וועלכער איז אויך געווען א דאקטאר, ווערט אין תלמוד איבערגעגעבען א כלל: "פאר די אויגען איז קאלטע וואסער בעסער ווי אלע זאלבען אין דער וועלט".

נאך העכער ווי די קערפערליכע ריינקייט איז געשטאנען די גייסטיגע ריינקייט. ר' יוחנן האט געזאגט אז א תלמיד

חכם וואס איז ניט ריין ווי א מלאך טאָר מען פון איהם ניט געלערנען תורה". (מועד קטן, י"ז). זינדיגע מחשבות זיינען געווען פערערגערט אלס זינדיגע מעשים. דער אָנפאַנג פון זינד איז אין דער מחשבה. אין כתובות (דף יז) ווערט דערצעהלט אז רב אחא פלעגט אויף א חתונה ארויפזעצען די כלה אויף זיינע שולטערען און מיט איהר טאַנצען. האָבען זיינע תלמידים איהם געפרעגט: "רבי, מיר מעגען אויך אזוי טהאָן?" האָט רב אחא זיי געענטפערט אז עס ווענדעט זיך נאָך דער מחשבה: אויב זיי ווייסען אז זייערע מחשבות זיינען דערביי ריין, מעגען זיי.

רבן גמליאל האָט אין זיין ישיבה אין יבנה ניט ערלויבט אריינצוקומען א תלמיד וואס "אין תוכו כברו", וואס זיין אויפפיהרונג שטימט ניט מיט זיינע פרינציפען.

דער נאָמען "תלמיד חכם" האָט געהאַט זעהר א ברייטע בעדייטונג. עס האָט בעדייטעט א חוץ גרויס געלעהרזאַמקייט אין אלע אידישע ענינים אויך א גוטע בעקאַנטשאַפט מיט פרעמדע שפּראַכען, אסטראָנאָמיע, מעדיצין, געאָמעטריע, באָטאַניק, אגריקולטור און אנדערע וויסענשאַפטען. און דערצו זיינען די תלמידי חכמים געווען וועלט מענשען, מיט א הויכען גראַד ראַפינירונג און טאַקט, און זיי האָבען שטאַרק מקפיד געווען אויף דער עטיקעטע, די העפליכע בענעהמונג צווישען מענש און מענש. אין תלמוד געפינען זיך צוויי בעזונדערע מסכתות וועלכע בעשרייבען די עטיקעטע אָדער "דרך ארץ" פון יענער צייט.

פיעלע פון די חכמי התלמוד האָבען געהאַט בעקאַנטשאַפט מיט די ניט אידישע פילאָזאָפען פון זייער צייט. אין דרך ארץ רבה, פרק חמישי, ווערט דערצעהלט ווי רבן גמליאל, רבי יהושע, רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא זיינען איינמאָל אָנגעקומען אין א פרעמדער שטאָדט און זיי זיינען דאָרט געגאַנגען בעזוכען איינעם א געלעהרטען, וועמען זיי האָבען גערופען "פילוסופוס אונזער חבר". וועגען די פריינדשאַפט פון רבי הקדוש מיט איינעם פון די רוימישע געבילדעטע קיסרים (וואהרשיינליך איז דאָס געווען מאַרקוס אוירעליוס אנטאָנינוס) דערצעהלט דער תלמוד אינטערעסאַנטע און שעהנע געשיכטען. וועגען רבי אבהו, וועלכער איז געווען שטאַרק בעליעבט אין קייזערליכען הויף, ווערט דערצעהלט אין סנהדרין אז ווען ער פלעגט קומען בעזוכען

רעם קיסר פלעגען די תויפדאמען ארויסקומען מקבל פנים זיין דעם אידישען פארשטעהער מיט א ליב געזאנג.

"גרויס איז ארבייט, ווייל זי מאכט עהרע דעם ארביי־טער", האט דער תלמוד געזאגט. די רעכטע פון דעם ארביי־טער זיינען געשטאנען זעהר הויך ביי די חכמי התלמוד. אין בבא מציעא (דף מט) לעזען מיר אזא געשיכטע: ר' יוחנן בן מתיא האט געשיקט זיין זוהן אז ער זאל געהן דינגען אר־בייטער פאר זיין גארטען. דער זוהן האט די ארבייטער געדונגען און זיי בעשטימט א חוץ זייער מאג־לוין אויך עסען. "מיין זוהן", האט ר' יוחנן געזאגט, "דו האסט אב־גערעדט זיי צו געבען עסען, אבער דו האסט ניט אויסגע־רעדט וואס זיי צו געבען עסען, און יעצט אז דו ווערסט פאר זיי מאכען אפילו אזעלכע גרויסע מאהלצייטען ווי אין שלמה המלך'ס צייטען, וועסטו פאר זיי ניט יוצא זיין, ווייל זיי זיינען אידישע ארבייטער און קומען ארויס פון אברהם יצחק ויעקב. איידער זיי פאנגען אן די ארבייט געה און זאג זיי אז מעהר ווי ברויט מיט לינזען קענען זיי ביי אונז ניט פאדערען".

און דאס איז בלויז איינער פון די הונדערטע ביישפיעלע וואס מען געפינט אין תלמוד וועגען די הומאניטארע בעצי־הונגען פון די חכמי התלמוד צום ארבייטער, און אפילו צום קנעכט. ניט אומזיסט האבען די אידישע געלעהרטע בעשא־פען דעם ווערטעל אז "ווער עס קויפט זיך א קנעכט דער קויפט זיך א האר".

אט דאס זיינען געווען די אידישע לעהרער. דאס זיינען געווען זייער גלויבען און זייערע פרינציפען אין לעבען.

---

די דריי בענדער וואס ווערען דא יעצט פארגעלייגט פאר די לעזער ענטהאלטען די אגדות, ערצעהלונגען, משלים און אלעגאריען פון גאנץ תלמוד בבלי, איינגערעכענט די מסכתות קטנות, אבות דר' נתן, פרקי אבות, דרך ארץ, און אנדערע מסכתות וועלכע זיינען אין "עין יעקב" ניטא. דער לעצטער פון די דריי בענדער ענטהאלט די אגדות פון תלמוד ירושלמי, פון וועלכע דער "עין יעקב" האט בלויז א קליינע צאהל. א גרויסע צאהל פון די אגדות זיינען אומבעקאנט אפילו צו לומדים, ווייל זיי זיינען גענומען פון אזעלכע מסכתות וואס ווערען זעהר ווייניג געלערנט. און וואס אנבעלאנגט צום

תלמוד ירושלמי איז ער ווי אַ בעהאַלטענער אוצר פאַר'ן איד־
דישען פאָלק. ווי פיעל, אפילו פון די גרויסע לומדים, לערנען
היינט תלמוד ירושלמי?

מיט איין וואָרט: אַלעס וואָס איז דאָ אין "עין יעקב",
אויסער די דרשות, איז ארייננענעבען אין דיזער זאַמלונג
און אויך אַ גרויסע צאָהל ערצעהלונגען, אגדות און משלים
וואָס זיינען אין "עין יעקב" ניטאָ. יעדע מסכת איז איבער־
זעצט געוואָרען בעזונדער און איז ארייננענעבען געוואָרען
אין אַ בעזונדער אבטהיילונג. בלויז מסכת שקלים איז אויס־
געלאָזען געוואָרען, ווייל די אַלע זאַכען וואָס מען קען איבער־
זעצען פון שקלים געפינען זיך אויך אין אַנדערע מסכתות
וועלכע זיינען דאָ אריין. די מסכתות קומען איינע נאָך די אַנ־
דערע, אין דער זעלבער אָרדנונג ווי אין עין יעקב.

דאָס איז די גרעסטע און פאָלקאָמענסטע זאַמלונג אגדות
פון אַלע וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף דיזען געביט.
די פריהערדיגע זאַמלער האָבען אויסנעקליבען נור דאָס וואָס
האָט אַפעלירט צו זייער געשמאַק. זיי האָבען אויסגעלאָזען
הונדערטע און הונדערטע שעהנע משלים און מעשה'לעך,
איבערהויפּט אַזעלכע קורץ געפאַסטע וועלכע פאַנגען זיך אָן
מיט "משל לאָדם", "מטרוניתא אחת", "שאלה מטרוניתא",
"משל למה הדבר דומה", "מתלא", "דלמא" און דאָס גליי־
כען. אין דיזער זאַמלונג איז קיין זאַך ניט אויסגעלאָזען
געוואָרען. אַלעס וואָס ווערט ניט פערלאָרען אין איבערזעצונג
איז אריין אין דיזען אוצר.

אין דער איבערזעצונג האָב איך זיך געהאַלטען שטרענג
ביים אָריגינאַל און ביי די מפרשים. איך האָב זיך געהיט
פון פאַרבען, פון פוצען און פון צוגעבען מיינע אייגענע, און
פון איבערדיכטען. איך האָב געזוכט ווי נאָר מעגליך זיך צו
האַלטען ביים סטיל פון דעם אָריגינאַל. מיין הויפּט צוועק
איז צו פּרעזענטירען דעם תלמוד און זיין אייגענאַרטיגען
סגנון, אָדער סטיל. איך האָב יעדען מאמר גוט נאָכגעפאָרשט
לויט די מפרשים. על פי רוב האָב איך זיך געהאַלטען ביים
פירוש רש"י, אָבער גאַנץ אָפט, אויב איך האָב געפונען אַז
אַן אַנדער פּירוש, ווי תוספות, אָדער מהרש"א ערקלערט דעם
ענין דייטליכער, האָב איך זיך פערלאָזען אויף די לעצטע.

איך האָב זיך געהיט ניט צולייגען פון מיין אייגענע אויף
אַ חאָאר, בלויז דאָרט וואו עס פאָדערט זיך אַן ערקלעהרונג,

האָב איך דאָס געגעבן. יעדער זאַץ איז איבערזעצט מיט דעם פּירוש צוזאַמען. עס הייסט, איך האָב דעם פּירוש אַריינגעגעבן אין דער איבערזעצונג, צוזאַמענגעשמאָלצען אַזוי ווי איין זאַך.

מיין שווערסטע אַרבייט האָב איך געהאַט מיט די פאַרשידענע וואַריאַנטן, אָדער חלופי גרסאות. עס זיינען דאָ מעשה'לעך וואָס אין איין אָרט פון תלמוד ווערן זיי דערצעהלט בקצור און אין אַן אַנדער אָרט באריכות, און אַמאָל געפינט מען דיזעלבע מעשה אין מדרש גאַנץ אַנדערש ווי אין תלמוד. למשל, איך האָב געפונען איין מעשה אין ירושלמי וואָס אין פסיקתא רבתי ווערט די זעלבע מעשה דערצעהלט מיט אַ סך מעהר איינצעלהייטען און פיעל פאַרשידען ווי אין ירושלמי. ביים איבערגעבען די מעשה'לעך אין דיזער זאַמלונג האָב איך זיך געהאַלטען ביי דעם נוסח וואָס האָט מיר געשיינט צו זיין דייטליכער און מיט מעהר איינצעלהייטען. אַזוי האָב איך אויך געטהאָן ביים איבערזעצען די מעשה'לעך וועגען די אנשי סדום, אין מסכת סנהדרין. איך האָב אין דיזע מעשה'לעך אַריינגעפלאָכטען אַלעס וואָס געפינט זיך וועגען דעם אין ספר הישר.

אין דעם "איינהאַלט פאַרצייכנים" האָב איך ביי יעדען מאמר אָנגעגעבען די קוועלען פון אַלע וואַריאַנטען וואָס איך האָב געברויכט אין דער איבערזעצונג.

מעשה'לעך און אַנעקדאָטען וואָס זיינען אין תלמוד בלויז דערמאַנט אַלס זאַכען וואָס זיינען געווען גוט בעוואוסט אין זייער צייט און דער תלמוד האָט ניט געפונען פאַר נויטיג זיי איבערצודערצעהלען, אַזוי ווי די מעשה פון "חולדה ובור" (קאַץ און ברונען) אָדער "נתן דצוציתא", זיינען דאָ איבערגעגעבען געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען, ווי זיי געפינען זיך אין שפּעטערע ספרים.

אייניגע פון מיינע פריינד, מיט וועמען איך האָב זיך בעראַטהען וועגען דיזער אַרבייט, האָבען אויסגעשפּראָכען זייער מיינונג אַז עס דאַרפען אויסגעלאָזען ווערען די יעניגע אגדות וועלכע דערצעהלען אונגאַטירליכע פּאַסירונגען, אויך אַזעלכע וואָס האַנדלען זיך וועגען חלומות, שדים און רוחות. דער טעם וואָס מיינע פריינד האָבען געגעבען פאַר זייער מיינונג איז, אַז עס וועלען זיך געפינען מענשען וואָס ניט

האָבענדיג קיין גלויבען אין דעם וועלען זיי מאַכען חוזק פון אַזעלכע מעשה׳לעך.

איך האָב אבער די עצה צוריקגעווידען. עס וואָלט געווען א פערברעכען דיזע מעשה׳לעך, וועלכע זיינען אמת שעהנע ליטעראַטור, אויסצולאָזען. דיזע אגדות זיינען ניט געמיינט אַז מען זאָל אין זיי גלויבען בוכשטעבליך אלעם וואָס ווערט אין זיי דערצעהלט. דער תלמוד אליין זאָגט אַז "דברו חכמים לשון הבאי", עס הייסט די געלעהרטע האָבען גערעדט אין א שפּראַך וואָס איבערטרייבט, וואָס מאַכט די זאַך גרעסער, וואונדערליכער און שטוינענדער ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. א טהייל פון די זאַכען האָבען די דערצעהלער געזעהן אין חלום, אָדער אין זייער פאַנטאַזיע, און א טהייל זיינען געשריבען אלס משל, כדי צו מאַכען א טיעפערען איינדרוק און ארויסברייגען א שטאַרקערע ווירקונג. "לשון הבאי", צו שרייבען מיט גוזמאות און פאַנטאַזיעס איז דאַן געווען דער הערשענדער ליטעראַרישער סטיל. א לענגערע און מעהר אויספיהרליכע ערקלעהרונג וועגען דיזע אגדות, לויט דעם בעריהמטען מאמר פון ר׳ אברהם בן הרמב״ם, וועלען די לעזער געפינען צו דער ענדע פון דריטען טהייל.

מיט דער האָפנונג אַז דיזע ארבייט וועט צופרידען שטעלען די וואָס ליעבען און אַכטען אונזער אַלטע אידישע ליטעראַטור נעהם איך זיך יעצט פאַרצובערייטען צום דרוק די ווייטערע בענדער פון דיזען גרויסען אוצר, וועלכע ענטהאַלטען די אגדות פון אַלע גרויסע און קליינע מדרשים, זוהר און ילקוטים.

ישראל יוסף זעווין
(תשר״ס.)

נויאָרק, אדר, תרפ״ב.

# מסכת ברכות

## 1

## ער בענקט דאָרט און הימעל.

דערצעהלט ר׳ יוסי אזא געשיכטע: איינמאָל בין איך געגאנגען אין וועג, בין איך אריין אין איינע פון די חורבות פון ירושלים דאווענען. איז געקומען אליהו און האָט מיך אָבגעוואַרט ביים פתח. ווען איך האָב געענדיגט דאווענען, האָט ער צו מיר געזאָגט: "פריעדען צו דיר!" האָב איך איהם געענטפערט: "פריעדען צו דיר, מיין האר און לעהרער!" האָט ער מיך געפרעגט: "זוהן מיינער, ווארום ביזטו אריין אין דיזער חורבה?" האָב איך איהם געענטפערט: "איך בין אריין דאווענען." האָט ער מיך געפרעגט: "ווארום האָסטו ניט געדאווענט אין וועג?" האָב איך איהם געענטפערט: "אין וועג פאָהרען דורך אזוי פיעל פרעמדע מענשען, האָב איך מורא געהאט זיי וועלען מיר שטערען." האָט ער געזאָגט: "דו האָסט געקענט זאָגען א קורצע געבעט און דאָס וואָלט געווען גענוג."

אָט אין די פאָאר מינוטען האָב איך פון איהם געלערנט דריי זאכען. איך האָב געלערנט אז א מענש דאַרף ניט אריינגעהן אין א חורבה. איך האָב אויך געלערנט אז דער וואָס איז אויף דער רייזע קען דאווענען אונטערוועגענס, און איך האָב געלערנט אז דער וואָס דאווענט אין וועג, קען אויסקומען מיט אקורצע געבעט.

און ווייטער האָט מיר אליהו געפרעגט: "זוהן מיינער, וואָס פאר א קול האָסטו געהערט אין דיזער חורבה?" האָב

איך האָב איהם געענטפערט: "איך האָב געהערט א בת קול וואָס ברומט ווי א טויב און זאָגט: "וועה צו די קינדער וואָס צוליעב זייערע זינד האָב איך חרוב געמאכט מיין הויז, און פערברענט מיין פּאַלאַסט, און פערטריבען מיינע קינדער צווישען פרעמדע פעלקער".

האָט אליהו מיר געזאָגט: "זוהן מיינער! איך שווער ביי דיין לעבען, אז דאָס איז ניט גראָדע דאָס איינציגע מאָל וואס דער בת קול זאָגט אזוי, נאָר דריי מאָל יעדען טאָג הערט מען דעם זעלבען וועה געשריי. און ניט דאס אליין, נאָר יעדען מאָל וואָס אידען קומען זיך צוזאַמען אין זייערע שולען און בתי מדרשים, און זיי זאָגען "אָמן", און בענשען דעם אויבערשטענס נאָמען, שאָקעלט גאָט ברוך הוא זיין קאָפּ און זאָגט: "וואויל איז דעם קעניג וואָס מען לויבט איהם אזוי אין זיין היים, אָבער וואָס האָט פון דעם דער טאַטע וואָס האָט פערטריבען זיינע קינדער פון זייער לאַנד, און וועה איז צו די קינדער וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייער פאָטער'ס טיש!"

## 2

# דוד'ס פידעל

א פידעל איז געהאנגען איבער דוד המלך'ס בעט, און ווען עס פלעגט אָנקומען די צייט פון האַלבע נאַכט און דער צפון ווינד פלעגט אין דעם אריינבלאָזען, פלעגט די פידעל אָנהויבען צו שפּיעלען פון זיך אליין, און דוד פלעגט אויפשטעהן פון בעט, און זיך זעצען לערנען תורה, און אזוי אָבלערנען ביז דער מאָרגענשטערן פלעגט אויפגעהן.

און ווען דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען זיינען אריינגעקומען די חכמי ישראל, די פאָרשטעהער פון פאָלק, און געזאָגט: "אונזער האר קעניג! דיין פאָלק ישראל דאַרף פרנסה". האָט זיי דוד המלך געענטפערט: "זאָלען זיי געהן און זיך מפרנס זיין איינער פון דעם אַנדערען". האָבען די אידישע חכמים געטענה'ט: "א קליין הייפעלע קען ניט זאט מאַכען א לייב און א גרוב קען מען ניט פול מאַכען מיט זיין אייגענעם ערד". האָט דוד זיי געזאָגט: "געהט און האַלט מלחמה מיט פרעמדע". גלייך נאָכדעם האָט מען זיך בעראַטען מיט אחיתופל און מיט די סנהדרין, און

אויך געפרעגט ביי די אורים ותומים, אויב מען קען די מלחמה געווינען.

## 3

# וועלט שמערץ

ר׳ אלעזר איז איינמאל קראנק געווארען, איז אריינגעקומען רבי יוחנן איהם געוואהר ווערען. און ווען ער איז אריינגעקומען האט ער בעמערקט אז דער קראנקער ליעגט אין דער פינסטער. רבי יוחנן, וועלכער איז געווען זעהר שעהן און האט געלויכטען ווי די זון, האט אבגעדעקט זיין ארעם און עס איז ליכטיג געווארען. האט ער געזעהן אז ר׳ אלעזר וויינט. האט ער איהם געפרעגט: "זאג מיר, וואס וויינסטו? וויינסטו צוליעב דעם וואס דו האסט ניט געלערנט תורה פיעל דו האסט געוואלט, ווייסטו דאך אז ביי גאט איז אלץ די זעלבע, סאי איינער לערנט פיעל, סאי ווייניג, אבי ער האט גוט געמיינט. און אויב דו וויינסט וואס דיר פעהלט פרנסה, ווייסטו דאך אויך, אז זעלטענס א מענש קען זיין אי רייך אי געלערנט. און אויב דו וויינסט אויף די צרות וואס דו האסט פון דייגע קינדער, טא זעה, ווי איך טראג מיט זיך אלס אנדענקען א ביין פון מיין צעהנטען זוהן וואס איך האב שוין בעגראבען".

"ניין", האט ר׳ אלעזר געענטפערט, "ניט דערפאר וויין איך, איך וויין וואס אזא שעהנע בעשאפונג ווי דו ביזט דארף אמאל שטארבען און פוילען אין דער ערד!"

"אויף דעם איז דא טאקע צו וויינען", האט רבי יוחנן געענטפערט.

און בײדע האבען זיך צואוויינט.

און ווען זיי האבען זיך אויסגעוויינט, האט רבי יוחנן גענומען רײדען פון דעם אז א מענש דארף אננעהמען זיינע צרות פאר ליעב, דען דער צדיק געהט ניט פערלארען. זיין גוטער לויהן קומט שפעטער. "זאג מיר", האט רבי יוחנן צולעצט געפרעגט, "זיינען דיר ליעב דיינע יסורים?"

"ניין!" האט ר׳ אלעזר מיט א זיפץ אויסגערופען. "איך בין מוחל די יסורים און בין מוחל זייערע גליקען!..."

"גיב מיר דיין האנד", האט ר׳ יוחנן געזאגט.

האָט איהם ר׳ אלעזר געגעבען זיין האַנד און ר׳ יוחנן האָט איהם פון בעט אויפגעשטעלט.

## 4

## מיט א גנב דאַרף מען אויך זיין עהרליך

רב הונא האָט געהאַט פיער הונדערט פעסער וויין. איז דער וויין זויער געוואָרען. עס איז געוואָרען פשוט׳ע עסיג. דער שאָדען איז געווען זעהר גרויס. זיינען צו איהם געקו־מען די חכמים זיך דורכשמועסען. האָבען זיי איהם גע־זאָגט: „זאָל דער האַר זיך בעדענקען פיעלייכט האָט ער בעגאַנגען אַן אונרעכט״. האָט זיך ר׳ הונא געפונען בע־ליידיגט און ער האָט געפרעגט: „שוין־זשע זייט איהר מיך אין עפּעס חושד?״ האָבען זיי איהם צוריק געפרעגט: „שוין־זשע קען מען חושד זיין דעם אויבערשטען, אַז ער שטראָפט אימיצען אָהן אַ פאַרוואָס?״

רב הונא האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „אויב אימיצער וויס וועגען מיר עפּעס אַ זאַך, זאָל ער זאָגען״. האָבען די געלעהרטע איהם געזאָגט: „מיר האָבען געהערט אַז איהר האָט אייער גערטנער ניט אָבגעגעבען דעם חלק וועס איהם קומט פאַר זיין אַרבייט״. האָט ר׳ הונא געענטפערט: „ער לאָזט דען מיר איבער אַ סך? ער גנב׳עט דאָך אַלעס אַוועק!״ האָבען די געלעהרטע איהם געענטפערט: „מענשען זאָגען אַ ווערטעל, אַז דער וואָס גנב׳עט ביי אַ גנב געניסט עפּעס אויך פון דער גנבה״.

„איך נעהם אויף זיך אַז איך וועל איהם זיינס אָפּגעבען״, האָט רב הונא געענטפערט.

איינינע זאָגען, אַז דער עסיג איז צוריק וויין געוואָרען, און אַנדערע זאָגען אַז עסיג איז געוואָרען אַזוי טייער דאָס ער איז פערקויפט געוואָרען אויף דעם זעלבען מקח ווי וויין.

## 5

## ר׳ ישמעאל׳ס געבעט

רבי ישמעאל בן אלישע, וועלכער איז געווען אַ כהן גדול, דערצעהלט:

איינמאָל, ווען איך האָב גאָט געדיענט, פאַר איהם קטרת געריכערט אין דעם הייליגסטען אָרט פון זיין הייליגען טעמ־פעל, האָב איך דערזעהן איהם אליין, דעם הערשער פון אלע וועלטען זיצען אויף זיין גרויסען הימלישען שטוהל, און ער האָט צו מיר געזאָגט: "ישמעאל מיין זוהן, בענש מיך: "האָב איך אזוי געזאָגט: "רבונו של עולם! זאָל עס זיין דיין גוטער ווילען, אז דיין רחמנות זאָל בעהערשען דיין כעס, און דיין בארמהערציגקייט זאָל אריבערוועגען דיין שטרייגנקייט, און דו זאָלסט זיך פיהרען מיט דיינע קינדער מיט מיטלייד, און דו זאָלסט אריינגעהן אין זייער לאגע, און זיי מוחל זיין די שטראָף וואָס זיי קומט. "און ער, כביכול, האָט א שאָקעל געטאָן מיט זיין קאָפּ, אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט "אמן".

## 6

# די ברכה פון אייגענע הענד

רבי חייא בר אמי האָט געזאָגט אין נאָמען פון עולא:

דער וואָס געניסט פון זיין אייגענע פראצע איז גרעסער פון א ירא שמים. ווייל אויף א ירא שמים זאָגט דער פסוק (תהלים, קיב): "וואויל איז דעם מענשען וואָס האָט מורא פאַר גאָט". אָבער אויף דעם וואָס לעבט פון זיין אייגענער מיה זאָגט דער פסוק (דאָרט, קכח): "ווען דו וועסט עסען די ארבייט פון דיינע הענד וועט דיר זיין אי וואויל, אי גוט". דאָס מיינט וואויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט.

## 7

# א חכם האָט אייגען

זעהר קלוגע רעגעלען אין לעבען האָט דער גרויסער רבא איבערגעגעבען צו זיינע קינדער, און איינע פון די רע־געלען איז: "איהר זאָלט זיך קיין מאָל אוועקזעצען אויף דער בעט פון אן ארמית".

האָבען די שפּעטערע אידישע געלעהרטע געזוכט צו דער־געהן, וואָס האָט רבא געמיינט מיט דעם וואָס ער האָט פער־

זאָגט זיינע קינדער אז זיי זאָלען זיך ניט זעצען אויף דער בעט פון אן ארמית?

האָבען איינינע געזאָגט אז געמיינט האָט ער, אז זיי זאָלען זיך ניט לייגען שלאָפען אָהן קריאת שמע.

אנדערע האָבען געזאָגט אז ער האָט געמיינט, זיי זאָלען ניט חתונה האָבען מיט א גר׳טע.

זיינען געקומען נאָך אנדערע און האָבען געזאָגט אז דאָס מיינט טאַקע א בעט פון אן ארמית, און געזאָגט האָט עס רבא צוליעב א מעשה וואָס איז געשעהן מיט רב פפא.

רב פפא איז אמאָל געגאַנגען אין וועג, איז ער אריין אין א הויז זיך אָברוהען. דאָרט האָט געוואוינט אן ארמית. האָט די ארמית איהם פריינדליך אויפגענומען און זי האָט איהם איינגעלאַדען זיך צו זעצען אויף א בעטעל. רב פפא האָט אָבער בעקומען א חשד און ער האָט געזאָגט צו דער ארמית: „איך וועל זיך ניט זעצען וואו דו וועסט די בעט ניט אויפהויבען”. ווען מען האָט די בעטעל אויפגעהויבען האָט מען דאָרט געפונען א טויטען קינד. רב פפא האָט דאַן פערשטאַנען אז די ארמית האָט אויף איהם געוואָלט מאַכען א בלבול אז ער האָט דאָס קינד געטויטעט.

און דאָס האָט רבא געמיינט.

## 8

# זינד און זינדער

אין דער נאָכבאַרשאַפט פון רבי מאיר האָבען געוואוינט עטליכע גראָבע יונגען. פלעגען זיי דעם תנא אַזוי דערגעתן די יאָהרען, דאָס ער פלעגט בעטען אויף זיי דעם טויט

ברורית, זיין פרוי, האָט דאָס איינמאָל געהערט און עס ביי איהר אויסגעקומען אז איהר מאַן טהוט ניט רעכט. זאָגט זי צו איהם: „ווי קומט עס צו דיר אז דו זאָלסט בעטען פון גאָט ער זאָל מאַן אַזאַ זאַך ווי טויטען מענשען צוליעב דיין בעקוועמליכקייט? דוד המלך האָט געבעטען נאָט אז ער זאָל אויסראָטען זינד פון דער וועלט, אָבער ניט זינדער... עס פערשטעהט זיך אז ווען עס וועלען ניט זיין קיין זינד, וועלען ניט זיין קיין זינדינע. בעט בעסער גאָט

א ער זאָל די מענשען, וואָס טהוען דיר שלעכט, מאַכען גוט און פרום."

רבי מאיר האָט איינגעזעהן אז זיין פרוי האָט רעכט, האָט ער געבעטען פאר די זינדיגע מענשען און זיי האָבען תשובה געטאָן.

## 9

# א מענש דארף אימער האָפען

א מענש דארף קיין מאָל ניט פערליערען האָפנונג. אזוי לאַנג ווי ער לעבט דארף ער האָפען.

דערצעהלט רב חמנונא אזוי:

ווען דער נביא ישעיה איז געקומען צו דעם פרומען אידישען מלך חזקיהו און איהם אָנגעזאָגט אז ער דארף שטארבען, האָט דער קעניג געפרעגט: "פאר וואָס קומט מיר שטארבען?" האָט דער נביא געענטפערט: "ווייל דו האָסט קיין קינדער געבראַכט אויף דער וועלט". האָט דער קעניג געזאָגט: "איך האָב איינגעזעהן ברוח הקודש אז עס וועלען פון מיר קיין גוטע קינדער ארויסקומען". האָט דער נביא געזאָגט:

"וואָס האָסטו צו טהאָן מיט די געהיימניסע פון דעם אויבערשטען? דו טהו אזוי ווי די גאַנצע וועלט טהוט און זאָל זיך דער אויבערשטער טהאָן וואָס איהם איז ליעב".

"אויב אזוי", האָט דער קעניג געזאָגט, "טאָ גיב מיר דיין טאָכטער פאַר א ווייב. עס קען זיין אז צוליעב דיין זכות און מיינעם וועלען פון אונז ארויס לייטישע קינדער".

"צו שפעט!" האָט ישעיה געזאָגט. "עס איז שוין אזוי אָבגע'משפט אין הימעל אז דו זאָלסט שטארבען".

האָט זיך דער קעניג אָבגערופען: "בן אמוץ! ענדיג דיין נבואה און געה זיך דיר. איך האָב אנדערש געלערנט פון מיינע עלטערען. איך האָב געלערנט אז ווען אפילו א שארפער שווערד ליגט דעם מענשען אויפ'ן האלז דארף ער די האָפנונג נאָך ניט אויפגעבען".

## 10

# צליעב נייע צרות פערגעסט מען די אלטע

יעדען מאָל וואָס אידען טרעפט אַן אונגליק פארגעסען זיי די אלטע אונגליקען און ריידען נאָר פון דעם נייעם.

אָט איז אַ משל וואָס איז עהנליך צו דער זאַך:

אַ מענש איז געגאַנגען אין וועג, האָט איהם צוערשט בעגעגענט אַ וואָלף, און אַז ער איז פון דעם וואָלף ניצול געוואָרען איז דער מענש געגאַנגען און דערצעהלט די מעשה מיט דעם וואָלף. נאָכדעם האָט איהם בעגעגענט אַ לייב און ער איז ווידער ניצול געוואָרען. איז דער מענש געגאַנגען און דערצעהלט די מעשה מיט'ן לייב. נאָכדעם האָט איהם בעגעגענט אַ שלאַנג, און אַז דער מענש איז ניצול געוואָרען פון דער שלאַנג האָט ער פערגעסען די פריהערדיגע צוויי געפאַהרען און האָט דערצעהלט די מעשה מיט דער שלאַנג.

אָט אַזוי איז מיט די אידען, די נייע צרות מאַכען זיי צו פערגעסען די אַלטע.

## 11

# פון יעדען לויט זיינע פעהיגקייטען

די רבנן וואָס האָבען געלערנט אין דער גרויסער ישיבה פון יבנה פלעגען אַזוי זאָגען:

„איך וואָס זיץ און לערן בין אַ מענש און מיין חבר דער עם הארץ איז אויך אַ מענש. איך טהו מיין ארבייט אין שטאָדט און ער ארבייט אין פעלד. איך שטעה אויף פריה זיך צו פלייסען ביי מיין ארבייט און ער שטעהט אויך אויף פריה און פלייסט זיך ביי זיין ארבייט. אַזוי ווי ער האלט זיך ניט גרויס מיט זיין אַרבייט, אַזוי האלט איך מיך ניט גרויס מיט מיין ארבייט. אפשר וועט איהר זאָגען אַז איך טהו אויף פיעל און ער וועניג? ניין, דען מיר האָבען געלערנט אַז דער וואָס טהוט פיעל און דער וואָס טהוט וועניג זיינען זיי ביידע גלייך אויב נאָר די כונה איז גוט”.

## 12

# גוטעס פון א שלעכטע ווייב

א גוטער פרומער מאן, וועלכער האט געהאט זעהר א שלעכטע פרוי, האט איינמאל, אום ערב ראש השנה, אין א הונגער יאהר, געשענקט אן ארימאן א גילדען. האט איהם די פרוי אזוי געיאדעט, דאס דער מאן איז אוועק פון דער היים, און ניט האבענדיג וואו איבערצונעכטיגען די ראש השנה נאכט, איז ער אוועק און גענעכטיגט אויף׳ן בית עולם. האט ער דארט געהערט ווי צוויי גייסטער פון צוויי פער־שטארבענע מיידלעך ריידען צווישען זיך. איינע האט גע־זאגט: ״קום, מיין פריינדין, לאמיר אביסעל א פליה טהאן איבער דער וועלט און אונטערהערען וואס מען רעדט הינטער דעם פארהאנג פון הימעל. עס איז דאך עפעס ראש השנה אויף דער וועלט. לאמיר דערגעהן וואס פאר אן אונגליקען עס ערווארטען די מענשען״. האט די אנדערע געענטפערט: ״איך קען ניט, ליעבע פריינדין! מען האט מיך בעגראבען אין א שטרויענעם טעפיך — א ראגאזשע, און איך שעהם זיך צו ציינען אין אזא מלבוש. אלא, וואס דען? געה דו אליין, און אויב דו וועסט הערען נייעס, וועסטו קומען און מיר דערצעהלען״. איז יענע אוועק, און אז זי איז צוריק־געקומען, האט די פריינדין איהר געפרעגט: ״א נו, מיין פריינדין, וואס נייעס האסטו געהערט?״ האט יענע גע־ענטפערט: ״איך האב געהערט אז דער וואס וועט זייהען זיין פעלד פריה, אין דעם ערשטען קווארטעל, וועט א האגעל פערניכטען זיין תבואה״.

איז דער גוטער פרומער מאן אוועק צוריק אהיים און ווען עס איז געקומען די צייט פון זייהען, האט ער זיין פעלד פער־זייהט שפעטער פון אלעמען, אין דעם צווייטען קווארטעל. זייגען אלע פעלדער רואינירט געווארען און זיין פעלד איז גאנץ געבליבען.

אויף דעם אנדער יאהר איז ער ווידער געגאנגען נעכ־טיגען אויפ׳ן בית הקברות. האט ער ווידער געהערט די־זעלבע צוויי מיידלעך ריידען. איינע האט געזאגט צו דער אנדערער: ״לאמיר א פליה טהאן איבער דער וועלט און

אונטערהערען הינטער דעם פאָרהאַנג אויב עס קומען עפּעס אונגליקען אויף די מענשען". האָט די אַנדערע געענטפערט: "האָב איך דיר ניט געזאָגט אַז איך האָב אויף זיך קיין זאַך אויסער אַ שטרויענעם מעפּיך? אלא וואָס דען? גנה טאָקע דו אליין, און וואָס דו וועסט הערען וועסטו מיר דערצעהלען". איז יענע אַוועק און אַז זי איז צוריקגעקומען האָט איהר די אַנדערע געפרעגט: "אַ נו, מיין פריינדין, וואָס האָסטו גע־הערט?" האָט יענע געענטפערט: "איך האָב געהערט אַז דער וואָס וועט זיין פעלד פערזייהען אין דעם צווייטען קוואַרטעל, וועט זיין תבואה פון דער היץ פערברענט ווערען".

איז דער מאַן אַוועק און האָט פערזייהט זיין פעלד פריי־הער פון אַלעמען, אין ערשטען קוואַרטעל, און ווען עס זיינען אָנגעקומען די גרויסע היצען, זיינען זיינע זאַנגען געוועזען שוין שטאַרק גענוג בייצושטעהן די היצען, און די אַנדערע פעלדער וואָס זיינען שפּעטער פערזייהט געוואָרען און זייערע זאַנגען זיינען געוועזען נאָך יונג און שוואַך, זיינען פערברענט געוואָרען.

זיין פרוי, זעהענדיג אַז איהר מאַן געהט זעהר גוט, האָט זי זיך צו איהם אָנגעהויבען צו בינדען, ער זאָל איהר אויס־זאָגען, פאַרוואָס מיט אַ יאָהר פריהער זיינען אַלע פעלדער פערניכטעט געוואָרען פון האָגעל און דיעזען יאָהר פון די היצען, וועהרענד זיין פעלד האָבען ניט געשאַדט דער האָגעל און אויך ניט די היצען. האָט ער איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע.

עטליכע טעג שפּעטער האָט די פרוי פון יענעם גוטען פרומען מאַן זיך געקריגעט מיט דער מוטער פון יענער מיידעל, האָט זי געזאָגט צו דער מוטער: "קום און איך וועל דיר ציינען ווי דיין טאָכטער ליגט בעגראָבען אין אַ ראָגאָזשע!"

נאָך אין אַ יאָהר איז דער גוטער פרומער מאַן ווידער גע־גאַנגען נעכטיגען אויפ'ן בית עולם. האָט ער דאָרט וויעדער געהערט די צוויי מיידלעך רעדען צווישען זיך. איינע האָט געזאָגט: "קום, מיין פריינדין, לאָמיר אַ פליה טאָן איבער דער וועלט און לאָמיר זיך אונטערהערען הינטערען פאָרהאַנג, וואָס פאַר אַ אונגליקען עס איז די מענשען בעשערט". האָט די אַנדערע געענטפערט: "ליעבע פריינדין! לאָמיך שוין צורוה, מען קען דאָ אַ וואָרט ניט אויסריידען. אַלעס וואָס מיר האָבען דאָ גערעדט צווישען זיך האָט מען שוין אָבגע־

טראָגען צווישען די לעבעדיגע. און עס קען זיין אז אין דיזער מינוט ליעגט דאָ אימיצער, הערט זיך צו, מאָמער וועט ער קענען אונז בעריידען!"

## 13

## פרויען פוצען זיך אפילו אין קבר

זעירי פלעגט יעדען מאָל וואָס ער פלעגט געהן לערנען אין דער ישיבה געבען זיין געלד צו דער ווירטהין פון דעם גאסט־הויז אין וועלכען ער איז איינגעשטאנען, אום זי זאָל עס פאַר איהם האַלטען. איינמאָל, אין דער צייט וואָס ער איז געוועזן אוועק, איז זי געשטאָרבען. איז זעירי געגאנגען אויפ'ן בית עולם און האָט איהר געפרעגט: "וואו איז מיין געלד?" האָט זי געענטפערט: "דו וועסט עס געפינען אין א לאָך וואָס איז אונטער'ן שוועל פון דער טהיר, און פאַר איין וועג זאָלסטו זאָגען מיין מוטער אז זי זאָל מיר צושיקען מיין קעמעלע און אויך מיין פאַרב פושקעלע דורך א פרוי וואָס דאַרף אהער אָנקומען מאָרגען".

## 14

## פרעמדע געלד דאַרף מען בעסער היטען ווי אייגענע

ביי אבא, דער פאטער פון שמואל, איז געלעגען געלד וואָס יתומים האָבען איהם געגעבען צו בעהאַלטען. אז ער איז געשטאָרבען איז זיין זוהן שמואל ניט געוועזן דערביי און קיינער האָט געוואוסט וואו די יתומ'ישע געלד געפינט זיך. שמואל האָט פון דעם זעהר שטאַרק געליטען, דען וואו ער פלעגט זיך בעווייזען פלעגט מען טייטען אויף איהם מיט די פינגער און זאָגען: "אָט געהט דער זוהן וועמעס טאַטע האָט אויפגעגעסען יתומ'ישע געלד".

איז שמואל אוועק אויפ'ן רייניעם אָרט און געזאָגט צו די מתים: "איך דאַרף האָבען א מאַן מיט'ן נאָמען אבא". האָט מען איהם געענטפערט: "עס זיינען דאָ א סך מענשען מיט'ן נאָמען אבא". האָט ער געזאָגט: "איך דאַרף האָבען אבא דעם זוהן פון אבא". האָט מען איהם ווידער געענט־פערט: "מיר האָבען דאָ אויך א סך אזעלכע וואָס הייסען

אבא און זייערע טאטעס האָבען אויך געהייסען אבא".

"איך דאַרף האָבען אבא דעם זוהן פון אבא און דער פאָ־טער פון שמואל", האָט שמואל צולעצט געזאָגט.

"ער איז אַוועק אין הימעל", האָט מען איהם געענטפערט.

דערווייל, ווי שמואל איז געשטאַנען אויפ'ן בית עולם, האָט ער געזעהן ווי זיין חבר לוי זיצט אָבגעזונדערט פון די אַנדערע מתים. פרעגט איהם שמואל: "וואָרום זיצסטו דאָ אין דרויסען? פאַרוואָס ביזטו ניט ארויף אין הימעל?" האָט לוי געענטפערט: "מען האָט מיר געזאָגט אז די צאָהל יאָהרען וואָס איך בין ניט געגאַנגען לערנען אין דער ישיבה פון רבי אפס און איך האָב איהם דורכדעם פערשאַפט פער־דרוס, וועט מען מיך ניט ארויפלאָזען אין הימעל".

דערווייל איז אָנגעקומען שמואל'ס פאָטער. האָט שמואל געזעהן ווי ער וויינט און לאַכט.

"וואָרום וויינסטו?" האָט שמואל געפרעגט.

"ווייל דו וועסט אין גיכען קומען צו אונז", האָט דער פאָטער געענטפערט.

"און וואָרום לאַכסטו?"

"איך פרעה זיך וואָס דו האָסט דאָ א שעהנעם נאָמען".

"און וואו איז די יתום'ישע געלד?" האָט שמואל גע־פרעגט.

"דו וועסט דאָס געפינען בעגראָבען אונטער'ן מיהל", האָט דער פאָטער געענטפערט. "די אויבערשטע און די אונטערשטע איז אונזער געלד, די יתום'ישע איז אין מיטען. איך האָב זיך געטראַכט, אויב גנבים וועלען קומען זאָלען זיי בעסער גנב'ענען אונזערע. אויב די ערד וועט די געלד פער־פוילען זאָל בעסער אונזערע פערפוילט ווערען".

## 15

# איך טויטע רעדט מען נאָר גוטעס

"ווער עס בערעדט א טויטען איז אזוי ווי ער בערעדט א שטיין", אזוי האָט געזאָגט דער תנא רבי יצחק.

וואָס האָט ער דערמיט געמיינט? אייניגע זאָגען אז ער האָט געמיינט דאָס די טויטע וויסען גאָר ניט וואָס מען רעדט

וענגען זיי. אנדערע זאָגען אז ער האָט געמיינט צו זאָגען דאס די טויטע ווייסען יא, נאָר עס ארט זיי נים.

דערציילט רב פפא אזא געשיכטע: ווען מר שמואל איז געשטאָרבען האָט איינער פון די בעגלייטער צו דער לויה גע־רעדט וועגען איהם נים שעהנע זאכען. און אזוי ווי ער איז נעגאנגען, איז אראָבגעפאלען א שטיק האָלץ פון א דאך און האָט איהם צושפּאָלטען דעם מח. און אלע האָבען איינגע־זעהן ווארום ער איז בעשטראָפט געוואָרען.

## 16

# א מענש מוז האָבען געדולד

רב אדא בר אהבה איז געווען זעהר א גוטער און ער האָט קיינמאָל זיך אָנגעבייזערט אפילו אויף זיינע אייגענע הויז מענשען, אָבער איינמאָל האָט ער פערלאָרען זיין געדולד און דאָס האָט איהם טייער געקאָסט.

געהענדיג אין גאס, האָט ער בעגעגענט א גויה אָנגעטהאָן אין א פערשייטען רויטען מאַנטעל, אזוי ווי עס פלעגען דאן טראָגען אויסגעלאסענע פרויען. רב אדא האָט געמיינט אז דאָס איז א אידישע פרוי, האָט דאָס איהם שטארק פערדראָ־סען, און ער האָט פאר כעס געכאפּט און ארונטערגעריסען פון דער פרוי איהר מאַנטעל. עס האָט זיך אָבער באלד ארויסגעוויזען אז דאָס איז געווען א גויה. עס האָבען איהם ניט געהאָלפען קיין רייד און קיין טענות. א ריכטער האָט איהם שטראָפירט מיט 400 גילדען. נאָכדעם ווי ער האָט די שטראָף בעצאָהלט האָט רב אדא געזאָגט: "ווען איך וואָלט געהאט א ביסעל געדולד וואָלט איך מיט 400 גולדען רייכער געווען".

## 17

# א ריינע הארץ איז בעשיצט געגען זינד

רב גידל פלעגט זיצען ביי דער טיהר פון מרחץ און לער־נען אידישע פרויען: "אָט אזוי איז מע ןזיך טובל, אָט אזוי מאכט מען זיך ריין". האָבען איהם די אנדערע געלעהרטע

געפרעגט: "האָט דער רבי נאָר קיין מורא פאַרן' יצר הרע?"
האָט רב גידל געענטפערט: "אין מיינע אויגען זעהען אויס
דיזע פרויען אַזוי ווי ווייסע גענז".

ר' יוחנן פלעגט זיך אוועקזעצען ביי דעם אריינגאַנג פון
מרחץ, אום די אידישע פרויען וואס קומען אהין זאָלען זיך
אין איהם איינקוקען און האָבען אזעלכע שעהנע קינדער ווי
ער, דען רבי יוחנן איז געווען זעהר אַ שעהנער. האָבען איהם
די רבנן געפרעגט: "האָט איהר נאָר קיין מורא פאַר אַ בייזע
אויג?" האָט ער זיי געענטפערט: "איך קום אַרויס פון
די קינדער פון יוסף וועמען קיין בייזע אויג קען שאַדען".

## 18

# די רעוואָלוציאָן אין בית המדרש

איינינע יאָהר נאָכ'ן חורבן בית המקדש האָט רבן גמליאל
רעאָרגאַניזירט די גרויסע ישיבה פון יבנה וועלכע ער האָט
איבערגענומען פון ר' יוחנן, דעם גרינדער פון דער ישיבה.

רבן גמליאל האָט די ישיבה פון יבנה געבראַכט צו זעהר
אַ הויכע שטופע. די תלמידים וואָס ער האָט אריינגענומען
זיינען געווען פון די בעסטע, די פעהיגסטע. ער האָט געפאָ־
דערט אַז אַ תלמיד וואָס זיין אויספיהר שטימט ניט מיט זיינע
פרינציפען ("אין תוכו כברו") זאָל ניט אריינגענומען ווערען
אין בית המדרש.

איין מאָל האָט געגען רבן גמליאל אויסגעבראָכען אַ רע־
וואָלוציאָן, און געשעהן איז דאָס אין דער צייט ווען ער האָט
גע'דרשנ'ט פאַר אַלעמען אין דער ישיבה. רבן גמליאל האָט
פאַר אַ צייט פריהער כסדר געהאַט צו טהאָן מיט רבי יהושע,
אַ גרויס געלעהרטער מאַן, אַבער אַן אָרימאַן, אַן עקשן, אַ
פערבימערטע הארץ, וועלכער האָט זיך געתאַט איינינע מאָל
אַרויסגעשטעלט געגען דעם נשיא און געזוכט איהם איבער־
צושפּאַרען. ביי יעדען מאָל האָט איהם רבן גמליאל בע־
שטראָפט.

דיזען מאָל האָבען זיך געפונען מענשען וואָס האָבען

זיך אָנגעגומען פאַר ר׳ יהושע און דערפון איז אַרויס אַ רע־וואָלוציאָן. די מעשה וואָס האָט געפירט צו דעם איז אַזוי געווען:

איינער אַ יונגער תּלמיד, וועלכער איז שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אַלס רבי שמעון בן יוחאי, איז געקומען צו רבי יהושע און האָט איהם געפרעגט: ״רבי! איז מעריב דאַווע־נען אַ פּפליכט, אָדער דאָס איז ווי איינער וויל?״ האָט ר׳ יהושע געענטפערט: ״עס איז ווי איינער וויל״.

נאָכדעם איז דער תּלמיד געגאַנגען צו רבן גמליאל און האָט איהם געפרעגט די זעלבע פראַגע: ״איז מעריב דאַווענען אַ פּפליכט, אָדער דאָס איז ווי איינער וויל?״

״אַ פּפליכט״, האָט רבן גמליאל געענטפערט.

״אָבער רבי יהושע האָט דאָך מיר געזאָגט אַז דאָס איז ווי איינער וויל״ האָט דער תּלמיד געזוכט איהם איבערצו־שפּאַרען.

״וואַרט ביז עס וועלען קומען אין בית המדרש די גרויסע לערנער״, האָט רבן גמליאל געזאָגט.

ווען די גרויסע לערנער זיינען געקומען האָט דער תּלמיד איבערגעפרעגט זיין פראַגע: ״איז דאַווענען מעריב אַ פּפליכט, אָדער דאָס איז ווי איינער וויל?״

״אַ פּפליכט״, האָט רבן גמליאל גע׳פסקנ׳ט.

נאָכדעם האָט רבן גמליאל זיך געווענדעט צו די אַנוועזענדע חכמים און האָט געפרעגט:

״אפשר איז דאָ איינער צווישען אייך וואָס איז ניט איינ־שטימיג מיט מיר אין דיזער פראַגע?״

״ניין״, האָט ר׳ יהושע געענטפערט

״אָבער אין דיין נאָמען האָט מען דאָך געזאָגט אַז מעריב דאַווענען איז ניט אַ פּפליכט, נאָר דאס איז ווי איינער וויל!״ האָט רבן גמליאל אויסגערופען.

רבי יהושע האָט געשוויגען. קיין וואָרט ניט געזאָגט.

״שטעה אויף, יהושע!״ האָט רבן גמליאל בעפוילען,

״און זאָל דער עדות געבען זיינע בעווייזע געגען דיר!״

האָט זיך ר׳ יהושע אויפגעשטעלט און געזאָגט:

"ווען איך אליין וואָלט געלעבט און דער עדות וואָלט שוין געווען טויט, קען אַ לעבעדיגער לייקענען די רייד פון אַ טויטען. אָבער אַזוי ווי איך לעב און ער לעבט אויך, טאָ ווי קען אַ לעבעדיגער לייקענען די רייד פון אַ לעבעדיגען?"

רבן גמליאל האָט זיך אויף רבי יהושע מעהר ניט אומגעקוקט און האָט איהם אפילו ניט געזאָגט אַז ער זאָל זיך צוריק זעצען אויף זיין פּלאַץ. רבן גמליאל האָט פאָרטגעזעצט זיין דרשה פאַר'ן עולם און ר' יהושע'ן האָט ער געלאָזט שטעהן.

די אַנוועזענדע האָבען ניט געקענט צוזעהן די בעליידיגונג, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען אין גרוים אויפרעגונג. צולעצט האָבען זיי גענומען שרייען צו חוצפּית, וועלכער איז געווען דער מתורגמן, דער איבערזאָגער פון רבן גמליאל: "הער אויף!" האָט ער אויפגעהערט. נאָכדעם האָבען די אַנוועזענדע גענומען ליארמען: "ביז וואַנען וועלען מיר צולאָזען אַז מען זאָל רבי יהושע'ן אַזוי פיעל לייד טהאָן און בעליידיגען? פאַר־אַ־יאָהרען ראש השנה האָט מען איהם מצער געווען, ביי דעם פאַל וואָס איז פאָרגעקומען מיט ר' צדוק האָט מען איהם אויך מצער געווען*), און יעצט איז מען איהם ווידער מצער. אַזוי פיעל שמערצען פערשאַפען און איהם בעליידיגען! לאָמיר רבן גמליאל אראָבזעצען פון זיין אמט!"

דער געשריי "לאָמיר איהם אראָבזעצען פון אמט" איז אויפגעכאַפּט געוואָרען פון גאַנצען עולם. און גלייך נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען צו בעשפּרעכען ועמען מען זאָל מאַכען פאַר נשיא אויף דעם אָרט פון רבן גמליאל. אַ פאָרשלאַג אַז מען זאָל מאַכען רבי יהושע פאַר נשיא איז גלייך פערוואָרפען געוואָרען צוליעב דעם ווייל רבי יהושע איז דאָך זיין גרעסטער געגנער, און דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסע שטראָף פאַר רבן גמליאל. אַ פאָרשלאַג צו מאַכען רבי עקיבא פאַר נשיא איז אויך פערוואָרפען געוואָרען ווייל ער האָט ניט געהאַט זכות אבות און רבן גמליאל וואָלט געקענט אויסווירקען אויף איהם אַ שטראָף פון הימעל. איז געבליבען אַז מען זאָל דעם אמט געבען צו רבי אלעזר בן עזריה ווייל ער איז

---

*) זעה צווייטען טייל, זייטע 306.

געווען אי א חכם, אי אן עושר, אי א גרויסער יחסן — דער צעהנטער דור פון עזרא הסופר. אלס חכם איז מען מיט איהם בעוואָרענט דאָס טאָמער פרעגט איהם רבן גמליאל א הארבע שאלה וועט ער קענען פערענטפערען. אלס עושר איז מען מיט איהם זיכער דאָס ווען עס וועט אויסקומען דעם נשיא צו זיין אין הויף פון רוימישען קייסער וועט רבי אלעזר זיין דערצו גראָדע אזוי פּאַסענד ווי רבן גמליאל. און זייענדיג א צעהנטער פון עזרא האָט ער זכות אבות און רבן גמליאל וועט ניט קענען אויף איהם אויסווירקען א שטראָף פון הימעל.

זיינען זיי געקומען צו רבי אלעזר בן עזריה און האָבען איהם געפרעגט: "ווילט דער רבי אָננעהמען דעם אמט פון ראש ישיבה?" האָט ער זיי געענטפערט: "איך וועל געהן און זיך בעראַטהען מיט מיין הויז געזינד".

רבי אלעזר איז געגאַנגען זיך צו בעראַטהען מיט זיין פרוי.

"אפשר", האָט זי געזאָגט, "וועט מען דיך נאָכדעם אויך אראָבזעצען פון אמט?"

"מענשען זאָגען א ווערטעל", האָט רבי אלעזר געזאָגט, "טרינקט היינט פון דעם טייערען בעכער און מאָרגען מעג ער זיך צוברעכען".

"אָבער", האָט די פרוי גע'טענה'ט, "דו האָסט דאָך ניט קיין גרויע האָאָר, ווי וועלען זיי דיך רעספּעקטירען?"

איז א נס געשעהן דאָס צו יענער צייט, ווען ער איז אלט געווען אכטצעהן יאָהר, זיינען אכטצעהן פון זיינע לאָקען גרוי געוואָרן. און דאָס איז וואָס רבי אלעזר האָט איינמאָל געזאָגט, "איך בין א ז ו י ווי א מאַן פון זיעבציג יאָהר", אָבער ניט א מאַן פון זיעבציג יאָהר.

יענעם טאָג ווען רבי אלעזר בן עזריה איז געוואָרען ראש ישיבה, האָט מען אוועקגעשיקט דעם טיהר־וועכטער און מען האָט געלאָזט אריינקומען אלע תלמידים וואָס האָבען דאָרט געוואָלט לערנען. ווייל רבן גמליאל פלעגט מאַכען בעגרע־ניצונגען און ניט יעדער איינער האָט אונטער זיין פערוואַל־טונג געקענט אריינקומען אין דער ישיבה. און יענעם טאָג האָט מען אין דער ישיבה געמוזט צושטעלען א גרויסע צאָהל בענק פאַר די צוגעקומענע תלמידים צו זיצען. אבא

יוסף בר דוסתאי זאָגט אַז עס זיינען צוגעקומען פיער הונ־דערט בענק און די רבנן זאָגען אַז גאַנצע זיבען הונדערט.

ווען רבן גמליאל האָט געזעהן די גרויסע צאָהל תלמידים וואָס זיינען צוגעקומען צוליעב דער נייער אָרדנונג האָט ער געהאַט גרויס פערדרוס, און ער האָט געזאָגט: "אפשר האָב איך מיט מיין שטרענגקייט פערהינדערט אידען פון לערנען?" האָט מען איהם אין חלום געצייגט ווייסע ליימענע טעפּ אָנ־געפילט מיט אַש. עס הייסט אַז די צוגעקומענע תלמידים זיינען ניט פון גרויס וויכטיגקייט. אָבער דאָס האָט מען איהם אַזוי געצייגט בלויז איהם צו בערוהיגען.

יענעם טאָג האָט מען אין בית המדרש געלערנט זעהר פיעל און רבן גמליאל אַליין האָט ניט אָבגעטראָטען פון דאָרט און האָט אויך געלערנט. אין דעם זעלבען טאָג איז אין בית המדרש געקומען יהודא דער עמוני, וועלכער איז געווען אַ גר, און ער האָט געפרעגט אויב ער מעג נעהמען אַ אידישע טאָכ־טער פאַר אַ ווייב. רבן גמליאל האָט געזאָגט אַז ער טאָהר ניט, ווייל אַן עמוני דאַרף װאַרטען ביז'ן צעהנטען דור. רבי יהושע האָט געזאָגט אַז ער מעג יא. און דאַן האָט זיך אָנ־געהויבען אַ גרויסע דעבאַטע צווישען רבן גמליאל און רבי יהושע, און יעדער פון זיי האָט גענומען ברייננען פּסוקים פון דער תורה צו בעווייזען אַז ער האָט רעכט. רבי יהושע האָט אָבער געזיגט און דעם גר האָט מען ערלויבט צו טהאָן אַ שדוך מיט אידען.

דאַן האָט רבן גמליאל געזאָגט צו זיך: "אויב אַזוי, אויב רבי יהושע איז טאַקע אַזאַ גרויסער לערנער, וועל איך געהן און איהם איבערבעטען". איז ער אַוועק צו רבי יהושע אַהיים. און ווען ער איז אַהין געקומען צו איהם האָט ער געזעהן אַז די ווענד פון דער הויז זיינען שוואַרץ. האָט ער געזאָגט צו רבי יהושע: "פון די ווענד פון דיין הויז איז קענטיג אַז דו ביזט אַ שמיעד". (רבי יהושע פלעגט מאַכען נאָדלען) און רבי יהושע האָט איהם געענטפערט: "וועה צו דעם דור וואָס דו ביזט זיין פיהרער. דו ווייסט גאָר ניט ווי תלמידי חכמים קוועלען זיך, וואָס עס זיינען זייערע פּרנסות און פון וואָס זיי ערנעהרען זיך".

"איך בין מודה אַז איך האָב געגען דיר ניט ריכטיג געהאַנדעלט", האָט רבן גמליאל געזאָגט, "זיי מיר מוחל".

אָבער רבי יהושע האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם.

"טהו עס צוליעב דעם כבוד פון מיין פאָטער!" האָט רבן גמליאל געבעטען.

ערשט דאַן האָט רבי יהושע זיך געלאָזט איבערבעטען.

נאָכדעם אַז זיי האָבען געמאַכט שלום צווישען זיך האָבען זיי געזאָגט: "ווער וועט געהן אָנזאָגען די רבנן אַז ביי אונז איז שוין שלום?" האָט איינער אַ וועשער געזאָגט: "איך וועל געהן". האָט רבי יהושע דורך דעם וועשער אַזוי אָנגעזאָגט אין בית המדרש: "ווער עס האָט פריהער געטראָגען די עהרען קליידער זאָל זיי ווייטער טראָגען, און דער וואָס טראָגט יעצט ניט די עהרען קליידער זאָל זאָגען צו דעם וואָס טראָגט די עהרען קליידער: ' נעהם ארונטער דיינע עהרען קליידער און איך וועל זיי אָנטהאָן' ". (דאָס איז געווען אַן אָנצוהערענים אַז אלעזר בן עזריה זאָל אויפגעבען זיין אמט פון ראש ישיבת.)

ווי נאָר רבי עקיבא האָט זיך דערוואוסט פון דעם אַז רבן גמליאל האָט שלום געמאַכט מיט זיין הויפט געגנער און ער קלייבט זיך צוריק קריגען זיין אמט, האָט ער געשיקט זאָגען צו די רבנן אַז זיי זאָלען פערמאַכען אלע טויערען פון דער ישיבה אום עס זאָלען ניט קומען די קנעכט פון רבן גמליאל און נקמה נעהמען פון די רבנן פאַר דעם וואָס זיי האָבען זיך ארויסגעשטעלט געגען זייער האר. דערווייל האָט רבי יהושע זיך בערעכענט: "איך וועל בעסער אליין געהן צו די רבנן און זיי זאָגען אַז איך האָב שלום געמאַכט מיט רבן גמליאל". איז רבי יהושע געקומען, אָנגעקלאַפּט אויף דער טיהר פון בית המדרש און האָט געזאָגט צו די רבנן די זעלבע זאַך וואָס ער האָט אָנגעזאָגט דורכ'ן שליח נאָר אין אנדערע ווערטער. האָט רבי עקיבא געזאָגט צו איהם: "דו האָסט זיך איבערגעבעטען, רבי יהושע? דאָס וואָס מיר האָבען געטהאָן צו רבן גמליאל האָבען מיר געטהאָן ווייל מיר האָבען געוואָלט זיך אָננעהמען פאַר דיין כבוד. מאָרגען גאַנץ פריה וועל איך מיט דיר צוזאַמען געהן צו רבן גמליאל".

און כאָטש די נייע אומשטענדען זיינען געוואָרען זעהר גינסטיג פאַר רבן גמליאל האָט מען דאָך רבי אלעזר בן עזריה ניט ארונטערגעזעצט פון אמט, נאָר מען האָט איינגעפיהרט אַז רבן גמליאל זאָל דרש'ענען צוויי שבתים און רבי אלעזר איין שבת.

## 19

# ר׳ יוחנן׳ס ברכה

ר׳ יוחנן בן זכאי איז קראַנק געוואָרען, זיינען געקומען זיינע תלמידים איהם מבקר חולה זיין. ווען ער האָט זיי דערזעהן האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען. האָבען די תלמידים צו איהם געזאָגט: ״לעהרער אונזערער! דו ליכט פון פאָלק ישראל! דו מעכטיגער זייל! דו גרויסע קראַפט! וואָרום וויינסטו?״ האָט ער געענטפערט: ״שטעלט זיך פאָר, קינדער, ווען מען וואָלט מיך געפיהרט צום משפט פאַר אַ קעניג וואָס איז בלויז בלוט און פלייש, וואָס היינט לעבט ער און מאָרגען איז ער טויט, וואָס זיין כעס קען ניט אָנהאַל־טען אַן אייביגקייט, און וואָס אפילו ער זאָל מיך וועלען פער־ניכטען קען ער מיך אומברייננגען בלויז פון דיזער וועלט, און איך קען איהם איבערבעטען מיט גוטע רייד, אָדער איך קען איהם אונטערקויפען מיט געלד, און דאָך וואָלט איך מורא געהאַט און געוויינט. און יעצט אַז איך ווייס אַז איך דאַרף באַלד פאָרקומען פאַר דעם מלך מלכי המלכים, וואָס ער לעבט אייביג, און אויב ער וויל דויערט זיין כעס אייביג און זיין שטראָף קען אויך דויערען אַן אייבינקייט, און איך קען איהם ניט איבערבעטען מיט גלאַטע רייד און איך קען איהם ניט אונטערקויפען מיט געלד — היינט ווי זאָל איך שוין ניט וויינען?״

האָבען די תלמידים איהם געבעטען: ״רבי, בענש אונז!״ האָט ער זיי געבענשט: ״איך ווינש אייך אַז איהר זאָלט מורא האָבען פאַר גאָט כאָטש אַזוי פיעל ווי איהר האָט מורא פאַר מענשען״.

## 20

# דער צער פון גלות

האָט אַמאָל רבי יוחנן געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי: אַ איד אין גלות טאָר ניט לאַכען.

און אז ריש לקיש האָט דאָס געהערט האָט ער זיך טרויע־ריג פערטראַכט, און זייט דאַן האָט ער מעהר קיינמאָל אַ לאַך געטהאָן אין זיין לעבען.

אַ שמייכעל איז געוואָרען אַ זעלטענע זאַך. אַ איד מיט אַ פרעהליכען פנים איז כמעט ניט געווען צו זעהן. אַלע האָ־בען געפּיהלט דעם שווערען גלות.

איינמאָל איז פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע. מר, דער זוהן פון רבינא, האָט געמאַכט אַ חתונה מאָהלצייט פאַר זיין זוהן. זעהענדיג ווי די געסט זיינען געוואָרען אַ ביסעל צו פרעהליך, האָט ער גענומען אַ טייערע כלי וואָס האָט געקאָסט פיער הונדערט גולדען און האָט עס צובראָכען פאַר די געסט אין די אויגען. זיינען זיי געוואָרען אומעטיג.

אום צו פערטרייבען זייער אומעט האָבען די געסט געבע־טען רב המנונא זוטי (רב חמנונא דער קליינער) ער זאָל זיי עפּעס זינגען. האָט ער זיי געזונגען: "וועה איז אונז, מיר מוזען אַמאָל שטאַרבען! וועה איז אונז, מיר מוזען שטאַר־בען!"

אַ אידיש ליעד קען ניט זיין פרעהליך.

## 21

# די תפלה פון אַ פערביטערטע הארץ

ווען חנה, די פרוי פון אלקנה, איז געקומען אין שלה בעטען אויף קינדער, האָט זי אַזוי געזאָגט: "גאָט, דו האר פון אַלע הערשאַפטען! דו האָסט בעשאַפען אַזוי פיעל לעבע־דיגע בעשעפענישען אויף דער וועלט און מיר ווילסטו אפילו איין איינציג קינד ניט געבען?"

רבי אלעזר דערצעהלט וועגען דעם אַזאַ משל: אַ מלך האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה און ער האָט איינגעלאַדען אַלע זיינע שטאָדטלייט. איז געקומען אַן אָרימאַן, האָט זיך גע־שטעלט ביים טיהר און האָט געבעטען אַ שטיקעל ברויט. האָט קיינער זיך אויף איהם אומגעקוקט. איז דער אָרימאַן צוגע־גאַנגען צום קעניג און האָט צו איהם געזאָגט: "אדוני המלך! פון אַזאַ גרויסע סעודה וואָס דו האָסט אָנגעגרייט איז דיר שווער מיר צו געבען כאָטש איין שטיקעלע ברויט?" אָט אַזוי האָט חנה גע'טענה'ט פאַר דעם אויבערשטען.

## 22

## פון צופיעל וואוילטאג זינדיגט מען

ווען גאט איז בייז געווארען אויף די אידען פאר דעם וואס זיי האבען געמאכט א גאלדענעם קאלב פאר זייער גאט, האט משה געזאגט צו דעם אויבערשטען: "רבונו של עולם! וועמעס שולד איז דאס? ווען דו וואלסט דיינע אידען ניט געבען אזוי פיעל גאלד און זילבער וואלטען זיי דאך קיין גאלדענעם קאלב ניט געקענט מאכען".

רבי אושעיא גיט אויף דעם אזא משל: איינער האט גע־האט א זעהר מאגערע קוה וואס די גליעדער פלעגען ביי איהר ארויסשטארצען. האט ער גענומען איהר קארמענען מיט פעלד ארבעס. די קוה איז פעט געווארען און האט איהם אנגעהויבען צו בריקען. האט איהר אייגענטהימער געזאגט: "ווער איז שולדיג אין דעם וואס דו בריקעסט מיר? איך אליין, מיט דעם וואס איך האב דיך אנגעקארמעט מיט גוטע ארבעסלעך".

רבי חייא בר אבא דערצעהלט אין נאמען פון ר' יוחנן אן אנדער משל: א פאטער האט גענומען זיין זוהן, האט איהם ארומגעוואשען, ארומגעפוצט, איהם געגעבען צו עסען א גוטען מאהלצייט און וויין צו פערטרינקען. נאכדעם האט ער איהם אנעהאנגען א בייטעל מיט געלד אויפ'ן האלז און איהם אוועקגעזעצט ביי דער טיהר פון אן אויסגעלאסענער הויז. טא ווי זאל דער זוהן ניט זינדיגען?

און רב ששת האט אויף דעם געזאגט א ווערטעל: "פון אן איבערגעשטאפטען מאגען קומען ארויס אלע זינד".

## 23

## דער מלך און זיין פריינד

"לאז מיך און איך וועל פון זיי מאכען א סוף!" האט גאט געזאגט צו משה'ן נאכדעם ווי די אידען האבען געמאכט דעם גאלדענעם קאלב. אזוי ווערט דערצעהלט אין חומש.

ר׳ אבהו זאָט אַז פון דעם פסוק איז געדרונגען דאָס משה האָט אָנגעכאַפּט דעם רבונו של עולם אזוי ווי אַ מענש כאַפּט אָן זיין פריינד פאַר׳ן לאַץ און האָט געזאָגט: ״איך לאָז דיך ניט אָב ביז דו וועסט די אידען מוחל זיין״.

רבי אלעזר גיט אויף דעם אַ משל: אַ קעניג האָט גע־שלאָגען זיין זוהן. איז דערביי געזעסען דעם קעניג׳ס אַ פריינד. האָט דער פריינד מורא געהאַט זיך אריינצומישען. זאָגט דער קעניג צו זיין זוהן: ״ווען מיין פריינד וואָלט דאָ ניט געזעסען דערביי וואָלט איך דיר דער׳הרג׳ט אויף טויט״. האָט דער פריינד זיך געטראַכט: אזוי גאָר? עס ווענדט זיך אָן מיר? — האָט ער זיך גלייך אריינגעמישט און דעם זוהן געראַטעוועט.

# 24

# קלוגע רייד פון אַ פרומען מאַן

דערצעהלען די רבנן אַזאַ מעשה. אַ פרומער מאַן איז גע־שטאַנען אין וועג און האָט געדאַוועגט. איז געקומען אַ פירשט און האָט איהם בעגריסט. האָט איהם דער פרומער מאַן ניט געענטפערט. האָט דער פירשט געוואַרט ביז יענער וועט ענ־דיגען. נאָכדעם האָט ער צו איהם געזאָגט: ״דו פוסטער יונג! אייער גלויבען הייסט דאָך אייך אַז איהר זאָלט אָב־היטען אייער לעבען, הײַנט פאַר וואָס האָסטו מיר ניט גע־ענטפערט ווען איך האָב דיר בעגריסט? ווייסטו דען ניט אַז ווען איך זאָל דיר דיין קאָפּ אָבשניידען מיט אַ שווערד וועט קיינער פון מיר מאָהנען דיין בלוט?״

האָט דער פרומער מאַן געענטפערט: ״וואַרט אויס און איך וועל דיר געבען אַן ערקלעהרונג. זאָג מיר נאָר, איך פרעג דיך, אויב דו וואָלסט געשטאַנען פאַר אַ קעניג אַ בשר ודם, און אימיצער וואָלט אָנגעקומען און דיך בעגריסט, וואָלסטו איהם געענטפערט?״ האָט דער פירשט געענטפערט: ״ניין״. האָט דער פרומער מאַן ווייטער געפרעגט: ״און ווי איז אַז דו וואָלסט יאָ געענטפערט?״ האָט דער פירשט געזאָגט: ״וואָלט מען מיר דערפאַר דעם קאָפּ אראָבגעהאַקט״.

"זעהסטו", האָט דער פרומער מאַן געזאָגט, "ווען שטע־הענדיג פאַר אַ מלך בשר ודם, וואָס איז היינט דאָ און מאָרגען ליעגט ער אין קבר, וואָלסטו פערלאָרען דיין קאָפּ, היינט ווי איז שוין איך, וואָס איך בין געשטאַנען פאַר דעם מלך מלכי המלכים — וואָס פאַר אַ שטראָף וואָלט מיר געקומט?"

דער פירשט האָט גלייך איינגעזעהן אַז דער פרומער מאַן האָט רעכט און ער האָט איהם געלאָזט געהן אחיים אין פריעדען.

## 25

# אַ צדיק איז אַ האַרטער ביסען

די רבנן דערצעהלען אַזאַ געשיכטע. אין אַ געוויסען אָרט איז געווען אַ שלאַנג וואָס האָט געשעדיגט מענשען. איז מען געקומען צו דעם גרויסען צדיק רבי חנינא בן דוסא און איהם דערפון געמעלדעט. האָט רבי חנינא געזאָגט: "קומט און ציינט מיר דעם לאָך וואו די שלאַנג געפינט זיך". זיינען מענשען מיט איהם געגאַנגען און איהם געציינט. האָט רבי חנינא אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף דער שלאַנג'ס נאָרע. די שלאַנג איז אַרויס און האָט איהם אַ ביס געטהאָן. אין דעם אויגענבליק איז די שלאַנג געבליבען ליגען אַ טויטע. האָט רבי חנינא גענומען די שלאַנג אויף זיין שולטער און האָט איהר אַוועקגעטראָגען אין בית המדרש. "זעהט, קינדער!" האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים, "ניט אַ שלאַנג קען ברייננען טויט, נאָר זינד ברייננען דעם טויט". האָט מען דאַן גע־זאָגט: "וועה איז צו דעם מענשען וואָס איהם האָט בעגע־גענט אַ שלאַנג, און וועה איז צו דער שלאַנג וואָס האָט בע־געגענט רבי חנינא בן דוסא!"

## 26

# אַ קורצער דאַוונען — אַ לאַנגער דאַוונען

איינמאָל האָט איינער פון רבי אליעזר'ס תלמידים געדאַ־ווענט פאַר'ן עמוד. האָט ער צו לאַנג געצויגען דעם דאַוונען. האָבען די אַנדערע תלמידים זיך בעקלאָגט: "אוי, מאַכט ער

א לאנגען דאַוונען!" האָט רבי אלעזר איהם אזוי פערענט־פערט: "דאַוועגט ער דען לענגער פון משה רבינו וועלכער האָט נאָט געבעטען פערציג טעג און פערציג נעכט נאָכ־אנאַנד?"

ווידער האָט זיך געמאַכט א מעשה אז א תלמיד האָט געדאַוונט פאַר'ן עמוד און ער האָט דעם דאַוונען געמאַכט בקיצור. האָבען די אנדערע תלמידים זיך בעקלאָגט: "אוי, מאַכט ער א קורצען דאַוונען!" האָט רבי אליעזר זיי גע־ענטפערט: "איז דען זיין דאַוונען קירצער פון משה רבינו'ס תפלה, וועלכער האָט געבעטען גאָט צו היילען זיין שוועסטער מרים בלויז מיט די עטליכע ווערטער: "איך בעט דיר, גאָט, אָח, הייל זי!" (אל, נא, רפא נא לה!).

# 27

## נעהנטער צו גאָט

ווען רבי חנינא בן דוסא האָט געלערנט ביי רבן יוחנן בן זכאי, איז דער זוהן פון רבן יוחנן קראַנק געוואָרען. האָט ר' יוחנן געזאָגט: "חנינא, מיין זוהן, בעט גאָט פאַר מיין קראַנ־קען קינד, ער זאָל לעבען בלייבען". האָט רבי חנינא איינגע־בויגען זיין קאָפּ צווישען די קניע און געבעטען, און דער קראַנקער איז געזונד געוואָרען. האָט רבן יוחנן געזאָגט צו זיין פרוי: "ווען איך אליין וואָלט געהאַלטען מיין קאָפּ צווי־שען די קניע א גאַנצען טאָג וואָלט מען זיך פון הימעל אויף מיר גאָר ניט אומגעקוקט".

"איז דען חנינא א גרעסערער מענש פון דיר?" האָט ר' יוחנן'ס פרוי געפרעגט.

"ניין, גרעסער איז ער ניט", האָט ר' יוחנן געענטפערט, "נאָר דער אונטערשיעד איז דיזער: ער איז אזוי ווי א קנעכט ביים מלך, און איז א בן בית אין קעניגליכען פּאַלאַסט, אָבער איך בין אזוי ווי א גענעראַל, וואָס קען קומען צום קעניג נאָר אין בעשטימטע צייטען, אָדער ווען דער קעניג וויל איהם זעהן".

## 28

# א צעהנטער צום מנין

אז רבי אליעזר איז איינמאָל געקומען אין שוהל און האָט געזעהן אז עס פעהלט איין איד צום מנין, איז ער געוואָרען פערזאָרגט. וואָס זאָל ער דאָ טהאָן? דער עולם ווארט און א צעהנטען צום מנין איז ניט צו קריגען.

איז רבי אליעזר אוועק אהיים, גענומען זיינעם א קנעכט און איהם פריי געמאכט. א בעפרייטען קנעכט מעג מען מצרף זיין צו א מנין, און עס איז גלייך געוואָרען א מנין.

## 29

# ינאי המלך און ר׳ שמעון בן שטח

דער אידישער קעניג ינאי איז געזעסען ביים טיש מיט זיין פרוי, די קעניגין, און געגעסען.

שטיל זיינען זיי ביידע געזעסען. א וואָלקען איז געוועזען פערצויגען איבער זייערע פנים׳ער. ניטאָ מעהר די צייט, ווען ביים קעניג׳ס טיש פלעגען זיצען די גרעסטע אידישע גע־לעהרטע, און מען פלעגט הערען קלוגע רייד און מען פלעגט בענשען מיט א כוס של ברכה נאָכ׳ן עסען.

ניטאָ מעהר קיין אידישע געלעהרטע. א קריעג האָט אויס־געבראָכען צווישען זיי און דעם קעניג, דערפאר וואָס זיי האָ־בען ערקלעהרט אז דער קעניג איז ניט פאסענד פאר דער כהונה, און דער קעניג האָט אין זיין גרימצאָרן די אידישע גע־לעהרטע פער׳משפט צום טויט, און די וואָס האָבען געהאט די מעגליכקייט זיינען זיך צולאָפען און בעהאלטען.

איז געזעסען דער קעניג אין טרויער, פול חרטה, און מיט א בליק פול פיין האָט ער זיך געווענדעט צו דער קעניגין און האָט געפרעגט:

"וואו געהמט מען איינעם וואָס זאָל אונז מאכען ברכה?"

האָט די קעניגין געענטפערט:

"שווער מיר, דאָס אויב איך וועל דיר ברייגגען איינעם פון די חכמים וועסטו איהם קיין בייזעס טהאָן".

האָט דער קעניג געשוואָרען. האָט זי איהם געבראַכט איהר ברודער רבי שמעון בן שטח, און האָט איהם אוועקגע־זעצט צווישען איהר און איהר מאַן.

"זעה", האָט דער קעניג געזאָגט צו רבי שמעון בן שטח, "וואָס פאַר א כבוד מר גיבען דיר אָפּ". האָט ר' שמעון בן שטח געענטפערט: "ניט דו גיבסט מיר אָב כבוד, נאָר די תורה גיט מיר אָב כבוד, ווייל אין פּסוק שטעהט "סלסלה ותרוממך", דו בעהר די תורה וועט זי דיך דערהויבען". האָט עס דעם קעניג פערדראָסען און ער האָט געזאָגט צו דער קעניגין: "זעהסט, ווי אונדאַנקבאַר עס זיינען די גע־לעהרטע!"

ר' שמעון בן שטח איז געבליבען זיצען ביים טיש, אָבער ער האָט גאָרניט געגעסען. ענדע מאָהלצייט אז מען האָט איהם געגעבען א בעכער ווײן צו מאַכען ברכה, האָט ער מיט א ביטערען טאָן געזאָגט: "ווי זאָל איך בענשען ווען איך האָב ניט געגעסען? זאָל איך זאָגען: "געבענשט זאָל זיין דער אויבערשטער וואס ינאי און זיינע פריינד האָבען גע־געסען?" האָט ער גענומען זיין בעכער וויין, אויסגעטרונקען און ניט געבענשט. האָט מען איהם געגעבען א צווייטען בע־כער וויין. דאָ האָט שוין ר' שמעון בן שטח נאָכגעגעבען און האָט געבענשט.

## 30

# א פרומער מאַן קען קיין לוגנער בלייבען

רבה בר בר חנה איז געוועזן א הייליגער מאַן און מיט איהם זיינען געשעהן גרויסע וואונדער. איינמאָל איז ער גע־גאַנגען אין וועג מיט א קאַראַוואַן. האָט ער אין וועג אָבגע־געסען, זיך פערגעסען בענשען און איז אוועק ווייטער מיט זיינע בעגלייטער. א ביסעל שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט אז ער האָט פערגעסען בענשען. האָט ער זיך געטראַכט: וואָס זאָל איך טהאָן? זאָל איך זיי זאָגען אז איך האָב פערגעסען בענשען, וועלען זיי מיר זאָגען אז גאָט איז אומעטום און איך קען בענשען וואו איך בין. און אזוי ווי רבה בר בר חנה האָט געגלויבט אז בענשען דאַרף מען נאָר אין דעם אָרט וואו

מען האָט געגעסען, איז איהם איינגעפאַלען אז ער וועט מאַכען עפּעס אַן אויסרייד און געהן צוריק צו יענעם אָרט וואו ער האָט געגעסען.

"וואַרט אויס", האָט ער געזאָגט צו זיינע מיטרייזענדע. "איך האָב דאָרט פערגעסען אַ גאָלדענע טייבעלע. איך קום גלייך צוריק".

ער איז אַוועק, און אַ גרויסער נס איז איהם געשעהן.

ווען ער איז געקומען צו דעם אָרט וואו ער האָט געדאַרפט בענטשען האָט ער טאַקע דאָרט געפונען אַ גאָלדענע טייבעלע. גאָט האָט ניט געוואָלט אַז דער צדיק זאָל זאָגען אַ זאַך וואָס איז ניט אמת.

## 31

## עוג מלך הבשן׳ס מפּלה

עוג מלך הבשן האָט געוואָלט מאַכען פון די אידען אַ תל מיט איין קלאַפּ. ער האָט ביי זיך אין הארצען געמאַכט אַזא רעכנונג: דער אידישער לאַגער פערנעהמט דריי מייל. וועל איך געהן און אויסרייסען אַ באַרג פון דריי מייל די גרויס, וועל דאָס אַרויפוואַרפען אויף זיי און זיי דערהרג׳ענען. איז ער טאַקע געגאַנגען, האָט אַרויסגעריסען אַ באַרג פון דריי מייל און האָט עס זיך אַרויפגעלייגט אויפ׳ן קאָפּ. האָט דער אויבערשטער געשיקט מוראשקעס און זיי האָבען אין דעם באַרג געמאַכט אַ לאָך און דער געלעכערטער באַרג איז ביי איהם געבליבען ליגען אויפ׳ן האַלז, ווי אַ קראַגען. ווען ער האָט דעם באַרג געוואָלט אַרונטערנעהמען האָבען זיך ביי איהם אויסגעצויגען די צייהנער, די אין איין זייט און די אין דער אנדער זייט, און ער האָט דעם באַרג פון זיך ניט געקענט אַרונטערנעהמען.

## 32

## וועגען גוטע און שלעכטע חלומות

זאָגט רב חסדא אַזוי: ניט אַ גוטער חלום ווערט מקוים און ניט אַ שלעכטער חלום ווערט מקוים.

און אזוי ווערט דערציילט אין נאָמען פון רבי בנאה:

"אין ירושלים זיינען געווען 24 "וואהרזאגערס" וואָס פלעגען פותר חלום זיין. איינמאָל האָט זיך מיר עפּעס גע'חלום'ט, בין איך צו זיי אַלעמען געגאנגען פרעגן די בעדייטונג פון דעם חלום, און יעדער איינער האָט מיר געזאָגט אַן אנדער זאַך וואָס מיט מיר וועט פּאַרקומען, און די אַלע זאַכען זיינען טאַקע מיט מיר געשעהן".

הייסט עס, אַז אַ חלום אַליין איז גאָרניט, נאָר דער פּתרון פון חלום ווירקט אויפ'ן מענשען, און אזוי ווי דעם מענשען'ס מויל איז פּותר דעם חלום אַזוי געשעהט עס.

און נאָך עפּעס זאָגט דער תלמוד: אַ מענש זעהט געוואוינליך אין חלום זאַכען פון וועלכע ער טראַכט בייטאָג. עס האָט נאָך קיינמאָל געטראָפען אַז אַ מענש זאָל זעהן עפּעס וואָס אונגעוועהנליכעס, ווי למשל אַ גאָלדענעם טייטעלבוים, אָדער אַן עלעפאַנט וואָס געהט דורך דעם אויערל פון אַ נאָדעל.

אַ רוימישער קייזער, וועלכער האָט געפיהרט קריעג מיט די פּערסיער, האָט איינמאָל געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא: "איהר אידען האַלט זיך דאָך פאַר גרויסע חכמים, טאָ זאָג מיר, וואָס וועל איך היינט זעהן אין חלום?" האָט ר' יהושע געענטפערט: "עס וועט זיך דיר חלום'ען אַז עס וועלען קומען די פּערסיער, דיך פאַנגען און דיך צווינגען צו פּאַשען חזירים מיט אַ גאָלדענעם שטעקען". האָט דער קייזער געטראַכט וועגען דעם אַ גאַנצען טאָג און ביינאַכט האָט זיך איהם טאַקע דאָס גע'חלום'ט.

גראַדע אַן עהנליכע געשיכטע איז פּאָרגעקומען מיט דעם פּערזישען קעניג. ער האָט געזאָגט צו שמואל'ן: "איהר אידען בעריהמט זיך אַז איהר זייט אַ קלוגעס פאָלק, טאָ טרעף מיר, וואָס וועט מיר זיך היינט חלום'ען?" האָט שמואל איהם געענטפערט: "עס וועט זיך דיר חלום'ען אַז די רוימער וועלען קומען, דיך פאַנגען און דיך צווינגען צו מאָהלען קערנער פון טייטלען אין אַ גאָלדענע מיהל". האָט דער קעניג געטראַכט פון דעם אַ גאַנצען טאָג און ביינאַכט האָט זיך איהם טאַקע אַזוי גע'חלום'ט.

## 33

# בר־הדיא דער פותר חלום

בר־הדיא איז געווען אַ מאַן וואָס פלעגט פותר חלום זיין. ווער עס פלעגט איהם בעצאָהלען פלעגט ער איהם זיין חלום אויסגעלעגט צו גוטען. ווער עס פלעגט איהם ניט בעצאָהלען פלעגט ער איהם אויסלעגען אויף שלעכטען.

אביי און רבא האָבען איהם געוואָלט אויספּרובירען, זייענדיג זיי געקומען צו בר־הדיא און האָבען איהם דערצעהלט דעם זעלבען חלום. אביי האָט איהם בעצאָהלט, רבא האָט איהם גאָרנישט געגעבען. זאָגען זיי צו בר־הדיא: "מיר האָבען אין חלום געלייענט דעם פסוק (דברים, כ"ח): "דיין אָקס וועט מען שעכטען פאַר דיינע אויגען און דו וועסט פון איהם ניט עסען." רבא'ן, וועלכער האָט איהם ניט בעצאָהלט האָט בר־הדיא אויסגעלעגט: "דו וועסט פערלירען געלד אין דיין געשעפט און פאַר גרויס האַרצווייטאָג וועסטו ניט קענען עסען." אביי'ן, וועלכער האָט איהם בעצאָהלט, האָט ער אויסגעלעגט: "דו וועסט מאַכען גוטע געשעפטען און דו וועסט ניט קענען עסען פאַר גרויס שמחה."

האָבען זיי איהם נאָכדעם פּרובירט אַ צווייטען מאָל. "מיר האָבען אין חלום געלייענט דעם פסוק: "זיהן און טעכטער וועלען ביי די געבוירען ווערען, אָבער דו וועסט זיי ניט האָבען, ווייל מען וועט זיי פאַנגען און אוועקפיהרען." האָט ער צו רבא'ן געזאָגט: "עס מיינט אַז מען וועט דיינע קינדער טאַקע נעהמען געפאַנגען." צו אביי'ן האָט ער געזאָגט: "דו וועסט האָבען אַ סך זיהן און טעכטער, און דיינע טעכטער וועסטו אויסגעבען און דו וועסט נאָך זיי בענקען אַזוי ווי מען וואָלט זיי גענומען געפאַנגען."

אַ דריטע פראַגע. "מיר האָבען געלייענט אין חלום דעם פסוק: "דיינע זיהן און טעכטער וועלען געהערען צו אַן אַנדער פאָלק". האָט בר־הדיא אביי'ן אַזוי אויסגעלעגט: "דו וועסט האָבען אַ סך זיהן און טעכטער, דו וועסט וועלען זיי חתונה מאַכען מיט דיינע קרובים און דיין ווייב וועט זיי וועלען שדכ'ענען מיט איהרע קרובים. דיין ווייב וועט אויספיהרען און זיי פערהייראַטען מיט איהרע קרובים, וועט עס ביי

דיר זיין אזוי ווי זיי זיינען אוועק צו א פרעמד פאָלק.״ צו רבא׳ן האט ער געזאָגט: ״דיין פרוי וועט שטארבען און דיינע קינדער וועלען מוזען אָנקומען צו א שטיעפמוטער.״

נאָך אייניגע פראָבען האָבען אביי און רבא געמאכט צו־זאמען. אביי׳ן וואָס האָט איהם בעצאָהלט האָט בר־הדיא אויסגעלעגט זיינע חלומות צו גוטען, רבא׳ן וואס האט איהם ניט בעצאָהלט האָט ער אויסגעלעגט צו שלעכטען.

צום סוף איז רבא אליין געגאנגען צו בר־הדיא. ״איך האָב געזעהן אין חלום דאָס די טהיר פון מיין הויז, וואָס איז צום גאַס, איז איינגעפאלען.״ האָט בר־הדיא ערקלעהרט: ״דאָס צייגט אַז דיין פרוי וועט שטארבען.״

״עס האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט אז מיינע שנייד צייהנער און באק־צייהנער זיינען ארויסגעפאלען,״ האָט רבא ווייטער דערצעהלט.

״דאָס איז א סימן אַז דיינע זיהן און טעכטער וועלען שטארבען״, האט בר־הדיא געענטפערט.

״איך האָב געזעהן אין חלום צוויי טויבען פליהען.״

״דו וועסט זיך גט׳ען מיט צוויי ווייבער.״

״צוויי קיילעכדיגע ריבען האָבע איך געזעהן אין חלום.״

״דו וועסט קריגען צוויי קלעפּ פון א שטעקען וואָס איז אזוי גראָב ווי א ריבען.״

יענעם טאָג איז רבא געגאנגען און האָט זיך אוועקגע־זעצט אין בית המדרש. זיינען דאָרט געווען צוויי בלינדע וואס האָבען זיך געקריגט צווישען זיך. רבא האָט זיי געוואָלט פאראנאנדערנעהמען, האָבען זיי זיך גענומען צו איהם. זיי האָבען איהם געגעבען צוויי קלעפּ און האָבען שוין געוואָלט געבען א דריטען. האָט רבא געזאָגט: ״גענוג. איך האָב געזעהן בלויז צוויי אין חלום.״

לסוף איז רבא ווידער געקומען צו בר־הדיא, האָט איהם פריהער בעצאָהלט און האָט נאָכדעם געזאָגט: ״עס האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט אז א גרויסער מויער איז איינגעפאלען.״ האָט בר־הדיא געענטפערט: ״דאָס צייגט אַז דו וועסט בע־קומען גיטער זעהר פיעל, גאָר אָהן א גרעניץ.״

״איך האָב געזעהן דאָס אביי׳ס שעהנע הויז איז איינגע־פאלען און דער שטויב פון דער איינגעפאלענער הויז האָט מיך בעדעקט״.

"דאָס איז אַ צייכען אַז אַביי וועט שטאַרבען און דו וועסט לערנען מיט זיינע תלמידים."

"עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט אַז מיין איינענע הויז איז איינגעפאַלען און מענשען זיינען געקומען פון איבעראַל און יעדער האָט זיך צוגענומען אַ ציגעל פון דער הויז."

"דאָס צייגט אַז דיין תורה וועט אָנגענומען ווערען אין דער גאַנצער וועלט."

"איך האַב אין חלום געחערט ווי מען זאָגט הלל לכבוד פסח."

"אַ נס וועט דיר געשעהן."

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך בר־הדיא צוזאַמענגע־טראָפען מיט רבא'ן אויף אַ שיף. האָט בר־הדיא געזאָגט: "צו וואס זאָל איך געהן מיט אַ מענשען וואס איהם דאַרף טרעפען אַ נס? אפשר וועט דער נס יעצט געשעהן, די שיף וועט זינקען און רבא וועט זיין דער איינציגער וואָס וועט לעבען בלייבען." האָט בר־הדיא פערלאָזען די שיף, און ווען ער איז אַרוים איז פון זיין שוים אַרויסגעפאַלען אַ ביכעל. רבא האָט דעם ביכעל אויפגעהויבען און האָט אין דעם גע־לעזען: אַלע חלומות געהען נאָכ'ן מויל, אַזוי ווי מען לייגט אוים דעם חלום אַזוי געשעהט עס."

"דו רשע איינער!" האָט רבא אויף איהם אָנגעשריען. "אַן דיר אַליין ווענדעט זיך דאָס און דו האָסט מיר בכיון פערשאַפט אַזוי פיעל צער. פאַר אַלעם בין איך דיר מוחל, אָבער ניט פאַר די שלעכטעם וואָס דו האָסט אויסגעלעגט אויף מיין פרוי, וועלכע איז רב חסדא'ס אַ טאָכטער. הלוואי זאָלסטו אַריינפאַלען אין די הענד פון דער רעגיערונג, זיי וועלען דיך שוין משפט'ען אָהן רחמנות!"

ווען בר־הדיא האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך ערשראָקען. "וואָס זאָל איך טהאָן?" האָט ער זיך געפרעגט. "מיר ווייסען אַז די קללה פון אַ תלמיד חכם, ווען זי איז אפילו אָן אומזיסטע, מוז זי מקוים ווערען, הייגט ווי נאָך אין דיזען פאַל, ווען רבא האָט מיך געשאָלטען מיט רעכט, וועל איך געהן און אַבריכטען גלות, ווייל גלות פערגיט אויף זינד".

איז בר־הדיא אַוועק נאָך רוים און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טהיר פון דעם הויפּט שומר, וואָס היט דעם מלך'ס אוצרות. האָט זיך דעם הויפּט שומר גע'חלום'ט אַ חלום און

אזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט ווער בר־הדיא איז, האָט ער איהם געפרעגט: "מיר האָט זיך גע'חלום'ט דאָס אַ נאָדעל איז אריין אין מיין פינגער". האט בר־הדיא געזאגט: "גיב מיר עפּעס געלד." און אזוי ווי דער שומר האָט איהם גאָר־נישט געוואָלט געבען, האָט בר־הדיא איהם גאָרנישט גע־וואָלט זאָגען.

"איך האָב געזעהן אין חלום ווי עס איז אַריין אַ וואָרים אין צוויי פון מיינע פינגער."

בר־הדיא האָט ווידער געבעטען געלד, און אזוי ווי יענער האָט ניט געגעבען, האָט ער איהם ניט פּותר חלום געווען.

"עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט אַז ווערים זיינען מיר אַריין אין דער גאַנצער האַנד."

"זאָלסט וויסען זיין אַז ווערים האָבען זיך פערפיהרט אין דעם מלך'ס העמדער", האָט בר־הדיא געזאָגט.

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. ווען מען האָט זיך פון דעם שאדען דערוואוסט אין מלך'ס פּאַלאַסט, האָט מען גע־בראכט דעם שומר און מען האָט איהם פער'משפט צום טויט. האָט דער שומר גע'טענה'ט: "פאַרוואָס קומט מיר טויטען? בעסער ברייננט איהם אהער אָט יענעם מאַן, דעם פּותר חלום, וואָס האָט געוואוסט און האָט בעצייטענס ניט אויסגעזאָגט." האָט מען געבראכט בר־הדיא און מען האָט צו איהם געזאָגט: "צוליעב די פּאָר גילדען וואס דו האסט געוואָלט האבען זיינען דעם מלך'ס טייערע העמדער פערדאָרבען געוואָרען!" און מען האָט איהם פער'משפט צו אַ שרעקליכען טויט.

## 34

# דער יחיד און דער כלל

די רבנן האָבען אזוי געלערנט: ווער עס זעהט אַן אוכלוסא אידען (אַן אוכלוסא איז אַן עולם פון אַ זעקס הונ־דערט טויזענד מאַן) דאַרף מאַכען אַ ברכה "ברוך חכם הרזים", געבענשט זאָל זיין דער בעשעפער וואָס וויים און פערשטעהט די געדאנקען פון יעדען יחיד, ווייל זייערע מיינונגען זיינען ניט גלייך פונקט ווי זייערע פּנים'ער זיינען ניט גלייך איי־נער צום אנדערען.

בן זומא האָט איינמאָל, שטעהענדיג אויף די טרעפּ פון

חר הבית, געזעהן אן אוכלוסא. האָט ער געזאָגט: "געבענשט זאָל זיין דער וואָס ווייס די סודות פון זייערע הערצער, און געבענשט זאָל ער זיין וואָס ער האָט די אלע מענשען בע־שאפען מיך צו בעדיענען." ער האָט געמיינט מיט דעם צו זאָגען אז דער כלל דיענט דעם יחיד פונקט אזוי ווי דער יחיד דיענט דעם כלל.

בן זומא פלעגט זאָגען: "ווי פיעל ארבייט האָט אדם נעהאט ביז ער פלעגט בעקומען א שטיקעל ברויט צו עסען. ער האָט אליין געדארפט אקערען, זייהען, שניידען, בינדען די זאנגען אין גארבען, אויסקלאפען די קערנער פון די זאנ־גען, אויסוויייהען די מעקענע, קלייבען, מאָהלען, זיפען, קנע־טען, באקען און ערשט נאָכדעם פלעגט ער קענען עסען. און איך שטעה אויף פריהמאָרגענס און געפין אז די אלע מלאכות זיינען שוין אָבגעטהאָן געוואָרען פאר מיר פון אנדערע, און איך עס א פערטיגען ברויט. ווי פיעל ארבייט האָט אדם נעהאט ביז ער האָט בעקומען א בגד אָנצוטהאָן. ער האָט אליין געדארפט שערען וואָל פון א שעפס, ווייס מאכען די וואָל אום עס זאָל אָננעהמען פארב, אויסקלאפען, שפינען, וועבען, פארבען, נעהען, און ערשט דאן פלעגט ער האָבען וואָס אָנצוטהאָן. און איך שטעה אויף אין דער פריה און געפין די אלע ארבייט אָבגעטהאָן פאר מיר, און איך האָב א פערטיגען בגד."

אלס א משל צו דעם ווי א מענש דארף זיין דאנקבאר צו די אנדערע וואָס בעמיהען זיך פון זיינטוועגען, שטעלט בן זומא פאר א גוטען גאסט און א שלעכטען.

וואָס זאָגט א גוטער גאסט? "ווי פיעל מיה האָט זיך דער בעל הבית געגעבען פון מיינטוועגען! ווי פיעל וויין האָט ער מיר סערווירט, ווי פיעל פלייש און ווי פיעל זעמע־לעך. דאָס האָט ער זיך אלץ בעמיהט פון מיינטוועגען."

אָבער וואָס זאָגט א שלעכטער גאסט? "וואָס פאר אן איבעריגע מיה האָט דען דער בעל הבית געהאט? ווי פיעל וויין האָט ער עס אזוי סערווירט, און ווי פיעל א שטייגער פלייש און זעמעל? פון מיינטוועגען האָט ער זיך דאָס אזוי בעמיהט? דאָס האָט ער זיך אזוי בעמיהט פון זיין פרוי און קינדער'ס וועגען."

## 35

# אמת'ע גרויסקייט מאַכט קיין טומעל

רב ששת איז געווען א בלינדער. איינמאָל האָט דער קעניג געדאַרפט אָנקומען אין שטאָדט. זיינען אַלע אַרויס אין גאַס איהם מקבל פנים זיין, און רב ששת איז אויך געגאַנגען מיט'ן עולם. שטעהט ער אַזוי צווישען עולם און וואַרט. דערזעהט איהם א צדוקי. האָט זיך דעם צדוקי פערוואָלט אָבלאַכען פון רב ששת. געהט ער צו איהם צו און זאָגט: "גאַנצע קריגלעך געהען צום טייך שעפּען וואַסער, אבער צו וואס געהען די צובראָכענע קריגלעך?" רב ששת האָט גוט פערשטאַנען, אז דער צדוקי לאַכט פון איהם וואס ער, א בלינדער, געהט מקבל פנים זיין דעם קעניג וועלכען ער קען ניט זעהן. האָט איהם רב ששת געענטפערט: "דו וואַרט א ווײלע, וועל איך דיר ציינען אז איך זעה בעסער פון דיר".

זיינען זיי געשטאַנען און געוואַרט ביז דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבען, מיט מוזיק, פּויקען און טראָמפּעטען. צו־ערשט איז פערבייגעגאַנגען איין גרופּע. פרעגט דער צדוקי: "נו, איז שוין דער קעניג פערבייגעגאַנגען?" ענטפערט רב ששת, "ניין". נאָכדעם איז פערבייגעגאַנגען א צווייטע אָבטהיילונג. פרעגט דער צדוקי: "דער קעניג שוין דורכגעגאַנגען?" זאָגט רב ששת: "נאָך ניט". צולעצט איז פערבייגעגאַנגען א דריטע גרופּע, איז זי געווען שטיל, אָהן פּויקען און אָהן טראָמפּעטען. פרעגט דער צדוקי: "דער קעניג שוין פערבייגעגאַנגען?" ענטפערט רב ששת: "יאָ". פרעגט דער צדוקי: "פון וואַנען ווייסטו עס?" ענטפערט רב ששת אַזוי: "א מלכות אויף דער ערד איז גראַדע אַזוי ווי דער מלכות אין הימעל, און ביי גאָט ווערט דערצעהלט, אז ווען ער האָט זיך בעוויזען פאַר אליהו הנביא, איז צוערשט פערביי א גרויסער שטורם וואס האָט אויסגעריסען שטיינערנע בערג, נאָכדעם אַן ערדציטערנים, נאָכדעם א פלאַם פייער און צולעצט א לייכטע, שטילע שטימע. גאָט איז אבער געווען ניט

אין שטורם, ניט אין דער ערדציטערניש, און ניט אין פייער, נאָר אין דער שטילקייט".

און עס ווערט ווייטער דערצעהלט אז שפּעטער איז דער צדוקי אליין בלינד געוואָרען.

## 36

## ווי רבי שילא איז דערהויבען געוואָרען

רבי שילא האָט איינמאָל בעשטראָפט א מענשען, וועלכער האָט געזינדיגט מיט א פרוי. איז דער מענש אוועק און האָט זיך בעקלאָגט פאַר דער רוימישער רעגיערונג. ער האָט אזוי געזאָגט: „עס איז דאָ איינער א מאַן ביי די אידען וואָס גיט ארויס משפטים אָהן די ערלויבניס פון דער רעגירונג". האָט די רעגיערונג געשיקט א בעאמטען, ער זאָל די קלאגע אונטערזוכען. אז ער איז געקומען, האָט ער געפרעגט ביי רבי שילא: „פאַרוואָס האָסטו דעם מאַן באשטראָפט?" האָט רבי שילא געזאָגט וואָס יענעמ׳ס פאַרברעכען איז געווען. „האָסטו עדות?" האָט דער בעאמטער געפרעגט. „יא, איך האָב אן עדות", האָט רבי שילא געענטפערט. איז טאַקע אָנגעקומען אליהו הנביא און ער האָט זיך פערשטעלט פאַר א מענשען און האָט עדות געזאָגט אז ער האָט צוגעזעהן דעם פערברעכען.

דאָ איז דער רעגיערונג׳ס בעאמטער געוואָרען שטאַרק בייז אויף דעם פערברעכער און האָט מיט כעס אויסגערופען: „אויב אזוי קומט איהם טאַקע הרג׳ענען!" האָט ר׳ שילא געזאָגט: „זייט מיר זיינען פערטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד האָבען מיר קיין רעכט צו בעשטראָפען מיט׳ן טויט. איהר קענט טהאָן מיט איהם וואָס איהר ווילט. גאָט האָט אין אייערע הענד געגעבען די מאַכט און דאָס רעכט צו משפּט׳ן מענשען לויט דעם געזעץ".

דעם בעאמטען איז דער ענטפער זעהר געפעלען געוואָרען. און ער האָט געזאָגט צו רבי שילא: „דערפאַר וואָס איהר אידען שעצט אונזער רעגיערונג, וויל איך דיך מאַכען פאַר א ריכטער מיט דער פולער מאַכט צו משפּט׳ן מענשען". ער האָט ר׳ שילא׳ן געגעבען אן אייזערנעם שטעקעלע, אזא ווי

עס פלעגען טראָגען די ריכטער פון רוים, און ער האָט צו איהם געזאָגט: "זייט מיט אלע ריכטער צוגלייך און משפט מענשען לויט דעם געזעץ".

## 37

## די הויז פון צדקה

עולא און רב חסדא זיינען צוזאמען געגאנגען אין וועג. אז זיי זיינען אָנגעקומען ביי דער טיהר פון דער הויז פון רב חנא, דער זוהן פון חנילאי, האָט רב חסדא זיך אָפּגעשטעלט און א זיפץ געטהאָן.

"וואָס זיפצסטו?" האָט עולא געפרעגט. "ווייסטו דען ניט אז רב האָט געזאָגט דאָס א זיפץ צוברעכט א העלבען קערפּער פיז מענשען און אז ר' יוחנן האָט געזאָגט דאָס א זיפץ צוברעכט דעם גאנצען קערפּער פון א מענשען?"

"ווי זאָל איך ניט זיפצען?" האָט רב חסדא געענטפערט. "די הויז אין וועלכע עס זיינען געוועזען זעכציג בעקער ביטאָג און זעכציג בעקער ביינאכט און זיי האָבען געבאַקט ברויט פאר יעדען וואָס ראָט זיך געשעהמט צו נעהמען פון דער צדקה קאַסע; די הויז וועלכע האָט געהאַט פיער טיהרען צו אלע פיער זייטען פון דער וועלט, און וואוהין ווער עס פלעגט אריין א הונגעריגער פלעגט ארוים א זאטער; די הויז פון וואנען מען פלעגט פערטיילען ווייץ און גערשטען אין הונגער יאָהרען, און ווער עס האָט זיך געשעהמט צו נעהמען ביטאָג פאר אלעמען, פלעגט קומען נעהמען אין דער שטילער נאכט, אָט פון דיזער הויז איז געוואָרן א תל—חורבה ווי זאָל איך ניט זיפצען?"

## 38

# פון וואנען ערדציטערנים קומט

רב קטינא איז איינמאל געגאנגען אין וועג. ווען ער איז פערבייגעגאנגען די טיהר פון א מכשף האט די ערד א ציטער געטהאן. האט רב קטינא געפרעגט: "ווייס דען דער מכשף וואס בעדייט דאס וואס די ערד ציטערט?" האט דער מכשף אויסגעשריען: "קטינא, קטינא! ווארום דענקסטו אז איך ווייס ניט? איך ווייס אז ווען דער אויבערשטער דער־מאנט זיך ווי זיינע קינדער לעבען אין צער פערגיסט ער, כביכול, צוויי טרערען און זיי פאלען אריין אין ים הגדול, און דאס מאכט אזא רעש וואס הערט זיך פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען. אט פון דעם ווערט אן ערדציטערנים". האט רב קטינא געזאגט: "דער מכשף איז א ליגנער און זיינע רייד זיינען ליגען. ווען דאס וואלט געווען אזוי, וואלט די ערד צוויי מאל געציטערט, פאר יעדען טרער איין מאל."

עס איז אפילו אמת אז די ערד ציטערט מעהר ווי איין מאל, אבער רב קטינא האט דעם מכשף ניט געוואלט צוגע־בען, כדי מענשען זאלען איהם ניט גלויבען און ער זאל ניט קענען פערפיהרען די וועלט.

רב קטינא האט געהאט זיין אייגענע מיינונג. ער האט געזאגט אז אן ערדציטערנים קומט פון דעם וואס דער אויי־בערשטער, ווען ער דערמאנט זיך ווי די אידען ליידען אין גלות, גיט א פאטש איין האנד אן דער אנדערער, אזוי ווי א מענש וואס איז אין גרויס פערצווייפלונג.

רבי נתן זאגט אז אן ערדציטערנים קומט פון דעם וואס ער, כביכול, גיט א זיפץ אויף די אידישע צרות.

## 39

# אַלעס וואָס געשעהט איז צום גוטען

אַ מענש דאַרף זיך איינגעוואוינען אין דעם גלויבען, אַז וואָס פאַר אַן אומגליק עס קומט אויף איהם, איז אַלץ צום גוטען. אזוי האָט געזאָגט רבי עקיבא. און געזאָגט האָט ער דאָס צוליעב אַזאַ געשיכטע וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

רבי עקיבא איז געגאַנגען אין וועג, האָט ער מיט זיך גע־פיהרט אַן אייזעל, אַ האָהן און אַ ליכט. דעם אייזעל האָט ער געפיהרט צו רייטען אויף איהם, דעם האָהן — איהם אויפ־צואוועקען פריהמאָרגענס, און דאָס ליכט איהם צו בעלייכ־טען אין דער פינסטער. איז ער איינמאָל אָנגעקומען אין אַ שטעדטעל און געבעטען מען זאָל איהם לאָזען איבערנעכטי־גען. האָט מען איהם ענטזאָגט. רבי עקיבא האָט דאָס אָנ־גענומען אין גוטען מוטה און האָט געזאָגט: "וואָס מען טהוט פון הימעל, איז אַלץ צום גוטען". איז ער אוועק און גענעכטיגט אין פעלד. איז געקומען אַ לייב און אויסגעגעסען זיין אייזעל. נאָכדעם איז געקומען אַ ווילדע קאַטץ און האָט אויפגעגעסען דעם האָהן, צולעצט איז געקומען אַ שטאַרקער ווינד און האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט.

אויף מאָרגען האָט ר' עקיבא זיך דערוואוסט אַז אין דער נאַכט האָבען רויבער געמאַכט אַן אָנפאַל און בערויבט די שטעדטעל אין וועלכע ער האָט געוואָלט איבערנעכטיגען די נאַכט. האָט רבי עקיבא געזאָגט צו די מענשען: "זעהט איהר דען ניט אַז אַלעס פיהרט צו גוטען? ווען מען וואָלט מיך געלאָזט נעכטיגען אין שטאָדט, וואָלטען די רויבער מיך אויך געפּאַקט. ווען דאָס ליכט וואָלט געברענט, אָדער דער האָהן וואָלט געקרעהט, אָדער דער אייזעל וואָלט געשריגען, וואָלטען דאָך די רויבער מיך אין וואַלד אויך אויסגעפינען".

# 40

# די ענדע פון א גרויסען מארטירער

איינמאל האט די רעגירונג פון רוים ארויסגעגעבען א גזירה אז די אידען זאלען מעהר די תורה נים לערנען.

פארגעסען זאל ווערען די אידישע לעהרע, פארגעסען זאלען ווערען די געזעצגעבער און די נביאים!

אזוי האט געוואלט די טיראנישע הערשאפט פון רוים, וועלכע האט געהאלטען דאס לאנד פון יהודה אין איהרע שארפע נעגעל.

וואס האט רבי עקיבא געטהאן? האט ער איינגעשטעלט זיין לעבען און איז געגאנגען פון שטאדט צו שטאדט און האט געגרינדעט שוהלען אין וועלכער ער פלעגט דרש'ענען און לערנען מיט'ן עולם.

איינמאל האט איהם בעגעגענט פפוס בן יהודה, א גרויסער חכם און א חייסער אידישער פאטריאט. זאגט צו איהם פפוס: "האסטו גאר קיין מורא פאר דער רעגירונג?" האט איהם ר' עקיבא געענטפערט: "דו פפוס, וואס אלע האלטען דיך פאר א חכם ביזטו טאקע ניט מעהר ווי א נאר! איך וועל דיר דערצעהלען א משל וואס איז זעהר עהנליך צו דער זאך. א פוקס האט איינמאל שפאציערט ארום א טייך. האט ער געזעהן ווי עס לויפען ארום פישעלעך אהין און אהער אין וואסער. האט ער שטארק חשק בעקומען צו די פישעלעך. זאגט ער צו זיי: "ווארום לויפט איהר אזוי ארום?" ענטפערן איהם די פישעלעך: "מיר לויפען פון די נעצען אין וועלכע מען וויל אונז כאפען." זאגט דער פוקס צו זיי: "ווילט איהר, קומט ארויף צו מיר אויף דער יבשה, און מיר וועלען וואוינען צוזאמען אזוי פריינדליך און ברידערליך ווי עס האבען געלעבט אייערע עלטערן מיט מיינע". האבען די פישעלעך געזאגט: "דו פוקס איינער! דו, וואס מען האלט דיך פאר דעם קליגסטען פון אלע חיות, ביזט דאך גאר א נאר. האסטו געהערט א חכמה? ווען דא, אין דעם ארט וואו מיר לעבען זיינען מיר אין שטענדיגער מורא, חיינט ווי איז שוין אויף דער יבשה, וואו מיר קענען נים לעבען, דארט איז דאך פאר אונז א זיכערער טויט". און אזוי ווי מיט די פיש איז אויך מיט אונז אידען. ווען מיר לערנען די תורה, וואס זי איז אונזער

אויפהאלט אין לעבען, האָבען מיר מורא פאר'ן שונא, היינט ווי איז שוין, אז מיר וועלען אויפהערען צו לערנען?"

א קורצע צייט שפּעטער האָט מען רבי עקיבא'ן געכאַפּט און ארייגעזעצט אין געפענגניס. צו דערזעלבער צייט האָט מען אויך ארעטירט פּפוס'ן און איהם ארייגעזעצט נעבען רבי עקיבא. האָט רבי עקיבא איהם געפרעגט: "ווער האָט דיך נעבראַכט אהער?" האָט פּפוס איהם געענטפערט: "וואויל איז דיר, רבי עקיבא, וואס דו זיצט אין געפענגניס צוליעב דער תורה, וועה איז מיר וואס מען האָט מיך ארייגעזעצט צוליעב נארישקייטען".

און ווייטער ווערט דערצעהלט, אז ווען מען האָט ר' עקיבא'ן ארויסגעפיהרט צו דער הריגה, איז דאס גראדע געווען די צייט פון קריאת שמע. א שווערען און א ביטערען טויט האָבען די רוצחים פאר איהם אויסגעקלעהרט. מיט אייזערנע קאַמען האָבען זיי זיין הויט פון לייב געריסען, אבער ער האָט זיינע יסורים אָנגענומען מיט ליעבע, וויסענדיג אז ער שטארבט פאר א הויכען אידעאַל. און צו זיינע תלמידים וואס זיינען דערביי געשטאַנען און האָבען איהם בעדויערט, האָט ער געזאָגט: "מיין גאַנצען לעבען האָב איך זיך ארומגעטראָגען מיט דעם געדאַנקען צו שטאַרבען פאר מיין ליעבע צו גאָט, און יעצט איז די געלעגענהייט ענדליך געקומען". און ער האָט געזאָגט "שמע ישראל" און געצויגען דעם "אחד" ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט'ן אחד.

ווען די מלאכים אין הימעל האָבען דאס דערזעהן, האָבען זיי אויסגעבראָכען אין א געוויין, און צום רבונו של עולם האָבען זיי געזאָגט: "אָט אזוי בעצאָהלסטו פאר דעם וואס מען לערנט דיין תורה?" איז ארויס א בת קול און האָט געענטפערט: "וואויל איז צו דיר, רבי עקיבא, וואס דיין נשמה איז ארויס מיט אחד! דו געהסט יעצט אין א בעסערע, א שעהנערע וועלט!"

# מסכת שבת

## 1

## מע טאָר זיך ניט נעהמען איין זיכער

זיינען די חכמים איינמאָל געזעסען און האָבען געלערנט דעם דין אז שבת טאָר מען ניט לעזען פאר אַן אויל לאָמפּ, ווייל מען קען זיך פערגעסען אז עס איז שבת און איינבויגען דעם לאָמפּ אום די אויל זאָל בעסער צוקומען צום קנייטעל, און דאס איז גראדע אזוי ווי אנצינדען א לאָמפּ אום שבת.

האָט ר׳ ישמעאל בן אלישע געזאָגט : ״איך קען יא לייע־נען פאר א לאָמפּ און איך בין זיכער אז איך וועל דעם לאָמפּ ניט אָנריהרען״.

אבער שפּעטער האָט זיך געמאכט א צופאל, אז ער איז געזעסען און געלעזען און ווען דאס ליכט האָט אָנגעהויבען דונקעל צו ווערען האָט ער זיך פערגעסען אז עס איז שבת, און האָט געוואָלט דעם לאָמפּ איינבויגען, אבער גלייך האָט ער זיך דערמאנט אז עס איז שבת. האָט ער דאן געזאָגט : ״ווי קלוג זיינען די רייד פון די געלעהרטע וואס האָבען פער־באָטען צו לעזען שבת פאר א לאָמפּ !״

רבי נתן דערצעהלט די געשיכטע אנדערש. ר׳ ישמעאל האָט טאקע יא איינגעבויגען דעם לאָמפּ, און נאָך שבת האָט ער פערשריבען אין זיין בוך : ״איך ישמעאל בן אלישע האָב איינגעבויגען א לאָמפּ אום שבת. ווען דער בית המקדש וועט צוריק געבויט ווערען וועל איך ברייגנען א קרבן פאר מיין זינד״.

## 2

# אומזיסט שטראָפט ניט גאָט

אמאָל איז געווען א יונגער מאַן, א תלמיד חכם, א וואויל געלערנטער און א פרומער. טאָג און נאַכט איז ער געזעסען און געלערנט. ער האָט געלערנט פאר זיך און אויך פיעל געלערנט ביי אנדערע תלמידי חכמים. ער האָט געהאט א גוטען נאמען און אלע האָבען איהם געליעבט און געאַכטעט. אבער אין די רעכטע בליהענדע יאָהרען איז ער געשטאָרבען. זיין פרוי האָט דאס ניט געקענט פערשטעהן, ווארום אזא פרומער און א גוטער מאַן זאָל אזוי פריה פון דער וועלט אוועק. וואו איז די הימעלישע גערעכטיגקייט? וואו איז גאָט'ס יושר? איהר הארץ איז געוואָרען פול מיט ביטערקייט און פראָטעסט. האָט זי גענומען איהר מאַנ'ס תפילין און איז ארומגעגאנגען איבער אלע שוהלען און בתי מדרשים, און האָט גע'טענה'ט: "אידען! איך וויל אייך פרעגען א קשיא: אין אונזערע הייליגע שריפטען ווערט געזאָגט, אז די תורה פערלענגערט א מענשענ'ס יאָהרען. נו, און מיין מאַן האָט אזוי פיעל תורה געלערנט, טאָ פאר וואס — וועה געשריען! — איז ער געשטאָרבען אזוי יונג?" און עס האָט זיך ניט געפונען איין מענש וואס האָט געהאט דעם מוטה איהר צו ענטפערען. איינמאָל איז דורכגעפאָהרען אין שטאָדט א גרויסער תנא און ער איז ביי איהר איינגעשטאַנען. האָט זי איהם דערצעהלט איהר טרויעריגע געשיכטע. האָט דער תנא צו איהר געזאָגט: "טאָכטער מיינע! גאָט שטראָפט ניט אומזיסט. אמת, דיין מאַן האָט קיינמאָל געזינדיגט. אבער עס איז דאָך מעגליך אז ער איז ניט געווען פאָרזיכטיג און האָט געטהאָן אזעלכע זאַכען וואס קענען ברייגען צו זינד".

פונקט אזוי ווי מען דארף זיך היטען פון זינד, אזוי דארף מען זיך היטען פון געדאַנקען און געוואוינהייטען וואס קענען ברייגען צו זינד.

## 3

# ווען די שבת ליכט לייכטען

רב הונא, איז איינמאָל פרייטאג פארנאכט נעגאנגען היין און צוריק פערביי די הויז פון ר' אבין דעם טישלער, האָט ער געזעהן דעם טישלער׳ס פרוי אָנצינדען א סך ליכט לכבוד שבת. האָט רב הונא געזאָגט: "צוויי גרויסע לייט וועלען ארויס פון דער הויז". זיינען פון די פּאָאר פּאָלק ארויס רב אידי בר אבין און רב חייא בר אבין.

## 4

# דער לעצטער טאָג פון דוד המלך

"א לעבעדיגען הונד איז בעסער ווי א טויטען לייב", האָט שלמה המלך געזאָגט.

א גרויסער אמת, א טרויעריגער אמת, ליעגט אין דיזע ווערטער. א לייב איז נאָר א לייב ווען ער לעבט, אז ער איז טויט איז א לעבעדיגען הונד שוין בעסער פון איהם.

שלמה המלך האָט דיזען ווערטעל ניט אין גאנצען אויס־געטראכט פון קאָפּ. ער האָט מיט דעם לייב געמיינט זיין אייגענעם פאטער, דוד המלך.

דוד האָט איינמאָל געזאָגט צו גאָט: "רבונו של עולם! איך בעט דיך, זאָג מיר אויס ווען קומט מיין סוף?" האָט דער אויבערשטער געענטפערט: "איך האָב איינגעפיהרט א געזעץ אז קיין מענש זאָל וויסען ווען זיין סוף קומט". האָט דוד ווידער געבעטען: "זאָג מיר כאָטש די צאָהל פון מיינע יאָהרען". האָט גאָט געענטפערט: "איך האָב אויך איינגע־פיהרט אז קיין מענש זאָל וויסען די צאָהל פון זיינע יאָהרען". האָט זיך דוד געבעטען: "זאָג מיר כאָטש, האר פון אלע וועלטען, אין וואס פאר א טאָג איך וועל שטארבען". האָט כביכול געענטפערט: "דו וועסט שטארבען אום שבת". האָט דוד געבעטען: "לאָמיך שטארבען א טאָג נאָך שבת".

"ניין", האָט גאָט געענטפערט, "א טאָג נאָך שבת פאנגט זיך אָן די הערשאפט פון דיין זוהן שלמה, און עס איז ביי

מיר איינגעפיהרט אז די צייט וואס איז בעשטימט פאר איין הערשאפט קען קיין אנדער הערשאפט פארנעהמען".

"טאָ לאָמיך שטארבען אום ערב שבת", האָט דוד געבעטען. (עס איז איהם ליעבער געווען צו שטארבען א טאָג פריהער, איידער אום שבת.)

"ניין, צו פריה קענסטו אויך ניט שטארבען", האָט דער אויבערשטער געזאָגט, "ווייל עס איז ביי מיר ליעבער איין טאָג וואס דו לערנסט תורה אלס טויזענד קרבנות וואס דיין זוהן וועט מיר מקריב זיין".

פון דאַן אָן פלעגט דוד א גאנצען שבת זיצען און לערנען. אז עס איז געקומען דער שבת אין וועלכען ער האָט געדארפט שטארבען, האָט זיך דער מלאך המות אוועקגעשטעלט קעגען איהם. אבער ער האָט איהם גאָר נישט געקענט טהאָן, ווייל דוד האָט ניט אויפגעהערט צו לערנען. האָט דער מלאך המות געזאָגט צו זיך: "וואָס טהו איך מיט איהם?"

הינטער דעם קעניגליכען פאלאסט איז געווען א שעהנער גארטען. איז דער מלאך המות ארויס אין גארטען און האָט גענומען שאָקלען די בוימער. ווען דוד האָט דערהערט דעם גערויש, איז ער ארויס אין דרויסען אום צו זעהן, ווער שטערט עם די רוהע פון שבת אין גארטען. דוד איז געגאנגען און געלערנט. אבער ארונטערגעהענדיג די טרעפ, האָט זיך איין טרעפ ארויסגעגליטשט פון אונטער זיינע פים. דוד איז אויף אן אויגענבליק שטיל געוואָרען. אין דעם אויגענבליק איז ער געשטאָרבען, און איז געבליבען ליגען אין דרויסען.

האָט שלמה געשיקט פרעגען די אידישע געלעהרטע: "וואס זאָל איך טהאָן? מיין פאטער ליעגט אין דער הייסער זונן, און די הינט זיינען הונגעריג, און בילען, און שארפען די צייהן?..."

און די געלעהרטע האָבען געענטפערט: "א קעניג איז דיין פאטער געווען ווען ער האָט געלעבט. יעצט איז ער טויט ווי אלע טויטע. צוליעב א טויטען קען מען ניט מחלל שבת זיין. אָט וואס דו קענסט טהאָן. ווארף צו די הינד עפעס עסען, און אויף דיין פאטער'ס קערפער לייג ארויף א קליין קינד, א לעבעדיגעס, און דאן וועט מען דיין פאטער מעגען אריינטראָגען אין הויז צוליעב דאס קינד."

דאן האָט שלמה פילאזאפיש בעמערקט: א לעבעדיגען הונט איז בעסער ווי א טויטען לייב".

## 5

# די שלעכטע שווינער

אפילו אין די אמאָליגע צייטען האָט מען געליטען פון שלעכטע שוויגערס.

דערצעהלט דער תלמוד אזא געשיכטע:

עס איז אמאָל געווען א שוויגער וואס האָט פיינד געהאט די שנור. האָט זי צו איהר איינמאָל געזאָגט: "געה, טאָכטער־שע, שמיר זיך אויס אין שמעקעדיגען בוימאייל, כדי מיין זוהן זאָל דיך בעסער ליעב האָבען".

ווען די שנור איז געקומען א געזאַלבטע, האָט די שוויגער געזאָגט: "יעצט צינד אָן א ליכט, איך זאָל בעסער זעהן ווי שעהן דו ביזט".

אז די שנור איז צוריק געקומען מיט דער ליכט אין האַנד, האָט די שוויגער א בלאָז געטהאָן אויפ'ן פייער. די שנור'ס קליידער האָבען זיך אָנגעכאפט דורך דעם בוימאייל, און זי איז פארברענט געוואָרען.

## 6

# הלל'ס גרויסע געדולד

די רבנן האָבען אזוי געזאָגט: "אימער זאָל א מענש זיך האַלטען קליין און געלאַסען ווי הלל און ניט זיין אזוי קאפריזנע ווי שמאי."

צוויי מענשען האָבען זיך אמאָל געוועט, אז ווער פון זיי עס וועט ארייננברייננגען הלל'ן אין כעס זאָל בעקומען פיער הונדערט גילדען. האָט איינער געזאָגט: "איך וועל איהם ברייז מאכען." דאס איז גראָדע געווען ערב שבת, און הלל האָט זיך גראָדע דאן איינגעוואשען זיין קאָפ לכבוד שבת. איז יענער מאַן, וואס האָט זיך געוועט, געקומען, האָט זיך אַרומ־געדרעהט ביי הלל'ס מיהר און האָט אויסגערופען אין זעהר ניט אַן איידעלען טאָן: "וועד איז דאָ הלל? ווער איז דאָ אָט א דער הלל?" האָט הלל זיך איינגעוויקעלט אין א טוך, איז ארויס צו דעם מאַן און האָט איהם זעהר

פרייגדליך געפרעגט: "זוהן מיינער, וואס פערלאנגסטו?" זאָגט יענער: "איך האָב דיר עפּעס צו פרעגען". זאָגט הלל: "פרעג, מיין זוהן". פרעגט יענער: "ווארום האָבען די מענשען פון בבל חאלב קיילעכדיגע קעפּ?" ענטפערט הלל: "מיין קינד, האָסט געפרעגט א וויכטיגע פראגע. דאס איז דערפאר ווייל זיי האָבען קיין קלוגע הייבאמעס". איז יענער אוועק, זיך געזאמט א שעה, צוריקגעקומען און געפרעגט: "געפינט זיך דאָ איינער, עפּעס א הלל?" איז הלל ווידער ארויס און געפרעגט: "וואס פערלאנגסטו, מיין זוהן?" זאָגט יענער: "איך וויל עפּעס פרעגען". זאָגט הלל: "פרעג, מיין זוהן". פרעגט יענער: "פארוואָס האָבען די מענשען פון תרמוד שוואכע אויגען?" ענטפערט הלל: "ווייל זיי וואוינען אין א זאמדיגען אָרט". דער מאַן איז אוועק, זיך געזאמט א שעה, צוריקגעקומען און געפרעגט: "ווער איז דאָ איינער, עפּעס א הלל?" איז הלל ווידער ארויס צו איהם, און געפרעגט וואס ער פערלאנגט. זאָגט דער מאַן: "איך האָב דיר א פראגע צו פרעגען". זאָגט הלל: "פרעג, מיין זוהן". פרעגט יענער: "פארוואָס האָבען די מענשען פון דער פּראָווינץ אפריקי ברייטע פיס?" ענטפערט הלל: "ווייל זיי וואוינען אין זומפען".

האָט דער מאַן געזאָגט: "איך האָב דיר נאָך א סך זאַכען צו פרעגען, אבער איך האָב מורא, דו וועסט ארויס פון געדולד". האָט הלל זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט: "קענסט פרעגען וואס נאָר דו ווילסט".

פרעגט דער מאַן: "דאס ביזטו הלל וועמען מען רופט דער אידישען נשיא?" ענטפערט הלל: "יא". זאָגט דער מאַן: "אויב אזוי, זאָלען ביי אידען ניט זיין א סך אזוי ווי דו". פרעגט הלל: "ווארום?" ענטפערט דער מאַן: "ווייל איבער דיר האָבען איך פערלאָרען 400 גילדען". זאָגט הלל: "עס איז בעסער אז דו זאָלסט פערלירען 400 גילדען איידער הלל זאָל זיין געדולד פערלירען".

## 7
## הלל, שמאי און די גרים

איינמאָל איז אַ גוי געקומען צו שמאי און האָט צו איהם געזאָגט: "איך וועל אָננעהמען דעם אידישען גלויבען מיט דעם בעדינג אז דו זאָלסט מיך אויסלערנען די גאַנצע תורה אין אַזאַ קורצע צייט ווי פיעל איך קען שטעהן אויף איין פוס." האָט איהם שמאי אַ שטויס געטאָן מיט אַ מאָאָס וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנט.

איז דער גוי אוועק און איז געקומען צו הלל און פון איהם געפאָדערט די זעלבע זאַך. האָט הלל איהם מגייר געווען און געזאָגט: "טוה ניט אַן אנדער מענשען אַזאַ זאַך וואָס דו ווילסט ניט אז מען זאָל דיר טהאָן. אָט דאָס איז די גאַנצע תורה. דאָס איבעריגע איז בלויז אַ פירוש אויף דעם. געה, און לערן."

נאָך אַ מאָל האָט זיך געמאַכט אַזאַ געשיכטע: אַ גוי איז געקומען צו שמאי און האָט געזאָגט: "מאַך מיך פאַר אַ אידען, כדי איך זאָל ווערען אַ כהן גדול." האָט איהם שמאי ארויסגעטריבען. איז דער גוי געקומען צו הלל. האָט הלל צו איהם געזאָגט: "זאָג אליין, מאַכט מען דען אימיצען פאַר אַ מלך ווען ער ווייס ניט די עטיקעטע פון קעניגליכען הויף? דו דאַרפסט צוערשט לערנען." איז דער גוי אוועק און האָט גענומען לערנען. האָט ער געלערנט אין דער תורה אז אויב אַ פרעמדער וואָס איז ניט אַ כהן קומט אין קדשי קדשים שטאַרבט ער. פרעגט דער גוי: "וועמען איז דאָס געמיינט?" האָט הלל געענטפערט: "דאָס מיינט מען יעדען איינעם וואָס איז ניט אַ כהן — ער מעג זיך אפילו זיין דוד מלך ישראל." האָט דער גוי זיך געטראַכט: "ווען אפילו אידען וואָס זיינען גאָט'ס ליעבלינגען און דאָך קען ניט יעדער איינער פון זיי זיין אַ כהן גדול, היינט ווי איז שוין איך, אַ פרעמדער? איך וועל שוין בעסער זיין אַזוי אַ איד, און ניט טראַכטען פון אַ זאַך וואָס איז אונמעגליך."

## 8
## רבי שמעון בן יוחאי'ס גלות

דער גרעסטער שונא וואָס אַ מענש האָט איז זיין אייגענער מויל.

אמאָל זיינען די אידישע גלעהרטע אריינגעקומען אין דעם בית המדרש פון יבנה פרעגן, וואָרום די קראַנקהייט אסכרה (אזא האלז ענטצינדונג) פון וועלכע מענשען האָבען אין יענער צייט פיעל געליטען, פאַנגט זיך אָן אין בויך און ענדיגט זיך אין מויל. האָט רבי יהודה, דער זוהן פון אלעאי, דער ערשטער רעדנער, די זאַך אזוי ערקלעהרט: "כאָטש אפילו די ניערען פון אַ מענשען ריידען איהם איין צו שלעכטע גדאַנקען, און זיין הארץ בעטראַכט די גדאַנקען, און די צונג דריקט זיי אויס, טהוט דאָך דער מויל זיי פערענדיגען און זיי ארויסגעבען אין אַ שפראַך!"

און אין דיעזער ערקלעהרונג האָט רבי יהודה בר אלעאי אָנגעדייטעט אויף אַ טראַגישע פּאַסירונג אין זיינע צייטען. עס איז אמת אַז ער איז דערהויבען געוואָרען צו זיין דער ערשטער רעדנער איבעראַל, אָבער דיעזער כבוד איז איהם געקומען געגען זיין ווילען, און ער האָט דאָס גערעכענט פאַר אַן אונגליק, און אַלץ צוליעב דעם וואָס איינער איז איינמאָל ניט פאַרזיכטיג געוועזען מיט זיין מויל!

די מעשה איז אזוי געוועזען:

איינמאָל איז רבי יהודה בר אילעאי געזעסען צוזאַמען מיט רבי יוסי און רבי שמעון בן יוחאי און האָבען גערעדט. איז נעבען זיי געזעסען איינער, וועמעס טאַטע און מאַמע האָבען זיך מגייר געוועזען און מען האָט איהם דערפאַר גערופען יהודה בן גרים. האָט רבי יהודה בר אילעאי געזאָגט: "וואָס פאַר אַ שעהנע זאַכען די רוימער האָבען אויפגעטהאָן! זיי האָבען איינגעפיהרט מערק צו פיהרען געשעפטען, אויפגעשטעלט בריקען און געבויט בעדער." ר' יוסי האָט געשוויגען. אָבער ר' שמעון האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגערופען: "אַלעס וואָס די רוימער האָבען איינגעפיהרט איז נאָר צוליעב זייער אייגענעם נוצען. זיי האָבען געמאַכט מערק אום עס זאָלען דאָרטען זיצען אויסגעלאַסענע פרויען, בעדער אום זיך צו וואוילטאָגען, בריקען אום צו נעהמען צינזען."

איז יהודה בן גרים געגאַנגען און האָט דעם געשפּרעך איבערדערצעהלט פאַר אנדערע. און אזוי איז דאָס געגאַנגען פון מויל צו מויל, ביז עס האָט פון דערהערט די רוימישע רעגיערונג. איז פון רוים אָנגעקומען אַ בעפעהל: "יהודה בר אילעאי, וועלכער האָט די רעגיערונג געלויבט, זאָל דערהויבען ווערען, ער זאָל זיין דער הויפּט רעדנער און איבעראַל

האָבען דאָס ערשטע וואָרט. יוסי וועלכער האָט געשוויגען זאָל פערטריבען ווערען נאָך דער שטאָדט צפורי. שמעון וועלכער האָט די רעגיערונג בעליידיגט זאָל בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט."

האָט רבי שמעון גענומען זיין זוהן און זיך מיט איהם בעהאַלטען אין בית המדרש. יעדען טאָג פלעגט זיין פרוי בריינגען ברויט און א קריגעל וואַסער און זיי פלעגען עסען. ווען מען האָט זיי אָנגעהויבען שטאַרק צו זוכען און זיי זיינען געווען אין געפאַהר אז מען זאָל זיי אויסגעפינען, האָט ר' שמעון געזאָגט צו זיין זוהן: "איך האָב שטאַרק מורא אז די רוימער וועלען אָנטהאָן דיין מוטער יסורים און איהר צווינגען אויסצוזאָגען וואו מיר זיינען. זי איז דאָך ניט מעהר ווי א שוואַכע פרוי." זיינען זיי אַוועק און זיך בעהאַלטען אין א היהל, אין טיעפען וואַלד. איז זיי געשעהן א וואונדער. ביי דעם אָרט פון זייער בעהעלטעניס האָט זיך בעוויזען א באָקסער בוים און א קוואַל וואַסער. זיי האָבען געוואוסט אז זיי וועלען אין דעם אָרט דאַרפען פערברייינגען יאָהרען, האָבען זיי געוואָלט שפּאָרען זייערע קליידער. האָבען זיי די קליידער אראָבגענומען און געזעסען א גאַנצען טאָג אין זאַמד, ביז'ן האַלז, און געלערנט. ווען עס פלעגט קומען די צייט פון דאַוונען, פלעגען זיי ארויסקריכען פון זאַמד, אָנטהאָן די קליידער און דאַוונען, און נאָכדעם פלעגען זיי ווידער אראָבנעהמען די קליידער, אום זיי זאָלען ניט פערפוילט ווערען.

אזוי האָבען זיי פערבראַכט אין דער הייל צוועלף יאָהר, ביז עס איז געקומען אליהו און האָט זיי אָנגעזאָגט אז דער רוימישער קייסער איז שוין טויט און אז די טויט שטראָף אויף זיי איז בטל געוואָרען.

זיינען רבי שמעון און זיין זוהן ארויס פון זייער בעהעלטענים און האָבען זיך געלאָזט געהן אהיים. אויפ'ן וועג זיינען זיי פערביי געגאַנגען א פעלד וואו מענשען האָבען געאַקערט און געזייהט. האָט ר' שמעון אויסגערופען: "זעה וואס די מענשען זיינען! זיי פערלאָזען די תורה וואס ניט אייביגען לעבען און זיי גיבען זיך אָב מיט זאַכען וואס זיינען נאָר אויף א קורצער צייט!" זיינען זיי געגאַנגען ביידע און אויף וואָס נאָר זיי האָבען געוואָרפען אַן אויג, איז די זאַך גלייך פערברענט געוואָרען. האָט זיך געלאָזט הערען א שטימע פון הימעל: "וואָס טהוט איהר? איהר זייט געקומען חרוב מאַכען מיין שעהנע וועלט? געהט זיך צוריק אין אייער

הייהל!" זיינען זיי אוועק צוריק צום הייהל און זיינען דאָרט אָבגעזעסען 12 חדשים. נאָכדעם האָבען זיי געגומען טענה'ן: "די שטראָף פון רשעים איז צוועלף חדשים אין גיהנם. שוין זשע זיינען מיר ערגער פון רשעים?" האָט די שטימע פון הימעל געענטפערט: "יעצט קענט איהר אייער הייהל פער־לאָזען!"

אבער רבי אלעזר, דער זוהן פון רבי שמעון, האָט זיך נאָך אלץ ניט בערוהיגט. ער האָט די מענשען ניט געקענט מוחל זיין וואָס זיי גיבען זיך אָב מיט וועלט זאכען, איז ער געגאַנגען און האָט די מענשען ניט אויפגעהערט צו שטראָפען. אָבער וואו דער זוהן פלעגט וועה טהאָן, פלעגט דער פאטער היילען און טרייסטען, און צו זיין זוהן האָט ער געזאָגט: "עס איז גענוג פאר דער וועלט אז עס געפינען זיך אזעלכע צוויי מענשען ווי איך און דו".

ווען זיי זיינען שוין געווען נאָהענט פון זייער היים איז געווען ערב שבת, האָבען זיי געזעהן ווי אַן אלטער מאַן טראָגט צוויי בוקעטען שמעקעדיגע בלומען. פרעגען זיי איהם: "וואָס איז דאָס?" האָט ער זיי געענטפערט: "דאָס איז לכבוד שבת."

"זעה, מיין זוהן," האָט ר' שמעון געזאָגט צו ר' אלעזר, "ווי טייער עס האַלטען אונזערע אידען דעם שבת!" איז ר' אלעזר שוין געווען צופריעדען.

ווען רבי פנחס בן יאיר, ר' שמעון'ס איידים, האָט דער־הערט אז זיין שווער איז צוריק געקומען, איז ער געגאַנגען איהם מקבל פנים זיין און האָט איהם געפיהרט אין באָד זיך ארומוואשען. ר' שמעון'ס לייב איז געווען פול מיט גריבער און וואונדען פון דעם זאמד אין וועלכען ער פלעגט זיצען, און אז רבי פנחס בן יאיר האָט דאס דערזעהן, האָט ער גענו־מען גלעטען די לייב פון זיין שווער און פון זיינע אויגען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען, און די געזאלצענע טרעהרען זיינען געפאלען אויף די וואונדען און געשמערצט, אָבער רבי שמעון איז געשטאנען און האָט געשמייכעלט. "וועה איז מיר וואס איך זעה דיך אין אזא לאַגע!" האָט ר' פנחס גע־קלאָגט. "ו ו א ו י ל איז מיר וואס דו זעהסט מיך אין אזא לאַגע!" האָט ר' שמעון געענטפערט.

און עס ווערט דערצעהלט, אז איידער ר' שמעון בן יוחאי איז אנטלאָפען פלעגט ער פרעגען ביי ר' פנחס בן יאיר א קשיא און יענער פלעגט איהם געבען צוועלף תירוצים. אָבער אז ר' שמעון איז צוריקגעקומען האָט ער געקענט אזוי פיעל,

ראס ווען רבי פנחס פלעגט ביי איהם פרעגן א קשיא פלעגט ר׳ שמעון איהם ענטפערען פיער און צוואנציג תירוצים.

## 9

## די בעדייטונג פון א נס

א־ינמאָל זיינען די רבנן געזעסען און האָבען בעשפראָ־כען א וואונדערליכע געשעהענים. ביי אן אָרימען אידען איז געשטאָרבען זיין פרוי און האָט איהם איבערגעלאָזען א זויג קינד. האָט דער אָרימאן ניט געהאט געלד צו דינגען אן אם פאר׳ן קינד. איז איהם געשעהן א נס. עס האָבען זיך ביי איהם געעפענט צוויי בריסט ווי ביי א פרוי און ער האָט אָנגעזויגען זיין קינד.

האָט רבי יוסי געזאָגט: ״זעהט, ווי גרויס איז דיזער מענש ווען עס איז איהם אזא נס געשעהן!״ האָט איהם אביי געענטפערט: ״פערקעהרט, ווי קליין דיזער מענש איז אז קיין אנדער וועג איהם צו העלפען איז ניט געווען סיידען צו ענדערען צוליעב איהם די נאמור פון דער וועלט״. האָט רב יהודה געזאָגט: ״דאָ זעהט מען מאקע ווי שווער עס איז דעם מענשען׳ס פרנסה אז צוליעב איהם האָט זיך געמוזט ענדערען די אָרדנונג פון דער וועלט״.

## 10

## זיין פרוי האָט געהאט בלויז איין האנד און ער האָט ניט געוואוסט

אמאָל איז געווען א מעשה מיט איינעם, א מענשען, וואס האָט גענומען א פרוי וועלכע האָט געהאט בלויז איין האנד, און ביז דעם טאָג פון איהר טויט האָט ער ניט גע־וואוסט פון איהר פעהלער.

האָט רבי יוסף געזאָגט: ״זעה ווי פרום און בע־שיידען דיזע פרוי איז געווען דאס איהר מאן האָט איהר אזוי וועניג געקענט!״ האָט רב הייא איהם געענטפערט: ״עס איז א גאנץ געוועהנליכע זאך פון א פרוי צו בעהאלטען איהרען א פעהלער. זאָג בעסער, ווי פרום איז געווען דער מאן וועלכער האָט זיין אייגענע פרוי נימ געקענט.״

## 11

# דער אנפאנג פון אידישען גלות

דערצעהלט רב יהודה אין נאמען פון שמואל אזוי:

ווען שלמה המלך האט גענומען די טאכטער פון פרעה האט זי איהם אריינגעבראכט טויזענד פערשידענע מוזי־קאלישע אינסטרומענטען, און זי האט איהם געלערענט: "אזוי שפיעלט מען לכבוד יענעם געטשקע, און אזוי פאר יענעם געטש". און שלמה האט איהר גאר ניט פערוועהרט. אין דעם זעלבען טאג וואס שלמה האט גענומען פרעה'ס טאכ־טער האט גבריאל אריינגעשטעקט א שטעקען אין ים, און ארום דעם שטעקען האט זיך אנגעקלעפט זאמד און קויט און פון דעם זאמד מיט די קויט איז אויסגעוואקסען אן אינ־זעל, און אויף דעם אינזעל האט זיך אויפגעבויט די קעניג־רייך פון רוים וואס האט ביי די אידען צוגענומען זייער לאנד און זיי פערטריבען אין גלות.

## 12

# האלט ניט א הונט אין הויז

"דער וואס האלט א הונט פערטרייבט גוטסקייט פון זיין הויז", אזוי האט געזאגט ר' אבא אין נאמען פון ר' שמעון בן לקיש.

א הונט פערטרייבט מענשען וואס זיינען אמאל אין א נויט און קומען בעטען א טובה.

אמאל איז א פרוי אריינגעקומען צו א בעקער אויסצו־באקען א ברויט. האט אהונט אויף איהר גענומען בילען. פאר שרעק האט די פרוי מפיל געווען. זאגט צו איהר די פרוי פון דעם בעקער: "שרעק זיך ניט פאר'ן הונט, מען האט ביי איהם ארויסגענומען זיינע פאדערשטע צייהן און ער קען ניט בייסען, מען האט ביי איהם אבגעשניטען זיינע נעגעל און ער קען ניט רייסען". האט די דערשראקענע געענטפערט: "נעהם דיין גוטסקייט און ווארף עס אויף די פוסטע דערנער. איך האב שוין מיין קינד פערלארען".

## 13
# א תשובה צו אן אפיקורס

אן אפיקורס האָט איינמאָל צוגעזעהן ווי רבא איז גע־זעסען און האָט געלערנט, און דערביי האָט ער געהאלטען די פינגער פון זיינע הענד אונטער זיינע פיס. ער האָט מיט די פיס אזוי געריבען די פינגער, דאָס בלוט האָט גערונען פון זיי. און רבא האָט עס גאָרניט געפיהלט ווייל ער איז געווען פערטיעפט אין לערנען. האָט דער אפיקורס געזאָגט: ״איהר איבעראיילטעס פאָלק! איהר וועלכע האָט געענטפערט מיט'ן מויל איידער איהר האָט געהערט מיט אייערע אויערען! אפילו יעצט האלט איהר זיך נאָך ביי אייער אונבערעכענ־היים. איהר האָט פריהער געדאַרפט אויסהערען וואָס פאר א תורה גאָט וויל אייך געבען, און אויב איהר קענט די תורה דורכפיהרען אין לעבען וואָלט איהר עס אָנגענומען, און אויב ניט, וואָלט איהר עס ניט אָנגענומען.״

האָט איהם רבא געענטפערט: ״מיר האָבען זיך אין גאָט פערטרויט האָט ער אונז בעהאנדעלט ווי עהרליכע מענשען. אָבער יענע מענשען וואָס טרויען ניט זיינען אליין פאלש און בעקומען א שלעכטען סוף.״

## 14
# משה און די מלאכים אין הימעל

ווען משה איז ארויף אין הימעל, האָבען די מלאכים געזאָגט צו דעם אויבערשטען: ״רבונו של עולם! ווי קומט אָט דער נפש וואס איז געבוירען פון א פרויענצימער, צווי־שען אונז?״ האָט ער זיי געענטפערט: ״ער איז געקומען נעהמען די תורה״. האָבען די מלאכים געזאָגט: ״וואס געהסטו טהאָן? אָט דעם טהייערען אוצר וואס ליגט ביי דיר בעהאַלטען נאָך איידער די וועלט איז בעשאפען געוואָ־רען, ווילסטו אוועקגעבען צו א בשר ודם? וואס איז דען א מענש? ניט ווערטה דו זאָלסט איהם אפילו דערמאנען.״

האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה'ן: ״ענטפער זיי דו״. האָט משה געזאָגט: ״רבונו של עולם! איך ציטער פאר זיי. זיי קענען דאָך מיר פערברענען מיט דעם דאמפף

פון זייער מויל״. האָט דער אויבערשטער געזאָגט: ״האָב קיין מורא. האַלט זיך אָן ביי מיין שטוהל און ענטפער זיי״.

און אז משה האָט בעקומען מוטה, האָט ער אזוי גענומען טענה׳ן: ״לאָמיר זעהן, וואס שטעהט דאָרט אין דער תורה? שטעהט דאָרט ניט: איך בין דיין גאָט וואָס האָט דיך ארויסגעצויגען פון מצרים? נו, און איהר, מלאכים, זייט איהר דען געווען אין מצרים? איהר האָט דען געדיענט ביי פרעה׳ן? ווייטער שטעהט אין דער תורה: דו זאָלסט ניט דיענען קיין אנדער גאָט — נו, און איהר, מלאכים, וואוינט דען צווישען געצענדיענער? ווייטער שטעהט דאָרט אז מען דאַרף רוהען שבת. נו, און איהר ארבייט דען הורך דער וואָך, דאס איהר נויטהיגט זיך אין א טאָג רוה? נאָכדעם שטעהט אז מען דאַרף עהרען פאטער און מוטער. האָט איהר דען טאטעס און מאמעס? נאָך ווייטער שטעהט אז מען טאָר ניט אומזיסט שווערען. פיהרט איהר דען ביי אייך געשעפ־טען? און וואס שטעהט דאָרט ווייטער? זאָלסט ניט מער־דערען, זאָלסט ניט זיין אויסגעלאסען, זאָלסט ניט גנב׳ענען. נו, האָט איהר דען א יצר הרע וואס טרייבט אייך צו טהאָן שלעכטס?״

ווען די מלאכים האָבען דאס אלעס אויסגעהערט האָבען זיי צוגעגעבען אז די תורה איז געמאכט נאָר פאר די מענשען, און יעדער מלאך איז געווארען משה׳ס פריינד און האָט איהם איבערגעגעבען א וויכטיגע זאך. אפילו דער מלאך המות האָט איהם אויך פערטרויט א וויכטיגע געה״מנים.

## 15

## משה דער עניו

נאָכדעם ווי משה איז ארונטער פון הימעל, איז דער שטן, דער אייביגער שונא פון די מענשען, געקומען צופליהען אָהן אטהעם, און ער האָט געשריען פאר דעם אייבערשטען: ״רבונו של עולם! וואו האָסטו אהין געטהאָן די תורה?״ האָט דער אייבערשטער געענטפערט: ״איך האָט זי ארונטער־געגעבען אויף דער ערד״. איז דער שטן ארונטער געגאנגען זוכען די תורה. ווען ער האָט געפרעגט די ערד, האָט די ערד געענטפערט ״גאָט ווייס וואו זי איז אוועק״. איז דער שטן געגאנגען צום ים. האָט דער אָבגרונד געזאָגט: ״ניט אין מיר״. איז ער געגאנגען צום גיהנם, האָט דער גיהנם געענט־

פערט: "איך האב בלויז געהערט פון דעם, אבער ווייסען וויים איך ניט."

איז דער שטן צוריקגעקומען אין הימעל און האט גע־זאגט: "רבונו של עולם! איך האב די תורה געזוכט אויף דער גאנצער ערד און האב זי ניט געפונען". האט ער איהם געענטפערט: "געה צו דעם זוהן פון עמרם". איז דער שטן געקומען צו משה'ן און האט איהם געפרעגט: „די תורה וואס גאט האט דיר געגעבען, וואו איז זי?" האט משה געענט־פערט: "ווער בין איך אזוינס וואס דער אויבערשטער וועט מיר געבען א תורה?" האט דער אייבערשטער זיך אבגערו־פען צו משה'ן: "דו משה, זאלסט זיין א ליגנער?" האט משה בעשיידען געענטפערט: "רבונו של עולם! דו האסט א טייערען אוצר וואס דו שפיעלסט זיך מיט איהם יעדען טאג, זאל איך זאגען אז דאס איז מיינס?" האט דער אייבערש־טער געזאגט צו משה'ן: "דערפאר וואס דו האסט זיך אזוי קליין געמאכט, וועט די תורה גערופען ווערען אויף דיין נא־מען — תורת משה".

## 16

# גימל דער רייכער און דלית דער אָרימער

ווארום האט מען אין דעם אלף בית געשטעלט דעם דלית נעבען גימעל? ווייל דער דלית איז דאך א דלות, אַן ארימאַן, האט מען איהם אוועקגעשטעלט נעבען גימל וועלכער טהוט גמילות חסדים. ווארום שטעהט דעם גימעל'ס פוס צו דער זייט פון דלית? דאס איז ווייל אזוי איז דער שטייגער אז די רייכע וואס ווילען טהאן א גוטע זאך לויפען נאך די ארימע. טא ווארום איז די פוס פון דלית אויסגעצויגען צום גימל? דאס איז כדי דער גוטער גימל, עס מיינט דער גמילות חסד טהוער, זאל איהם ניט דארפען ווייט זוכען. און פאר וואס איז דער פנים פון דלית אבגעקעהרט פון גימל? דאס איז כדי דער גימל זאל איהם אונטערדרוקען הילף פון דער זייט, און איהם ניט פערשעהמען פנים אל פנים.

## 17

# וואסער איז די בעסטע מעדיצין

רבי ינאי האט איינמאל דורך א שליח געבעטען ביי מר עוקבא ער זאל איהם צושיקען א בעוואוסטען זאלב וואס

מר שמואל פלעגט מאכען. איז פון מר עוקבא אָנגעקומען אזא תשובה. "דעם זאלב שיק איך דיר, כדי דו זאָלסט ניט זאָגען אז איך וויל דיר די טובה ניט טהאָן, אבער שמואל האָט אזוי געזאָגט: עס איז בעסער א ביסעל קאלטע וואסער איז דער פריה, זיך איינצואוואשען די אויגען, און ווארימע וואסער צו וואשען די פיס און הענד אין אבענד, אלס אלע זאלבען אין דער וועלט."

## 18

# ארונטערגעריסען די מאסקע

אימא שלום, די פרוי פון רבי אליעזר, איז געווען א שוועסטער פון רבן גמליאל. אין זייער נאכבארשאפט האָט געוואוינט א גוי'שער ריכטער וואָס האָט זיך בעריהמט אז מען קען איהם ניט אונטערקויפען. האָט אימא שלום אָבגע־מאכט מיט איהר ברודער אויסצופּרובירען דעם ריכטער. זי האָט איהם געבראכט א גאָלדענעם לייכטער און געזאָגט: "איך וויל א גלייכען חלק אין מיין פאטער'ס ירושה". האָט דער ריכטער געענטפערט: "דיר קומט א גלייכער חלק מיט דיין ברודער". האָט זי געזאָגט: "אבער אין אונזער תורה שטעהט דאָך אז א טאָכטער קען ניט ירש'ענען גלייך ווי א זוהן". האָט דער ריכטער געענטפערט: "זייט דעם טאָג וואָס איהר זייט פערטריבען געוואָרען פון אייער לאנד איז משה'ס תורה אָבגעשאפט געוואָרען און עס איז געגעבען געוואָרען א נייע תורה, לויט וועלכער א טאָכטער קריגט א גלייכען חלק ירושה מיט א זוהן."

אויף מאָרגען איז געקומען רבן גמליאל און האָט דעם ריכטער געבראכט אן עגיפּטישען אייזעל. האָט דער ריכטער געענדערט זיין פסק דין, זאָגענדיג: "אין דער נייער תורה שטעהט: "איך בין ניט געקומען ארונטערצונעהמען פון משה'ס תורה, אויך ניט מוסיף זיין". און אין משה'ס תורה שטעהט אז א טאָכטער קען ניט ירש'ענען גלייך מיט א זוהן. דארום מוז עס אזוי בלייבען."

"דיין חכמה לייכט אזוי ווי א ליכט", האָט רבן גמליאל'ס

שוועסטער געזאָגט מיט אַן אָנצוהערעניש אויף דער מתנה וואָס זי האָט איהם געבראַכט.

„יאָ", האָט רבי גמליאל אין שפּאַס בעמערקט, „עס איז געקומען דער אייזעל און האָט די ליכט אַרונטערגעשלייי דערט אויף דער ערד".

# 19

# אלץ לכבוד שבת

טייער איז אַמאָל געווען דער שבת.

שבת איז דער רוהע טאָג וואָס האָט דעם אידען אָבגעזונדערט פון אַלע פעלקער און דאָס האָט איהם אויפגעהאַלטען אַלס בעזונדער נאַציאָן. די חכמים האָבען דאַרום געזוכט דעם שבת צו מאַכען בעליעבט ביים אידישען פאָלק.

צו אַשעהנע כלה, אַ פּרינצעסין, האָבען זיי דעם שבת פערגליכען.

רבי ינאי פלעגט יעדען ערב שבת אָנטהאָן שעהנע קליי־דער און דעם שבת אַזוי בעגריסען: „קום אַהער, דו כלה! קום אַהער, דו כלה!"

רבה דער זוהן פון רב הונא איז איינמאָל גאַנץ אונגעריכט געקומען צו רבה דער זוהן פון רב נחמן אויף שבת. האָט מען דאָרט געגעסען אַזעלכע פיינע קוכענס בעשמירט מיט אויל. האָט רבה דער זוהן פון רב הונא געמיינט אַז די קיכלעך האָט מען געמאַכט לכבוד איהם. האָט ער געפרעגט: „פון וואַנען האָט איהר געוואוסט אַז איך וועל קומען?" האָט רבה דער זוהן פוי רב נחמן געענטפערט: „ניט גראַדע פאַר דיר האָבען מיר דאָס אָנגעגרייט. מיר האָבען אַ וויכטיגערען גאַסט פון דיר, און דאָס איז שבת".

רבי אבא פלעגט קויפען אויף שבת פלייש פאַר דרייצעהן רענדלעך פון דרייצעהן פערשידענע קצבים, כדי ער זאָל האָ־בען אויסצוקלייבען אויף שבת די בעסטע. און אַז די קצבים פלעגען איהם ברייגגען די פלייש, פלעגט ער אַרויסקומען אַנקעגען און זיי בעצאָהלען ביי דעם שוועל פון זיין טיהר, און זיי זאָגען: „נעהט! איילט זיך! מהוט אייער אַרבייט לכבוד שבת!"

## 20
# יוסף מוקיר שבי

אַמאָל איז געווען איינער, יוסף האָט ער געהייסען, פלעגט ער זעהר טייער האַלטען דעם שבת. האָט מען איהם דערפאַר גערופען "יוסף מוקיר שבי". אין זיין נאָכבאַרשאַפט האָט געוואוינט א געצענדיענער וועלכער איז געווען זעהר רייך. איינמאָל האָבען די שטערענזעהער געזאָגט דעם געצענדיענער אַז זיין גאַנצער פערמעגען וועט אריינפאַלען אין די הענד פון יוסף מוקיר שבי. נעהמט דער געצענדיענער און פערקויפט אַלע זיינע גיטער און פאַר דעם געלד האָט ער זיך געקויפט זעהר א טייערען עדעלשטיין און האָט דאָס אריינגעזעצט אין א גאָלד געשטיקטען הוטעל וואס ער פלעגט טראָגען אויפ'ן קאָפּ. איינמאָל איז ער געגאַנגען איבער א בריק, האָט א בלאָז געטהאָן א שטאַרקער ווינד און אראָבגעריסען פון זיין קאָפּ די הוטעל, און עס איז אריינגעפאַלען אין וואסער אריין. איז געקומען א גרויסער פיש און האָט די הוטעל איינגעשלונגען.

שפּעטער, גראַדע אום ערב שבת, האָבען פישער געכאַפּט דעם פיש. און זעהענדיג אַז דאס איז זעהר א פיינער פיש, האָבען זיי געפרעגט: "ווער וועט אונז בעצאָהלען א גוטען מקח פאַר דעם?" האָט מען זיי געזאָגט: "נעהמט דעם פיש צו יוסף מוקיר שבי, ווייל ער קויפט די בעסטע זאכען אויף שבת". האָבען די פישער געבראַכט דעם פיש צו איהם, און יוסף האָט זיי בעצאָהלט פאַר דעם פיעל זיי האָבען געבעטען. ווען ער האָט דעם פיש געעפענט, האָט ער אין דעם געפונען דעם טייערען עדעלשטיין. האָט ער פאַר דעם אָבגענומען א גרויסע סומע גאָלדענע רענדלעך.

## 21
# א גוטער איינפאַל

שבת איז די מצוה פון עסען אזוי גרויס ווי די מצוה פון לערנען.

רב ששת איז געווען אַבלינדער, און עס איז פאַר איהם שווער געווען צו טרעפען די צייט פון עסען. שבת, אַז ער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים, פלעגט ער מורא האָבען

מאַמער וועלען זיי צוליעב דעם לערנען פערשפעטיגען די צייט פון עסען. פלעגט ער זיי זומער צייט אוועקזעצען אויף דער זוניגער זייט פון בית המדרש, און ווינטער פלעגט ער זיי אוועקזעצען אויף דער שאטיגער זייט, כדי עס זאָל זיי אומבעקוועם זיין צו זיצען צו לאנג, און זיי זאָלען וואָס פריהער נעהן עסען די שבת'דיגע סעודה.

## 22
# די צוויי מלאכים

רבי יוסי האָט געזאָגט אין נאמען פון רבי יהודה:

יעדען ערב שבת, ווען אַ איד געהט פון שוהל אהיים, בעגלייטען איהם צוויי מלאכים, איינער אַ גוטער, דער אַנדערער אַ שלעכטער. און ווען דער איד קומט אריין אין זיין הויז, און געפינט די שבת ליכט ברענען, דעם טיש געגרייט, און די בעט פאַרבעט, זאָגט דער גוטער מלאך: "הלואי זאָל אזוי זיין דעם קומענדען שבת". און דער שלעכטער מלאך מוז ענטפערען "אָמן". אבער אויב דער איד געפינט ניט די הויז אין אַזאַ אָרדנונג, דאַן זאָגט דער שלעכטער מלאך: "הלואי זאָל אזוי זיין דעם קומענדען שבת". און דער גוטער מלאך מוז ענטפערען, "אָמן".

## 23
# צופיעל מחמיר געווען

איינמאָל האָט אויסגעבראָכען אַ פייער אין דעם הויף פון יוסף בן סימאי, אין שאן. און ווייל ער איז געווען דער שאַצמייסטער פון דעם קעניג, זיינען געקומען די בעדיענטע פון דעם הערשער אין צפורי צו לעשען די פלאמען. האָט זיי יוסף ניט געלאָזט לעשען, ווייל עס איז געווען שבת. איז פּלוצלונג אַ נס געשעהן. עס האָט אָנגעהויבען שטארק צו רעגענען און דער פייער איז אויסגעלאָשען געוואָרען. אין אווענד האָט ער געשיקט צו יעדען איינעם פון די מענשען צוויי סאַלער, און צו דעם הויפּט פון זיי דריי סאַלער.

ווען די אידישע געלעהרטע האָבען געהערט פון דעם, האָבען זיי געזאָגט, ער האָט גאַר ניט געדאַרפט פערווערען די מענשען צו לעשען און ער האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו נסים.

## 24

# דענק וועגען דעם אנדערן נאָר גוטעס

יעדען מאָל ווען איינער זעהט דעם אנדערן טהאָן א זאך, וואָס שיינט צו זיין אז עס איז ניט רעכט, זאָל ער זיך ניט איי־לען יענעם צו משפט׳ען. עס קען זיין אז ער איז דאָך אונ־שולדיג.

און די גרויסע אידישע חכמים האָבען דארויף געזאָגט, אז ווער עס בעטראכט אנדערע מענשען פון דער גערעכטער זייט, בעטראכט מען איהם אויך אזוי.

אָט האָט איהר דאָ איינינע ביישפיעלען:

א מאַן איז אוועק פון גליל און האָט זיך פערדונגען אלס ארבייטער ביי א בעל הבית אין דרום, אויף דריי יאָהר. ווען די דריי יאָהר האָבען זיך געענדיגט, האָט דער ארבייטער גע־זאָגט: "יעצט גיב מיר מיין געלד וועל איך געהן אהיים און ערנעהרען מיין פרוי און מיינע קינדער." האָט דער בעל הבית געענטפערט: "איך האָב קיין געלד." האָט דער ארבייטער געזאָגט: "טאָ, גיב מיר פירות פון דיינע פעלדער." האָט דער בעל הבית געענטפערט: "איך האָב ניט." "טאָ גיב מיר א שטיקעל לאַנד". "איך האָב ניט". "גיעב מיר א קוה". "איך האָב ניט." "גיעב מיר א פערינע, א קישען." און דער בעל הבית האַלט זיך אַלץ ביי דאס זייניגע, אז ער האָט ניט. דער ארבייטער, נעבעך, האָט גענומען זיין פעקעל אויפ׳ן שולטער און איז אוועק אהיים מיט א צובראָכענעם געמיט. דאָס איז געווען ערב יום כפור.

נאָך יום טוב האָט דער בעל הבית מיטגענומען דאָס געלד וואָס ער איז שולדיג געווען דעם ארבייטער און אויך דריי אנגעלאָדענע אייזלען, איינער מיט עסענווארג, דער צווייטער מיט אלערליי געטראנקען, און דער דריטער מיט זיסע פרוכ־טען און איז געקומען מיט דעם צום ארבייטער אהיים.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען האָט דער בעל הבית איהם בעצאָהלט זיין געלד און נאכדעם איהם געפרעגט:

"זאָג מיר, ווען דו האָסט ביי מיר געבעטען דיין לוין און איך האָב דיר געזאָגט אז איך האָב ניט, וואָס האָסטו מיך דאַן חושד געווען?"

"איך האָב זיך געטראַכט", האָט דער ארבייטער געענט־פערט, "טאָמער האָט זיך דיר געמאַכט קויפען סחורה זעהר ביליג, האָסטו אויף דעם פערטהאָן דיין גאַנצע געלד."

"און ווען דו האָסט ביי מיר געבעטען איך זאָל דיר געבען א קוה און איך האָב דיר געזאָגט אז איך האָב נים?"

"איך האָב זיך געטראַכט, מסתמא איז זי פערדונגען".

"און ווען דו האָסט ביי מיר געבעטען לאַנד און איך האָב געזאָגט אז איך האָב נים?"

"האָב איך געמיינט עס איז אויף ארענדע ביי אנדערע".

"און ווען איך האָב דיר געזאָגט אז איך האָב קיין פּירות?"

"האָב איך זיך געטראַכט, אפשר האָסטו נאָך נים גענומען מעשר פון די פּירות."

"און ווען איך האָב דיך געזאָגט אז איך האָב קיין פעריִנע און קיין קישען?"

"דאַן האָב איך געטראַכט, עס קען דאָך זיין אז די האָסט אלע דיינע זאַכען מנדר געווען אויף א היילינען צוועק."

האָט דער בעל הבית געענטפערט: "איך שווער. אז אזוי איז דאס טאקע געווען. איך האָב מיין גאַנצען פערמעגען מנדר געווען, אים צו בעשטראַפען מיין זוהן הורקנוס, דער־פאַר וואס ער האָט נים געוואָלט לערנען. אבער שפּעטער האָט מען מיר מיין נדר מתיר געווען. און דיר ווינש איך, אז דער־פאַר וואס דו האָסט מיך פערדיינקט צו גוטען, זאָל דער איי־בערשטער דיר אימער אויך פערדיינקען צו גוטען."

א צווייטער ביישפּיעל:

איינער, א פרומער מאַן, וועלכער איז מיט זיינע תלמידים געגאַנגען פון איין אָרט צום אנדערן, האָט אויפ'ן וועג אויס־געלייזט א אידישע מיידעל פון מענשענרויבער.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען ערגעץ אויף נאַכטלעגער האָט דער פרומער מאַן גענומען די מיידעל אין זיין צימער.

אויף מאָרגען האָט ער זיינע תלמידים געפרעגט: "זאָגט מיר דעם אמת, ווען איהר האָט געזעהן אז איך נעהם די מיידעל אין מיין צימער, וואס האָט איהר געטראַכט?"

"מיר האָבען זיך געטראַכט", האָבען די תלמידים געענט־פערט, "אפשר איז צווישען אונז דאָ איינער א תלמיד וואס דער רבי קען איהם נאָך וועניג און וויל איהם נים טרויען."

"אזוי איז דאָס", האָט דער פרומער מאַן געענטפערט, "און זאָל דער אייבערשטער אייך פערדיינקען צו גוטעס ווי איהר האָט מיך פערדענקט."

א דריטער ביישפּיעל:

איינמאָל האָבען די תלמידי חכמים געדאַרפט זיך זעהן מיט א גוי'שע דאַמע, וואָס אַלע גרויסע לייט פון רוים פלעגען צו איהר אריינקומען. זיי האָבען געוואָלט דורך איהר אויס־פּיהרען א טובה פאר אידען. האָבען זיי זיך בעראַטהען, ווער פון זיי זאָל געהן. האָט רבי יהושע געזאָגט: "איך וועל געהן". איז רבי יהושע געגאַנגען אין בעגלייטונג פון זיינע תלמידים. ווען זיי זיינען אנגעקומען ביי דער טיהר פון איהר הויז, האָט ער איבערגעגעבען זיינע תפילין צו זיינע תלמידים. נאָכדעם איז ער אריינגעגאַנגען און האָט פערשלאָסען די טהיר הינטער זיך. שפּעטער, ווען ער איז ארויס פון דאָרט, איז ער ארונטער אין טייך און האָט זיך טובל געווען. נאָכדעם האָט ער געפרעגט זיינע תלמידים: "אין וואָס האָט איהר מיך חושד געווען ווען איך האָב אייך איבערגעגעבען מיינע תפילין?" האָבען די תלמידים געענטפערט: "מיר האָבען זיך געטראַכט, הייליגע זאַכען דאַרף מען ניט אריינגעהמען אין אַן אונריינעם אָרט."

"און ווען איך האָב פערשלאָסען די טיהר הינטער זיך, וואָס האָט איהר געטראַכט פון מיר?"

"מיר האָבען געטראַכט אז מסתמא האָט איהר מיט דער דאַמע געהאַט צו ריידען פּאָליטישע געהיימניסען."

"און ווען איך האָב זיך טובל געווען, נאָכדעם ווי איך בין ארויס פון איהר, וואָס האָט איהר געטראַכט?"

"מיר האָבען זיך געטראַכט, טאָמער האָט פון מויל פון דער אונריינער פרוי א שפּריץ געטהאָן אויף דעם רבי'ס קליידער."

האָט רבי יהושע אויסגערופען: "איך שווער אייך, אז אזוי איז דאָס טאַקע געווען!"

## 25

# אלישע מיט די פליגלען

איינמאָל האָט די רוימישע רעגיערונג ארויסגעגעבען א בעפעהל. דאָס ווען א איד וועט לייגען תפילין, זאָל מען איהם

לעכערן זיין מוח. איז געווען איינער, אלישע האָט ער גע-
הייסען, האָט ער זיך פאר דער גזירה ניט געשראָקען. ער
האָט אָנגעטהאָן זיינע תפילין און איז אין זיי אַרויס אין
מארק. האָט איהם דערזעהן אַ רוימישער בעאַמטער. איז
אלישע ענטלאָפען פון איהם. איז דער בעאַמטער איהם נאָכ-
געלאָפען. ווען ער איז שוין געווען נאָהנט נעבען איהם, האָט
אלישע אראָבגעכאפּט זיינע תפילין און זיי בעהאלטען אין
זיינע הענד. פרעגט דער בעאַמטער: "וואָס האלסטו דאָרט
אין דיינע הענד?" ענטפערט אלישע: "פליגלען פון אַ טויּ-
בעלע". און אז ער האָט זיינע הענד געעפענט, האָט דער בע-
אַמטער דאָרט טאקע געפונען פליגלען פון אַ טייבעלע. זייט
דאָן האָט מען אלישע'ן גערופען "אלישע מיט די פליגלען."

## 26

## קערפּערליכע פערגעניגענס שוואַבען אַב גייסטיגע פעהיגקייטען

רבי אליעזר בן ערך איז געווען דער גרעסטער און דער
וויכטיגסטער צווישען די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי.
נאָכדעם אז די תלמידים זיינען אוועק פון רבי יוחנן, האָט רבי
אלעזר געזאָגט: "איך וועל געהן נאָך דיומסית, וואו די לופט
איז שעהן, וואו דער קלימאַט איז געזונט, און וואו עס איז
גוט זיך צו באָדען. דאָרט מוז זיין גוט צו לערנען, דען די
שעהנע און געזונטע לופט שטארקט דעם גייסט אזוי ווי דעם
קערפּער." אָבער די אַנדערע תלמידים האָבען געזאָגט: "מיר
וועלען געהן נאָך יבנה, וואו עס זיצען אַלע אידישע געלעהר-
טע. דאָרט אין דעם צענטער פון אידישע געלעהרזאַמקייט,
איז דער בעסטער אָרט צו לערנען."

און וואָס איז געווען דער סוף? די תלמידים וואָס זיינען
אוועק נאָך יבנה זיינען געבליבען ביים לערנען. אָבער רבי
אליעזר האָט זיך אין דעם שעהנעם געגענד אריינגעלאָזט אין
די פערגעניגענס פון דעם טייערן ווייין פון פרוגיתא און די
זאַלץ-בעדער פון דיומסית, אז ער האָט פערגעסען וואָס ער
האָט געקענט. און ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים און האָט
גענומען לערנען אַ פּסוק פון חומש, האָט ער אָנשטאָט צו זאָ-
גען "החדש הזה לכם" (דיזער מאָנאַט איז פאר אייך) גע-
זאָגט "החרש היה לבם," וואָס דאָס מיינט: טויב איז געוואָ-
רען זייער הארץ. האָבען די אנדערע אידישע געלעהרטע גע-

בעטען נאָט פאַר איהם און ר׳ אלעזר האָט זיך ווידער דער־מאָהנט די תורה וואָס ער האָט געקענט.

און נאָך דיעזער פּאַסירונג האָט רבי אלעזר געפאַסט אַזאַ רעגעל: „זאָלסט אימער געהן נאָך דעם אָרט וואו מען לערנט תורה, און דו זאָלסט גאָר ניט דענקען אַז די תורה וועט דיך נאָכגעהן אַהין וואו דו געהסט.״

## 27

## עס איז שוין כדאי געווען

רבה בר בר חנא איז געקומען אין פּומבדיתא וואו רב יהודה איז געווען ראש ישיבה. רב יהודה, וועלכער האָט גע־וואוסט וואָס פאַר אַ גרויסער גאַסט עס איז דאָ אין שטאָדט, האָט זיך געוואונדערט וואַרום ער איז ניט געקומען אין דער ישיבה הערען דעם שיעור. זעהענדיג אַז דער גאַסט קומט נאָך אַלץ ניט, האָט ער זיך געפונען אביסעל בעליידיגט. זאָגט ער צו זיין שמש: „ברייננ איהם אהער צו שלעפּען מיט געוואלד.״ דער שמש האָט אַזוי געטהאָן. אַז רבה בר בר חנא איז אָנגעקומען האָט ער געטראָפען רב יהודה׳ן ערקלעה־רען אַ דין. רבה בר בר חנא האָט גענומען צייגען אַז דער ראש ישיבה זאָגט ניט ריכטיג. אָבער דער ראש ישיבה האָט זיך גאָר ניט בעליידיגט.

„נו״, האָט רב יהודה בעמערקט מיט נצחון, „האָב איך ניט גוט געטהאָן וואָס איך האָב געהייסען דיך אָהער ברייננען מיט געוואלד? אָט האָבען מיר עפּעס געלערנט פון דיר!״

## 28

## דער לוין פון א שומר שבת

ביי איינעם, אַ פרומען מאַן, האָט זיך דער פּאַרקאַן פון זיין פעלד צובראָכען, האָט ער דאָס געוואָלט פערצאַמען. ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָהנט אַז עס איז שבת, האָט ער די אַרבייט ניט געטהאָן. איז איהם געשעהן אַ נס, אַז אויף דעם אָרט וואו דער פּאַרקאַן איז געווען צובראָכען איז אויס־געוואַקסען אַ צלף — אַזאַ בוים וואָס גיט פון זיך אַרויס דריי סאָרטען פרוכטען, און פון דעם בוים האָט דער פרומער מאַן געהאַט געניג פרנסה פאַר זיך און פאַר זיין הויז געזינד.

## 29
# דער מזל דרעהט זיך

ר' חייא האָט אמאָל געזאָגט צו זיין פרוי: "אז דו זעהסט אַן אָרימאַן קומען צו אונזער הויז, וואַרט ניט ביז ער וועט בעטען, נאָר טראָג איהם ברויט אַנקעגען, אום מען זאָל דיינע קינדער אויך העלפען איידער זיי בעטען." האָט די פרוי געזאָגט צו ר' חייא'ן: "פאַרוואָס שילטסטו דיינע קינדער?" האָט ער איהר געענטפערט: "עס איז אזא רעדעל וואָס דרעהט זיך אויף דער וועלט. קיין מענש ווייסט ניט ווען ער וועט זיין אויבען און ווען אונטען. און ווער עס האָט רחמנות אויף אַנדערע מענשען האָט גאָט רחמנות אויף איהם."

## 30
# איין אונגליק איז גענוג

ביי ר' חנינא איז געשטאָרבען זיין איינציגע טאָכטער. האָט ער נאָך איהר ניט געוויינט. האָט עס זיין פרוי פערדראָסען. האָט די פרוי צו איהם אין אַ ביטערען טאָן געזאָגט: "אַ הוהן איז פערלאָרען געגאַנגען פון דיין הויז!" האָט ר' חנינא געענטפערט: "ניט גענוג וואָס איך האָב פערלאָרען מיין קינד, זאָל איך נאָך בלינד ווערען פון וויינען?"

## 31
# ווען די עלטערע יאָהרען קומען

אַ רזימישער קייסער האָט אמאָל געפרעגט ר' יהושע בן חנניה: "וואָרום קומסטו ניט אין דער הויז פון אבידון, וואו עס פיהרען וכוחים די צדוקים מיט די אידען?" האָט ר' יהושע געענטפערט: "דער באַרג איז בעדעקט מיט שנעע, (מיין קאָפּ איז שוין גרוי) אַרום און אַרום איז אייז, (מיין באָרד איז שוין אויך ווייס) די הינט בילען ניט, (מיין שטימע איז שוין שוואַך) די מיהל מאָהלט ניט, (מיינע צייהנער קענען שוין ניט קייען) איך זוך דאָס וואָס איך האָב ניט פערלאָרען. (איך געה איינגעבויגען פון עלטער אַזוי ווי אַ מענש וואָס זוכט עפּעס.)

## 32
# דעם מענשען'ס שעהנסטער בגד

און אַז דער מענש שטאַרבט, קעהרט זיך אום זיין גייסט צו גאָט, וואָס האָט דאָס איהם געגעבען, אַזוי זאָגט קהלת.

האבען די רבנן וועגען דעם געזאגט: דאס מיינט, אז דער מענש דארף זיין נשמה אומקעהרען אזוי ריין ווי ער האט זי באקומען. און זיי דערצעהלען וועגען דעם א משל.

א מלך האט איינמאל פערטיילט שעהנע קעניגליכע קליידער צו זיינע קנעכט. די קלוגע האבען די קליידער גוט צוזאמענגעלייגט און בעהאלטען אין א קאסטען, אבער די נארען זיינען אוועק אין די קליידער ארבייטען. א צייט שפעטער האט דער קעניג געפאדערט מען זאל איהם צוריקברינגען זיינע קליידער. די קלוגע האבען די קליידער צוריקגעבראכט ריינע, די נארען האבען זיי צוריקגעבראכט פול מיט פלעקען. האט דער מלך מיט די קלוגע זיך געפרעהט און אויף די נארען איז ער געווארען בייז. אויף די קלוגע האט דער מלך געזאגט אז מען זאל זייערע קליידער בעהאלטען אין פאלאסט און זיי זאלען געהן אהיים אין פריעדען. און אויף די נארען האט ער געזאגט אז די קליידער זאל מען געבען וואשען און זיי זאל מען אריינזעצען אין תפיסה.

## 33

# אימער דארף א מענש זיין צוגעגרייט

רבי אליעזר זאגט: "א טאג, איידער עס קומט דיין סוף, טוה תשובה."

האבען זיינע תלמידים געפרעגט: "ווייס דען א מענש ווען ער וועט שטארבען?"

האט רבי אליעזר געענטפערט: "זאל דער מענש נעהמען אויף זיך צו זיין גוט און פרום היינט, טאמער שטארבט ער מארגען, וועט אויסקומען אז ער וועט זיין גאנצען לעבען זיין גוט און פרום."

רבי יוחנן בן זכאי האט אויף דעם געגעבען א משל.

א מלך האט איינגעלאדען זיינע קנעכט צו א סעודה, ער האט זיי אבער ניט בעשטעלט די צייט ווען צו קומען. די קלוגע האבען זיך שעהן פערפוצט, אוועק צום קעניגליכען פאלאסט און זיך אוועקגעזעצט ביים טהיר ווארטען. זיי האבען זיך געדענקט: "אין דעם קעניג'ס הויז פעהלט דען עפעס עסען? א מלך קען מאכען א סעודה צו יעדער צייט." די נארען זיינען זיך אוועק צו זייער ארבייט, זיך זאגענדיג: "קען מען דען מאכען א סעודה אהן הכנות?" דער קעניג מוז דאך צוערשט אנגרייטען." פלוצלונג האט דער מלך געלאזט וויסען אז די סעודה פאנגט זיך אן. די קלוגע זיינען אריין פערפוצטע, יום־טוב'דיג, און די נארען זיינען אריין אין זייערע ווארכעדיגע קליידער און שמוציג. האט זיך דער

מלך געפרעהט מיט די קלוגע און איז געוואָרען בייז אויף די נאַרען, און ער האָט אזוי געזאָגט: "די קלוגע וואס האָבען זיך צו דער סעודה פערפוצט זאָלען זיך זעצען און עסען. די נאַרען וואס האָבען זיך ניט פערפוצט זאָלען שטעהן און זיך צוקוקען ווי די קלוגע עסען."

## 34

## זיין גוטסקייט איז איהם ביינעשטאַנען

שמואל איז איינמאָל געזעסען צוזאַמען מיט אבלט, אַ גוי'שער שטערנזעהער. זיצענדיג און שמועסענדיג האָבען זיי געזעהן אַ גרופּע מענשען געהן צו אַ זומפּ, צו שניידען ראָרט ראָהר פאר בעהייצונג. ציינט אָן אבלט אויף איינעם פון זיי און זאָגט צו שמואל'ן: "יענער וועט ניט צוריק קומען. ער וועט געביסען ווערען פון אַ שלאַנג". האָט שמואל געענט־פערט: "אויב ער איז אַ איד וועט ער צוריק קומען אַ לעבע־דינער".

און אזוי איז דאס טאַקע געווען. דער מאַן איז שפּעטער צוריקגעקומען אונבעשעדיגט. אבלט איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ קוק געטהאָן אין דעם בינטעל ראָהר וואס דער מאַן האָט געטראָגען און האָט אין דעם געפונען אַ שלאַנג, צוהאַקט אויף צוויי שטיקער. ניט וויסענדיג האָט דער מאַן צושניטען די שלאַנג צוזאַמען מיט דעם ראָהר.

האָט שמואל דעם מאַן געפרעגט: "זאָג מיר, וואס אזוינס האָסטו געטהאָן וואס דו ביזט געראַטעוועט געוואָרען פון טויט?" האָט דער מאַן אזוי דערצעהלט: "יעדען טאָג, אַז איך מיט מיינע פריינד געהען ארבייטען, עסען מיר אונזער מאָהלצייט בשותפות. יעדער איינער גיט אַ חלק שפּייז און מיר עסען צוזאַמען. היינט האָב איך בעמערקט אַז איינער פון אונז האָט גאָר נישט צו געבען און ער שעהמט זיך. האָב איך געזאָגט צו מיינע חברים: "היינט וועל איך אויפ־קלייבען פון יעדען זיין ביישטייערונג צו דער סעודה". און ווען עס איז געקומען צו יענעם וועלכער האָט ניט געהאַט, האָב איך זיך געמאַכט אזוי ווי איך נעהם פון איהם אויך, אום ער זאָל ניט פערשעהמט ווערען".

"האָסט פערדיענט אַ מצוה", האָט שמואל געזאָגט. "צדקה ראַטעוועט פון טויט".

## 35

# צדקה תציל ממות

רבי עקיבא האָט געהאַט א טאָכטער. שטערנזעהער האָבען איהם איינמאָל געזאָגט: "דעם טאָג וואס דו וועסט זי פיהרען צו דער חופּה וועט איהר א שלאַנג בייסען און זי וועט פון דעם ביס שטאַרבען".

האָט זיך רבי עקיבא זעהר שטאַרק געזאָרגט וועגען דעם.

עס איז געקומען די נאַכט פון דער חופּה. אין רבי עקיבא'ס הויז זיינען געווען פערזאַמעלט א היבשע צאָהל געסט. אינוועניג איז געווען איינג און חיים. איז די כלה ארויס אייגע אליין אין גאַרטען, אום זיך אָבצוקיהלען אין דער קיהלער נאַכט לופט.

ארויסגעהענדיג האָט זי אויך זיך געטראָגען א האַלזבאַנד פון גאָלד, וועלכען עס איז אראָבגעהאַנגען א גרויסע שטעך־נאָדעל. ווען זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אין גאַרטען האָט זי פון זיך אראָבגענומען דעם האַלזבאַנד און די שטעך־נאָדעל אריינגעשטאָכען אין דער פּאַרענטשע פון דעם ביינקעל אויף וועלכען זי איז געזעסען. עס איז געווען פינסטער, און זי האָט ניט געזעהן אז ווען זי האָט דעם שטעך־נאָדעל אריינגעשטאָכען האָט זי געטראָפען גלייך אין דער אויג פון א גיפטיגער שלאַנג.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זי זיך דערמאַנט אז זי האָט איבערגעלאָזען איהר האַלזבאַנד אין גאַרטען. איז זי ארויסגעגאַנגען דאס צו נעהמען. ווען זי איז אריין אין גאַרטען צונעהמען דעם האַלזבאַנד האָט זי געזעהן ווי א טויטע שלאַנג העגגט ארונטער פון דעם.

ווען די כלה האָט פון דעם דערציעהלט איהר פאַטער, האָט ר' עקיבא געפרעגט: "זאָג מיר, מיין טאָכטער, וואס פאַר א גוטע זאַך האָסטו געטהאָן דאס דיר איז געשעהן אזא גרויסער נס?" האָט די טאָכטער אזוי דערציעהלט:

"נעכטען פאַרנאַכט איז געקומען אַן אָרימאַן און האָט זיך געשטעלט ביים טיהר בעטען. זיינען אלע געווען פערנומען מיט די הכנות צו דער חתונה און קיינער האָט זיך צום אָרימאַן צוגעהערט. האָב איך גענומען מיין חלק פון דער סעודה

און האָב דאָס איהם אװעקגעגעבען".

"מײן טאָכטער, דו האָסט געטהאָן אַ גרויסע מצוה", האָט רבי עקיבא געזאָגט, און נאָכדעם איז ער אַרויס צום עולם, דערצעהלט די געשיכטע און זײ איבערצײגט װי ריכ־טיג דאָס איז אַז "צדקה תציל ממות".

## 36
## די טרײהײט פון אַ מוטער

װען רב נחמן בר יצחק איז נאָך געװען אַ קינד האָבען שטערנזעהער געזאָגט צו זײן מוטער: "דײן זוהן װעט זײן אַ גנב". די מוטער האָט בײ זיך געפּאַסט אַ פעסטען בעשלוס אַז איהר זוהן זאָל אױסװאַקסען אַן ערליכער איד, האָט זי איהם קײנמאָל נעלאָזט געהן מיט אַ הױלען קאָפּ און זי פלעגט צו איהם זאָגען: "פאַרדעק דײן קאָפּ, מײן זוהן, אום דו זאָלסט האָבען מורא פאַר גאָט און בעט איהם אַז ער זאָל דיך פערהיטען פון אונרעכט". דער אינגעל איז דאַן געװען אַזױ יונג און אונשולדיג אַז ער האָט גאָר ניט פערשטאַנען װאָס די מוטער מײנט מיט די רײד.

אײנמאָל איז ער געזעסען און געלערנט אונטער אַ טײ־טעלבױם, איז אַרונטערגעפאַלען זײן היטעל פון קאָפּ. האָט ער אױפגעהױבען די אױגען און האָט דערזעהן די טײטלען װאָס זײנען געהאַנגען איבער זײן קאָפּ. אַ שטאַרקע לוסט האָט איהם אָנגענומען די זיסע טײטלען צו גענימען. און װײל ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה צו נעהמען די טײטלען מיט די הענד האָט ער אַרױפגעקלעטערט אױפ'ן בױם און האָט אָב־געריסען אַ בינטעל טײטלען מיט די צײהן.

# מסכת ערובין

## 1

## אין כדאַ פאַר דעם מענשען געבוירען צו ווערען אויף דער וועלט?

שווער איז דער לעבען פון א מענשען. ער איז פער־משפט געוואָרען צו עסען זיין שטיקעלע ברויט מיט דעם שוויים פון זיין פנים. פון קינדערוייז אָן איז ער ארומגערינ־געלט מיט געפאהרען, קראנקהייט, ערגערנים, ענטמוטישונגען, פערלאָרענע האָפנונגען, און צום סוף—דער טויט!

צוויי און א האלב יאהר האבען די שולע פון שמאי (בית שמאי) און די שולע פון הלל (בית הלל) זיך ניט געקענט איינינען איבער דיעזע פראגע: די ערשטע האבען געזאגט, אז עס וואלט געווען בעסער פאר'ן מענשען אז ער זאל גאר ניט בעשאפען ווערען איידער ער איז בעשאפען געוואָרען, און די אנדערע האבען געזאגט, אז עס איז בעסער אז ער איז יא בעשאפען געוואָרען איידער ער וואלט ניט בעשאפען גע־וואָרען.

און צו די ענדע פון די צוויי יאהר איז מען געקומען צו דעם בעשלוס, אז עס וואלט טאקע בעסער געווען פאר'ן מענשען אז ער וואלט גאָר ניט בעשאפען געוואָרען. אבער יעצט אז ער איז שוין יא אויף דער וועלט געקומען, זאָל ער פיהרען א ריכטיגען און אן ארענטליכען לעבען.

## 2
## ריינליכקייט און גאטליכקייט

דערציילן די רבנן: אמאָל איז געווען א מעשה מיט רבי עקיבא, ווען ער איז געזעסן אין געפענגנים, און רבי יהושע פון גרסי פלעגט איהם קומען בעדינען. יעדען טאָג פלעגט ער איהם ברייינגען א קרוג וואסער. איינמאָל האט דער וועכטער פון דער תפיסה בעמערקט אז די וואסער אין קרוג איז א ביסעל צו פיעל. האט ער געזאגט צו רבי יהושע: "ווארום האסטו היינט געבראכט אזוי פיעל וואסער? אפשר רעכסטו נאָר אונטערגראָבען די תפיסה?" האָט דער וועכטער גענומען און אויסגעגאָסען א העלפט פון דעם קרוג.

ווען ר' יהושע האט די וואסער געבראכט צו ר' עקיבא, האָט דער געפאנגענער זיך בעקלאָגט: "יהושע! דו ווייסט אז איך בין שוין אן אלטער מאן, און אז דו ביזט מיין איינ־ציגע שטיצע אין לעבען. טאָ ווי קומט עס אז דו האָסט מיר היינט געבראכט אזוי ווענינ וואסער?" האט איהם ר' יהושע דערצעהלט וואס מיט איהם איז געשעהן. האט ר' עקיבא געבעטען א ביסעל פון די וואסער זיך איינצוואוואשען. האט רבי יהושע געזאגט: "עס איז דאָ ניט גענוג אויף א טרונק ווילסטו עס זאל דיר נאָך קלעקען אויף וואשען זיך?" האט רבי עקיבא געענטפערט: "בעסער זאל איך שטארבען פון דאָרשט, איידער איך זאל ניט פאלגען דעם דין פון מיינע חברים וואס האבען פערבאָטען צו עסען אונגעוואשען".

און עס ווערט דערצעהלט אז ער האט נאָרנישט געוואלט נעהמען אין מויל ביז מען האט איהם געבראכט וואסער זיך צו וואשען.

## 3
## דער קערפער געהט נאָכ'ן קאָפּ

נאכדעם אז רבן גמליאל, דער גרינדער פון דער ישיבה אין יבנה, איז געשטאָרבען, איז געקומען רבי יהושע, וועל־כער האט מיט איהם געפיהרט קריעג ביים לעבען, און האט געוואָלט פסקנ'ען א דין וועגען א תענית אנדערש ווי רבן גמליאל האָט גע'פסקנ'ט. האָט זיך אויפגעשטעלט ר' יוחנן בן נורי און האָט געזאָגט: "איך זעה אז דער קערפער געהט

נאָך דעם קאָפּ. מיר מוזען פאָלגען דעם וואס איז אימער געשטאַנען העכער פון אונז. דעם גאנצען לעבען פון ר׳ גמליאל האבען מיר זיך געהאלטען אזוי ווי ער האט אונז געלערענט, און יעצט האלטען מיר זיך אויך אַן ביי זיינע רייד. יהושע! אומזיסט דיינע רייד—מיר וועלען דיך ניט הערען!״

## 4

## קלוגע אידישע קינדער

האט דערצעהלט רבי יהושע בן חנניא: קיינמאָל אין מיין לעבען האָט מיך אימיצער בעזיגט, אויסער א פרוי, א אינגעלע און א מיידעלע.

די פרוי:

איך בין איינמאָל איינגעשטאַנען אויף אַן אכסניא, האט די ווירטין פאר מיר געקאָכט א געקעכטס פון בעבלעך. האב איך אויפגעגעסען איין מאָהלצייט און האב גאָרנישט איבערגעלאָזען. א צווייטען מאָל און גאָרנישט איבערגעלאָזען. צום דריטען מאָהלצייט האט זי די געקעכטס שטארק איבערגעזאלצען. ווי נאָר איך האב פערזוכט האב איך דעם טעלער אבגערוקט פון זיך און ניט געגעסען. האט די פרוי מיך געפרעגט וואָרום איך עסט ניט, האב איך איהר געענטפערט אז איך בין ניט הונגעריג, איך האב זיך בייטאג שוין זאט אנגעגעסען. האט די פרוי געפרעגט: ״אויב איהר זייט ניט הונגעריג האט איהר דאָך די ברויט אויך ניט געדארפט עסען״. און נאכדעם, אז איך האב שוין ניט געהאט וואס איהר צו ענטפערן, האט זי געזאגט: ״רבי, אפשר האט איהר פערגעסען איבערצולאָזען א ביסעל אין טעלער ווי די חכמים האבען געהייסען?״

די מיידעלע:

איך בין איינמאָל געגאנגען אין וועג, דורך א פעלד. איז אין דעם פעלד געווען אַן אויסגעטראטענער וועג. האט מיך א מיידעלע געפרעגט: ״רבי, געהסטו ניט איבער א פעלד?״ ענטפער איך: ״ניין, איך געה איבער אַן אויסגעטראטענעם וועג״. זאגט זי צו מיר: ״אזעלכע רויבער ווי דו האבען דאס אויסגעטראטען״.

דער אינגעלע:

איינמאָל בין איך געגאנגען אין וועג. האב איך געפונען

א אינגעלע זיצען אויף אן ארט, דארט וואו די וועגען צושיידען זיך. פרעג איך איהם: "מיט וועלכען וועג געהט מען אין שטאָדט?" האט ער געענטפערט: "דיזער וועג איז א לאנגער און א קורצער און דער אנדערער איז א קורצער און א לאנגער". בין איך געגאנגען מיט דעם וועג אויף וועלכען דער אינגעלע האט געזאגט אז עס איז א קורצער און א לאנגער. ווען איך בין שוין געווען אנגעקומען צו דער שטאָדט, האב איך געפונען אז מיין וועג איז פערשטעלט מיט גערטנער פון גרינסען און פרוכטען, און איך האב ניט געקענט צוקומען. קעהר איך זיך אום צוריק און פרעג דעם אינגעל: "האסטו מיר ניט געזאגט אז דאס איז א קורצער וועג?' האט דער אינגעל געענטפערט: "האב איך דיר דען ניט געזאגט אז דיזער קורצער וועג איז א לאנגער?" האב איך איהם א קוש געטאָן אין קאָפּ און האב געזאגט: "וואויל איז אייך, אידען, ראס איהר זייט אלע חכמים, סאי גרוים, סאי קליין!"

## 5

## צופיעל רייד זיינען איבעריג

רבי יוסי הגלילי איז געגאנגען אין וועג, האט ער געטראָפען ברוריה'ן, די פרוי פון רבי מאיר. פרעגט ער איהר: "מיט וועלכען וועג געהט מען נאָך דער שטאָדט לוד?" האָט זי זיך אבגערופען: "דו שוטה פון גליל! האבען דען די חכמים ניט געזאגט אז מיט א פרוי דארף מען פיעל ניט שמועסען? דו האסט געדארפט פרעגען: "ווי קיין לוד?"

## 6

## די וועלט איז א חתונה

האט שמואל געזאגט צו רב יהודה שיננא: (דער שארפזיניגער) "כאפ אריין און עס, כאפ אריין און טרינק. די וועלט פון וועלכער מיר געהען אוועק איז ווי א חתונה. היינט איז א שמחה, מאָרגען איז אוים".

רב האט געזאגט צו רב המנונא: "מיין קינד! אויב דו האסט די מיטלען לאז זיך וואויל געהן, ווייל אין קבר זיינען קיין פערגניגענס דא, און דער טויט פערזאמט זיך ניט. און טאָמער וועסטו זאגען: איך וועל איבערלאָזען פאר מייני

קינדער, וועט קיינער קענען קומען צו דיר אויף יענער וועלט און דיר זאָגען וואס פאר א תכלית זיי האָבען פון דיין פער־מעגען געמאכט. די מענשען זיינען אזוי ווי גראָז אויפ׳ן פעלד. די בליהען אויף, די פערוועלקען״.

## 7

## דעם גנב׳ס פסק

רבי אלעזר בן פרת פלעגט לערנען מיט גרויס חשק. איינמאָל אין ער געזעסען און געלערנט אין דעם אונטערשטען מארק פון צפורי, און זיין אויבערמאנטעל איז פערטראָגען געוואָרען נאָך דעם אויבערשטען מארק פון צפורי, און ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין לערנען, דאס ער האָט אָן דעם מאנטעל אין גאנצען פערגעסען. איז געקומען איינער און האָט דעם מאנטעל געוואָלט צונעהמען, האָט ער אויף דעם געפונען א געפעהרליכען שלאנג, און דער גנב האָט טורא נעהאט דעם מאנטעל אָנצוריהרען.

## 8

## דער גרויסער שכר למוד

רבי פרידא האָט געהאט א תלמיד מיט וועמען ער האָט געלערנט א פרק פיער הונדערט מאָל ביז דער תלמיד פלעגט עס איינלערנען. איינמאָל האָט מען געשיקט רופען רבי פרידא ער זאָל געהן אין מארק וועגען א מצוה זאך. ר׳ פרידא האָט אבער פריהער געוואָלט ענדיגען דעם לערנען מיט׳ן תלמיד. אבער וואס ער האָט דעם תלמיד געלערנט איז איהם גאָר ניט אריין אין קאָפּ. פרעגט איהם דער רבי:

״וואָרום ביזטו היינט אנדערש פון פריהער? וואָרום קענסטו היינט גאָרנישט איינלערנען?״

האָט דער תלמיד די זאך אזוי ערקלעהרט:

״זייט מען האָט דעם רבי גערופען ער זאָל געהן אין מארק, איז מיין קאָפּ מיר צומישט געוואָרען. איך זיץ און טראכט אלץ: ״אָט די מינוט נעהט דער רבי אוועק — אָט נעהט ער אוועק״. און צוליעב דיזע געדאנקען איז מיין מוח

מיר גיט קלאָר.״

״בערוהיג זיך״, האָט רבי פרידא געזאָגט, ״און נעתם נוט אריין אין קאָפּ וואס איך וועל מיט דיר לערנען.״

רבי פרידא איז געווען זעהר געדולדיג און ער האָט מיט דעם תלמיד דעם ענין איבערגעלערנט נאָך פיער הונדערט מאָל, ביז דער תלמיד האָט ענדליך דעם ענין איינגעלערנט.

דאַן האָט אַ בת קול זיך געלאָזט הערען פון הימעל און געפרעגט ביי ר׳ פרידא:

״ווילסטו מען זאָל דיר העכערען פיער הונדערט יאָהר אויף דיין לעבען, אָדער דו און דיין דור זאָלען זוכה זיין צו זיין אין גן עדן?״

״איך וויל בעסער אז איך און מיין דור זאָלען זוכה זיין צו זיין אין גן עדן״, האָט רבי פרידא געענטפערט.

״גיט איהם ביידע זאַכען״, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו זיינע מלאכים.

## 9

# קליידער מאַכען לייט

״רבי מכבד עשירים״, רבי פלעגט אָבגעבען כבוד צו די רייכע, וויל זיי פלעגען געבען אַ סך צדקה.

איינמאָל, בעת עס זיינען ביי רבי געזעסען אַ צאָהל אָנגעזעהנע מענשען, איז אריינגעקומען בוניוס, דער זוהן פון דעם רייכען בוניוס, וועלכער האָט געהאַט זעהר פיעל הייזער און איז געווען זעהר גוט צו זיינע שכנים. האָט רבי אויסגערופען צו די געסט וואס זיינען ביי איהם געזעסען: ״מאַכט אַ ווארע פאר אַ מאַן וואס האָט הונדערט מנה!״ שפּעטער איז אָנגעקומען אַן אנדער רייכער מאַן, און רבי האָט געמיינט אַז יענער איז רייכער פון בוניוס׳ן, האָט ער אויסגערופען: ״מאַכט אַ ווארע פאר אַ מאַן וואס פערמאָגט צוויי הונדערט מנה!״ האָט זיך אָבגערופען רבי ישמעאל, וועלכער איז דערביי געווען: ״רבי, סטייטש! אָט דעם בוניוס׳עס פאָטער האָט דאָך טויזענד שיפען אויפ׳ן ים און צו דעם האָט

ער טויזענד שטערט אויף דער יבשה". האט רבי געענטפערט: "אז דו וועסט זעהן זיין פאטער זאלסטו איהם זאגען אז ער זאל איהם מעהר צו מיר נים שיקען אין אזעלכע פריסע קליידער".

# מסכת פסחים

## .1

## ניט גוטע נייעס דאַרף מען זיך ניט אײַלען צו דערצעהלען

רב כהנא איז קראַנק געוואָרען, האָבען די רבנן געשיקט רבּי יהושע דער זוהן פון רב אידי, ער זאָל געהן זעהן וואס דער קראַנקער מאכט. ווען רבי יהושע איז אַהין געקומען האָט ער רב כהנא'ן שוין געפונען טויט. האָט ער אויף זיך קריעה געריסען, און נאָכדעם האָט ער דעם ריס פערשטעלט און איז צוריק געקומען א פערוויינטער. האָבען די רבנן געפרעגט: "איז ער געשטאָרבען?" האָט רבי יהושע געענטפערט: "איהר זאָגט אזוי, איך האָב גאָרנישט געזאָגט, ווייל אין פסוק שטעהט, "דער וואס ברייגנט שלעכטע נייעס איז א נאַר".

יוחנן הקוקאה איז ארויס אין דאָרף זעהן אויב די פעלדער זיינען געראָטען. ווען ער איז צוריק געקומען אין שטאָדט, האָבען איהם די שטאָדט לייט געפרעגט: "איז ווייץ עפּעס געראָטען דעם יאָהר?" האָט ער געענטפערט: "אויף גערשטען איז א געראָטעניס". האָבען זיי איהם געזאָגט: "אזא גוטע נייעס דאַרפסטו אָנזאָגען די פערד און די אייזלען".

פרעגט דער תלמוד: ווי דען האָט ער זיי געדאַרפט ענטפערן? — ער האָט זיי געדאַרפט זאָגען: "פאַר־א־יאָהרען איז ווייץ געווען געראָטען", אָדער "לינזען זיינען געראָטען".

וואָלטען זיי פון אזא ענטפער פערשטאַנען אז אויף ווייט איז דעם יאָהר ניט אזא געדעכטעניס.

ווען רב וועלכער האָט געוואָהנט אין בבל, איז געקומען צו זיין אָנקעל רבי חייא אין ארץ ישראל, האָט איהם רבי חייא געפרעגט: "דיין פאטער לעבט?" זאָגט צו איהם רב: "וואָרום פרעגסטו זיך ניט נאָך אויף מיין מוטער?" האָט רבי חייא געפרעגט: "דיין מוטער לעבט?" האָט רב געענטפערט: "מיין פאטער לעבט". און פון אזא ענטפער האָט רבי חייא פערשטאַנען אז זי איז שוין טויט.

## .2

## אלע מענשען זיינען גלייך

איינער איז געקומען צו רבא'ן מיט אזא פראגע: "דער הערשער פון מיין שטאָדט האָט מיר געהייסען הרג'ענען א געוויסען מענשען, און אויב איך וועל ניט פאָלגען וועט דער הערשער מיך טויטען". האָט רבא איהם געענטפערט: "בעסער זאָל מען דיך הרג'ענען איידער דו זאָלסט אימיצען טויטען. דענקסטו דען אז דיין בלוט איז רויטער פון יענעם'ס? אפשר איז יענעם'ס בלוט רויטער פון דיינע?"

## .3

## זיין שטראָף איף דער וועלט

יששכר פון דעם דאָרף ברקאי איז געוועזען א כהן גדול וואס האָט געפיהרט זיין אמט מיט גדלות און האָט געזוכט כבוד. די היילינע ארבייט פון די קרבנות האָט ער געטהאָן מיט האנדשוה. ער האָט גערעכענט אז דאס איז צו ניעדריג פאר איהם צו ארבייטען מיט זיינע היילע הענד. און וואס איז געוועזען זיין שטראָף? אָט וואס מען דערצעהלט. איינמאָל איז דער מלך געזעסען מיט דער מלכה און געשמועסט וועגען דעם וועלכע פלייש איז בעסער צו עסען. דער מלך האָט געזאָגט ציגענע פלייש און די מלכה האָט געזאָגט שעפסען פלייש. איז ביי זיי געבליבען אז זיי זאָלען רופען דעם כהן גדול. דען ווער איז אזא מבין אויף פלייש ווי דער כהן גדול וואס איז מקריב קרבנות יעדען טאָג? איז געקומען יששכר, און אז ער האָט אויסגעהערט וועגען וואס מען האָט איהם גערופען, האָט ער מיט שפּאָט אָנגעצייגט מיט זיין האנד

אויפ'ן מלך און האָט געזאָגט: "ווען ציגען פלייש וואָלט געווען בעסער, וואָלט מען פאר א קרבן תמיד געבראכט א ציגע אנשטאָט א שעפּס". איז דער מלך געוואָרען זעהר בייז. ערשטענס, פאר דעם וואס דער כהן גדול האָט געצייגט מיט'ן האנד אויפ'ן קעניג און דאס איז געווען געגען די עטיקעטע פון קעניגליכען הויף, און צווייטענס, וואס ער האָט ניט געענטפערט אזוי ווי דער קעניג האָט געוואָלט. האָט דער קעניג מיט כעס אויסגערופען:

"דערפאר וואס ער האָט ניט ארויסגעצייגט רעספּעקט פאר א קעניג זאָל מען איהם אָבהאַקען זיין רעכטע האנד".

דער כהן גדול האָט ניט געוואָלט פערלירען זיין רעכטע האנד, און ווען דעם קעניג'ס מענשען זיינען געקומען דורכ־פיהרען די שטראָף, האָט ער זיי אונטערגעקויפט אז מען זאָל איהם אָבהאקען די לינקע האנד אנשטאָט די רעכטע. אָבער דער קעניג האָט דערהערט פון דעם און ער האָט גע־געבען א בעפעהל אז מען זאָל ביים כהן גדול אויך אָבהאקען די רעכטע האנד. איז ער געבליבען גאָר אָהן הענד. האָט רב יוסף געזאָגט אויף דעם: "געבענשט זאָל זיין דער בארמהערצינער וואס האָט איהם געגעבען זיין שטראָף אויף דער וועלט, ווייל אויף יענער וועלט וואָלט זיין שטראָף גע־ווען פיעל גרעסער".

## .4

# ווען הלל האָט זיך פערגעסען

האָט רב יהודה אזוי געזאָגט: "אויב א חכם האלט זיך גרויס פערשווינדט זיין חכמה. א בעווייז פון הלל. איינ־מאָל האָט ער זיך גרויס געהאלטען, האָט ער פערגעסען א דין. די מעשה איז אזוי געווען:

ביי די בני בתירה וועלכע זיינען אלע געווען אריסטאָ־קראטען, נשיאים, און גרויס געלעהרטע, איז איינמאָל פאָר־געקומען א פראגע, אויב ערב פסח פאלט אויס אום שבת. צו מעג מען פערביינגען די חיילינקייט פון שבת און שעכטען דעם קרבן פסח? קיינער פון זיי האָט זיך געקענט דער־מאָנען ווי דער דין איז. און יעדער איינער האָט געפרעגט: "שוין זשע איז דאָ גאָר קיינער נימאָ וואס זאָל קענען וויסען ווי דער דין איז?" האָט זיך אימיצער אָבגערופען: "דאָ געפינט זיך א מאן פון בבל, הלל בבלי הייסט ער, גע־

לערענט האָט ער ביי די צוויי גרויסע געלעהרטע שמעיה און אבטליון, און ער דארף וויסען דעם דין, אויב מען מעג קוילען דעם קרבן פסח אום שבת". הלל איז געקומען און האָט גע־ציינט אז דער קרבן פסח שטעהט העכער פון די הייליגקייט פון שבת און מען טאָר איהם ניט אָבלייגען. האָט מען איהם גלייך אוועקגעזעצט אויבען אָן און איהם געמאכט פאר א נשיא.

הלל איז געזעסען א גאנצען טאָג און האָט גע'דרשנ'ט וועגען די דינים פון פסח. און זעהענדיג די וויכטיגע פער־זאָנען וואס זיינען געזעסען ארום איהם און האָבען זיך צוגע־הערט צו זיינע רייד, האָט הלל אָנגעהויבען פיהלען גרויס ביי זיך. און מיט אמאָל האָט ער די בני בתירה אָנגעהויבען צו קריטיקירען אין זעהר שארפע ווערטער, זאָגענדיג: "ווער האָט געבראכט דערצו דאס איך זאָל אהער קומען פון בבל און איהר זאָלט מיך מאכען פאר נשיא ביי אייך? ווער. אויב ניט אייער פוילקייט וואס איהר האָט ניט געוואָלט לערנען ביי אזעלכע צוויי גרויסע מענשען ווי שמעיה און אבטליון?" די צוהערער האָט עס נאטירליך פערדראָסען, אָבער זיי האָבען געשוויגען. שפעטער האָבען זיי הלל'ן א פרעג געטהאָן: "רבי, ווי איז דער דין אז אימיצער האָט פערגעסען ברייננען א חלף פון פאר שבת?" האָט הלל פער־שעהמט געענטפערט: "דיזען דין האָב איך געוואוסט און פערגעסען. אָבער איהר קענט זיך פערלאָזען אויף אידען. אויב זיי זיינען אליין קיין נביאים, קומען זיי ארויס פון נביאים. זיי וועלען שוין אליין אויסגעפינען וואס צו טהאָן". אויף מאָרגען איז אזוי געווען. ווער עס האָט געבראכט א שעפס האָט דעם מעסער נעהאט אריינגעשטעקט אין זיין וואָל, ווער עס האָט געהאט א ציעג האָט דעם מעסער אריינגע־שטעקט צווישען די הערנער. ווען הלל האָט דאס דערזעהן האָט ער זיך דערמאָהנט און געזאָגט: "אזוי האָב איך טאקע געלערענט פון שמעיה און אבטליון".

## .5

# די עשיקעטע פון טרינקען

רב הונא דער זוהן פון רב נתן איז איינמאָל געקומען צו רב נחמן בר יצחק. פרעגט איהם רב נחמן, "ווי הייסטו?" האָט ער געענטפערט: "רב הונא". האָט איהם רב נחמן אָב־געגעבען גרויס כבוד און האָט איהם איינגעלאדען צו זיצען

אויף אַ בעטעל. נאָכדעם האָט ער איהם דערלאַנגט אַ בעכער
ווין, האָט דער גאַסט דאָס גלייך אָנגענומען און אויסגע־
טרונקען אין צוויי זופּען, און אפילו דעם פּנים ניט אָבגע־
קעהרט אָן אַ זייט, נאָר געטרונקען פאר אלעמען אין די
אויגען.

דעם בעל הבית זיינען אזעלכע מאַניערען ניט געפעלען
געווען און ער האָט גענומען זיין גאַסט אויף אַ פערהער:

"ווארום רופט מען דיך רב הונא?"

"ווייל אזוי האָט מען מיך אַ נאָמען געגעבען".

"ווען איך האָב דיך געבעטען זיך זעצען אויפ'ן בעטעל,
ווארום האָסטו זיך אַוועקגעזעצט?"

"ווייל אזוי איז די מאָדע. וואָס דער בעל הבית הייסט
מהאָן דאַרף מען פאָלגען!"

"פאַר וואָס אז איך האָב דיר געגעבען אַ בעכער ווין
האָסטו גלייך אָנגענומען און זיך גאָר ניט געלאָזט בעטען?"

"ווייל איך האָב געלערענט אז ווען אַ גרויסער מאַן בעט
דאַרף מען זיך ניט לאָזען בעטען".

"ווארום האָסטו דעם כוס אויסגעטרונקען אין צוויי
זופּען?"

"ווייל איך האָב געלערענט אז דער וואָס זופּט אויס מיט
איין מאָל איז אַ זויפער, מיט צוויי מאָל זופּען איז ער אַ
לייטישער מענש, מיט דריי זופּען איז ער אַ גרויסהאַלטער".

ר' ישמעאל דער זוהן פון ר' יוסי איז איינמאָל געקומען
צו ר' שמעון ברבי יוסי, האָט ער איהם מכבד געווען מיט אַ
כוס ווין. האָט גענומען ר' ישמעאל און האָט דעם ווין
אויסגעזופּט אויף איין מאָל. האָט איהם ר' שמעון געפרעגט:
"דענקסט ניט דער האַר אז דער וואָס טרינקט אויס זיין כוס
מיט איין מאָל איז אַ זויפער?" האָט ר' ישמעאל געענט־
פערט: "דאָס איז ניט געמיינט דיין כוס וועלכער איז אזאַ
קליינטשקער און ניט דיין ווין וואָס איז אזוי זיס, און
ניט מיין בויך וואָס איז אזוי גרויס".

## 6.

## די וועלט פון אמת

רב יוסף, דער זוהן פון רבי יהושע בן לוי, האָט איינמאָל
גע'חלש'ט און זיין נשמה איז אַוועק אויף יענער וועלט. ווען
מען האָט איהם אָבגעמינטערט און זיין נשמה איז צוריקגע־
קומען, האָט איהם זיין פאָטער געפרעגט: "זוהן מיינער, וואָס

האָסטו געזעהן דאָרט אויף יענער וועלט?" האָט רב יוסף גע־ענטפערט: "אַ פערקעהרטע וועלט האָב איך געזעהן. די וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט פון אויבען זיצען דאָרט אונטען, און די וואָס זיצען דאָ אונטען זיצען דאָרט אויבען". האָט רבי יהושע געזאָגט: "מיין זוהן, דו האָס ניט געזעהן אַ פערקעהר־טע וועלט, נאָר אַ ריכטיגע, אַן אמת'ע וועלט".

## .7

# די צווייטע און צושפּרייטע

רבי אושעיא זאָגט: אַ גרויסע טובה האָט דער אייבערשטער געטהאָן די אידען וואָס ער האָט זיי צווייט און צושפּרייט צווישען די פעלקער.

אמאָל האָט אַ גוי'שער אפּיקורס געזאָגט צו רבי חנינא: "מיר זיינען פיינערע מענשען פון אייך. אין אייער ביבעל שטעהט אַז יואב און די אידען האָבען פערבראַכט זעקס חדשים אין אדום ביז זיי האָבען אויסגע'הרג'עט יעדען זכר, אָבער מיר, זעהט ווי גוט מיר זיינען, אָט געפינט איהר זיך צווישען אונז אַזוי פיעל יאָהרען און מיר האָבען אייך קיין שלעכטס געטהאָן". האָט איהם רבי חנינא געענטפערט: "אויב דו ווילסט וועט דיר איינער פון מיינע תלמידים פער־ענטפערן דיין פראַגע." און געענטפערט האָט רבי אושעיא: "איהר וואָלט זיכער אונז אַלעמען פון דער וועלט אויסגעראָט, אָבער איהר ווייסט ניט ווי איהר זאָלט דאָס טהאָן. זאָלט איהר אונז אַלעמען אויס'הרג'ענען, זיינען דאָך דאָ אידען אין אנדערע לענדער וואָס איהר קענט זיי ניט גרייכען. זאָלט איהר אויס'הרג'ענען בלויז דעם טייל וואָס געפינט זיך ביי אייך, וועט מען זאָגען אַז איהר זייט אַן אָבגעקירצטע מדינה — אַ לאַנד אָהן אידען".

"איך שווער ביי דעם קעניג פון רוים!" האָט דער אפּיקורס אויסגערופען, "אַז דאָס זיינען טאַקע אונזערע געדאַנקען."

## .8

# אַ צו שנעלע בעשולדיגונג

עולא איז אמאָל געקומען אין פומבדיתא, האָט מען איהם געבראַכט אַ קאָרב מיט זיסע טייטלען. האָט ער געפרעגט: וויפיעל אַזעלכע בעקומט מען פאַר אַ גילדען?" האָט מען איהם געענטפערט: "דריי". האָט ער מיט פערדרוס אויסגע־רופען: "אין בבל בעקומט מען אַ קאָרב מיט זיסען האָניג פאַר אַ גילדען און נאָך ווילען די מענשען פון בבל ניט לערנען

תורה!״ ביינאכט האט ער בעקומען א וועהטאג אין בויך, האט ער אויסגערופען: ״אין בבל קריגט מען א קארב מיט בייכוועהטאג פאר א גילדען און דאך לערנען די מענשען פון בבל די תורה!״

## .9

## פינף לעבענס רעגעלען

ווען רבי עקיבא איז געזעסען אין תפיסה איז צו איהם געקומען ר׳ שמעון בן יוחאי און האט צו איהם געזאגט: ״רבי, לערן מיך עפעס תורה״. האט ר׳ עקיבא געענטפערט: ״איך קען דאס ניט טהאן, ווייל צוליעב תורה לערנען האט מען מיך אריינגעזעצט אין תפיסה״. האט ר׳ שמעון געזאגט: ״אויב דו וועסט מיט מיר ניט לערנען וועל איך דערצעהלען מיין פאטער און דו וועסט נאך ערגער מאכען״. האט ר׳ עקיבא געזאגט: ״גלויב מיר, מיין קינד, אז נאך מעהר ווי די קאלב וויל זייגען וויל די קוה געבען זויגען״. האט ר׳ שמעון גע׳טענה׳ט: „ווער איז אין סכנה? די קאלב איז אין סכנה. דו זיצט דאך שוין סאי ווי אין תפיסה. שטראפען קען מען בלויז מיך. טא וואס ארט דאס דיך?״

רבי עקיבא האט איהם נאכגעגעבען און איהם געלערנט פינף רעגעלען אין לעבען.

א מענש וואס וויל זיך אויפהיינגען קלייבט ער אויס א גרויסען בוים, און דו, אויב דו ווילסט לערנען, זאלסטו לערנען פון א גרויסען רבי, וועט מען ווּיסען אז אלעס וואס דו זאגסט הענגט אב פון א גרויסען מענשען.

ווען דו לערנסט מיט א קינד זאלסטו איהם לערנען פון א ספר אהן גרייזען, ווייל א גרייז אין א ספר בלייבט איינגעוואָרצעלט אין מוח.

זאלסט ניט קאָכען אין א טאָפּ אין וועלכען עס האט פריהער געקאָכט אן אנדערער. עס מיינט, זאלסט ניט חתונה האָבען מיט א גרושה ווען איהר מאן לעבט נאך.

ווילסטו האָבען א מצוה אויף יענער וועלט און א פערדינסט אויף דיזער וועלט, זאלסטו לייהען געלד צו א פארמער און נעהמען ביי איהם אויף חוב פון זיין תבואה, וועט דיך די תבואה קאָסטען ביליג און דיין פריינד וועט געהאָלפען ווערען.

ווילסטו פיהרען ריינעם לעבען, נעהם א ווייב און האָב קינדער.

## .10

## נאָך היילינגער ווי הייליגע

האָט רבי יוחנן איינמאָל אַזוי געזאָגט:

דריי סאָרטען מענשען דערמאַנט גאָט אַליין יעדען טאָג צו גוטען. דאָס זיינען: אַ בחור וואָס וואוינט אין אַ גרויסער שטאָדט און איז אָבגעהיט פון זינד, אַן אָרימאַן וואָס געפינט עפּעס אין גאַס און גיט עס אָב צום אייגענטימער, און אַ רייכער מאַן וואָס גיט צדקה אין געהיים.

איינמאָל איז רב ספרא געזעסען צוזאַמען מיט רבא׳ן און זיי האָבען געהערט ווי מען לערנט וואָס רבי יוחנן האָט געזאָגט. האָט זיך רב ספרא דערפרעהט. ער איז אויך געווען אַ בחור און האָט געוואוינט אין אַ גרויסער שטאָדט. האָט רבא געזאָגט צו איהם: ״דו מיינסט אַז רבי יוחנן האָט דאָס געזאָגט געגען אַזעלכע צדיקים ווי דו? עס זיינען דאָ נאָך גרעסערע צדיקים פון דיר, אַזוי ווי רב הנינא און רב אושעיא. ביידע זיינען געווען שוסטער אין ארץ ישראל און זיי האָבען געהאַט זייער ווארשטאַט אין מאַרק, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אויסגעלאַסענע פרויען. און זיי האָבען גע־מאַכט שיך פאַר דיזע פרויען. זיי פלעגען אַריינקומען, אראָב־נעהמען אַ מאָאָס פון זייערע פיס און ניט אויפגעהויבען זייערע אויגען אַ קוק צו טאָן די פרויען אין פנים״.

## 11

## טוביא זינדיגט זיגוד קריגט קלעפּ

די רבנן האָבען אַזוי געלערנט: דריי מינים מענשען האָט דער אייבערשטער פיינד, און דאָס זיינען זיי: איינער וואָס רעדט מיט׳ן מויל אַזוי און אין הארצען טראַכט ער זיך אַנ־דערש, איינער וואָס קען עדות זאָגען און אויסהעלפען אַ מענ־שען וואָס איז אין אַ צרה און טהוט דאָס ניט, און איינער וואָס האָט געזעהן זיין פריינד טהאָן אַ ניט שעהנע זאַך און קומט אַלס אַן איינציגער עדות אויסזאָגען אויף איהם.

עס איז אַמאָל פאַרגעקומען אַזאַ געשיכטע: טוביא האָט געזינדיגט, איז געקומען זיגוד, איינער אַליין, און האָט דער־צעהלט וועגען דעם צו רב פּפּא. האָט רב פּפּא גענומען און דעם עדות אָנגעשלאָגען. זאָגט דער עדות: ״טוביא זינדיגט און זיגוד קריגט קלעפּ? ווי שיקט זיך דאָס?״

האָט איהם רב פּפא אזוי געענטפערט: „אַן איינציגער עדות איז ניט בעגלויבט, און ווען איין איינציגער מענש קומט און דערצעהלט עפּעס שלעכטס אויף אַן אנדערן, לאָזט ער אויף איהם ארויס אַ שם רע סתם אין דער וועלט אריין. און אַט דערפאר קומט דיר די שטראָף.”

## 12

# אָדם הראשון׳ס צער

ווען דער אייבערשטער האָט פערשאָלטען אדם הראשון און האָט צו איהם געזאָגט: „די ערד וועט פאר דיר אויפ־שפּראָצען דערנער און דיסטלען”. האָט אדם זיך צואוויינט און פון זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו גיסען שטראָ־מען טרעהרען, און ער האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! האָסט מיך פער׳משפּט צו עסען מיט אַן אייזעל פון איין קאריטע!” אָבער ווען דער אייבערשטער האָט שפּעטער גע־זאָגט: „מיט דעם שווייס פון דיין פּנים וועסטו עסען ברויט”, האָט זיך אדם בערוהיגט. עס איז שוין כדאי צו טאָהן אַלערליי שווערע ארבייט, אבי ניט צו זיין גלייך מיט אַן אייזעל.

## 13

# א נס בתוך נס

ווען נמרוד דער רשע האָט אריינגעוואָרפען אברהם אבינו אין קאלך אויוועז האָט גבריאל געזאָגט צו דעם אייבערשטען: „לאָמיך ארונטערגעהן אויף דער ערד און אָבקיהלען דעם קאלך אויוון און ראטעווען דעם צדיק”. האָט דער אויבערש־טער געענטפערט: „איך בין אַן איין איינציגער אין מיין וועלט און אברהם איז אַן איין איינציגער אין זיין וועלט, פּאסט עס זיך אַז איך אליין זאָל איהם ראטעווען”. אָבער אזוי ווי דער אייבערשטער האָט ליעב צו בעצאָהלען יעדען איינעם סאַי פאר אַ גוטע זאך וואס ער האָט געטהאָן און סאַי ער האָט בלויז געוואָלט טאָהן, האָט ער געזאָגט צו גבריאל׳ן: „דו וועסט נאָך זוכה זיין צו ראטעווען דריי פון זיינע קינ־דער”. און עס ווערט דערצעהלט אזוי:

ווען דער רשע נבוכדנאצר האָט אריינגעוואָרפען חנניה מישאל און עזריה אין ברענענדען קאלך אויוון, האָט יורקמי דער מלאך פון האגעל געזאָגט צו דעם אייבערשטען: „רבונו

של עולם! לאָמיך ארונטערגעהן אויף דער ערד און אָבקיהלען דעם פייער אין קאלך אויוון און ראַטעווען די דריי צדיקים". האָט גבריאל געזאָגט: "אזא נס איז צו קליין פאר דעם אויבערשטען. דו ביזט דאָך דער מלאך פון האגעל און אלע ווייסען דאָך אז וואסער לעשט פייער, אָבער איך בין דער מלאך פון פייער, וועל איך געהן אָבקיהלען דעם אויוון פון אינוועניג און מאַכען הייס פון דרויסען, וועט דאָס זיין א טאָפּעלטער נס, א נס בתוך נס". און דער אייבערשטער האָט צו גבריאל'ן געזאָגט: "געה און טוה אזוי".

## 14

# דוד המלך'ס טאָאסט

ווען דער אייבערשטער וועט אויסלעזען די אידען פון גלות וועט ער מאַכען א סעודה פאר די צדיקים. נאָכדעם ווען זיי וועלען פארטיג ווערען מיט'ן עסען וועט מען געבען דעם כוס של ברכה צו אברהם אבינו, ער זאָל בענשען. וועט ער צו זיי זאָגען: "איך בין ניט ווערטה איך זאָל מאַכען די ברכה, ווייל פון מיר איז ארויסגעקומען ישמעאל". וועט מען דעם כוס דערלאנגען צו יצחק'ען, וועט ער זאָגען: "איך בין אויך ניט ווערט איך זאָל די ברכה מאַכען, ווייל פון מיר איז ארויס עשו." וועט מען דעם כוס געבען צו יעקב'ען, וועט ער זאָגען: "איך קען ניט ברכה מאַכען, ווייל איך האָב גענומען צוויי שוועסטער און שפּעטער האָט די תורה פארבאָטען צו נעהמען א ווייב'ס א שוועסטער אין דער צייט וואָס די ווייב לעבט נאָך." וועט מען דאן זאָגען צו משה'ן, "נעהם און בענש דו." וועט משה ענטפערן: "איך קען ניט בענשען, ווייל איך האָב ניט זוכה געווען ארייננצוקומען אין ארץ ישראל, ניט ביים לעבען, ניט נאָך'ן טויט." וועט מען דאן זאָגען צו יהושע'ן: 'נעהם און בענש דו", וועט ער זיי זאָגען: "ניין, איך קען ניט, ווייל איך האָב ניט דערלעבט צו האָבען א זוהן". צולעצט וועט מען זיך ווענדען צו דוד'ן, און דוד וועט זאָגען: "איך וועל בענשען. איך הויב אויף דעם בעכער פאר די בעפרייאונג פון אידישען פאָלק אין נאָמען פון גאָט."

# מסכת יומא

## .1

## צו גאָט און צו לייטן

א מענש וואָס וויל לעבען א ריינעם לעבען, זאָל נעהמען א פרוי. אזוי האָבען די תלמידי חכמים געפֿרעדיגט: אויף א מענשען וואָס האָט קיין פרוי געהאט האָט די וועלט צו יענע צייטען געקוקט מיט מיסטרויען און פערדאַכט.

דארום, ווען רב פלעגט קומען אין דרשיש פלעגט ער לאָזען אויסרופען, אויב עס איז דאָ איינע וואָס וויל ווערען זיין פרוי אויף דער צייט וואָס ער פערברייינגט אין דער שטאָדט. רב נחמן פלעגט אויך אזוי טהאָן ווען ער פלעגט קומען אין שכנציב. די דאמאלסדיגע זיטע איז געווען אז א תלמיד חכם פּאַסט זיך ניט צו זיין אָהן א פרוי.

פרעגט דער תלמוד א קשיא: עס איז דאָך דאָ א דין אז א מענש טאָר ניט נעהמען א פרוי אין איין שטאָדט און נאָכ־דעם געהן אין אן אנדער שטאָדט און נעהמען נאָך א פרוי, ווייל די קינדער פון אזעלכע פרויען קענען זיך אמאָל צוזאמענ־טרעפען, ניט וויסען אז זיי זיינען שוועסטער און ברידער, און חתונה האָבען איינע מיט די אַנדערע. זיינען דאָ אויף דעם פערשיעדענע ערקלעהרונגען, און איינע איז: אז דיעזע פרויען האָבען יענע תלמידי חכמים גענומען בלויז פון לייטענס וועגען. זיי האָבען מיט די פרויען געוואוינט אונטער איין דאַך, אָבער זיי האָבען זיך מיט זיי פערהאַלטען בלויז ווי פריינד.

## 2

## גאָלדענע פרוכטען פון ירושלים

רב אושעיא האָט אזוי דערצעהלט:

ווען שלמה האָט געבויט דעם בית המקדש האָט ער ארום איהם געפלאַנצט אַלערליי זיסע גאָלדענע פרוכטען און אז די

פרוכטען פלעגען צייטיג ווערען אויף די בוימער און דער ווינט פון בארג לבנון פלעגט דורך זיי בלאָזען, פלעגען די גאָלדענע פרוכטען פאַלען און קייקלען זיך אויף דער ערד, און פינקלען נעגען דעם שיינענדער זונן. ווען דער פיינד איז אריין אין דעם הייליגען אָרט האָבען די בוימער באַלד אויסגעטריקענט. אבער אַז משיח וועט קומען וועלען די פרוכט בוימער ווידער בליהען און אַרויסגעבען פון זיך די זעלבע גאָלדענע פרנסה.

## 3

# דאָס פאָלק און זיינע פיהרער

האָט רב יהודה געזאָגט אין נאָמען פון שמואל: פאַר וואָס האָט זיך די דינאַסטיע פון שאול ניט לאַנג געצויגען? דאָס איז ווייל זי איז געווען ריין פון פעהלערען, און עס איז שווין איינמאָל ערקלעהרט געוואָרען, אַז ווען מען דאַרף וועהלען אַ פיהרער פאַר'ן פאָלק קלייבט מען אויס איינעם אזא וואָס הינטער איהם הענגט אַ בינטעל שרצים, אַ פערגאַנגענהייט מיט א סך פעהלערען, דען מאָמער ווערט ער ביי זיך צו גרויס, זאָגט מען איהם: "גיב אַ קוק וואָס עס הענגט ביי דיר פון הינטען".

## 4

# געדענקען אַן עולה און ווי נקמה נעהמען

די תורה האָט געזאָגט "לא תקום ולא תטור", זאָלסט ניט נעהמען נקמה און דו זאָלסט ניט געדענקען אַן עולה (נטירה).

וואָס איז נקמה? איינער קומט היינט און בעט ביי דעם צווייטען ער זאָל איהם לייהען אַ האַק. וויל ער איהם ניט לייהען. אויף מאָרגען קומט דער צווייטער און בעט ביים ערשטען ער זאָל איהם לייהען אַ זעג. רופט זיך אָפּ דער ערשטער: "ניין, איך וועל דיר ניט לייהען די זעג, אזוי ווי דו האָסט מיר ניט געוואָלט לייהען די האַק". דאָס איז נקמה.

און וואָס איז נטירה? היינט קומט איינער און זאָגט צום אנדערען: "לייה מיר דיין האַק". וויל ער איהם ניט לייהען. אויף מאָרגען קומט דער צווייטער צום ערשטען און זאָגט: "לייה מיר דיין העמד". ענטפערט איהם דער ערשטער: "זעה, כאָטש דו ביזט געווען אזא שלעכטער און האָסט מיר נעכטען דיין האַק ניט געוואָלט לייהען, פון דעסטוועגען וועל איך דיר דאָך לייהען מיין העמד". דאָס איז נטירה, דאָס הייסט האַלטען אַ שנאה.

# 5
# דער אָרימאַן, דער רייכער, דער רשע

ווען אַן אָרימאַן קומט אויף יענער וועלט און מען פרעגט איהם ווארום ער האָט ניט אָבגעגעבן צייט אויף צו לערנען תורה, און ער ענטפערט: "איך בין געווען ארים און איך בין אימער געווען פערטהאָן זוכענדיג צו פערדיענען אויף ברויט", ענטפערט מען איהם צוריק: "ביזטו דען געווען א גרעסערער אָרימאַן פון הלל'ן?"

אויף הלל'ן דערצעהלט מען אזוי. ער איז געווען אזוי אָרים דאס מעהר ווי אַ קליינע מטבע, אַ טרפעיק, אַ טאָג האָט ער ניט פערדיענט. פלעגט ער אַ העלפט פון דעם אָבגעבען צום שמש פון בית המדרש, ער זאָל איהם ארייַנלאָזען לערנען, און אויף דעם אַנדער האלבען טרפעיק האָט ער געלעבט מיט זיין פאמיליע. איין טאָג האָט זיך געמאכט אז ער האָט גאָר נישט פערדיענט. האָט איהם דער שמש ניט געוואָלט ארייַנלאָזען. האָט הלל ארויפגעקלעטערט אויפ'ן דאך, און האָט זיך דאָרט אויסגעצויגען איבער דעם דאך פענסטער'ל, כדי ער זאָל קענען הערען די תורה וואס עס האָבען דאָרט געלערנט די צוויי גרויסע אידישע לעהרער שמעיה און אבטליון. יענער טאָג איז גראדע געווען ערב שבת, און אין רעכטען מיטען ווינטער. אבער הלל האָט זיך פערגעסען וואס אין הויז ביי איהם איז נאָך ניטאָ קיין זאך אויף שבת, און ער האָט אויך ניט געפיהלט דעם שנעע וואס איז געפאלען אויף איהם. דער שנעע האָט איהם שפעטער אין גאנצען פערדעקט, און הלל איז אזוי געלעגען דורך דער גאנצער נאכט. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט שמעיה געזאָגט צו אבטליון: "ערקלעהר מיר, ברודער, ווארים איז היינט אזוי פינסטער אין בית המדרש? איז עס דען אזוי וואָלקענדיג?" האָט מען גענומען זיך איינקוקען און מען האָט בעמערקט א געשטאלט פון א מענשען אין דעם פענסטער וואס אויפ'ן דאך. איז מען ארויף און מען האָט איהם דאָרט געפונען בעגראָבען אין שנעע דריי איילען הויך. מען האָט איהם ארונטער געטראָגען, אויסגעטהאָן זיינע קליי־דער, איהם ארומגעוואשען, אויסגעזאלבט מיט אויל, און איהם אוועקגעזעצט נעגען פייער זיך צו דערווארמען. און אלע האָ־בען געזאָגט: "אזא מענש פערדיענט אז מען זאָל צוליעב איהם מחלל שבת זיין".

אַז אַ רייכער מאַן קומט אויף יענער וועלט, און מען פרעגט איהם פאַר וואָס ער האָט ניט אָבגעגעבן קיין צייט אויף צו לערנען תורה, און ער מאַכט אַ תירוץ, אַז ער איז געווען זעהר רייך, האָט געהאַט אַ סך געשעפטען און דער קאָפּ איז איהם אימער געווען פערדרעהט, זאָגט מען צו איהם: „שוין זשע ביזטו געוועזן רייכער פון רבי אלעזר בן חרסום?"

אויף רבי אלעזר בן חרסום דערצעהלט מען אַז זיין פאַמע־ האָט איהם איבערגעלאָזען ירושה טויזענד שטעדט אויפ׳ן לאַנד און דערצו טויזענד שיפען אויפ׳ן ים. יעדען טאָג פלעגט רבי אלעזר נעהמען אַ זעקל מעהל אויף זיינע שולטערן און געהן פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער און לערנען תורה. איינמאָל האָבען איהם געפונען זיינע קנעכט און זיי האָבען איהם ניט דערקענט. האָבען זיי איהם געוואָלט צווינגען ער זאָל טהאָן אַ ביסעל ארבייט פאַר זייער האַר, ניט וויסענדיג אַז ער אַליין איז דער האַר. האָט ער זיי ניט אויסגעזאָגט ווער ער איז, נאָר ער האָט זיך ביי זיי געבעטען: „לאָזט מיך, איך בעט אייך, לאָזט מיך צורות, כדי איך זאָל קענען אַוועקגעהן און לערנען תורה." האָבען זיי געזאָגט: „מיר שווערען ביי דעם לעבען פון אונזער האַר אלעזר בן חרסום, אַז מיר לאָזען דיך ניט אָפּ". האָט ער זיי געגעבען אַ סך געלד, זיך אויסגעקויפט ביי זיי, זיי זאָלען איהם פריי לאָזען. און מעהר איז ער צוריק אַהיים ניט געגאַנגען, נאָר ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דער פרעמד, איז געזעסען טאָג און נאַכט און האָט געלערנט תורה.

אַז מען פרעגט דעם רשע וואַרום האָסטו ניט אָבגעגעבען צייט אויף תורה לערנען, ענטפערט ער: „איך בין געווען אַ שעהנער יונגער מאַן, און דער יצר הרע האָט מיר דעם קאָפּ פערדרעהט". וועט מען איהם צוריק ענטפערען: „ביזטו דען געווען שעהנער פון יוסף הצדיק?"

אויף יוסף הצדיק ווערט דערצעהלט, אַז פוטיפרע׳ס ווייב פלעגט איהם יעדען טאָג צוריידען מיט זיסע רייד און זי פלעגט זוכען איהם געפעלען צו זיין. די קליידער וואָס זי פלעגט פאַר איהם אָנטהאָן אין דער פריה פלעגט זי ניט טראָגען אין אָוועגד. די קליידער וואָס זי פלעגט טראָגען אין אָווענד פלעגט זי ניט אָנטהאָן אין דער פריה. „ליעב מיך", האָט זי זיך געבעטען, אָבער יוסף האָט געזאָגט: „ניין". האָט זי געזאָגט: „איך וועל דיך אריינזעצען אין געפענגניס". האָט ער געענטפערט: „גאָט בעפרייט די געפאַנגענע". האָט זי

געזאָגט: "איך וועל בויען דיין שמאָלצען רוקען". האָט ער געענטפערט: "גאָט גלייכט אויס די איינגעבויגענע". האָט זי געזאָגט: "איך וועל דיך בלינד מאַכען". האָט ער געענטפערט: "גאָט עפענט די אויגען פון די בלינדע". און ער האָט זיך איהר ניט אונטערגעגעבען.

פון דעם איז צו זעהן אַז הלל איז אַ בעשולדיגונג געגען די אָרימע, אלעזר בן חרסום געגען די רייכע, און יוסף הצדיק געגען די רשעים.

## 6
# נקנור'ס טויערען

אַ וואונדערליכע היסטאָריע איז געווען פערבונדען מיט די קופּערנע טויערען פון דעם מזרח אריינגאַנג פון דער עזרת. די רבנן דערצעהלען אַזוי: נקנור איז געפאָהרען ברייננגען טויערען פון אלעקסאַנדריען, מצרים, וואו עס זיינען געווען סינגטלער צו מאַכען די שעהנסטע מעטאַלענע קונסטווערק. ווען ער האָט די טויערען בעקומען און איז מיט זיי צוריק געפאָהרען אויף אַ שיף נאָך ארץ ישראל, האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם אויפ'ן ים און די שיף האָט געהאַלטען ביים זינקען. האָבען די מאַטראָזען גענומען איינעם פון די טויערען און אריינגעוואָרפען אין ים, אום לייכטער צו מאַכען די שיף. און אַז דער ים איז נאָך אַלץ ניט שטילער געוואָרען, האָבען זיי געוואָלט אריינוואַרפען דעם אַנדער טויער. ווען נקנור האָט דערזעהן וואָס זיי ווילען מהאָן האָט ער ארומגעכאַפּט דעם טויער מיטביידע אָרעמס און האָט געזאָגט: "ווען איהר ווילט עס שליידערען אין ים דאַן שליידערט עס מיט מיר צוזאַמען!" אין דעם אויגענבליק איז דער ים געוואָרען רוהיג.

נקנור האָט זיך דאָך ניט געקענט טרייסטען איבער דעם פערלוסט פון דעם ערשטען טויער. אָבער ווען ער איז אָנגעקומען צו דעם פּאָרט פון עכו האָט ער דערזעהן ווי דער טויער שלעפּט זיך נאָך און שווימט ארויס פון די זייטען פון דער שיף.

אַנדערע דערצעהלען אַז אַ וואַלפיש האָט דעם טויער איינגעשלונגען און נאָכדעם אויסגעשפּיגען אויף דער יבשה.

שפּעטער, אַז מען האָט אַלע טויערען פון בית המקדש איבערגעבויטען אויף גאָלדענע, האָט מען די טויערען פון נקנור געלאָזט שטעהן, כאָטש זיי זיינען געווען פון קופּער, צוליעב זייער וואונדערליכע היסטאָריע.

## 7

# די קינסטלער פון ירושלים

פיער מינים קינסטלער זיינען געווען אין ירושלים און זיי האָבען זייערע קונסטען ניט געוואָלט לערנען צו אנדערע. דריי האָבען געגעבען אן ערקלעהרונג ווארום זיי ווילען קיין אנדערען לערנען, האָבען זיי די חכמים געלויבט. איינער האָט קיין ערקלעהרונג געהאט צו געבען האָבען איהם די חכמים פערשאָלטען.

די מענשען פון בית גרמו (די פאמיליע גרמו) זיינען געווען גרויסע קינסטלער אין באַקען און זיי האָבען געבאַקט דעם לחם הפנים. און ווייל זיי האָבען די קונסט קיינעם גע־וואָלט אויסלערנען, האָבען די אידישע פיהרער געשיקט נאָך אלעקסאנדרען, און פון דאָרט אראָבגעבראַכט אנדערע בעקער. האָבען אבער די בעקער פון אלעקסאנדריען ניט געקענט מאַכען די ארבייט אזוי גוט ווי די פאמיליע גרמו. האָט מען געשיקט רופען די פאמיליע גרמו אז זיי זאָלען צוריק קומען צו דער ארבייט. האָבען זיי ניט געוואָלט. האָט מען זיי פער־דאָפּעלט זייער געהאלט, זיינען זיי געקומען. און ווען די אידישע פיהרער האָבען זיי געפרעגט, וואָרום זיי ווילען די ארבייט קיינעם ניט לערנען, האָבען זיי געענטפערט: "אונ־זערע עלטערן האָבען געוואוסט אז דער בית המקדש וועט אמאָל חרוב ווערען, האָבען זיי מורא געהאט טאָמער לערנט זיך אוים די ארבייט איינער וואס ווייס ניט ווי צו שעצען די היילינקייט פון דער קונסט, און ער וועט נאָכדעם באַקען אזעלכע ברויט פאר שטותע געטצען".

און דערפאר דערמאנט מען זייער נאָמען צו גוטען, ווייל קיינמאָל האָט מען אין די הענד פון זייערע קינדער געזעהן א שטיקעל ווייס ברויט, כדי מענשען זאָלען ניט זאָגען אז זיי עסען פון לחם הפנים.

די בית אבטינס (די פאמיליע אבטינס) זיינען געווען קינס־טלער אין מאַכען קטורת און זיי האָבען אויך קיינעם געוואָלט לערנען זייער קונסט. האָבען די אידישע פיהרער אראָבגע־בראַכט אנדערע קינסטלער פון דעם פאַך, פון אלעקסאנדריען. האָבען זיי געקענט די קטורת שטויסען, אזוי גוט ווי די מענ־

שען פון בית אבטינס, אָבער דער רויך פון זייערע קטורת פלעגט ניט גען אַזוי גלייך אַרויף ווי ביי די ערשטע. האָט מען די פאַמיליע אבטינס געמוזט פערדאַפּלען זייער געהאַלט און זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט צו זייער ארבייט. און אַז די אידישע פיהרער האָבען זיי געפרעגט, וואָרום זיי ווילען קיינעם ניט לערנען זייער קונסט, האָבען זיי געגעבען די זעלבע ערקלעהרונג ווי די בעקער פון דער פאַמיליע גרמו.

און אויף די בית אבטינס דערצעהלט מען אַז קיינמאָל איז אַ כלה ארויס פון זייער הויז פערפומירט, און אַז איינער פון זיי פלעגט נעהמען אַ פרוי פון אַן אנדער שטאָדט, פלעגט ער מיט איהר אָבריידען אַז זי זאָל קיינמאָל קיין בשמים נע־ברויכען, כדי עס זאָל ניט פאַלען אויף איהר אַ חשד אַז זי בענוצט זיך מיט די קטורת.

הוגרס בן לוי איז געווען אַ גרויסער זינגער. ער האָט געהאַט אַ זעהר זיסע און שטאַרקע שטימע, און אַז ער פלעגט אַריינלייגען זיין גראָבען פינגער אין מויל און דעם צווייטען פינגער אַרויפלייגען אויף דעם שפּאַלט פון זיין אויבערשטע ליפּ, פלעגט ער דאַן אַרויסגעבען אַזאַ שטאַרקע שטימע דאָס זיינע ברידער כהנים פלעגען אַ ציטער טהאָן און נאָכדעם פער־וואַרפען די קעפּ אַהינטער און פלייסען זיך צו זינגען אַזוי ווי ער. און דאָך האָט הוגרס קיינעם געוואָלט לערנען זיין קונסט. עס פערשטעהט זיך אַז ער האָט געוואָלט פערהיטען אַז גאָט'ס הייליגע געזאַנג זאָל מען אַמאָל ניט זינגען פאַר אַ פרעמדען גאָט.

בן קמצר איז געווען אַ קינסטלער אין שרייבען. ער פלעגט נעהמען פיער פעדערען צווישען זיינע פינף פינגער און אָנ־שרייבען אַ וואָרט פון פיער אותיות מיט אַמאָל. ער האָט אויך קיינעם ניט געוואָלט לערנען זיין קונסט. און ווען מען האָט איהם געפרעגט וואָרום ער וויל קיינעם ניט לערנען אַזוי שעהן שרייבען ווי ער, האָט ער ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. האָבען די אידישע געלעהרטע די ערשטע דריי געלויבט און בן קמצר האָבען זיי פערשאָלטען אַז זיין נאָמען זאָל פער־געסען ווערען פון דער וועלט.

## 8

# די גרעסטע טראַגעדיע פון חורבן

רבינא דערצעהלט:

דואג בן יוסף איז געוואָרען אַ יתום ווען ער איז נאָך

געווען א קליין קינד. ער איז פערבליבען ביי זיין מוטער אן איינציגע טרייסט. זעלטענס אז א מוטער האט ארויסגעווי־זען אזוי פיעל ליעבע צו אקינד ווי דעם קליינעם דואג׳ס מאמע. יעדען טאג פלעגט זי איהם וועגען און מעסטען, און ווי פיעל עס פלעגט איהם צוקומען פלעגט זי אין דער זעלבער וואג געבען אזוי פיעל גאלד אויפ׳ן בית המקדש.

שפעטער, אז דער שונא איז געקומען און האט בעלא־גערט ירושלים, און די איינוואהנער פון דער הייליגער שטאדט האבען געליטען שרעקליכע נויט, האט די מוטער, געטריבען פון הונגער צו משוגעת, גענומען איהר קליין, ליעב בן יחיד׳ל, איהם געשאכטען און געגעסען זיין פלייש.

## 9

## נאפט און באלזאם

ווען א מענש וויל זיין פערדארבען עפענט מען פאר איהם ברייט די טויערען פון פערדארבענהייט. ווען ער וויל פיהרען אריינעם לעבען העלפט מען איהם פון הימעל. ביי רבי ישמעאל האט מען וועגען דעם געזאגט אזא משל:

איינער, א סוחר, האנדעלט מיט נאפט און מיט פיינעם שמעקעדיגען באלזאם. קומט איינער קויפען נאפט, זאגט דער קרעמער צו איהם: ״נעהם און מעסט זיך אב אליין.״ קומט איינער קויפען באלזאם, זאגט דער קרעמער: ״ווארט און איך וועל דיר אפמעסטען, אום מיר ביידע זאלען זיך אב־נעהמען מיט דעם פיינעם אראמאט פון דעם באלזאם״.

## 10

## קנאה צווישען ברידער

יענעם יאהר אין וועלכען שמעון הצדיק, דער כהן גדול, איז געשטארבען האט ער געזאגט: ״דיזען יאהר וועל איך שטארבען.״ האט מען איהם געפרעגט: ״פון וואנען ווייסטו עס?״ האט ער דערצעהלט: ״יעדען יום כפור, אז איך פלעג אריינגעהן אין קדשי קדשים פלעגט צו מיר צוקומען אן אל־טער מאן אנגעטהאן אין ווייסען, אריינגעהן מיט מיר צוזא־מען און ארויסגעהן מיט מיר צוזאמען. היינטיגען יום כפור איז דער אלטער געווען אנגעטהאן אין שווארצען. ער איז

בלויז אריין מיט מיר צוזאמען און איז ניט ארויסגעגאנגען.״

באלד נאָך יום טוב איז ער קראנק געוואָרען, איז געלעגען אין בעט א וואָך צייט און איז געשטאָרבען. בעפאָר זיין טויט האָט ער אָנגעזאָגט אז חוניו זיין זוהן זאָל ווערען כהן גדול אויף זיין אָרט, ווייל חוניו, אָבוואָהל ער איז געווען דער אינגערער, איז ער געווען מעהר געלערנט און האָט בעסער געוואוסט די פפליכטען פון דעם וויכטיגען אמט.

אָבער חוניו׳ס ברודער, שמעי, וועלכער איז געווען צוויי און א האלב יאָהר עלטער פון איהם, האָט דאָס שטארק פערדראָסען און ער האָט זיך גענומען צום הארצען וואָס זיין אינגערער ברודער האָט בעקומען זייער פאָטער׳ס אמט. און חוניו, דער אינגערער, זעהענדיג ווי זיין ברודער ליידט צוליעב איהם, האָט זיך אין איהם ערוועקט זיין ברודער־ליעבע, און ער האָט צו שמעי געזאָגט: ״קום, דו וועסט זיין כהן גדול. קום, און איך וועל דיך לערנען דעם סדר עבודה.״

אָבער גלייך נאָכדעם האָט חוניו חרטה בעקומען אויף דעם וואָס ער האָט בעווילליגט די כהונה גדולה איבערצוגעבען צו זיין עלטערען ברודער, און ער האָט גענומען זוכען מיטלען ווי צוריק צו נעהמען דאָס וואָס ער האָט אוועקגעגעבען. זיך פערלאָזענדיג אויף דעם אז שמעי איז זעהר אונוויסענד, האָט ער איהם אנשטאָט די כהונה קליידער אָנגעטאָהן א פעלץ מיט א גארטעל, אזא ווי פרויען האָבען געטראָגען אין יענע צייטען. און נאָכדעם ווי ער האָט שמעי׳ן אריינגעפיהרט אין בית המקדש איז חוניו שטילערהייד צוגעגאנגען צו די אנדערע כהנים און האָט צו זיי געזאָגט: ״זעהט וואָס מיין ברודער האָט געטהאָן! ער האָט א געליעבטע, האָט ער איהר צוגעזאָגט, דאָס אין דעם טאָג וואָס ער וועט ווערען כהן גדול וועט ער טראָגען איהר פעלץ מיט׳ן גארטעל, אלס א צייכען פון גרויס ליעבע צו איהר.״ ווי די כהנים האָבען דאָס געהערט, זיינען זיי געוואָרען אזוי אויפגעבראכט אויף שמעי׳ן דאָס זיי האָבען איהם געוואָלט הרג׳ענען. האָט שמעי געבעטען אז זיי זאָלען האָבען א ביסעל געדולד און איהם ערלויבען צו געבען אן ערקלעהרונג. האָט ער זיי דערצעהלט די גאנצע געשיכטע ווי חוניו האָט איהם איינגערעדט אָנצוטהאָן דעם פעלץ מיט׳ן גארטעל, כדי ער זאָל קענען מאכען א בלבול אויף איהם.

ווען די כהנים האָבען ערפאהרען דעם גאנצען אמת, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי ברידער, איז זיי־

ער כעס איבערגעגאנגען צו תנניו און זיי האָבען איהם געוואָלט הרג'ענען. איז חוניו אנטלאָפען נאָך מצרים און ער האָט דאָרט געבוים א טעמפעל מיט א מזבח, און אליין געדיענט ביי דעם.

## 11

# א שטאָלצע אידישע מוטער

רבי ישמעאל בן קמחית איז געווען א כהן גדול. איינמאָל, יום כפור, איז ער ארויס אין גאַס, האָט ער בעגעגענט א בעקאנטען אראַבער און האָט זיך אָבגעשטעלט ריידען מיט איהם. האָט א שפּריץ געטהאָן פון דעם אראַבער'ס מויל אויף ר' ישמעאל'ס קליידער, און זיי טמא געמאַכט. צוליעב דעם האָט ער שוין נים געקענט אָבריכטען די עבודה. האָט געמוזט ישבב זיין ברודער פערנעהמען זיין אָרט, און זייער מוטער האָט דערלעבט צו זעהן צוויי פון איהרע זיהן דיענען אלס כהנים גדולים אין בית המקדש, ביידע אין איין טאָג.

שפּעטער האָט מיט רבי ישמעאל'ן זיך ווידער געטראָפען אזא סיבה און זיין ברודער יוסף האָט געמוזט פערנעהמען זיין אמט. האָט זייער מוטער ווידער געזעהן צוויי פון איהרע זיהן דיענען אלס כהנים גדולים אין איין טאָג.

די רבנן דערציילען אז די פרוי קמחית האָט געהאַט זיעבען קינדער און יעדער איינער האָט געדיענט אלס כהן גדול, און אז די אידישע געלעהרטע האָבען איהר געפרעגט: "וואָס אזוינס האָסטו געטהאָן דאָס דו האָסט דערלעבט אזא גדולה?" האָט די שטאָלצע מוטער געענטפערט: "קיינמאָל האָבען די ווענט פון מיין הויז געזעהן די האָאָר פון מיין קאָפּ."

## 12

# די וועלט און דער צדיק

רבי חנינא בן דוסא איז געגאנגען אין וועג. פּלוצלונג האָט אָנגעפאנגען צו געהן א שטארקער רעגען. האָט דער צדיק געזאָגט: "רבונו של עולם! די גאנצע וועלט איז אין פריידען און איך בין אין ליידען." האָט דער רעגען גלייך

אויפגעהערט. ווען ער איז געקומען אהיים האָט ער געזאָגט: "האר פון אלע וועלטען! די גאנצע וועלט איז אין ליידען וואָס עס רעגנט ניט, און איך, חנינא, זיץ זיך מיר אזוי בע־קוועם." האָט גלייך ווידער אָנגעהויבען צו רעגענען.

## 13

## שרעקט ניט דאָס פאָלק

די וואָס שרעקען אידען מיט אלערליי שלעכטע נביאות בענעהען און אונרעכט. ניט שרעק, נאָר האָפנונג דאַרף מען איינפלאַנצען אין די הערצער פון פאָלק.

די רבנן דערצעהלען אזא מעשה: איינמאָל, אום יום כפור, האָט א כהן גדול שטאַרק מאַריך געווען מיט זיין תפלה. זעהענדיג אז ער זאַמט זיך, האָבען די אנדערע כהנים בע־שלאָסען אריינצוגעהן אין די קדשי קדשים צו זעהן וואָס מיט איהם טהוט זיך. ווי נאָר זיי האָבען געהאלטען ביים אריינ־געהן איז ער אַרויסגעקומען. פרעגען זיי איהם: "וואָרום האָסטו היינט אזוי לאַנג געצויגען דיין געבעט?" ענטפערט ער: "עס איז ביי אייך גאָר ניט אָנגעלייגט וואָס איך האָב געבעטען פאַר אייך און פאַר דעם בית המקדש אז ער זאָל ניט חרוב ווערען?" האָבען זיי איהם געזאָגט: "זאָלסט וויי־טער אזוי ניט טהאָן, ווייל די חכמים האָבען געזאָגט אז דער כהן גדול דאַרף ניט לאַנג ציהען מיט זיין תפלה כדי דאָס פאָלק ישראל זאָל זיך ניט שרעקען און דענקען אז עס שטעהט איהם פאַר אַן אונגליק."

## 14

## אנדריינע אויגען זעהן אנדריינע זאכען

ר' קטינא דערצעהלט:

ווען די אידען פלעגען עולה רגל זיין אין ירושלים פלעגט מען זיי אין בית המקדש ציינען די כרובים ווי זיי זיינען געווען ארומגענומען איינער מיט'ן אנדערן, און מען פלעגט צו די אידען זאָגען: "איהר זעהט? די ליעבע פון דעם אייבערשטען צו אייך איז אזוי ווי די ליעבע פון מאַן און פרוי".

ריש לקיש דערצעהלט:

ווען די גוים וואָס האָבען חרוב געמאכט דעם בית המסדש

זיינען אהין אריינגעקומען און האָבען דאָרט דערזעהן די כרובים ווי זיי זיינען ארומגענומען איינער מיט'ן אנדערן, האָבען זיי די כרובים ארויסגענומען אין מיטען מארק און געזאָגט: "זעהט! אָט די אידען, וואס האלטען זיך אזוי הייליג, און וואס זייער ברכה איז א ברכה און זייער קללה איז א קללה, גיבען זיך אָב מיט אזעלכע זאכען!" און אזוי האָבען זיי דעם שעהנעם אידעאל וואס די כרובים האָבען פאָרגעשטעלט, די ליעבע צווישען גאָט און זיין פאָלק, גע־מאכט אונריין און אונווירדיג.

## 15

# דער טאָג פון הר גריזים

דער פינף און צוואנציגסטער טאָג אין טבת איז ביי אידען א יום טוב וואס הייסט דער טאָג פון הר גריזים. אין דיזען טאָג זיינען די כותים געקומען צו אלכסנדר מוקדון, איהם אָנגערעדט אויף די אידען און איהם געבעטען אז ער זאָל זיי לאָזען חרוב מאכען דעם בית המקדש. אלכסנדר מוקדון האָט געגלויבט זייער מסירה און ער האָט זיי געגעבען די ערלויב־ניס צו טהאָן וואס זיי ווילען. זיינען געקומען מענשען און האָבען פון דעם דערצעהלט צו שמעון הצדיק, וועלכער איז דאָן געווען כהן גדול. וואס האָט שמעון הצדיק געטהאָן? האָט ער אָנגעטהאָן די בגדי כהונה און מיטגענומען די גרעסטע מענער פון ירושלים און מיט פאקלען אין די הענד זיינען זיי דורך דער גאנצער נאכט געגאנגען צום קעניג. די אידען זיי־נען געגאנגען פון ירושלים און אלכסנדר מוקדון מיט זיינע מענשען זיינען געגאנגען צו ירושלים. ווען דער מאָרגענ־שטערן איז אויפגעגאנגען האָט אלכסנדר געפרעגט: "ווער זיינען יענע מענשען?" האָבען די כותים געענטפערט: "דאס געהען די אידען וואס האָבען געמאכט א רעוואָלוציאָן געגען דיר". איז ער מיט די כותים געגאנגען ווייטער. ווען זיי זיי־נען אָנגעקומען אין אנטיפרס, איז די זון אויפגעגאנגען, האָבען זיי זיך בעגעגענט מיט די אידען. ווען אלכסנדר האָט דערזעהן שמעון הצדיק אין כהונה קליידער, איז ער ארונטער פון זיין רייט־וואָגען און האָט זיך געבוקט פאר איהם. האָבען זיינע מענשען אויסגערופען: "אזא גרויסער קעניג ווי דו,

וואס האָט בעזיעגט אַ גאַנצע וועלט, בוקט זיך צו אַ אידען!״ האָט אלכסנדר זיי געענטפערט: ״דאס געשטאַלט פון דיזען הייליגען מאַן שוועבט פאר מיינע אויגען יעדען מאָל ווען איך בין אין שלאַכטפעלד און מונטערט מיך אויף צום זיעג.״ און די אידען האָט ער געפרעגט: ״וועגען וואס זייט איהר געקומען?״ האָבען די אידען געענטפערט: ״מיר זיינען געקומען בעטען אז די הייליגע הויז אין וועלכע מיר בעטען גאָט פאר דיר און פאר דיין קעניגרייך זאָל מען ניט חרוב מאכען. די כותים האָבען דיך אָבגענאַרט און ביי דיר אויסגעפיהרט אז דו זאָלסט ערלויבען חרוב צו מאַכען אונזער בית המקדש.״ האָט דער קעניג געפרעגט: ״וועמען מיינט איהר?״ האָבען די אידען געענטפערט: ״אָט די כותים וואס שטעהען דאָ פאר דיר״. האָט דער קעניג געזאָגט: ״איך גיב זיי איבער אין אייערע הענד.״

האָט מען די כותים גלייך דורכגעלעכערט זייערע פיאַטעס און צוגעבונדען זייערע פיס צו די עקען פון פערד, און זיי געשלעפּט איבער דערנער ביז מען האָט זיי געבראַכט צום בארג גריזים, וואו די כותים האָבען געוואוינט. ווען זיי זיינען אהין אָנגעקומען, האָבען די אידען אויפגעאַקערט דעם גאַנצען בארג און איינגעזייט דאָרט ארבעס, אזוי ווי די כותים האָבען געוואָלט מהאָן מיט דעם אָרט וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען.

## 16

## ווי דער יצר הרע האָט זיך געראַטעוועט

אין די צייטען פון עזרא האָבען די אידישע פאָרשטעהער גענומען שרייען צו גאָט: ״גוואַלד געשריען, רבונו של עולם! אָט דער שטן, דער יצר הרע, וואס צוליעב איהם איז חרוב געוואָרען דער ערשטער בית המקדש, און עס איז פערברענט געוואָרען דיין פּאַלאַסט, און עס זיינען אויסגעהרג׳עט גע־וואָרען די צדיקים, און די אידען זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, ער טאַנצט נאָך ארום צווישען אונז! דו האָסט איהם אונז געגעבען בלויז כדי מיר זאָלען איהם בעקעמפּפען און מיר זאָלען דערפאר בעקומען אַ שכר. דארפען מיר ניט איהם און ניט דעם שכר.״ איז אויף די רייד אראָבגעפאַלען אַ צעטעל פון הימעל און אויף דעם צעטעל איז געווען געשריבען

דאס ווארט: "אמת". עס הייסט אז די אידען האבען רעכט מיט זייער טענה.

דריי טעג מיט דריי נעכט האבען נאכדעם די אידען געפאסט און גאט געבעטען אז ער זאל דעם יצר הרע איבערגעבען אין זייערע הענד. האט ער איהם צו זיי איבערגעגעבען. איז דער יצר הרע ארויס ווי א פייערדיגער לייב פון די קדשי קדשים. דער נביא זכריה בן עדו האט זיי געזאגט: "דאס איז דער יצר הרע פון די געצענדיענער." ווען די אידען האבען דעם יצר הרע געכאפט, האט זיך ארויסגעריסען א האאר פון זיין צאפ און דער יצר הרע האט פאר וועהטאג ארויסגעלאזען א געשריי וואס האט זיך געהערט איבער גאנץ ארץ ישראל. זיינען די אידען געווארען פערצווייפעלט און זיי האבען געפרעגט: "וואס טהוט מען? צוליעב זיין געשריי קען נאך זיין אז מען זאל אויף איהם רחמנות האבען אין הימעל". האט דער נביא געזאגט: "ווארפט איהם אריין אין א קעסעל מיט קאכעדיגען בליי און פערדעקט דעם קעסעל מיט בליי, כדי זיין שטימע זאל פערשטיקט ווערען".

נאכדעם האבען די אידען געזאגט: "אזוי ווי עס איז יעצט אן עת רצון, ווילען מיר בעטען גאט אז ער זאל אונז אין גאנצען איבערגעבען דעם יצר הרע". האבען זיי ווידער גאט געבעטען און דער יצר הרע איז איבערגעגעבען געווארען אין זייערע הענד. האט זיי דער נביא געווארנט: "זעהט! אויב איהר וועט איהם טאקע דער'הרג'ענען וועט חרוב ווערען די גאנצע וועלט." האבען זיי געהאלטען דעם יצר הרע געבונדען דריי טעג. אין דער צייט האט זיך דער לעבען פון דער וועלט אין גאנצען אבגעשטעלט, און אז מען האט געזוכט א פרישע איי פאר א חולה, האט מען ניט געקענט געפינען איין איינציגע אין גאנץ ארץ ישראל. אפילו היהנער האבען פערלארען דעם חשק צו האבען קינדער און ברייגען א דור אויף דער וועלט.

האבען די אידען ווידער ניט געוואוסט וואס צו טהאן, און זיי האבען זיך געפרעגט: "וואס טהוט מען? זאלען מיר איהם דער'הרג'ענען וועט די וועלט חרוב ווערען." צום סוף האבען זיי איהם בלינד געמאכט און איהם געלאזט געהן, מיט דעם תנאי אז זיין מאכט זאל בעגרעניצט ווערען.

## 17
## א תשובה אויף אן אנצוהערעניש

שמעיה און אבטליון זיינען געווען די צוויי געלעהרסטע און בעליעבטסטע מענשען פון זייער צייט, טראָצדעם וואס זייער אבשטאַמונג איז געווען ניט אין גאנצען א ריין אידישע און אין זייערע אָדערן האָט געפלאָסען פרעמדע בלוט.

איינמאָל אז א כהן גדול וואס האָט געדיענט אין זייער צייט, איז ארויס יום כפור פון בית המקדש, איז איהם דער גאנצער עולם נאכגעגאנגען. מיט אמאָל, אז דער עולם האָט דערזעהן שמעיה און אבטליון, האָבען זיי פערלאָזען דעם כהן גדול און זיינען נאכגעגאנגען שמעיה און אבטליון. צום סוף זיינען שמעיה און אבטליון צוגעגאנגען צום כהן גדול אום איהם צו געבען כבוד און ווינשען א גוטען יום טוב. האָט דער כהן גדול מיט אן אָנצוהערעניש אויף זייער אבשטאמונג געזאָגט: "זאָלען די קינדער פון פרעמדע פעלקער געהן אין פריעדען, ווייל זיי טהוען די ארבייט פון אהרן, וועלכער האָט אויך געליעבט פריעדען". האָבען איהם שמעיה און אבטליון געענטפערט: "זאָלען די קינדער פון פרעמדע פעל־קער געהן אין פרידען, ווייל זיי טהוען די ארבייט פון אהרן, אבער די קינדער פון אהרן זאָלען ניט געהן אין פריעדען ווייל זיי טהוען ניט די ארבייט פון אהרן".

## 18
## ער שטראָפט מיט רחמנות

ר' יוסי האָט אזוי געזאָגט:

קום, זעה, ווי דעם מענשענ'ס זיטען זיינען ניט ווי דעם אייבערשטענס. א מענש אז ער האָט עפּעס א כעס אויף אן אנדערען דערגעהט ער איהם אין לעבען אריין, אבער דער אייבערשטער איז ניט אזוי: ער האָט איינמאָל פערשאָלטען די שלאַנג, דאָך שפּייזט ער איהר איבעראל וואו זי איז. ער האָט פערשאָלטען דעם כנעני ער זאָל זיין א קנעכט, פון דעסטוועגען האָט ער פערזאָגט אז וואס דער האר עסט און טרינקט מוז דער קנעכט אויך עסען און טרינקען. ער האָט פערשאָלטען די פרוי און אלע לויפען איהר נאָך. ער האָט פער־שאָלטען די ערד און די גאנצע וועלט שפּייזט זיך פון איהר.

## 19

# דער מן האָט איסגעזאָגט

רבי יוסי האָט געזאָגט: דער מן וואס די אידען האָבען געגעסען אין מדבר איז געווען אזוי ווי א נביא. ער האָט זיי קלאָר געמאכט אלע פערבאָרגענע געהיימניסען. ווי אזוי? אז עס פלעגען קומען צוויי מענשען פאר משה רבנו. איינער פלעגט זאָגען אויפ'ן אנדערן אז ער האָט ביי איהם גע'גנב'עט זיין קנעכט, און דער אנדערער פלעגט זאָגען: "ניין, איך האָב דעם קנעכט ניט גע'גנב'עט, נאָר דו האָסט איהם מיר פערקויפט", פלעגט משה זאָגען: "לאָמיר װאַרטען ביז מאָרגען וועלען מיר וויסען ווער עס זאָגט דעם אמת".

אויף מאָרגען פלעגט זיין אזוי: פלעגט מען געפינען דעם קנעכט'ס עומר (זיין חלק מן וואס איז אראָפּ פון הימעל) ביי זיין ערשטען האר איז געווען א סימן אז ער געהערט נאָך צו זיין ערשטען האר און דער צווייטער האָט איהם גע'גנב'עט. אויב מען האָט דעם קנעכט'ס עומר געפונען ביי דעם צווייטען האר, איז דאס געווען א בעוויז אז זיין ערשטער בעל הבית האָט איהם פערקויפט.

דאס זעלבע איז אויך געווען ווען מאן און ווייב פלעגען קומען, און פלעגען איינער דעם אנדערען בעשולדיגען אין אונטרייהייט. האָט משה אויך געהייסען וואַרטען ביז מאָרגען. פלעגט מען דער פרוי'ס עומר געפינען ביי איהר מאן איז געווען א סימן אז ער איז דער זינדיגער. פלעגט מען איהר עומר געפינען ביי איהר פאטער איז געווען א בעוויז אז זי האָט געזינדיגט.

## 20

# דער מלך און דער בן מלך

ביי רבי שמעון בן יוחאי האָבען איינמאָל זיינע תלמידים געפרעגט: צו וואס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט יעדען טאָג שיקען די אידען מן, האָט ער דען זיי ניט געקענט שיקען מיט איין מאָל אויף א גאַנץ יאָהר?

האָט ר' שמעון בן יוחאי אזוי געענטפערט:

„איך וועל אייך געבען א משל וואס איז זעהר גלייך צו דער זאך. א מלך א בשר ודם האט געהאט א זוהן. פלעגט ער איהם געבען אויף צו לעבען איין מאל אויף א גאנץ יאהר פאראוים. פלעגט דער זוהן קומען צום פאטער בלויז איין מאל אין יאהר, און מעהר פלעגט ער איהם נים אנזעהן. וואס האט דער פאטער געטהאן? האט ער בעשטעלט אז דער זוהן זאל בעקומען אויף פרנסה יעדען טאג. פלעגט שוין דער זוהן קומען יעדען טאג. אזוי איז אויך מיט די אידען. ווען זיי וואלטען געווען בעזארגט מיט פרנסה אויף א גאנצען יאהר וואלטען זיי אפשר פערגעסען אז זיי האבען א שפייזער אין הימעל, אבער אז זיי פלעגען בעקומען פרנסה בלויז אויף א טאג, איז יעדער טאטע וואס האט געהאט פיער אדער פינף קינדערלעך, פלעגט זיך אלץ זארגען, טאמער וועט מארגען קיין מן ניט ארונטערקומען, וועלען זיינע קינדער ניט האבען וואס צו עסען, און אזוי פלעגען שוין אלע ארויסקוקען צו זייער פאטער אין הימעל."

## 21

# עסען פרעמדעס איז ניט גוט

רבי יהודה און רבי יוסי זיינען געגאנגען אין וועג. האט רבי יהודה'ן אנגעכאפט א שטארקער הונגער, האט ער צוגענומען ביי א פאסטוך א ברויטעל און אויפגעגעסען. „די האסט בערויבט דעם פאסטוך", האט רבי יוסי געזאגט. ווען זיי זיינען אנגעקומען אין שטאדט, האט דער הונגער אנגעכאפט רבי יוסי'ן, האבען איהם די שטאדט לייט ארומגערינגעלט מיט קריגלעך האניג און מיט געקעכטסען. האט רבי יהודה געזאגט צו רבי יוסי: „איך האב בערויבט א פאסטוך און דו האסט בערויבט א שטאדט".

## 22

# א נאמען האט פיעל צו זאגען

רבי מאיר, רבי יוסי און רבי יהודה זיינען איינמאל געגאנגען אין וועג. רבי מאיר האט געהאט א רעגעל אז ווען ער פלעגט אנקומען אין אן ארט אויף נאכטלעגער פלעגט ער פרעגען דעם נאמען פון דעם בעל הבית. איז דער נאמען איהם געפעלען געווען פלעגט ער דעם בעל אכסניא טרויען, אויב

ניט פלעגט ער זיך פון איהם היטען. רבי יוסי און רבי יהודה האָבען אויפ'ן נאָמען ניט געקוקט און געטרויט יעדען מענשען.

פרייטאג זיינען די דריי אָנגעקומען צו אן אכסניא. אז רבי מאיר האָט געהערט דאס דער בעל הבית הייסט "כידור" האָט ער געזאָגט אז ער מוז זיין א שלעכטער מענש, ווייל אין פסוק שטעהט: כי דור תהפוכות" (א דור פון קידער־ווידער). זיינען זיי דאָרט געבליבען נעכטיגען אויף איבער שבת. רבי יוסי און רבי יהודה האָבען דעם בעל הבית געגעבען זייערע בייטלען געלד צו בעהאַלטען, אבער רבי מאיר האָט זיין ביי־טעל געלד אריינגעלייגט אין א כלי און האָט עס בעגראָבען ביי דעם קבר פון דעם בעל אכסניא'ס פאָטער, צוקאָפּענס. ביי נאַכט איז דעם בעל אכסניא'ס פאָטער געקומען צו זיין זוהן צום חלום און האָט איהם געזאָגט ער זאָל געהן צונעהמען רבי מאיר'ס בייטעל געלד. אויף מאָרגען האָט דער בעל אכסניא דערצעהלט צו רבי מאיר וואס איהם האָט זיך געחלום'ט. האָט רבי מאיר געזאָגט: "א חלום פרייטאג צו נאַכט ווען א מענש לייגט זיך שלאָפען מיט א פולען בויך, האָט קיין ממשות". און רבי מאיר האָט דעם גאַנצען טאָג געהיט דעם אָרט וואו ער האָט זיין געלד בעהאַלטען און ווען עס איז געוואָרען נאַכט האָט ער דאס צוריק אויסגעגראָבען.

זאָנטאג, אז די דריי האָבען געוואָלט אוועקגעהן, האָבען רבי יוסי און רבי יהודה געבעטען ביים בעל אכסניא ער זאָל זיי אומקעהרען זייערע בייטלען געלד. האָט ער זיי געענט־פערט: "איהר האָט מיר קיינמאָל קיין זאך געגעבען צו בעהאַלטען!" האָט רבי מאיר זיי פירגעהאַלטען: "פאַרוואָס קוקט איהר ניט אויפ'ן נאָמען?" האָבען זיי צוריק געטענה'ט: "פאַר וואס האָסטו אונז גאָרנישט געזאָגט?" האָט זיי רבי מאיר געענטפערט: "איך האָב זיך געטראַכט, איך קען האָבען א פערדאַכט אויף דעם מענשען, אבער אויף געוויס האָב איך דאָך ניט געוואוסט".

זיינען זיי געפאַלען אויף א גוטען פלאַן. זיי האָבען איינגעלאַדען דעם בעל אכסניא צו געהן מיט זיי טרינקען אין גריין הויז. נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם אָנגעטרונקען, האָבען זיי בעמערקט אויף זיינע וואָנסען געפינען זיך שפורען פון געקאָכטע לינזען. זיינען זיי אוועק צו זיין פרוי און געזאָגט: "דיין מאַן האָט אונז געהייסען געבען די צוויי בייטלען געלד. א סימן, האָט ער געזאָגט, אז דו האָסט איהם היינט געגעבען

לינזען צו עסען". האט זיי די פרוי אבגעגעבען די צוויי בייטלען געלד און זיי זיינען אוועק.

## 23
## משה און דוד

צוויי גוטע פיהרער האבען די אידען געהאט און דאס זיינען געווען משה און דוד. משה האט זיינע זינד געלאזט איינשרייבען אין דער תורה, אבער דוד האט געזאגט אין תהלים: "וואויל איז צו דעם וואס זיין שולד איז פערגעסען און זיין זינד בעהאלטען". דער תלמוד גיט אויף דעם א משל. צוויי פרויען זיינען גענומען געווארען צום בית דין בעשטראפט צו ווערען. איינע האט מען בעשטראפט פאר אויסגעלאסענהייט, די אנדערע פאר וואס זי האט געגעסען אונצייטיגע פייגען, וועלכע זיינען פערבאטען צו עסען. האט די וואס האט געגעסען די אונצייטיגע פייגען געזאגט: "איך בעט אייך, לאזט דעם עולם וויסען פאר וואס מען שטראפט מיך, מען זאל ניט מיינען אז מען שטראפט מיך פאר די זעלבע זינד וואס יענע פרוי האט בעגאנגען". האט דער בית דין גענומען א בינטעל אונצייטיגע פייגען און זיי אנגעהאנגען ביי דער פרוי אויפ'ן האלז, מען זאל וויסען פאר וואס זי ווערט בעשטראפט.

## 24
## די פעראנטווארטליכקייט פון א ריכטער

ווען רב פלעגט געהן אין בית דין הויז משפט'ן, פלעגט ער אויף זיך זאגען: "איך געה אויף זיך נעהמען א גרויסע פעראנטווארטליכקייט וואס איז אזוי ערנסט ווי איך וואלט געשטעלט מיין לעבען אין קאן. קיין נוטצען פאר מיין הויזגעזינד וועל איך פון דעם נים ציהען, און הלואי זאל איך צוריקקומען אהיים אזוי ריין ווי איך בין פון דארט ארויס".

יעדען מאל וואס רב פלעגט זיך בעווייזען אין גאס און ער פלעגט זעהן ווי מאסען מענשען געהען איהם נאך און גיבען איהם אפ כבוד, פלעגט ער צו זיך זאגען די ווערטער פון איוב: "ווען דער מענש זאל אפילו שטייגען הויך ביז'ן הימעל און זיין קאפ ביז צו די וואלקענס, וועט ער דאך

אמאָל פערלאָרען געהן, אויף אימער פערשוואונדען ווערען, און די וואָס האָבען איהם געקענט וועלען זיך פרעגען: וואו איז ער אהינגעקומען?" (איוב כ').

## 25

# האָסט אימיצען בעליידיגט, בעט איהם מחילה

רבי יצחק האָט געזאָגט: "ווער עס דערצאָרענט זיין פריינד אפילו מיט רייד, דאַרף איהם איבערבעטען, ער זאָל איהם מוחל זיין".

ווענען ר' ירמיה ווערט דערצעהלט אזוי:

ר' ירמיה האָט זיך איינמאָל פערשולדיגט נעגען ר' אבא. איז ער געגאַנגען און האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם שוועל פון ר' אבא'ס טיהר און געוואַרט ביז ער וועט ארויס־קומען און ער וועט קענען איהם בעטען מחילה. דערווייל האָט די דיענסט ארויסגעוואָרפען די צוזאַמענגעקעהרטע שטויב פון הויז און נאָכדעם האָט זי אויסגעגאָסען וואַסער אויף די מיסט. איז די שפריץ מיט די וואַסער געפאַלען ר' ירמיה'ן אין קאָפּ. האָט ער מיט אַ זיפץ אויסגערופען: "מען האָט מיך געמאַכט מיט מיסט צוגלייך", און ער איז אוועק פון דאָרט.

ווען ר' אבא האָט פון דעם דערהערט איז ער ארויס פון הויז, האָט אָנגעיאָגט ר' ירמיה'ן און האָט צו איהם געזאָגט: "יעצט דאַרף איך בעטען אז דו זאָלסט מיר מוחל זיין".

רבי זירא איז געגאַנגען נאָך ווייטער. אויב אימיצער האָט זיך נעגען איהם פערשולדיגט, האָט ער זיך געשטעלט נעבען יענעם, ער פלעגט איהם פערביינעהן איינמאָל און אַ צווייטען מאָל, כדי יענעם צו געבען אַ געלעגענהייט ער זאָל איהם איבערבעטען.

## 26

# די שטראָף פון אַן עזות פנים

רב האָט געהאַט אַ קריוודע נעגען אַ קצב וועלכער האָט איהם בעליידיגט. איז אַהנעק אַ יאָהר צייט און דער קצב איז נים געקומען איהם איבערבעטען. אז עס איז געקומען ערב יום כפור און ער איז נאָך אַלץ נים געקומען, האָט רב זיך געזאָגט: "איך וועל איהם געהן איבערבעטען". אויפ'ן וועג

האָט איהם בעגעגענט רב הונא. פרעגט רב הונא: ״וואוהין געהט דער האַר?״ ענטפערט רב: ״איך געה איבערבעטען יענעם מענשען״. זאָגט רב הונא: ״דער רבי געהט איהם ברייננען דעם טויט״. ווען רב איז געקומען צום קצב, האָט ער זיך געשטעלט ביים טיהר און האָט אויסגערופען אַז ער איז דאָ. האָט דער קצב אַ געשריי געטהאָן: ״געה, איך האָב מיט דיר קיינע געשעפטען״. אין דער צייט האָט ער געהאַלטען אין צוהאַקען אַ קאָפּ פון אַ בהמה, האָט זיך אראָבגעגליטשט דער אייזען פון האַק, איהם געפאַלען אין קאָפּ און דער קצב, דער עזות פנים, איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. אַט אַזוי איז די נבואה פון רב הונא מקוים געוואָרען.

# מסכת סוכה

## 1

## א סוכה צווישן הימל און וואסער

רבי עקיבא און רבן גמליאל זיינען איינמאָל צוזאמען גע־פאָהרען אויף א שיף. עס איז געווען די וואָך פון סוכות. האָבען זיי גענומען ריידען וועגען דעם, אויב זיי דאַרפען מאַכען א סוכה אויפ'ן שיף. רבי עקיבא האָט געהאַלטען אַז מען דאַרף, אבער רבן גמליאל האָט געהאַלטען אַז א סוכה אויף א שיף איז פסול. האָט רבי עקיבא זיך גענומען צו דער ארבייט און האָט אויף דעם אויבערשטען דעק פון דער שיף אויסגע־בויט א סוכה וועלכע האָט זעהר שעהן אויסגעזעהן אונטער די בלויע ברייטע הימלען וואס האָבען זיך געצויגען איבער'ן ים. אבער אויף מאָרגען איז געקומען א שטאַרקער ווינד און האָט די סוכה ארונטערגעריסען און אין ים אריינגעוואָרפען. האָט רבן גמליאל אין שפאַס געזאָגט צו רבי עקיבא: "עקיבא, וואו איז דיין סוכה?"

## 2.

## ווי דער רבי אזוי דער תלמיד

אויף רבי יוחנן בן זכאי האָט מען דערצעהלט: ער האָט קיינמאָל גערעדט קיין נעריטער וואס האָבען קיין זין, איז ניט געגאַנגען ד' אמות אָהן תורה און אָהן תפילין, איז קיינמאָל געשלאָפען אין בית המדרש, אפילו ניט געכאַפּט דאָרט א דרעמעל, פלעגט קומען אהין אימער דער ערשטער און אימער

ארויסגעהן דער לעצטער. קיינמאָל האָט איהם אַ מענש געזעהן שווייגען, ווייל ער פלעגט אימער זיצען און לערנען. קיין מענש האָט געעפענט די טיהר פאר זיינע תלמידים, נאָר ער אליין פלעגט שטעהן ביים אריינגאנג פון בית המדרש און עפענען די טיהר פאר יעדען תלמיד. קיינמאָל האָט ער געזאָגט אַ זאַך וואס ער האָט נים געהערט פון זיין רבי. און ער האָט קיינמאָל געזאָגט אז עס איז שוין צייט אװעקצוגעהן פון בית המדרש, אויסער אום ערב פסח און ערב יום כפור, ווען עס איז נויטיג געווען צו געהן אהיים פריהער און מאַכען הכנות.

אזוי פלעגט זיך אויך פיהרען רבי אליעזר זיין תלמיד.

## .3

## א געשלאָגענער האָט אימער מורא

די רבנן האָבען געזאָגט: א לקוי חמה איז אַ שלעכטער צייכען פאר דער גאַנצער וועלט. עס איז דאָ אַ משל אויף דעם. אַ מלך, א בשר ודם, האָט געמאַכט אַ סעודה פאר זיינע קנעכט און ער האָט פאר זיי אויפגעהאנגען א לאַנטערנע. אין מיטען דרינען ווערט דער מלך אין כעס אויף זיי און זאָגט צו זיין דיענער: "נעהם אוועק די לאַנטערנע און לאָזען זיי זיצען אין דער פינסטער!"

רבי מאיר זאָגט: אַ לקוי איז א שלעכטער סימן — אויף שונאי ישראל געזאָגט געוואָרען, אידען זיינען געוואוינט אז מען זאָל זיי צרות אָנטהאָן. אָט האָט איהר אויף דעם א משל: א מלמד קומט אריין אין חדר מיט א קאַנטשיק אין האַנד. וועלכער אינגעל שרעקט זיך? דער וואס קריגט שמיץ יעדען טאָג.

## .4

## ווען רייכע גיבען צדקה

גאָט האָט געזאָגט (ישעית, ס"א) איך האָב ליעב גערעכטיגקייט און האָב פיינד א קרבן וואס איהר ברייגגט מיר פון גזלה.

האָט רבי יוחנן, אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי, געגעבען אויף דעם אַזאַ משל:

א מלך איז איינמאל פערביינעפאהרען א צאל־הויז וואו אלע בירגער פון לאנד צאהלען איין צינזען. האט דער מלך געזאגט צו זיינע דיענער: "צאהלט איין פאר מיר צינזען צו מיינע צאל־בעאמטע". האבען די דיענער זיך געוואונדערט און געזאגט: "אונזער האר קעניג! אלע צינזען זיינען דאך מאי ווי דיינע, טא וואס מאכט עס אויס אויב דו בעצאהלסט, אדער דו בעצאהלסט ניט?" האט זיי דער מלך אזוי ער־קלערט: "איך מוז צאהלען אזוי ווי אלע, אום צו צייגען א ביישפיעל צו אנדערע דורכפאהרער אז זיי זאלען זיך ניט אויסדרעהען פון צינזען". אזוי איז אויך מיט דעם אייבערשטען. אלעס איז אפילו זיינע, דאס געררויבטע אזוי ווי דאס עהרליך פערדיענטע, אבער ער וויל אז מענשען זאלען געבען פון זייערע אייגענע און ניט פון דעם וואס זיי האבען גע־רויבט ביי אנדערע מענשען.

## .5

## אז מען וועט קילען דעם יצר הרע —

רבי יהודה ברבי אלעאי האט אזוי גע'דרשנ'ט:

אז משיח וועט קומען וועט דער אייבערשטער נעהמען דעם יצר הרע און איהם שעכטען אין נעגענוואַרט פון די צדיקים און די רשעים. ביי די צדיקים וועט דער יצר הרע אויסזעהן ווי א גרויסער הויכער בארג, און ביי די רשעים ווי א האאר פון קאפ. די וועלען וויינען און די וועלען וויינען. די צדיקים וועלען וויינען און זאגען: "ווי האבען מיר עס געקענט איינגעהמען אזא גרויסען בארג?" און די רשעים וועלען קלאגען: "ווי האבען מיר ניט געקענט בייקומען אזא קליינינקייט וואס איז ווי א האאר פון קאפ?" און אפילו דער אייבערשטער וועט זיך אויך וואונדערען מיט זיי.

## .6

## ס'איז לייכט יענעם צו בעשולדיגען

עס איז לייכט יענעם צו בעשולדיגען אין א זינד. עס איז אבער שווער אליין בייצושטעהן א נסיון.

אביי האָט געזאָגט: דער יצר הרע האָט ליעב זיך צו רייצען מיט אידען, איבערהויפּט מיט תלמידי חכמים.

און געזאָגט האָט ער דאָס ווענען א געשיכטע וואָס מיט איהם אליין האָט זיך געטראָפען.

איינמאָל האָט אביי אונטערגעהערט ווי איינער א מאַן זאָגט צו א פרעמדער פרוי: "מאָרגען וועלען מיר אויפשטעהן גאנץ פריה און געהן אין יענעם אָרט." האָט אביי זיך געטראַכט: לאָמיך זיי נאָכגעהן און זיי פערהיטען פון אן עברה. איז ער זיי נאָכגעגאנגען דריי מייל דורך זומפּינע פעלדער. ווען זיי האָבען זיך געדאַרפט שיידען האָט ער גע־הערט ווי זיי זאָגען: "ווייט זיינען אונזערע וועגען איינע פון די אנדערע און מיר מוזען זיך שיידען. אָבער ווי זיס און אנגענעהם וואָלט געווען ווען מיר וואָלטען געוואוינט נאָהנט און געהן צוזאמען." נאָכדעם האָבען זיי זיך צושיידט. זי איז אוועק אין איהר וועג און ער אין זיינעם. האָט אביי געזאָגט צו זיך מיט א זיפץ: "מיין ערגסטען שונא וואָלט איך ניט געקענט בעשולדיגען גוען ער וואָלט ניט געקענט בייי־שטעהן דעם רייץ פון אזא שעהנע פרויענצימער." מיינען האָט ער מיט דעם געמיינט זיך אליין. ער האָט נאָכדעם זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ריגעל פון א טיהר און האָט זיך שטאַרק געגומען צום הארצען. איינער אן אלטער חכם האָט דאַרויף געזאָגט: "ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר איז זיין יצר הרע אויך גרעסער."

## .7

## דער טויטער קאָפּ אויפ'ן וואסער

הלל האָט איינמאָל געזעהן דעם טויטען קאָפּ פון א מענשען שווימען אויפ'ן וואסער. האָט ער דערקענט אז דאָס איז געווען דער קאָפּ פון א בעוואוסטען רויבער. האָט הלל געזאָגט: "דערפאַר וואָס דו האָסט אנדערע מענשען דער־טרונקען האָט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף פון די וואָס האָבען דיך דערטרונקען וועט זיין אז מען וועט זיי אויך דערטרינקען."

## 8.

# וואו א מענש דארף שטארבען אהין טראָגען איהם זיינע פיס

ביי שלמה המלך זיינען געוועזען צוויי שרייבער, אליהורף און אחיה, און זיי זיינען געוועזען ביידע גרויסע פארשוינען. איין טאָג האָט שלמה געזעהן דעם מלאך המות און ער האָט אויסגעזעהן זעהר אומעטיג. פרעגט איהם שלמה: "פאר וואָס זעהסטו אויס אזוי טרויעריג?" ענטפערט דער מלאך המות: "איך בין אין א גרויסער פערלעגענהייט. אָט די צוויי שעהנע פארשוינען פאָדערט מען פון מיר, ווייל זייער צייט איז געקומען צו שטארבען, אָבער ניט דאָ איז דער אָרט וואו זיי איז בעשערט צו שטארבען." ווען שלמה האָט דאָס דער־הערט, האָט ער די צוויי שרייבער געוואָלט ראטעווען, האָט ער זיי אוועקגעשיקט אין לוז, ווייל דאָס איז געווען אן אָרט פון אייביגעם לעבען, וואו דער מלאך המות האָט ניט געקענט צוקומען. אָבער ווי זיי זיינען געקומען ביים טויער פון דער שטאָדט זיינען זיי געשטאָרבען. אויף מאָרגען האָט שלמה געזעהן דעם מלאך המות און ער האָט אויסגעזעהן זעהר פרעהליך. פרעגט שלמה: "וואָס פרעהסטו זיך?" ענט־פערט דער מלאך המות: "די האָסט זיי געשיקט אהין גראדע וואו איך האָב זיי געדארפט האָבען." דאן האָט שלמה גע־זאָגט: "דאָרט וואו א מענש דארף שטארבען אהין טראָגען איהם זיינע פיס".

## 9.

# וואָס די גוים האָבען פערלאָרען

אין די זיעבען טעג פון יום טוב פלעגט מען ברייגגען זיעבציג אָקסען אלס קרבנות אין בית המקדש. אויף דעם אכטען טאָג (שמיני עצרת) פלעגט מען מקריב זיין בלויז איין אָקס. האָט רבי אלעזר געזאָגט וועגען דעם אזוי: די זיעבציג אָקסען זיינען געווען פאר די זיעבציג פעלקער וואָס האָבען

דאן עקזיסטירט, כדי זיי זאָלן האָבן געגנט רעגן און זייערע פעלדער זאָלן זיין געראָטען. דער איינציגער אָקס איז געווען א קרבן פאר די אידען, וואָס זיינען אן איינציגע פאָלק אין דער וועלט. למשל אגוי: א מלך האָט געזאָגט צו זיינע אונטערטאנען: "מאכט מיר א גרויסע סעודה". האָבן זיי פערבראכט א גאנצע וואָך צייט אין עסען און טרינקען. דעם לעצטען טאָג זאָגט דער מלך צו איינעם וואָס איז געווען זיינער א פריינד, א ליעבלינג: "יעצט מאך דו מיר א קליינע סעודה'לע, ווייל מיט דיר אליין איז ביי מיר א בעזונדער פערגניגען צו פערברייגגען."

ר' יוחנן האָט געזאָגט: "וועה איז צו די נעמצענדיענער וואָס האָבן פערלאָרען און ווייסען נים וואָס זיי האָבן פערלאָרען. ווען דער בית המקדש איז געשטאנען פלעגט דער מזבח פערגעבען אויף זייער זינד, אָבער יעצט ווער פערגיט אויף זיי?"

# 10

# מרים בת בילגה

מרים, די טאָכטער פון דעם כהן בילגה, האָט זיך פערליעבט אין א גריכישען סאָלדאט. האָט זי זיך גע'שמד'ט און איז געוואָרען זיין פרוי. אין די צייטען פון מתתיהו בן יוחנן, ווען די גריכען זיינען אריין אין בית המקדש, איז זי אויך אריינגעקומען מיט די אידישע שונאים, האָט א זעץ געטאָן מיט איהר שוך אין מזבח און האָט אויסגערופען: "דו וואָלף! דו וואָלף! ווי לאנג וועסטו פערשווענדען אידישע געלד און קיינמאָל זיי ביישטעהן אין א נויט?" געמיינט האָט זי צו לעסטערען דעם מזבח פאר די קרבנות וואָס מען פלעגט ברייגגען אויף איהם יעדען טאָג. און ווען די אידישע פיהרער האָבן געהערט פון דעם, האָבן זיי אָבגעשאַפט פון אמט איהר פאָטער צוזאמען מיט די אנדערע כהנים פון זיין משפחה.

אביי האָט געזאָגט: דערפאר האָט מען בעשטראָפט די גאנצע משפחה, ווייל וואָס א קינד לערנט אין דער הויז פון זיינע עלטערען דאָס בלייבט אין איהם. און וואָס א קינד רעדט זיך אויס אין גאס האָט ער דאָס זיכער געהערט ענטוועדער פון פאָטער, אָדער פון דער מוטער.

# מסכת ביצה

## .1

## מענשען וואָס זוכען וואַילטאָג.

איין מאָל, יום טוב, איז רבי אליעזר געזעסען און גע'דרש'ענט אין בית המדרש פאַר אַ גרויסען עולם. האָט זיך אויפגעהויבען איין גרופּע מענשען און איז ארויס אין מיטען דער דרשה. האָט רבי אליעזר בעמערקט: "דאָס זיינען מענשען וואָס האָבען זיך אָנגעגרייט ווײַן אין גרויסע פעסער און זיי איילען זיך געהן די פעסער אויסצוטרינקען." שפּעטער איז ארויס אַ צווייטע גרופּע. האָט רבי אליעזר געזאָגט: "די האָבען שוין קלענערע פעסער." נאָכדעם איז ארויס אַ דריטע גרופּע. האָט רבי אליעזר אָנגעצייגט: "די האָבען שוין קריגלעך." אז די פערטע גרופּע איז ארויס, האָט רבי אליעזר זיך אויסגעדריקט: "די האָבען בלויז פלעשלעך." ווען די פינפטע גרופּע האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס, האָט רבי אליעזר זיך אַ זאָג געטהאָן: "די האָבען נעבעך ניט מעהר ווי כוסות." ווען די זעקסטע גרופּע האָט זיך אָנגעהויבען ארויסרוקען פון בית המדרש, האָט רבי אליעזר שוין מיט כעס אויסגערופען: "די זיינען שוין גאָר פערשאָלטענע." האָבען די תלמידים וואָס זיינען געבליבען זיצען זיך ערשראָקען. זיי האָבען געזעהן אז די מענשען וואָס פערבלייבען שפּעטער ווערען אַלע' הארבער בעשטראָפט פון זייער רבי'ן.

האָט זיי רבי אליעזר געטרייסט און געזאָגט: "ניט איך מיין איך. איך מיין יענע וואָס צו ליעב א שעה וואוילטאָג פערלאָזען זיי די תורה וואָס ניט אייבינעם לעבען."

## 2

## געגעסען א גאנצע וואָך לכבוד שבת

אויף שמאי הזקן דערצעהלט מען אז ער האָט זיין גאנצען לעבען געגעסען לכבוד שבת. פלעגט ער געפינען א גוטע בהמה, פלעגט ער זאָגען: "דאָס וועט זיין אויף שבת." אויף מאָרגען, אז ער פלעגט געפינען א בעסערע בהמה פלעגט ער זאָגען: "אָט די וועט זיין אויף שבת," און די ערשטע פלעגט ער גלייך נעהמען עסען. אָבער הלל האָט געהאט אן אנדער זיטע. ער האָט געהאלטען פון פסוק "ברוך ה' יום יום" — דער אייבערשטער שפייזט יעדען טאָג.

## 3

## די רייכע פון בבל

אַלע רייכע מענשען פון בבל זיינען פער'משפט צו געהן אין גיהנם.

שבתאי בר מרינוס איז געקומען אין בבל. האָט ער געבעטען מען זאָל איהם געבען עפּעס צו פערדיענען, האָט מען איהם ניט געגעבען. האָט ער געבעטען מען זאָל איהם געבען עפּעס צו עסען, האָט מען איהם עסען אויך ניט געגעבען. האָט ער געזאָגט: "דיזע מענשען קומען ארויס פון ערב רב, ווייל ווער עס האָט רחמנות אויף מענשען ווייס מען אז ער איז פון אברהם אבינו'ס אייניקלעך און ווער עס האָט ניט רחמנות אויף מענשען איז זיכער אז ער איז ניט פון אברהם אבינו'ס אייניקלעך."

# מסכת ראש השנה

## 1

## זינד קעגן גאָט און זינד קעגן מענטשן

די זינד וואָס א מענטש זינדיקט קעגן גאָט איז איהם גאָט מוחל, אָבער די זינד וואָס א מענטש זינדיקט קעגן זיין מיט־מענטשן איז איהם גאָט ניט מוחל סיידען ער בעט יענעם מענ־שען איבער.

רבי יוסי הכהן האָט אויף דעם געגעבען א משל. א מענטש האָט געליהען ביי דעם אנדערען א סומע געלד. האָט ער מיט מיט זיין בעל טובה, דעם מלוה, אָבגעמאכט אין געגענוואַרט פון דעם מלך און געשוואָרען ביים לעבען פון דעם מלך אז ער וועט דעם חוב בעצאָהלען אין א בעשטימטער צייט. אז די צייט איז געקומען האָט דער בעל חוב ניט געקענט בעצאָהלען. איז ער געקומען צו לויפען צום קעניג און ביי איהם גענומען בעטען רחמים: ״אדוני המלך! איך האָב געשוואָרען ביי דיין לעבען אז איך וועל בעצאָהלען, און איך האָב ניט וואָס צו צאָהלען. טאָ האָב רחמנות און זיי מיר מוחל!״ האָט דער מלך געענטפערט: ״דאָס וואָס דו האָסט געשוואָרען ביי מיין לעבען בין איך דיר מוחל, אָבער וואָס דו קענסט דיין חוב ניט בעצאָהלען דארפסטו יענעם איבערבעטען.״

## 2

## א דעמאָנסטראַציע קעגען גזירות.

די טיראנישע רעגירונג פון רוים האָט א מאָל ארויסגע־געבען א גזירה אז אידען זאָלען מעהר ניט לערנען תורה, ניט

מל זיין זייערע קינדער און ניט האלטען שבת. וואָס האָבען געטאָן יהודה בן שמוע און זיינע חברים? זיי זיינען אוועק און זיך בעראטהען מיט א רוימישע דאמע וואָס אלע גרעסטע מענער פון לאנד פלעגען זיין ביי איהר אָפטע אריינגעהער. האָט זי זיי געגעבען אזא עצה: ”געהט ארוים אויף א דעמאָנסטראציע ביינאכט.” זיינען זיי ארוים ביינאכט און האָבען מארשירט איבער די גאסען פון רוים און געשריען: ”אי שמים! אום גאָטעס ווילען! זיינען מיר דען ניט אייערע ברידער? זיינען מיר דען ניט קינדער פון איין פאָטער און איין מוטער? טאָ פאר וואָס האלט איהר אונז ערגער פון אלע פעלקער און איהר מאכט נעגען אונז אזעלכע גזירות?”

גלייך נאָכדעם האָט מען די גזירות מבטל געווען, און יענער טאָג, דער אכט און צוואנציגסטער אין אדר, איז ביי אידען געבליבען א יום טוב.

## 3

# אין די ימים נוראים.

אמאָל האָבען די מלאכים געפרעגט ביי דעם אייבערשטען: ”רבנו של עולם, פאר וואָס זאָגען ניט דיינע אידען הלל אום ראש השנה און יום כפור?” האָט זיי דער אייבערשטער געענטפערט: ”ווי פאסט זיך דאָס? א מלך זיצט אויף'ן טראָהן און משפט די וועלט, די ביכער פון לעבען און פון טויט זיינען פאר איהם אָפען, און איהר ווילט אז אין דער צייט זאָלען די אידען מיר זינגען לויב ליעדער?”

# מסכת מגילה

## 1

## אלע מענשען זיינען נאַט'ס בעשעפעניסען.

ווען די אידען זיינען אריבער דעם ים און די מצריים זיי־נען דאָרט דערטרונקען געוואָרען, האָבען די מלאכים אין הי־מעל געוואָלט זינגען שירה. האָט זיי דער אייבערשטער גע־זאָגט: "וואָס ווילט איהר טאָהן! מיינע בעשעפעניסען טרינקען זיך אין ים און איהר ווילט זינגען שירה?"

## 2

## ושתי המלכה'ס טוֹת.

ושתי המלכה איז געווען זעהר א שלעכטע און זי פלעגט אנטהאָן גרויסע צרות צו די אידישע מעבטער פון איהר לאנד. זי פלעגט לאָזען כאַפּען אידישע מיידלעך, זיי אויסטאָהן נא־קעט און זיי צווינגען צו ארבייטען אום שבת. און די יוגאָס האָבען ניט געוואָלט מחלל שבת זיין פלעגט זי לאָזען טויטען. און דערפאַר איז זי בעצאָהלט געוואָרען מיט דער זעלבער מאָטאָס. דער טאָג ווען אחשורוש האָט איהר געהייסען קומען

פאר איהם און זיינען געסט א נאקעטע איז געווען שבת און אין דעם זעלבען טאג איז זי דער'הרג'עט געוואָרען.

רבא האָט געזאָגט: ביי דער סעודה פון אחשורוש האָט מען אנגעהויבען צו ריידען וועגען דעם וועלכע פרויען זיינען די שעהנסטע. די האָבען געזאָגט אז די פרויען פון מדי זיינען די שעהנסטע, אנדערע האָבען געזאָגט אז די פרויען פון פרס זיינען די שעהנסטע. האָט אחשורוש געזאָגט: "איך האָב די שעהנסטע פרוי, קומט זי ניט פון פרס און ניט פון מדי, נאָר זי איז א כשדית. ווילט איהר זי זעהן?" האָבען די בעזויפענע געסט זיך אָבגערופען: "יא, מיר ווילען זי זעהן, אָבער נאָר א נאקעטע." האָט דער קעניג געגעבען א בעפעהל אז ושתי זאָל קומען א נאקעטע, אָבער ושתי האָט זיך ענטזאגט צו קומען ווי דער קעניג האָט געוואָלט. זאָגט רבי יוסי בר חנינא: דער־פון איז צו זעהן אז א קרעץ איז איהר אויפגעוואקסען. רבא זאָגט, ושתי האָט דורך די דיענער געשיקט צו אחשורוש אזא תשובה: "ער דאַרף ניט פערגעסען אז ער איז געווען ביי מיין פאָטער א שטאַלמייסטער. מיין פאָטער פלעגט אויסטרינקען טויזענד בעכער ווייז און ניט ווערען שיכור, און דער מענש איז פון וויין פשוט משוגע געוואָרען." אָט פאר דיזער בע־ליידיגונג האָט זיך דער כעס פון אחשורוש אָנגעצונדען.

## 3

# ושתי'ס ריכטער.

ווען ושתי האָט זיך פערשולדיגט געגען אחשורוש'ן, האָט אחשורוש זיך געווענדעט צו די אידישע געלעהרטע אז זיי זאָ־לען איהר משפט'ן. האָבען די אידען זיך געקלערט: וואָס זאָ־לען מיר טאָהן? זאָלען מיר איהר פער'משפט'ן צום טויט, וועט ער זיך אויף מאָרגען אויסניכטערען און האָבען טענות צו אונז וואָס מיר האָבען איהר געלאָזט הרג'ענען. זאָלען מיר איהר פריי לאָזען, וועט ער זאָגען אז זיין כבוד און דער כבוד פון זיין רעגירונג האָט ביי אונז קיין ווערטה. האָבען זיך די אידישע חכמים איבערלייגט און אזוי געזאָגט צו אחשורוש המלך: "זייט דער בית המדרש איז חרוב געוואָרען און מיר זיינען פערטריבען געוואָרען פון אונזער לאנד, האָבען מיר פערלאָרען די פעהיגקייט צו דענקען ריכטיג און מיר קענען ניט משפט'ן מענשען אויף לעבען און טויט. בעסער געה צו די ריכטער פון עמון און מואב. זיי לעבען זיך רוהיג אזוי ווי

דער ווײַן אויף זײַנע הויזען, זײַ האָבען קיינמאָל פערזוכט דעם טעם פון גלות און זײַערע קעפ זײַנען בעסער פעהיג צו משפט׳ן.״

## 4

# ליעבע און רחמנות

וועלכער געפיהל איז שטאַרקער? ליעבע אָדער רחמנות?

גרויס איז געווען די ליעבע פון רחל צו יעקב, אבער איהר רחמנות אויף איהר שוועסטער האָט אריבערגעוואויגען איהר ליעבע צו יעקב׳ן, און זי האָט מקריב געווען איהר אייגענעם גליק פאַר לאה׳ן.

רבי אלעזר דערצעהלט אזוי:

ווען יעקב האָט רחל׳ן געפרעגט אויב זי וויל מיט איהם חתונה האָבען, האָט זי געענטפערט: ״איך וויל מיט דיר חתונה האָבען, אבער מײַן פאָטער איז א רמאי, און דו וועסט איהם ניט קענען בײַקומען״. האָט יעקב געזאָגט: ״אויב ער איז א רמאי, פערגעס ניט אז איך בין פון זײַן משפחה, א ברודער־רמאי״. האָט רחל געפרעגט: ״מעג דען אַן אָרענט־ליכער מענש געהן מיט פאַלשקייט?״ האָט יעקב געענטפערט: ״מיט גלייכע מענשען געהט מען גלייך, מיט קרומע קרום״.

״אבער זאָג מיר״, האָט יעקב געפרעגט, ״וואס פאַר א שווינדעל וויל מיר דײַן פאָטער מאַכען?״ האָט רחל געענט־פערט: ״איך האָב א שוועסטער וואס איז עלטער פון מיר און מײַן פאָטער וויל ניט אז איך זאָל חתונה האָבען פריהער פון מײַן שוועסטער. ווען עס וועט קומען די נאַכט פון דער חופה וועט ער איהר אריינפיהרען צו דיר אנשטאָט מיך״. האָט יעקב איבערגעגעבען רחל׳ן סימנים וואס זי זאָל איהם זאָגען אין דער פינסטער, אום ער זאָל וויסען אז דאס איז זי. אז עס איז געקומען די נאַכט פון דער חופה, און רחל האָט געזעהן אז מען קלייבט זיך אריינצופיהרען לאה׳ן אנשטאָט איהר, איז איהר הארץ געוואָרען פול מיטלייד אויף איהר שוועסטער. רחל האָט זיך פאַרגעשטעלט לאה׳ס שאַנדע ווען יעקב וועט זיך דערוויסען אז זי איז ניט רחל. איז רחל צוגעגאַנגען צו לאה׳ן און האָט איהר אין אויער אײַנגערוימט די סימנים וואס יעקב האָט איהר געגעבען. און ביז עס איז געוואָרען טאָג האָט יעקב ניט געוואוסט אז ער האָט חתונה געהאַט מיט לאה׳ן.

5

# אחשורוש אַזוי ווי המן

אחשורוש האָט די אידען פיינד געהאַט ניט ווייניגער ווי המן. דען ווען המן האָט אחשורוש'ן אָנגעבאָטען צעהן טויזענד צענטנער זילבער ער זאָל איהם דערפאַר לאָזען אויס'הרג'ענען די אידען, האָט איהם אחשורוש געענטפערט: "האַלט זיך דיין געלר און מיט די אידען טהו וואָס דיין הארץ געלוסט".

ר' אבא גיט אויף דעם אזא משל: אמאָל זיינען געווען צוויי מענשען און ביידע האָבען געהאַט פעלדער אין נאָהנטע שכנות. איינער האָט אין זיין פעלד געהאַט א בערגעל, דער אנדערער האָט געהאַט א גרוב. פלעגט דער וואָס האָט געהאַט די גרוב זאָגען: "ווי קריג איך יענעם בערגעל צו פערשיטען די גרוב אין מיין פעלד", און דער וואָס האָט געהאַט דעם בערגעל פלעגט זאָגען: "ווי קריג איך יענע גרוב אום צו קענען אויסגלייכען דעם בערגעל". איינמאָל האָבען זיך די צוויי מענשען צוזאמענגעטראָפען. האָט איינער געזאָגט צום אנדערען: "פערקויף מיר דיין בערגעל". האָט איהם יענער געענטפערט: "איך דאַרף ניט דיין געלד, הלואי נעהמסטו נאָר דאָס אוועק".

6

# מרים הנביאה

איידער משה איז געבוירען געוואָרען האָט מרים אזוי נביאות געזאָגט: "מיין מוטער וועט געבוירען א קינד וואָס וועט אויסלייזען די אידען פון גלות". ווי נאָר משה איז געבוי-רען געוואָרען איז די גאַנצע הויז געוואָרען פול מיט ליכט. האָט עמרם, איהר פאָטער, מרים'ן א קוש געטהאָן אין קאָפּ און געזאָגט: "טאָכטער מיינע! דיין נבואה איז מקוים גע-וואָרען". אָבער שפּעטער, ווען מען האָט משה'ן אריינגע-וואָרפען אין טייך, האָט עמרם געגעבען מרים'ן א פּאַטש און האָט געזאָגט: "נו, טאָכטער מיינע, וואו איז דיין נבואה?"

# 7

# אסתר'ס פלענער

ווען אסתר המלכה האָט איינגעלאַדען המנ'ען צו דעם מאָהלצייט וואס זי האָט געמאַכט פאַר אחשורוש'ן האָט זי דערביי געהאַט פערשידענע פלענער. רבי יהודה זאָגט, אַז זי האָט איינגעלאַדען דעם גרויסען צורר היהודים כדי מען זאָל זיך ניט אָנשטויסען אַז זי איז אַ אידי"ש קינד. רבי נחמיה זאָגט, כדי די אידען זאָלען ניט זאָגען: "וואס האָבען מיר מורא צו האָבען? מיר האָבען דאָך אונזערע אַ שוועסטער אין קעניג'ס הויף און זי וועט שוין אונז בעשיצען". און דערווייל וועלען די אידען אליין ניט זוכען מיטלען זיך צו ראַטעווען. רבי יהושע בן קרחה זאָגט, אַז אסתר'ס מיין איז געווען ארויסצורייצען אַ פריינדליכען געזיכט צו המנ'ען און אחשורוש זאָל אויס אייפערזוכט דער'הרג'ענען איהר מיט איהם צוזאַמען.

# 8

# המן און מרדכי

ווען אחשורוש האָט געשיקט המנ'ען צו מרדכי'ן, האָט איהם המן געטראָפען זיצען צוזאַמען מיט זיינע תלמידים, און מרדכי האָט די תלמידים געציינט ווי דער כהן גדול פלעגט אָנגעהמען דעם הויפען זעמעל מעהל (קמיצה) ביים בריינגען אַ קרבן. ווען מרדכי האָט געזעהן המנ'ען אָנקומען מיט אַ פערד און אַ קעניגליכען מאַנטעל, האָט מרדכי זיך ערשראָקען און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: "ענטלויפט פון דאַנען. אָט דער רשע איז געווים געקומען מיך הרג'ענען, מאַ צו וואס זאָלט איהר אריינפאַלען אין אַן אונגליק צוליעב מיר?" נאַכדעם, אַז די תלמידים זיינען אַוועק, האָט מרדכי אָנגעטהאָן אַ טלית און זיך געשטעלט דאַווענען, האָט זיך המן אַוועקגעזעצט און געוואַרט ביז מרדכי האָט געענדיגט דאַווענען. נאַכדעם האָט המן איהם געפרעגט: "מיט וואס האָט איהר זיך דאָ בעשעפטיגט ווען איך בין אָנגעקומען?" האָט מרדכי געענטפערט: "אַז מיר האָבען געהאַט אונזער בית המקדש איז געווען אַ דין, אַז דער וואס בריינגט אַ קרבן מנחה בריינגט אַ הויפען זעמעל מעהל, און דאס פלעגט מען רוי־

כערען אויפ'ן מזבח און יענעמ'ס זינד פלעגען פערגעבען ווערען". האט המן געזאגט: "אייער הויפעלע מעהל איז שטארקער פון מיינע צעהן טויזענד צענטנער זילבער". האט מרדכי אויסגערופען: "דו רשע! איז דען דאס געווען דיין געלד וואס דו האסט אנגעבאטען אחשורוש'ן? דו ביזט דאך ניט מעהר ווי א קנעכט, און וואס א קנעכט פערמאגט געהערט עס צו זיין האר". האט המן געזאגט: "טוה אן דיזע קליידער און זעץ זיך רייטען אויף יענעם פערד, ווייל דער קעניג דארף דיך האבען". האט מרדכי געענטפערט: "איך קען דאס ניט אנטהאן איידער איך געה אין באד און שער ארום מיינע האאר, ווייל אנדערש פאסט זיך ניט ווען איינער דארף אנטהאן קע־ניגליכע קליידער".

דערווייל האט אסתר ארויסגעשיקט א געהיימען בעפעהל אז אלע דיענער פון דער באד און אלע שעהרער זאלען זיך בע־האלטען. האט המן אליין געמוזט ארומוואשען מרדכי'ן און לויפען אהיים, ברייננען א שעהר און איהם ארומשערען. בעת ער האט מרדכי'ן געשארען, האט המן א זיפץ געטהאן. האט איהם מרדכי געפרעגט: "וואס זיפצסטו?" האט המן געענט־פערט: "איך זיפץ וואס אזא מאן ווי איך, וואס דער קעניג האלט איהם גרעסער פון אלעמען, איז יעצט געווארען גלייך מיט בעדער און שערער!" האט מרדכי געזאגט: "דו רשע! ביזטו דען ניט געוועזן אשערער צוויי און צוואנציג יאהר אין דעם דארף קרצום?"

נאכדעם ווי המן האט מרדכי'ן ארומגעשארען, האט ער איהם אנגעטהאן און געזאגט: "יעצט זעץ זיך ארויף אויפ'ן פערד". האט מרדכי געענטפערט: "איך קען ניט ארויפקריי־כען, ווייל מיינע כחות זיינען מיר אויסגעגאנגען פון פאסטען תעניתים". האט זיך המן איינגעבויגען און מרדכי איז איהם ארויף אויפ'ן רוקען און פון דארט אויפ'ן פערד. רייטענדיג פלעגט מרדכי אפט געבען המנ'ן א זעץ מיט'ן פוס. האט המן צו איהם געזאגט: "ביי אייך אידען זאגט מען דאך אז מען טאר זיך ניט פרייהען אויף א שונא'ס מפלה". האט איהם מרדכי געענטפערט: "רשע איינער! אויף דער מפלה פון א אידישען שונא טאר מען זיך ניט פרייהען, אבער א שונא פון אייערע לייט איז א מצוה צו טרעטען אויפ'ן קאפ".

## 9

## ערד און שטערן

רבי יהודה בר אלעאי האָט געזאָגט:
דאס אידישע פאָלק איז געגליכען צו ערד און צו שטערן. ווען אידען זינקען זיי ביז צו דער ערד, און ווען זיי שטייגען שטייגען זיי ביז צו די שטערען.

## .10

## ניט יעדען פורים טרעפט א נס

רבה און ר׳ זירא האָבען איינמאָל צוזאמען געמאכט א פורים סעודה. אז זיי האָבען שוין אריבערגעכאפּט די מאָאס, האָט רבה געצוואונגען ר׳ זירא׳ן צו טרינקען נאָך מעהר, און פון דעם איז ר׳ זירא קראַנק געוואָרען און האָט געהאלטען ביים שטארבען. אויף מאָרגען האָט רבה גאָט געבעטען פאר איהם און ר׳ זירא איז געזונד געוואָרען. דעם אנדער פורים, אין א יאָהר ארום, האָט איינער געזאָגט, ״קום, לאָמיר ווידער מאכען א סעודה צוזאמען״. האָט דער אנדערער געענטפערט: ״ניין, ניט יעדען מאָל טרעפט זיך א נס״.

## 11

## טאפּען אין דער פינסטער

ר׳ יוסי האָט געזאָגט: פאר א לאַנגע צייט האָב איך זיך געבראָכען דעם קאָפּ איבער דעם וואס דער פסוק זאָגט (דברים כ״ח) ״און דו וועסט טאפּען אין מיטען טאָג ווי א בלינדער טאפּט אין דער פינסטער״. איך האָב ניט פערשטאַנען וואס ארט דאס א בלינדען אויב עס איז ליכטיג, אָדער פינסטער, ביז עס איז געקומען א צופאַל וואָס האָט מיר דאָס ער־קלערט. אין אפינסטערע נאַכט בין איך געגאַנגען אין וועג, האָב איך געזעהן א בלינדען געהן מיט א ברענענדען פאקעל אין האנד. האָב איך איהם געפרעגט: ״מיין זוהן, צו וואס טויג דיר דער פאקעל?״ האָט ער מיר געענטפערט: ״אזוי לאַנג ווי איך האַלט דעם פאקעל אין מיינע הענד, זעהען מיך אַנדערע מענשען און זיי היטען מיך איך זאָל ניט אריינ־פאַלען אין א גרוב, אָדער זיך פערשטעכען אָן דערנער״.

## 12
# קדוש לשבת

ביי ר׳ זכאי האָבן איינמאָל זיינע תלמידים געפרעגט: ״רבי! צוליעב וואס פאר א זכות האָסטו דערלעבט אזא שעהנע עלטער?״ האָט ער זיי געענטפערט: ״איך האָב זיך געהאַלטען ריין, איך האָב קיין מענשען קיין צונאָמען געגע־בען, און איך האָב קיין שבת פערפעהלט קדוש צו מאַכען. איינמאָל האָב איך ניט געהאַט אויף וואס קדוש צו מאַכען, האָט מיין אַלטע מוטער פערקויפט דעם שאַל פון איהר קאָפּ און האָט מיר געקויפט וויין אויף קדוש.״

מען דערצעהלט, אז דערפאר וואס רבי זכאי׳ס מוטער האָט אזוי געטהאָן איז זי אויף די עלטערע יאָהרען רייך גע־וואָרען, און ווען זי איז געשטאָרבען האָט זי איבערגעלאָזען פאר איהר זוהן דריי הונדערט קריגלעך וויין. ווען ער איז גע־שטאָרבען האָט ער פאר זיינע קינדער איבערגעלאָזען דריי טויזענד קריגלען וויין.

## 13
# געבענשט אין א גוטער שעה

איינמאָל איז רב הונא געקומען צו רב, ארומגעבונדען מיט א גומענעם גארטעל. האָט איהם רב געפרעגט: ״וואו איז דיין גארטעל?״ האָט רב הונא געענטפערט: ״איך האָב ניט געהאַט וויין אויף קדוש, האָב איך פער׳משכן׳ט מיין זיידע־נעם גארטעל און איך האָב געקויפט וויין.״ האָט רב איהם גע־בענשט: ״דער אויבערשטער זאָל געבען אז דו זאָלסט בע־דעקט ווערען מיט זיידענס פון קאָפּ ביז די פיס.״ א צייט שפעטער, אז רבה דער זוהן פון רב הונא האָט חתונה געהאַט, איז רב הונא וועלכער איז געווען קורץ געוואַקסען, אריין אין א זייטיגען צימער און זיך צוגעלייגט אויף דעם חתן׳ס בעטעל. זייגען געקומען זיינע טעכטער און זיינע שניר, זיך איבער־געטהאָן אין יענעם צימער, און ווייל זיי האָבען רב הונא׳ן ניט געזעהן, האָבען זיי אויף דער בעטעל געוואָרפען זייערע

קליידער און ער איז בעדעקט געוואָרען מיט זיידענס ווי גרויס ער איז געווען. ווען רב האָט פון דער געשיכטע דערהערט האָט עס איהם פערדראָסען און ער האָט געזאָגט צו רב הונא'ן: "דאמאָלט ווען איך האָב דיך געבענשט וואָרום האָסטו ניט געוואונשען אז מיר זאָל אויך געשעהן אזא גליק?"

## 14

# א סגולה צו לאַנגע יאָהר

ביי ר' נחוניא בן הקנה האָבען זיינע תלמידים געפרעגט: "צוליעב וועלכע מעשים טובים האָסטו דערלעבט אזא עלטער?" האָט ער זיי געענטפערט: "איך האָב קיינמאָל געזוכט כבוד דורך א פריינד'ס אומ'כבוד, איך בין קיינמאָל געגאַנגען שלאָפען מיט א כעס אויף מיין מיטמענשען, און איך בין געווען פריי מיט מיין געלד."

יעצט, לאָמיר זעהן, וואס האָט ער געמיינט? "איך האָב קיינמאָל געזוכט כבוד דורך א פריינד'ס אומ'כבוד." אָט איז א ביישפיעל. אמאָל איז פאָרגעקומען אזא געשיכטע. רב הונא איז געגאַנגען אין גאס און האָט געטראָגן א גראָב־אייזען אויפ'ן שולטער. איז געקומען רב חנא בר חנילאי, האָט פון איהם צוגענומען דעם גראָב־אייזען און דאס געטראָגן פאר איהם. האָט איהם רב הונא געפרעגט: "אויב־ן ביזט געוואוינט צו טאָרגען א גראָב־אייזען אויפ'ן שולטער אין דיין אייגענער שטאָדט קענסטו דאס טראָגען, אבער אויב דו ביזט ניט געוואוינט צו דעם, וויל איך ניט האָבען כבוד פון דעם וואס דו מאכסט זיך אזוי קליין".

וואס מיינט "איך בין קיינמאָל ניט געגאַנגען שלאָפען מיט א כעס אויף מיין מיטמענשען"? דאס איז אזוי ווי מר זוטרא פלעגט טהאָן. יעדע נאכט אז ער פלעגט זיך לייגען שלאָפען, פלעגט ער זאָגען: "איך בין מוחל יעדען איינעם וואס האָט מיר היינט שלעכטס געטהאָן".

און וואס מיינט, "איך בין געווען פריי מיט מיין געלד?" דאס איז וואס מר האָט געזאָגט, איוב איז געווען פריי מיט זיין געלד, דען יעדען מאָל אז ער פלעגט עפּעס קויפען פלעגט ער צולייגען דעם קרעמער א קליינע מטבע צום מקח.

# מסכת תענית

## 1

## אַ שעהנע ברכה

רב נחמן און רב יצחק זיינען געזעסען צוזאמען און געגעסען ביי רב יצחק אין הויז. אז רב נחמן האָט גע־האַלטען ביים אַוועקגעהן, האָט רב יצחק געזאָגט: ״בענש מיך״. האָט רב נחמן געזאָגט: ״איך וועל דיר געבען אַ משל. אַ מענש איז געגאַנגען אין אַ וויסטען מדבר, און ער איז געווען הונגעריג, מיעד און דאָרשטיג. האָט ער געפונען אַ בוים, אויף וועלכען עס זיינען געוואַקסען זיסע פּירות, און ער האָט געהאַט אַ שעהנעם שאָטען, און אַ שטראָם קוואַל וואַסער איז געלאָפען אונטער איהם. האָט דער וואַנדערער געגעסען פון די פּירות, געטרונקען פון די וואַסער און זיך אויסגערוהט אין שאָטען. ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקגעהן האָט ער געזאָגט: ״דו שעהנער בוים! מיט וואָס זאָל איך דיך בענשען? זאָל איך דיר ווינשען אַז דיינע פּירות זאָ־לען זיין זיס, זיינען זיי דאָך זיס. זאָל איך דיר ווינשען, אַז דיין שאָטען זאָל זיין שעהן, איז ער דאָך שעהן. זאָל איך דיר ווינשען אַז אַ שטראָם קוואַל וואַסער זאָל לויפען דורך דיר, לויפט דאָך דורך דיר אַ שטראָם פון די גע־שמאַקסטע טרינק וואַסער. איך קען דיר בלויז ווינשען אַז אַלע פּלאַנצונגען וואָס מען וועט פון דיר פּלאַנצען זאָלען זיין אַזוי געראַטען ווי דו. און אַזוי איז מיט דיר. מיט וואָס זאָל איך דיך בענשען? מיט תורה? האָסטו דאָך תורה. מיט גדולה? מיט כבוד? עס פעהלען דיר דאָך ניט

גדולה און כבוד. מיט געלד? עס פעהלט דיר דען געלד? מיט קינדער? האסטו דאך קינדער. אלא וואס דען, איך ווינש דיר אז דיינע קינדער זאלען זיין אזוי ווי דו".

## 2

# גוטער ווין אין א מיאוס'ער כלי

א פרינצעסין האט אמאל געזאגט צו רבי יהושע בן חנניא: "עס איז אמת דו ביזט א גרויסער חכם, אבער פאר וואס ביזטו אזוי העסליך? שעהנע חכמה אין א מיאוס'ער כלי".

האט רבי יהושע בן חנניא געענטפערט: "זאג מיר, פרינצעסין, אין וואס פאר א כלים האלט דיין פאטער זיין ווין?" האט די פרינצעסין געענטפערט: "אין ליימענע טעפ". האט רבי יהושע זיך כלומר'שט געוואונדערט: "אלע האלטען ווין אין ליימענע טעפ און דיין פאטער אויך אין ליימענע טעפ? ווי פאסט זיך דאס?" האט די פרינצעסין געפרעגט: "אין וואס פאר א כלים זאלען מיר דען האלטען ווין?". האט רבי יהושע געענטפערט: "פאר א מלך פאסט זיך אז ער זאל האלטען זיין ווין אין זילבערנע און גילדערנע כלים".

איז די פרינצעסין אוועק און האט געזאגט איהר פאטער אז עס פאסט זיך ניט פאר זיי צו האלטען ווין אין ליימענע טעפ. דער קעניג האט געגעבען א בעפעהל אז מען זאל זיין גאנצען ווין איבערגיסען אין כלים פון זילבער און גאלד. איז אבער דער ווין זויער געווארען. האט דער קעניג געפרעגט ביי זיין טאכטער: "ווער האט דאס דיר געגעבען אזא עצה?" האט זי געענטפערט: "רבי יהושע בן חנניא".

דער קעניג האט געלאזט רופען רבי יהושע און ער האט איהם געפרעגט: "צו וואס האסטו מיין טאכטער איינגערעדט אזא זאך?" האט רבי יהושע דערצעהלט ווי די פרינצעסין האט איהם גערופען "שעהנע חכמה אין א מיאוס'ער כלי", און ווי ער האט איהר געוואלט בעווייזען אז שעהנקייט איז אמאל א חסרון. האט דער קעניג געזאגט: "אבער מיר זעהען דאך מענשען וואס זיינען שעהן און זיי האבען אויך גרויסע פעהיגקייטען". האט רבי יהושע געענטפערט: "ווען זיי וואלטען געווען העסליך וואלטען זיי מעהר געקענט".

## 3

# דער ביס פון א שלאנג

ריש לקיש האָט געזאָגט: אז משיח וועט קומען וועלען אלע חיות זיך צונויפזאמלען ביי דער שלאנג און איהר אזוי זאָגען: "דער לייב צורייסט זיינע קרבנות און ער עסט זיי, דער וואָלף פערצוקט און עסט, אָבער וואָס פאר א נוצען האָסטו פון דיינע קרבנות? דו בייסט בלויז צו שאדען."

דאָס איז א משל געגען מענשען וואָס בייסען אנדערע מיט זייערע בייזע צינגער.

## 4

# די קאַץ און דער ברונעם

ר' אמי האָט געזאָגט: "זעה, ווי גרויס איז די טרייהייט פון מענשען. אין וואָס זעהען מיר דיזע טרייהייט? אין דער געשיכטע פון די קאַץ און דער ברונען".

די געשיכטע איז אזוי געווען:

אמאָל איז א שעהנע מיידעל געגאנגען פון א בעזוך צו־ריק אהיים. זי איז געווען אויסגעפוצט און פערציערט און דאָס האָט נאָך מעהר צוגעגעבען צו איהר שעהנקייט. אויפ'ן וועג האָט זי פערבלאָנדזשעט און זי איז אריין אין א וויל־דערניס. עס איז געקומען האלבער טאָג, די זון האָט גע־ברענט און די מיידעל איז געוואָרען זעהר דאָרשטיג. זי איז געגאנגען ווייטער און ווייטער ביז זי האָט דערזעהן א ברונען. דער ברונען איז געווען א פערלאָזענער, קיין עמער צו שעפּען וואסער איז דערביי ניט געווען, בלויז א שטריק איז געהאנ־גען. אום צו שטילען איהר ברעננענדען דאָרשט, האָט זיך די מיידעל ארונטערגעלאָזען אין ברונען. זי האָט זיך דאָרט אָנגעטרונקען, אָבער ווען זי האָט געוואָלט ארויסגעהן האָט זי ניט געקענט. איז זי געזעסען אין דעם ברונען און האָט געוויינט און געשריען, בעטענדיג הילף. אויף איהר גליק איז שפּעטער אָנגעקומען א מאן וואָס האָט דערהערט איהרע געשרייען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביים ברונען, אריינ־

געקוקט, אָבער ער האָט ניט געקענט גוט זעהן ווער דאָרט געפינט זיך. האָט ער געפרעגט:

"זאָג מיר, ביזטו א מענש, אָדער א טייפעל?"

"א מענש", האָט א שטימע געענטפערט.

די שטימע וועלכע איז געוואָרען רוהיגער האָט אין זיינע אויערען אזוי זיס געקלונגען, דאָס ער האָט זיך אין איהר באַלד פערליעבט, נאָך איידער ער האָט זי געקענט גוט זעהן. אָבער ער האָט נאָך אלץ א ביסעל מורא געהאט. האָט ער איהר געפרעגט ווי זי קומט אין ברונען, האָט זי איהם דערצעהלט. איהרע רייד זיינען איהם נאָך מעהר געפעלען געוואָרען, און ער האָט געזאָגט:

"שווער מיר, אז אויב איך וועל דיך ארויסציהען פון דעם ברונען וועסטו מיט מיר חתונה האָבען."

"איך שווער!" האָט זי געענטפערט.

ווען ער האָט די מיידעל שוין ארויסגעצויגען האָט ער ערשט דערזעהן וואָס פאר א זעלטענע שעהנהייט זי איז. האָט ער געוואָלט אז זי זאָל מיט איהם גלייך געהן און ווערען זיין פרוי. האָט זי איהם געפרעגט פון וואָס פאר א פאָלק ער איז. האָט ער געענטפערט: "איך בין א איד און א כהן, און קום פון יענער און יענער שטאָדט." האָט זי איהם דערצעהלט פון וואנען זי קומט און אָנגערופען איהר משפחה ביים נאָמען. א בעוואוסטע משפחה איז דאָס געווען. נאכדעם האָט זי געזאָגט:

"עס פאסט זיך דאָך ניט פאר דיר, א כהן, וואָס קומט פון א היילינגען שטאם, אויסערוועהלט פון גאָט איבער אלע אנדערע אידען, אז דו זאָלסט פערלאנגען פון מיר אזא זאַך, איך זאָל זיין דיינע א געליעבטע, אָהן חופה וקדושין. בעסער קום צו מיינע עלטערען און מיר וועלען זיך פערלאָבען, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען."

איהרע רייד זיינען איהם געפעלען געוואָרען, ער האָט אויף איהר פאָרשלאָג איינגעשטימט און זיי האָבען געשוואָרען טרייע ליעבע.

"אָבער ווער וועט זיין אָן עדות אויף אונזער אָבמאַך?" האָט ער געפרעגט.

אין דעם אויגענבליק איז פערביי געלאָפען א קאַץ. האָט

די מיידעל געענטפערט: „אָט די קאַץ און דער ברונען וועלען זיין אונזערע עדות אַז מיר וועלען האַלטען אונזער שבועה.“

נאָכדעם, אַז ער האָט איהר געצייגט דעם ריכטיגען וועג צו געהן אַהיים, זיינען זיי זיך צוגאַנגען. ער איז אוועק זיין וועג און האָט צוגעזאָגט צו קומען צו איהר, און זי איז אוועק אַהיים.

די מיידעל האָט געוואַרט אויף איהר געליעבטען, אַ לאַנגע צייט געוואַרט, אָבער ער איז ניט געקומען. ער האָט פערגעסען אָן איהר. גלייך ווי ער האָט זיך פון איהר געשיידט האָט זיך זיין ליעבע אויסגעלאָשען. און אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער.

די ערשטע כלה איז אָבער געבליבען טריי צו איהם און האָט בשום אופן ניט געוואָלט הערען פון אַן אַנדער שדוך. און אַז אַ יונגער מאַן פלעגט איהר זיך ערקלערען אין ליעבע פלעגט זי זיך מאַכען משוגע, שרייען און רייסען אויף זיך איהרע קליידער און די קליידער פון יעדען וואָס פלעגט איהר אָנרירען. אַזוי האָט זי בעקומען אַ נאָמען פאַר אַ משוגענע מויד, און יונגע לייט האָבען אָנגעהויבען צו ווייכען פון איהר.

דער יונגער כהן וואָס האָט זיין שבועה פערגעסען האָט קיין גליקליכען לעבען געהאַט מיט זיין פרוי. זי האָט איהם געבוירען איין קינד האָט עס אַ קאַץ דערשטיקט צו דריי חדשים. זי האָט געבוירען אַ צווייטען קינד, איז דאָס דער־טרונקען געוואָרען אין ברונען. האָט צו איהם זיין פרוי גע־זאָגט: „ווען אונזערע קינדער וואָלטען געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט, ווי אַלע מענשען שטאַרבען, וואָלט איך זיך געטראַכט: אַזוי איז גאָט׳ס ווילען, אָבער אַז זיי זיינען געשטאָרבען מיט אַזעלכע מיתות משונות, מוז דאָ זיין עפּעס אין דעם. אפשר איז דאָס פאַר מיינע זינד, און אפשר פאַר דיינע. לאָמיר נאָכזוכען.“

דער יונגער מאַן האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט איהר דערצעהלט די געשיכטע פון יענער מיידעל וואָס ער האָט געליעבט און פערגעסען. האָט זיין ווייב געזאָגט: „מיר מוזען זיך גט׳ן, און דו געה און נעהם די וועלכע איז דיר פון גאָט בעשערט.“

נאָך דער שיידונג איז דער יונגער מאַן אוועק אין דער שטאָדט וואו זיין געוועזענע כלה האָט געוואוינט און זיך נאָכגעפרעגט אויף איהר. האָט מען איהם געזאָגט, אַז זי

איז משוגע געוואָרען. איז ער אוועק צו איהר פאָטער און האָט איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע און געזאָגט אז ער איז בערייט מיט איהר חתונה צו האָבען אפילו מיט איהר פעהלער. ווען דער פאָטער האָט איהם אריינגעפיהרט צו דער טאָכטער, האָט זי דעם יונגען מאַן ניט דערקענט, און מיינענדיג אז דאָס איז אַן אנדער חתן וואָס איהר פאָטער שדכנ'ט איהר, האָט זי גענומען רייסען אויף זיך די קליידער און מאכען זיך משוגע. האָט דער יונגער מאַן גענומען איהר דערמאָנען וועגען דעם ברונען, אוּן די קאַץ און דער יונגער מאַן געשוואוירען, האָט זי איהם דערקענט. זיי האָבען חתונה געהאט און געלעבט זעהר גליקליך. אָט דאָס איז די טרייע ליעבע!

## .5

# ווער עס גיט ברויט גיט לעבען

אין די צייטען פון רבי שמואל בר נחמני איז געווען א הונגער און אַן עפּידעמיע פון וועלכע מענשען זיינען געפאַלען ווי פליעגען. האָבען די אידען געפרעגט: "ווי זאָלען מיר טהאָן? זאָלען מיר גאָט בעטען אז ער זאָל אָבשאפען ביידע אונגליקען, קען מען דאָך אויף צוויי זאכען מיט איין מאָל ניט בעטען. טאָ לאָמיר בעסער בעטען אז ער זאָל איינשטילען די מגפה און דעם הונגער וועלען מיר ווי עס איז אריבערטראָגען." האָט רבי שמואל צו זיי געזאָגט: "בעסער לאָמיר בעטען אז דער הונגער זאָל אָבגעשאפט ווערען, דען אז דער אייבערשטער גיט ברויט גיט ער אויך לעבען."

## .6

# פערשעהמט דעם רבי'ן

רב שימי בר אשי פלעגט אָפט אריינקומען לערנען ביי רב פפא און ער פלעגט איהם פרעגען זעהר פיעל קשיות. איין טאָג האָט רב שימי געזעהן ווי רב פפא האלט דעם קאָפּ ארונטערגעבויגען און זיין געזיכט פערשטעלט מיט די הענד און ער בעט: "בארמהערציגער גאָט! בעשיץ מיך פון שימי וועלכער האלט מיך אין איין פערשעהמען." ווען שימי האָט דאָס געהערט האָט ער אויפגעהערט קשיות צו פרעגען.

## .7
## אלץ צוליעב א צדיק

רב דניאל בר קטינא האט געהאט א גארטען. איינמאל איז ער ארוים זעהן ווי דער גארטען וואקסט. איז ער א גאנצען טאג ארומגעגאנגען און גערעדט צו זיך: "אט די ביים דארף האבען רעגען און די בייט דארף ניט האבען רעגען." איז געקומען א רעגען און האט אנגעטרונקען יעדע בייט וועלכע האט געדארפט רעגען. די אנדערע ביימען זיינען געבליבען טרוקען.

## .8
## לינגערשע מענשען — לינגערשע רעגענס

עולא איז געקומען אין בבל, האט ער געזעהן ווי דער הימעל איז פערדונקעלט געווארען. ער האט בעטראכט און געזעהן אז דינע וואלקענס שוועבען אונטער דיקע וואלקענס, און דאס איז א סימן אויף רעגען. האט עולא געזאגט: "עס קומט רעגען." שפעטער, אז קיין רעגען איז ניט געקומען, האט עולא געזאגט: "אזוי ווי די מענשען פון בבל זיינען לינגנער, אזוי זיינען זייערע רעגענס אויך לינגנער."

## .9
## דער איד וואס איהם ארט ניט

ווען אידען זיינען אין אן אונגליק זאל זיך איינער ניט טראכטען, איך וועל מיר געהן אהיים, איך וועל מיר עסען און טרינקען און לעבען רוהיג. אזא זינד וועט איהם קיינמאל פערגעבען ווערען.

ווען איינער שיידט זיך אב פון זיין פאלק אין אן עת צרה, קומען צוויי מלאכים און לייגען ארויף זייערע הענד אויף זיין קאפ, און זיי זאגען: "אט דער וואס האט זיך אבגעשיידט פון פאלק אין זיין אונגליק זאל ניט דערלעבען צו זעהן די נחמה פון זיין פאלק."

יעדער איינער מוז אנטהייל נעהמען און מיטליידען מיט'ן פאלק. אזוי געפינען מיר ביי משה רבנו. אין דער צייט וואס

די אידען האָבען מלחמה געהאַלטען מיט עמלק, און משה איז מיעד געוואָרען, און זיינע הענד זיינען שווער געוואָרען, האָט מען איהם אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיין. אין דאָך אַ פראַ־גע: וואָס עפּעס אַ שטיין? האָט דען משה ניט געהאַט אַ קישען, אָדער אַ בּעריינע זיך צו זעצען אויף דעם? נאָר משה האָט אַזוי געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי אידען ליידען וויל איך אויך ליידען מיט זיי“. און ווער עס ליידט מיט'ן פאָלק, דער־לעבט צו זעהן ווען דאָס פאָלק ווערט געהאָלפען.

## 10

## דער סוף פון אַ רשע

ניקנור איז געווען אַ גריכישער פירשט און אַ גרויסער צורר היהודים. יעדען טאָג פלעגט ער אויפהויבען זיין האַנד אויף ירושלים און זאָגען: „אוי, ווען וועט שוין דיזע שטאָדט אריינפאַלען אין מיינע הענד און איך וועל איהר צוטרעטען מיט מיינע פיס און טהאָן דאָרט וואָס מיין האַרץ גלוסט. ווען די חשמונאים האָבען די גריכען בעזיעגט, האָבען זיי ניקנור'ן געפאַנגען, איהם אָבגעהאַקט די שפּיץ פינגער פון זיינע הענד און פיס און זיי אויסגעהאַנגען אין די טויערען פון ירושלים. און אַלע האָבען געזאָגט: „אַ גוטע נקמה אויף אַ מויל וואָס האָט זיך בעריהמט מיט גאוה און אויף די הענד וואָס פלעגען טייטלען אויף ירושלים!“

## 11

## נקמה פאַר אידישע העלדען

אין לוד האָט מען אַמאָל געפונען דעם דערמאָרדעטען קער־פּער פון אַ רוימישער פּרינצעסין, און עס איז באַלד אַרוים אַ קלאַנג אַז די אידען האָבען איהר ערמאָרדעט. האָט די רוימישע רעגיערונג אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אַז מען זאָל אויס'הרג'ע־נען אַלע אידען פון דער שטאָדט. האָבען אַרויסגעטראָטען די צוויי ברידער פּפּוס און לוליאַנוס און האָבען גענומען די שולד אויף זיך, זאָגענדיג אַז ווי אַליין האָבען די פּרינצעסין ערמאָר־דעט און קיין אַנדער איד האָט קיין שולד אין דעם. האָט מען אַלע אידען געלאָזט צרות, און די צוויי ברידער האָט מען גע־בראַכט פאַר טוריינוס, ער זאָל זיי משפּט'ן. האָט ער זיי פער־

משפט צום טויט און האָט דערביי אזוי געזאָגט: "אויב איהר זייט פון דעם זעלבען פאָלק ווי חנניה מישאל און עזריה, זאָל קומען אייער גאָט און אייך ראטעווען אזוי ווי ער האָט זיי געראטעוועט פון נבוכדנצר'ס הענד". האָבען די צוויי ברידער איהם געענטפערט: "חנניה מישאל און עזריה זיינען געווען פאָלשטענדיגע צדיקים און זיי האָבען פערדינט אז זיי זאָל געשעהן א נס. און דערצו איז נבוכדנצר געווען א ריכ-טיגער הערשער און ער איז געווען פאַסענד אז צוליעב איהם זאָל א נס געשעהן. אָבער דו, רשע, ביזט גאָר ניט ווערט אז דורך דיר זאָל א נס געשעהן, און מיר זיינען פער'משפט פון הימעל אז מיר זאָלען שטאַרבען. אויב דו וועסט אונז ניט טויטען, האָט דער אויבערשטער א סך שלוחים וואָס קענען צונעהמען אונזער לעבען. עס זיינען דאָ בערען, לייבען, לעמ-פערטען וואָס קענען טהאָן די ארבייט, אָבער גאָט האָט אונז איבערגעגעבען אין דיינע הענד, כדי ער זאָל נאכדעם קע-נען פאָדערען אונזער בלוט פון דיר".

די קלוגע רייד האָבען אויף דעם רשע ניט געמאַכט קיין ווירקונג, און ער האָט זיי געלאָזט טויטען. גלייך נאכדעם זיי-נען אָנגעקומען צוויי רוימישע אָפיצירען און האָבען דעם רשע זיין קאָפּ צושפּאָלטען.

## 12

# נקדימון בן גוריון

איינמאָל, יום טוב צייט, ווען ירושלים איז געווען פול מיט אידען וואָס זיינען געקומען פון גאנץ ארץ ישראל עולה רגל זיין, איז געווען א גרויסע טריקעניש און זיי האָבען ניט געהאַט וואַסער צו טרינקען. איז דער רייכער נקדימון בן גוריון געגאַנגען צו איינעם, א גרויסען פּירשט, און האָט צו איהם געזאָגט: "לייה מיר צוועלף ברונעמס וואַסער פאַר די עולי רגל צו טרינקען, און איך וועל דיר צוריק געבען צוועלף ברונעמס וואַסער, און אויב ניט וועל איך דיר אָבגעבען צוועלף צענטנער זילבער". און ער האָט בעשטימט א צייט ווען ער דאַרף דעם חוב בעצאָהלען.

ווען עס איז געקומען דער בעשטימטער טאָג, און קיין רע-גען איז די גאַנצע צייט ניט געגאַנגען, און די ברונעמס זיינען געווען טרוקען, האָט דער פּירשט געשיקט צו נקדימון בן

גיי־יון זיינעם אַ מענשען און האָט געפאָדערט: "ענטוועדער גיב מיר וואַסער, אָדער געלד." האָט ער געענטפערט: "איך האָב נאָך צייט. עס איז נאָך פרימאָרגענס און עס קען נאָך רעגענען".

מיטאָג צייט האָט דער פירשט ווידער געשיקט זיין שליח און געפאָדערט די זעלבע זאַך: "וואַסער, אָדער געלד". האָט ער ווידער בעקומען די זעלבע תשובה: "עס איז נאָך צייט". פאַרנאַכט, ווידער די זעלבע פאָדערונג, און נקדימון ענטפערט: "דער טאָג איז נאָך ניט אריבער". האָט דער פירשט געלאַכט און געזאָגט: "אַזאַ לאַנגע צייט האָט ניט גערעגענט, איז עס מעגליך אַז היינט, אין אַזאַ שעהנעם וועטער, וועט עס רעגענען?"

זיך פרעהענדיג אַז ער וועט באַלד אָבנעהמען פון דעם אידישען גביר אַ גרויסע סומע געלד איז דער פירשט אַוועק אין באָד. צו דער זעלבער צייט איז נקדימון בן גוריון מיט אַן אומעטיגען געמיטה אריין אין בית המקדש און האָט אָנגעהויר־בען צו בעטען: "רבונו של עולם! דו ווייסט אַז ניט צוליעב מיין כבוד און ניט צוליעב דעם כבוד פון מיינע עלטערן האָב איך דאָס געטהאָן, נאָר צוליעב דיין כבוד האָב איך בעזאָרגט די אידען אַז זיי זאָלען האָבען וואַסער צו טרינקען!" גלייך דערויף זיינען די הימלען פערוואָלקענט געוואָרען און עס האָט אָנגעהויבען צו רעגענען ביז עס זיינען פול געוואָרען אַלע ברונעמס, און עס איז נאָך אריבערגעגאַנגען.

ווען דער פירשט איז ארויס פון באָד און נקדימון בן גוריון איז ארויס פון בית המקדש, האָבען זיי זיך בעגעגענט. זאָגט צו איהם נקדימון: "יעצט דאַרפסטו מיר צוצאָהלען, וויל איך האָב דיר צוריקגעקעהרט מעהר וואַסער ווי דו האָסט מיר געגעבען". האָט דער פירשט געענטפערט: "איך האָב נאָך אַ מענה און איך קען ביי דיר מאָהנען די צוועלף צענטנער זילבער, ווייל עס איז שוין פינסטער און דער טאָג איז אַוועק". איז נקדימון בן גוריון צוריק אריין אין בית המקדש און האָט ווידער גענומען גאָט בעטען: "לאָז וויסען די וועלט אַז דו האָסט אַ ליעב פאָלק אויף דער וועלט!" גלייך האָבען זיך די וואָלקענס צושפרייט און די זונן האָט אָנגעהויבען שיינען, און דער פירשט האָט צוגעגעבען אַז ער האָט פערלאָרען.

## 13

# גאוה ברײנגט צו זינד

אײנמאָל איז רבי אלעזר, דער זוהן פון רבי שמעון פון מגדול גדור, געפאָהרען פון זײן רבי אהײם. האָט ער גערימען אויף אַן אײזעל און איז זיך געגאַנגען פּאַוואָליע בײם ברעג טײך. דער װעטער איז געװען שעהן און די לופט איז געװען געשמאַק, און רבי אלעזר׳ס הארץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פרײד — די פרײד פון לעבען. ער האָט געטראַכט פון דעם װאָס ער האָט פיעל געלערנט און ער האָט אָנגעהױבען צו פיהלען בײ זיך גרױס. און אזוי װי ער רײט און טראַכט, איז איהם אַנקעגען אָנגעקומען אַ מענש װעלכער האָט געהאַט אַ זעהר העסליכען אױסזעהן. האָט דער אומבעקאַנטער גע־זאָגט: "פריעדען צו דיר, רבי!" אבער אנשטאַט איהם צו ענטפערען העפליך, װי עס פאָדערט זיך, האָט רבי אלעזר גע־זאָגט: "אַי, װאָס פאַר אַ מיאוס׳ער מענש דאָס איז! זאָג מיר, זײנען אַלע פון דײן שטאָדט אזױ מיאוס װי דו?" האָט דער מענש געענטפערט: "איך װײס נים. אבער דו בעסער געה צו דעם מײסטער װאָס האָט מיך בעשאַפען און זאָג איהם אַז די כלי װאָס ער האָט געמאַכט איז אַ מיאוס׳ע".

אַז רבי אלעזר האָט דערהערט אַזעלכע רײד האָט ער פערשטאַנען אַז ער האָט בעגאַנגען אַ זינד. איז ער אַרונטער פון זײן אײזעל, האָט זיך געװאָרפען דעם מאַן צו די פיס און האָט געזאָגט: "איך האָב געגען דיר געזינדיגט, זײ מיר מוחל". האָט דער מאַן איהם געענטפערט: "נײן, איך װעל דיר נים מוחל זײן ביז דו װעסט געהן צו דעם מײסטער װאָס האָט מיך בעשאַפען און איהם זאָגען װאָס פאַר אַ מיאוס׳ע כלי ער האָט געמאַכט".

איז רבי אלעזר צופוס נאָכגעגאַנגען דעם מענשען װעמען ער האָט בעלײדיגט ביז ער איז אָנגעקומען צו זײן שטאָדט. ר׳ אלעזר׳ס שטאָדט לײט זײנען אַלע אַרױס אַנקעגען איהם מקבל פנים זײן, און יעדער אײנער האָט איהם בעגריסט: "פריעדען צו דיר, רבי!" האָט דער מיאוס׳ער מענש גע־פרעגט: "װעמען רופט איהר עס "רבי"?" האָבען די שטאָדט לײט געענטפערט: "אָט דעם מענשען װאָס געהט דיר נאָך". האָט דער פרעמדער געענטפערט: "אויב דאָס איז

א רבי, זאָל מען ביי אידען ניט זעהן אַ סך אַזוי ווי ער". האָבען די שטאָדט לייט געפרעגט: "פאר וואס זאָגסטו אזוי?" האָט ער זיי דערציילט ווי רבי אלעזר האָט איהם בעליידיגט. האָבען די שטאָדט לייט געזאָגט: "פון דעסטוועגען, כאָטש ער האָט זיך געבען דיר אזוי פערשולדיגט, זיי איהם מוחל, ווייל ער איז אַ גרויסער מענש". האָט דער מאַן געענטפערט: "איך בין איהם מוחל, אבער נאָר צוליעב אייך".

גלייך נאכדעם איז רבי אלעזר אריין אין בית המדרש און האָט געהאַלטען אַ דרשה איבער דעם ווי נויטיג עס איז פאר אַ מענשען צו האָבען אַ ווייכע נאטור, זיין אזוי בויגיג ווי אַ בליסטיק און ניט אזוי הארט און איינגעןפארט ווי אַ טער־נעגבוים.

## 14

# מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף נסים

אַ מענש דאַרף האַלטען זיינע אויגען אָפען, ניט קריכען אין געפאהר און זיך ניט פערלאָזען אַז אַ נס וועט איהם געשעהן. ווייל עס קען זיין אַז קיין נס וועט איהם געשעהן.

אין נהרדעא איז געווען אַשוואַכע וואַנד, און כאָטש די וואַנד איז געשטאַנען דרייצעהן יאָהר און האָט זיך געהאַלטען, דאָך פלעגען רב און שמואל זיך היטען ניט פאַרבייצוגעהן דיזע וואַנד. איינמאָל איז אין דער שטאָדט געקומען רב אדא בר אהבה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער צדיק, און אַז רב און שמואל זיינען געגאַנגען מיט איהם אין גאַס און עס איז זיי אויסגעקומען צו פערביינעהן יענע וואַנד, האָט שמואל געזאָגט צו רב: "לאָמיר זיך פערקירעווען אָן אַ זייט". האָט רב געענטפערט: "היינט האָבען מיר ניט וואס מורא צו האָבען, ווייל מיט אונז איז יעצט רב אדא בר אהבה, און זיין זכות וועט אונז בעשיצען".

רב הונא האָט געהאַט ווייך אין אַ הויז, און אַלטע חורבה וואס האָט געהאַלטען אין איינפאַלען. האָט ער געוואָלט דעם ווייך פון דאָרט אַרויסנעהמען. איז ער אַנגעקומען צו רב אדא בר אהבה, איהם אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַצירער, און געהענדיג האָבען זיי גערעדט דברי תורה. אזוי האָט ער מיט איהם גערעדט ביז ער האָט איהם פערשלעפּט אין דער אַלטער הויז. און נאכדעם ווי רב הונא האָט פון דאָרט אַרויסגענומען זיין

וויין, זײנען זײ בײדע ארויסגעגאנגען, און ווי נאָר זײ זײנען ארויס איז די חורבה אײנגעפאַלען. רב אדא האָט דאַן פאַר־שטאַנען צו וועלכען צוועק רב הונא האָט איהם געפיהרט אין דער חורבה, און די זאַך האָט איהם שטאַרק פערדראָסען. רב אדא איז געווען אין דער מיינונג אז אַ מענש טאָר זיין לעבען ניט איינשטעלען אין סכנה מיט דער האָפנונג אז אַ נס וועט איהם געשעהן.

## 15
## אַ נאָבעלער לעבען

רבא האָט אײנמאָל געזאָגט צו רפרם בר פּפּא: „זאָל דער האַר עפּעס דערצעהלען פון די גוטע זאַכען וואָס רב הונא פלעגט טהאָן". האָט רפרם געענטפערט: „פון זיין יוגענד גע־דענק איך ניט, פון זיין עלטער גערענק איך יא". און אָט וואָס רפרם בר פּפּא האָט דערצעהלט וועגען רב הונא.

יעדען וואָלקענדיגען טאָג פלעגט מען רב הונא'ן ארויס־טראָגען אין אַ גאָלדענעם שטוהל און ער פלעגט בעטראַכטען די שטאָדט. און וואו ער האָט געזעהן אַן אונזיכערע וואַנד פלעגט ער איהר לאָזען ארונטערוואַרפען, אום צו פערהיטען אז זי זאָל אליין ניט אומפאַלען פון ווינד און שעדיגען מענ־שען. אויב דער אייגענטהימער איז געווען רייך פלעגט ער אליין צוריק אָבבויען די וואַנד, און אויב ער איז געווען אָרים פלעגט רב הונא בעצאָהלען פאַר'ן אָבבויען פון זיין געלד.

יעדען ערב שבת פלעגט רב הונא ארויסשיקען זיינע דיענער אין מאַרק אז זיי זאָלען אָבקויפען אלע פערבליבענע גרינסען וואָס די גרינס הענדלער האָבען ניט געקענט פער־קויפען, און דאָס אריינוואַרפען אין טייך. דאָס האָט ער גע־טהאָן אום די גרינס הענדלער זאָלען קיין געלד פערלירען, ווייל אז זיי וואָלטען איין פרייטאַג ניט אויספערקויפט אין גאַנצען, וואָלטען זיי דעם אַנדער פרייטאַג געבראַכט ווענינער, און עס וואָלט אַמאָל אויסגעפעהלט גרינסען אויף שבת.

ביי זיין טהיר פלעגט ער אויסהיינגען אַ קרוג מיט וואַסער, אום מענשען זאָלען זיך קענען וואַשען און ניט דאַרפען עסען מיט אונריינע הענד.

יעדען מאָל וואָס רב הונא פלעגט זיך זעצען עסען פלעגט ער לאָזען אָפען די טהיר און זאָגען: „ווער עס איז הונגעריג זאָל קומען און מיטעסען".

# 16

# תורה און סחורה

אילפא און רבי יוחנן האָבען געלערנט תורה צוזאַמען. זיינען זיי געווען זעהר ארים, און אז די נויטה האָט זיי איינמאָל שטארק צוגעדריקט האָט איינער געזאָגט צו דעם אַנדערען: "לאָמיר אוועקלאָזען דעם לערנען, געהן מאַכען א געשעפט און פּערדיענען. נענוג שוין צו זיין ארימע לייט!"

זיינען זיי ביידע אוועק. אין מיטען וועג, אז זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אָבּרוהען, איז זיי אויסגעקומען צו זיצען ביי א שוואכען פּאַרקען. ניט וויסענדיג פון דער סכנה, האָבען זיי ארויסגענומען ברויט פון זייערע פּעקלעך און גענומען עסען זייער ארימען מאָהלצייט. דערווייל זיינען אָנגעקומען צוויי מלאכים, און רבי יוחנן האָט געהערט ווי איין מלאך זאָגט צום אנדערען: "לאָמיר אויף זיי אומוואַרפען דעם פּאַרקען און זיי טויטען. זיי זיינען דאס ווערטה, ווייל זיי האָבען פערלאָזען די תורה און ווילען זיך אָבגעבען מיט א זאַך וואס איז ניט מעהר ווי א חיי שעה". האָט דער אנדער מלאך געענטפערט: "לאָמיר זיי לאָזען צורוה, ווייל איינער פון זיי האָט א גרויסע צוקונפט פאַר זיך".

ר' יוחנן האָט דעם געשפּרעך געהערט, אילפּא האָט א וואָרט ניט געהערט. זאָגט ר' יוחנן צו אילפּא'ן: "דו האָסט עפּעס געהערט?" האָט אילפּא געענטפערט: "ניין". האָט ר' יוחנן זיך געטראַכט: "מסתמא אז ער האָט ניט געהערט און איך האָב יאָ געהערט, איז א סימן אז די גרויסע צוקונפט איז פאַר מיר און ניט פאַר איהם."

האב ר' יוחנן געזאָגט צו אילפּא'ן: "איך געה צוריק, איך וויל זיין אַן ארימאַן, אָבער לערנען תורה". און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט. אילפּא איז אוועק ווייטער, זוכען געשעפטען און רייכטהימער.

ביז אילפּא איז צוריקגעקומען איז רבי יוחנן געוואָרען ראש ישיבה און האָט געלעבט אין גרויס הרחבה און מיט קעניגליכען גלאַנץ. ווען די שטאָדט לייט האָבען דערזעהן אילפּא'ן צוריק קומען, האָבען זיי צו איהם געזאָגט: "אז דו וואָלסט ניט אוועק צו דיינע געשעפטען, און וואָלסט געבליבען דאָ און געלערנט, וואָלטען מיר דיך געמאַכט פאַר ראש ישיבה אנשטאָט ר' יוחנן".

ווען אילפא האָט געהערט די רייד איז ער געגאַנגען און האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם זעגעלבוים פון אַ שיף און האָט געזאָגט: „כאָטש איך האָב זיך די גאַנצע צייט אָבגע־געבען מיט מסחר און ניט געלערנט, וועל איך אייך ציינגען אַז איך קען מעהר לערנען פון ר׳ יוחנן. זאָל מיך אימיצער פרעג־גען עפּעס אין דער תורה און אויב איך וועל איהם ניט קענען ענטפערען וועל איך אַראָבשפּרינגען פון דעם זעגעלבוים און זיך דערטרינקען אין וואַסער”. איז געקומען אַן אַלטער געלערטער און איהם פערהערט, און אילפא האָט געענטפערט זעהר ריכטיג און געצייגט אַז ער האָט גאָרניט פערגעסען.

## 17

# די טראַגעדיע פון נחום איש גם זו

נחום איש גם זו איז געווען בלינד אויף ביידע אויגען. עס האָבען איהם געפעהלט ביידע הענד און ביידע פיס, און זיין גאַנצער קערפּער איז געווען בעדעקט מיט בלאָטערען. ער איז געלעגען אין אַ הויז וואָס האָט געהאַלטען אין צופאַלען, און די פיס פון זיין בעט זיינען געשטאַנען אין וואַסער כדי מוראַשקעס זאָלען ניט קריכען אויף זיין לייב. איינמאָל האָבען זיינע תלמידים געוואָלט איהם איבערטראָגען אין אַן אַנדער הויז. האָבען זיי צוערשט געוואָלט אַרויסטראָגען זיין בעט און דערנאָך די כלי בית. האָט ער צו זיי געזאָגט: „קינדער! טראָגט אַרויס צוערשט די כלי בית און נאָכדעם מיין בעט. ווייל איך בין זיכער אַז אַזוי לאַנג ווי איך בין אין הויז וועט די הויז ניט איינפאַלען”. האָבען די תלמידים אַזוי געטהאָן. צוערשט האָבען זיי אַרויסגעטראָגען די מעבעל און הויז גע־שיר, און נאָכדעם זיין בעט. גלייך נאָכדעם איז די הויז איינ־געפאַלען.

„רבי”, האָבען די תלמידים געפרעגט, „מיר זעהען דאָך אַז דו ביזט אַ גרויסער צדיק, מאָ פאַר וואָס ביזטו אַזוי גע־שטראָפט?”

האָט נחום איש גם זו אַזוי ערקלעהרט:

„קינדער מיינע! איך אַליין בין שולדיג אין מיינע צרות. איינמאָל בין איך געפאָהרען צו מיין שווער, האָב איך מיט זיך געפיהרט דריי אָנגעלאָדענע אייזלען. איינער איז געווען אָנ־געלאָדען מיט עסענוואַרג, דער צווייטער מיט משקה, און דער דריטער מיט זיסע פירות. האָט אַ איש׳ן ווען מיך אָבגעשטעלט

אן קרימאן און האט געבעטן: "רבי, גיב מיר עפעס עסען". האב איך איהם געהייסען ווארטען ביז איך וועל אויספאקען פון מיין אייזעל." אבער איידער איך האב צייט געהאט אויסצופאקען פון מיין אייזעל איז ביי דעם אָרימאן די נשמה אויסגעגאנגען. בין איך געגאנגען און זיך געווארפען נעבען איהם און געזאגט: "מיינע אויגען וואס האבען קיין רחמנות געהאט אויף דיינע אויגען זאלען בלינד ווערען, מיינע הענד וואס האבען קיין רחמנות געהאט אויף דיינע הענד און מיינע פיס וואס האבען קיין רחמנות געהאט אויף דיינע פיס זאלען אָבגעהאקט ווערען!" און איך האב נאך אלץ ניט געקענט רוהען ביז איך האב געזאגט: "מיין גאנצער קערפער זאל בעדעקט ווערען מיט בלאטערען".

"וועה איז אונז!" האבען די תלמידים אויסגערופען, "וואס מיר זעהען דיך אין אזא לאגע".

"וועה וואלט מיר געווען ווען איהר וואלט מיך ניט געזעהן אין אזא לאגע", האט ער זיי געענטפערט.

# 18

## גם זו לטובה

נחום איש גם זו האט זיין צונאמען בעקומען דערפאר ווייל אויף אלעס וואס פלעגט איהם טרעפען, אפילו אויף אן אונגליק, פלעגט ער אלץ זאגען: "גם זו לטובה!" — אויך דאס איז פון מיין טובה וועגען. איין טאג — דאס איז געשעהן ווען ער איז נאך געווען געזונד און שטארק — האבען אידען געוואלט שיקען א מתנה צום רוימישען קייסער. האבען זיי גענומען ריידען פון דעם, ווער עס זאל געהן. איז געבליבען אז נחום איש גם זו זאל געהן, ווייל ער איז א מענש וואס איהם געשעהן רק נסים. האט מען דורך איהם געשיקט א פולע קעסטעלע מיט טייערע שטיינער און פערל. אויפ'ן וועג איז איהם אויסגעקומען גענעכטיגען אין אן אכסניא. זיינען דארט געווען מענשען וואס האבען דערשמעקט אז ער פיהרט זעהר ווערטהפולע זאכען, האבען זיי ביינאכט, ווען ער איז געשלאפען, אויסגעליידיגט די קעסטעלע און אנשטאט די עדעלשטיינער און פערל האבען זיי אנגעפילט מיט ערד. אין דער פריה, אז ער האט דערזעהן וואס מען האט איהם אבגעטהאן,

**אַפּט האָט ער געזאָגט : "גם זו לטובה !" און איז זיך ווייטער אַוועק זיין וועג.**

ווען ער האָט די קעסטעלע איבערגעגעבן צום קייסער און דער קייסער האָט געזעהן וואס דאָרט געפינט זיך, איז ער געוואָרען שרעקליך בייז, און האָט געשריען אז מען דאַרף אויס'הרג'ענען אַלע אידען, דערפאַר וואס זיי האָבען חוזק געמאַכט פון איהם. האָט נחום געזאָגט : "גם זו לטובה !" איז געקומען אליהו הנביא, האָט זיך פארשטעלט פאַר איי־נעם פון די מיניסטאָרען, און האָט געזאָגט צום קייסער : "אפשר איז דאָס ערד וואס די אידען האָבען דיר געשיקט פון אברהם זייער פאטער, דען ווען אברהם האָט מלחמה געהאַלטען מיט די מלכים פלעגט ער אויף זיי וואַרפען ערד און דאָס ערד פלעגט פערוואַנדעלט ווערען אין קוילען און שווערדען". האָט דער קיסר געזאָגט אז מען דאַרף די ערד אויספּרובירען.

צו יענער צייט האָט דער קייסער געפיהרט קריעג מיט א מדינה וועלכע ער האָט בשום אופן ניט געקענט בייקומען, האָט ער נחום'ן פערהאַלטען ביי זיך און געשיקט די ערד אויספּרובירען. און עס איז געשעהן א נס אז די מדינה איז איינגענומען געוואָרען.

ווען עס איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, האָט דער קעניג אריינגעפיהרט דעם אידישען געזאַנדעטען אין זיין שאַצ־קאַמער, האָט אָנגעפילט זיין קעסטעלע מיט טייערע שטיינער און האָט איהם אַוועקגעשיקט מיט גרויס פּאַראַד.

אויפ'ן וועג צוריק איז נחום'ן ווידער אויסגעקומען איינ־צושטעהן אין דער זעלבער אכסניא וואו מען האָט איהם בע־גנב'עט. האָבען דאָרט איהם די מענשען געפרעגט : "וואס אזוינס האָסטו געבראַכט דעם קייסער וואס ער האָט דיר גע־געבען אזעלכע שעהנע מתנות ?" האָט ער זיי געענטפערט : "וואס איך האָב אַוועקגעפיהרט פון דאַנען האָב איך געבראַכט אהינצו". האָבען זיי צוגראָבען די גאַנצע ערד פון אונטער דער הויז און האָבען געבראַכט צום קייסער און געזאָגט : "יענע ערד וואס דער איד האָט דיר געבראַכט, איז געוועזן פון אונזערע". האָט דער קייסער געהייסען אויספּרובירען דיזע ערד אין א שלאַכט, אבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען איז עס העלפט ניט. האָט ער געגעבען א בעפעהל און מען האָט די גנבים גע'הרג'עט.

## 19
## פייער בעשיצט געגען פייער

אין דער שטאָדט דרוקרת איז געווען א פייער, און גראָדע אין דער שכינות פון רב הונא האָט ניט געברענט. אין אָנפאַנג האָבען די מענשען פון דער שטאָדט געמיינט אז דער נס איז געשעהן צוליעב דעם זכות פון רב הונא. האָט מען זיי פון הימעל געוויזען אין חלום, אז לויט די גוטסקייט און די פרומ־קייט פון רב הונא איז אזא נס פאר איהם א קליינינקייט, נאָר געשעהן איז דאס צוליעב דעם זכות פון א פרוי וואס פלעגט יעדען ערב שבת איינהייצען איהר אויווען און לאָזען קאָכען צו אלע איהרע שכנות.

## 20
## ענגליקען זיינען אנשטעקענד

איינמאָל זיינען מענשען געקומען צו רב יהודה און איהם דערצעהלט אז היישעריקען זיינען אָנגעקומען אין דעם געגענד. האָט ער גוזר תענית געווען. האָבען צו איהם די מענשען גע־זאָגט: "צו וואס גוזר תענית זיין? די היישעריקען טהוען קיין שאדען". האָט רב יהודה געענטפערט: "מיט וואס זייט איהר אזוי זיכער? די היישעריקען האָבען דען מיטגעבראכט שפייז מיט זיך?"

צו שמואל'ן זיינען מענשען געקומען און געזאָגט: "אין דער שטאָדט חוזאי איז אַן עפּידעמיע". האָט ער געהייסען פאַסטען. זאָגען די מענשען: "אבער די שטאָדט איז דאָך ווייט פון אונז". האָט ער זיי געענטפערט: "איז דען דאָ א וואנד וואס פערשטעלט אונז פון יענער שטאָדט?"

צו רב נחמן, וועלכער האָט געוואוינט אין בבל, זיינען געקומען מענשען און האָבען דערצעהלט אז אין ארץ ישראל הערשט א מגפה, האָט ער גוזר תענית געווען, זאָגענדיג: "אויב די וווירטהין ווערט געשטראפט קען דאָך די דיענסט אודאי געשטראפט ווערען".

## 21
## צדקה איז גרעסער פון אלעס

אביי און רבא האָבען געוואוינט אין איין שטאָדט, און

אין דער זעלבער שטאָדט האָט זיך געפונען אבא אומנא, א צירולניק, וואָס איז געווען זעהר גוט און פרום. יעדען טאָג פלעגט פון הימעל א בת קול בעגריסען דעם צירולניק. אביי'ן פלעגט דער בת קול בעגריסען בלויז איין מאָל א וואָך, יעדען ערב שבת, און רבא'ן בלויז אום ערב יום כפור.

האָט עס אביי'ן שטאַרק פערדראָסען. א פראָסטער צירולניק זאָל זיין אין הימעל מעהר אָנגענומען פון איהם. דעם גרויסען תלמיד חכם!

האָט ער גענומען נאָכפרעגען ביי מענשען זועגען דעם צירולניק און זיי האָבען איהם געזאָגט: "אזעלכע גוטע זאכען וואָס אבא אומנא טהוט אויף קענסטו גאָר ניט טהאָן" האָט עס אביי'ן מסתמא נאָך מעהר פערדראָסען.

אבא אומנא האָט אין זיין קליניק, וואו ער פלעגט בלוט לאָזען זיינע פאציענטען, געהאַט צוויי בעזונדערע אבטהיילונגען, פאר מענער בעזונדער און פאר פרויען בעזונדער. ער האָט געהאט א לאַנגען מאַנטעל מיט א האָרן אין דעם, דורך וועלכען עס פלעגט דורכגעהן א לאַנצעט. ווען א פרוי פלעגט צו איהם קומען פלעגט ער איהר אָנטהאָן דעם מאַנטעל און איהר בלוט לאָזען דורך דעם האָרן, כדי אז ער זאָל ניט דארפען אָנזעהן איהר לייב. געלד פלעגט ער ביי זיינע פאציענטען ניט נעהמען פון דער האנד, נאָר ער האָט געהאט א פושקעלע אין א זייטיגען אָרט פאר די פאציענטען אריינצואווארפען קליינגעלד. ווער עס האָט געהאט האָט אריינגעוואָרפען, און ווער עס האָט ניט געהאט האָט ניט אריינגעוואָרפען און ער האָט זיך ניט געדאַרפט שעהמען מיט דעם וואָס ער האָט ניט. ווען עס פלעגט צו איהם קומען א תלמיד חכם, אָדער אן אָרימאַן, פלעגט איהם אבא אומנא, ביי זיין אוועקגעהן, איהם געבען אביסעל געלד און זאָגען: "נא דיר, זיך צום וואוילטיגען און צו פערריכטען דיין געזונד".

איינמאָל האָט אביי געשיקט צו אבא אומנא אהיים א פּאָאָר תלמידי חכמים זיי זאָלען דערגעהן ווי ער פיהרט זיך. האָט זיי אבא אומנא פיין אויפגענומען, זיי געגעבען עסען און טרינקען, און ביינאַכט האָט ער אונטערגעבעט זייער געלעגער מיט שעהנע וואָלענע בעטדעקען. גאנץ פריה זיינען די צוויי תלמידי חכמים אויפגעשטאַנען, צוזאמענגעלייגט די בעטדעקען, מיטגענומען און אוועק געגאַנגען אין מארק. אויף מאָרגען איז אבא אומנא געקומען אין מארק איינקויפען זאכען, האָבען די צוויי תלמידי חכמים איהם געצייגט די

וואָלטעגע בעטדעטקן און איהם געפרעגט: ״וויפיעל רעגקסט דו זיינען זיי ווערטה?״ האָט ער זיי געזאָגט, אזוי פיעל און אזוי פיעל. האָבען זיי געפרעגט: ״אפשר זיינען זיי ווערטה מעהר?״ האָט ער זיי געענטפערט: ״אָט אזוי פיעל גיעב איך איך אייך״. האָבען זיי דאָן געזאָגט: ״די בעטדעקען זיינען דיינע. קענסט זיי צונעהמען״.

דערביי האָבען זיי איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, אז זיי זיינען געווען ביי איהם אין דער היים אום איהם אויסצופּרובירען, און זיי האָבען געוואָלט זעהן אויב ער וועט דערקענען זיינע בעטדעקען און וועט מיט זיי האַנדלען ווי מיט גנבים.

״זאָג אונז״, האָבען זיי געפרעגט ״אין וואָס האָסטו אונז חושד געווען אז מיר האָבען ביי דיר צוגענומען דיינע בעט־רעקען?״

האָט ער געענטפערט: ״איך האָב זיך געטראַכט אז איהר דאַרפט האָבען געלד פאר פדיון שבוים, און איהר האָט זיך געשעהמט צו בעטען ביי מיר״. האָבען זיי געזאָגט: ״יעצט אז דו האָסט די פּראָבע אויסגעהאַלטען, טאָ נעהם צו דיינע בעטדעקען״. האָט ער זיי געענטפערט: ״צוריק נעהמען קען איך ניט, ווייל איך האָב שוין זיי אין הארצען אייך אוועק־געשיינקט פון צדקה וועגען, מוזען זיי געהן פאר צדקה״.

און פונקט אזוי ווי אביי האָט מקנא געווען דעם צירולניק האָט רבא מקנא געווען אביי׳ן. ווייל אביי׳ן פלעגט אראָב־קומען א גרוס פון הימעל יעדען פרייטאָג, און רבא׳ן בלויז איין מאָל אין יאָהר — ערב יום כפור. האָט רבא זיך שטאַרק גענומען צום הארצען. ביז מען האָט איהם איינמאָל פון הימעל אָנגעזאָגט אין חלום: ״עס איז פאר דיר גענוג וואָס דיין זכות בעשיצט די גאַנצע שטאָדט״.

## 22

## מענשען וואָס טהוען גוטעס

רב ברוקא פון דער שטאָדט הוזאי איז איינמאָל גע־שטאַנען אין מארק פון דער שטאָדט לפט און האָט זיך צוגעקוקט ווי מענשען תאווען און ליפען ארום, און זוכען, דער א געשעפטעל, דער א פערדיענסטעל. איז אָנגעקומען אליהו הנביא. פרעגט איהם רב ברוקא: ״זאָג מיר, געפינט זיך כאָטש איינער, דאָ אין דיעזען מארק, וואָס וועט אמאָל געהן אין גן עדן?״ האָט אליהו געענטפערט: ״לײדער,

קיינער". און אזוי ווי זיי שטעהען קוממ אָן א מאַן אין שוואַרצע שיך און אָהן ציצית. "אָט דער", האָט אליהו הנביא געזאָגט, צייגענדיג אויף דעם מאַן, "וועט געהן אין גן עדן". וואונדערט זיך רב ברוקא: א מאַן אָהן ציצית און וואָס טראָגט שוואַרצע שיך וואָס זיינען דאַן געווען ניט אין מאָדע ביי אידען, זאָל זיין אזא צדיק! רופט רב ברוקא דעם מאַן צו זיך. ווייל דער מאַן גיט געהן. געהט איהם רב ברוקא נאָך און פרעגט איהם: "וואָס איז דיין בעשעפטיגונג?" ענטפערט איהם דער מאַן: "יעצט לאָז מיך צורוה קום מאָרגען".

אויף מאָרגען אז רב ברוקא טרעפט דעם מאַן און פרעגט איהם ווידער: "וואָס איז דיין בעשעפטיגונג?" ענטפערט דער מאַן: "איך בין א וועכטער אין געפענגניס, און איך האַלט די מענער בעזונדער און די פרויען בעזונדער. ביינאַכט שטעל איך אוועק מיין בעטעל צווישען די מענער אבטהיילונג און די פרויען אבטהיילונג, כדי זיי זאָלען זיך ניט מישען. און אויב איך זעה א אידישע טאָכטער צווישען די געפאַנגענע, און די אנדערע וועכטער וואַרפען אויף איהר אן אויג, שטעל איך איין מיין לעבען אום זי צו פערהיטען פון שאַנד".

פרעגט איהם רב ברוקא: "וואַרום טראָגסטו שוואַרצע שיך און דו האָסט קיין ציצית?" ענטפערט דער וועכטער: "ווייל איך וויל ניט מען זאָל וויסען אז איך בין א איד. טאָמער הער איך אז מען וויל אויף אידען מאַכען א גזרה, אָדער ברייגגען עפּעס אן אונגליק, לאָז איך פון דעם צו וויסען די אידישע פאַרשטעהער און זיי בעטען גאָט און די גזרה ווערט בטל". פרעגט איהם ווייטער רב ברוקא: "פאַר וואָס האָסטו מיר נעכטען גלייך ניט געוואָלט זאָגען ווער דו ביזט? פאַר וואָס האָסטו מיר געחייסען, קומען א טאָג שפּעטער?" ענטפערט דער וועכטער: "ווייל איך האָב זיך גראָדע דאַן געאיילט אָנצוזאָגען די אידען וועגען א נייע גזרה וואָס מען וויל אויף זיי אַרויסגעבען".

און אזוי ווי זיי שטעהען, געהען פאַרביי צוויי אנדערע מענשען. זאָגט אליהו הנביא: "אָט די וועלען אויך געהן אין גן עדן". געהט צו רב ברוקא צו די מענשען און פרעגט: "וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?" ענטפערען זיי: "מיר זיינען בדחנים און וואו מיר זעהען א מענשען וואָס איז אומעטיג מאַכען מיר איהם פרעהליך".

## 23

# חוני המעגל און דער רעגן

איין יאהר, אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש, איז פאר א לאנגע צייט קיין רעגן נעגאנגען. זיינען אידען געקומען צו חוני המעגל וועלכער איז געווען א גרויסער צדיק און האבען איהם געזאגט: "בעט גאט אז עס זאל געהן רעגן". האט חוני המעגל געבעטען און קיין רעגן איז געגאנגען. האט ער אויסגעגראבען א קיילעכדיגען גרוב, האט זיך אין דעם אריינגעשטעלט און האט געזאגט: "רבונו של עולם! די אידען קוקען אויף מיר אזוי ווי איך וואלט געווען דיינער א בן בית, שווער איך ביי דיין גרויסען נאמען אז איך ריהר זיך ניט פון דאנען ביז דו וועסט רחמנות האבען אויף דיינע קינדער".

האט אנגעהויבען צו געהן א קליינער רעגן, טראפענ־ווייז. האבען זיינע תלמידים געזאגט: "רבי! עס זעהט אויס אז דער רעגן געהט בלויז פון יוצא וועגען, כדי דיך צו בעפרייען פון דיין שבועה". האט חוני המעגל ווידער געבעטען: "ניט אזא רעגן האב איך פערלאנגט. איך וויל א רעגן וואס זאל אנפילען ברונעמס, גריבער און הייהלען". האט דער רעגן אנגעהויבען צו גיסען מיט אזא האסט, דאס יעדער טראפען האט געקענט אנפילען א פאס. האבען די תלמידים צו איהם געזאגט: "עס זעהט אויס אז דער רעגן איז געקומען חרוב צו מאכען די וועלט". האט חוני המעגל ווידער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און האט געזאגט: "ניט אזוינס האב איך געבעטען, נאר אזא רעגן וואס האט אין זיך דעם גוטען ווילען פון גאט און זיין ברכה". זאט דער רעגן אנגעהויבען צו געהן ווי געהעריג איז.

אזוי לאנג האט דער רעגן אנגעהאלטען, דאס גאנץ ירושלים איז פערפלייצט געווארען און די איינוואוינער פון דער הייליגער שטאדט האבען געמוזט ארויפגעהן אויפ'ן הר הבית. האבען די תלמידים זיך ווידער געווענדעט צו חוני המעגל און געזאגט: "אזוי ווי דו האסט געבעטען אז דער רעגן זאל קומען, אזוי זאלסטו יעצט בעטען אז דער רעגן זאל אויפהערען". האט ער זיי געענטפערט, אז אויף צופיעל גוטעס טאר מען זיך ניט בעקלאגען. פון דעסטוועגען האט ער

זיי געהייסען ברייגגען א קרבן און ער האט ביי דעם קרבן אזוי געבעטען: "רבונו של עולם! דיין פאלק ישראל וואס דו האסט ארויסגעצויגען פון מצרים קענען ניט פערטראגען צופיעל גליקען און ניט צופיעל אונגליקען. ביזט אויף זיי פריהער בייז געוואָרען האבען זיי דאס ניט געקענט פערטראגען, יעצט האסטו זיי אנגעלאדען מיט פיעל גוטעס און זיי קענען דאס אויך ניט פערטראגען. זאל עס זיין דיין ווילען אז דער רעגען זאל שוין אויפהערען און די וועלט זאל ווערען פרייער". גלייך אויף דעם האט א ווינד א בלאז געטהאן, די וואלקענס האבען זיך צושפרייט און די זון האט אנגעהויבען צו שיינען. און מענשען האבען זיך א לאז געטהאן אין די פעלדער און געבראכט אלערליי שוועמלעך וואס זיינען אויפגעגאנגען פון דעם רעגען.

האט שמעון בן שטח געשיקט צו איהם זאגען: "ווען דו וואלסט ניט געוועזען חוני וואלט איך דיך אין חרם אריינגעליינט פאר דעם וואס דו האסט זיך אזוי איינגע'עקשנ'ט געגען גאט. אבער וואס זאל איך טהאן אז דו פיעסצעסט זיך ביי גאט און ער גיט דיר נאך אזוי ווי דו וואלסט געוועזן א זוהן וואס פיעסצעסט זיך ביים טאטען און דער טאטע גיט איהם נאך. זאגט דער זוהן: "פיהר מיך אין א ווארימער באד", טהוט דער טאטע אזוי, זאגט דער זוהן: "גיב מיר א קאלטע באד" טהוט דער טאטע אזוי. בעט ער ניס, מאנדלען, פערסיקעס מיהלגרוימען, גיט ער איהם אויך".

## 24

# חוני המעגל'ס 70 יעהריגער שלאף

איין טאג איז חוני המעגל געגאנגען אין וועג. האט ער געזעהן ווי א מאן פלאנצט א באקסער בוים. האט ער געזאגט צו דעם מאן: "ביז א באקסער בוים גיט ארויס פון זיך פריכטען געדויערט זיעבציג יאהר. דענקסטו אז דו וועסט נאך לעבען זיעבציג יאהר און געניסען פון דעם בוים?" האט דער מאן איהם געענטפערט: "אז איך בין אויף דער וועלט געקומען האב איך געפונען באקסער ביימער וואס מיינע עלטערען האבען געפלאנצט אום איך זאל פון זיי קענען געניסען, וויל איך פלאנצען אזעלכע ביימער אום מיינע קינדער זאלען קענען פון זיי געניסען."

נאכדעם האט חוני זיך אוועקגעזעצט אין פעלד עסען

זיין מאַהלצייט וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג. ער האָט אָנגעהויבן צו פיהלען שלעפעריג און איז באַלד איינגעשלאָפען געוואָרען. ארום איהם איז אויסגעוואַקסען אַ פעלז וואָס האָט איהם פאַרשטעלט פון אַלע זייטען, אום קיינער פון די פאַרבייגעהער זאָל איהם זעהן. און אַזוי איז ער אָבגעשלאָפען זיעבציג יאָהר.

אַז חוני איז אויפגעשטאַנען האָט ער געזעהן ווי איינער עסט פון יענעם באָקסער בוים. האָט ער דעם מאַן געפרעגט: "ווער האָט איינגעפלאַנצט דיזען בוים?" האָט איהם יענער געענטפערט: "מיין פאָטער'ס פאָטער." האָט חוני געזאָגט צו זיך: "איך האָב אודאי אָבגעשלאָפען גאַנצע זיעבציג יאָהר."

חוני איז אַוועק צו זיך אַהיים און געפרעגט: "וואו איז דאָ חוני'ס זוהן?" האָט מען איהם געענטפערט: "זיין זוהן איז שוין ניטאָ, זיין אייניקעל איז דאָ." האָט ער זיי געזאָגט ווער ער איז, האָט איהם קיינער געגלויבט. איז ער אַוועק אין בית המדרש. האָט ער געהערט ווי מען לערנט און מען דערמאָנט זיין נאָמען, און איינער דערצעהלט: "אַז חוני המעגל פלעגט קומען אין בית המדרש, איז וואָס פאַר אַ קשיא מען פלעגט איהם פרעגען פלעגט ער פערענטפערען." האָט חוני געזאָגט: "דאָס בין איך." האָט איהם קיינער געוואָלט גלויבען און מען האָט איהם ניט אָבגעגעבען דעם כבוד וואָס איהם קומט. איז איהם געוואָרען ניט גוט און ער האָט אויף זיך געבעטען דעם טויט. האָט רבא געזאָגט: "אויף דעם זאָגען מענשען אַ ווערטעל: "או חברותא, או מיתותא", ענט־ווערער לעבען צווישען פריינד, אָדער אויפ'ן בית עולם."

# 25

# אבא חלקיה

אבא חלקיה איז געווען אַן אייניקעל פון חוני המעגל. יעדען מאָל ווען די וועלט האָט געדאַרפט האָבען רעגען פלעגען די רבנן קומען צו איהם. איינמאָל איז געווען אַ גרויסע טריקעניש, האָבען די רבנן געשיקט צו איהם צוויי פון זייערע חברים, אַז ער זאָל בעטען אויף רעגען. זיינען זיי געקומען צו איהם אַהיים, האָבען זיי איהם דאָרט ניט געפונען. זיינען זיי געגאַנגען אין פעלד האָבען זיי איהם דאָרט געטראָפען אַר־בייטענדיג. זיי האָבען איהם בעגריסט, האָט ער זיי ניט גע־

ענטפערט, אפילו דעם קאָפּ האָט ער ניט אָבגעקעהרט צו זיי. פארנאכט, ווען ער האָט געדאַרפט געהן אהיים האָט ער אָנ־געקליבען האָלץ, און געהענדיג, האָט ער די האָלץ געטראָגען אויף איין שולטער און זיין מאַנטעל אויף דעם אנדער שול־טער. די גאַנצע וועג האָט ער געטראָגען זיינע שיך אין האַנד. ווען ער איז געקומען צו אַ וואַסער האָט ער די שיך אָנגע־טאָן. ווען ער איז אָנגעקומען אין אַן אָרט וואו עס האָבען זיך געפונען שטעכעדיגע דערנער האָט ער אויפגעהויבען זיינע קליידער. ווען ער איז אריבער די דערנער האָט ער אַרונטערגעלאָזען די קליידער. ווען ער איז אָנגעקומען אהיים איז זיין פרוי אַרויס אקעגען איהם אַן אויסגעפּוצטע. ווען זיי זיינען אריין אין הויז איז צוערשט אריין די פרוי, נאָכ־דעם אבא חלקיה און נאָכדעם האָט ער אריינגעלאָזען די צוויי שלוחים.

אבא חלקיה האָט זיך געזעצט עסען און די רבנן האָט ער געלאָזט ווארטען און האָט זיי ניט געבעטען עסען. ער האָט צושניטען אַ ברויט און האָט זיין עלטערען איינגעל געגעבען איין שטיק ברויט און דעם אינגערען צוויי. נאָכדעם האָט ער שטילערהייד געזאָגט צו זיין פרוי: „איך ווייס ראָך אַז די רבנן זיינען געקומען בעטען וועגען רעגען, טאָ לאָמיר ארויפ־געהן אויפ׳ן בוידים, דאָרט בעטען גאָט, אפשר וועט ער רחמנות האָבען און געבען רעגען, און קיינער וועט ניט וויסען אַז דאָס איז צוליעב אונזער תפילה".

זיי זיינען ארויף אויפ׳ן בוידים. ער האָט זיך געשטעלט אין איין ווינקעל, די פרוי אין אַן אנדער ווינקעל, און זיי האָבען געבעטען אויף רעגען. האָט זיך פון דער זייט וואו די פרוי איז געשטאַנען בעוויזען אַ וואָלקען צוערשט און נאָכדעם איז דער גאַנצער הימעל פערוואָלקענט געוואָרען. ועהענדיג אַז זייער תפילה האָט געווירקט זיינען זיי ארונ־טער געגאַנגען און אבא חלקיה האָט געפרעגט די רבנן: „זאָגט מיר, וועגען וואָס זייט איהר געקומען?" האָבען זיי געענטפערט: „מיר זיינען געקומען אַז דו זאָלסט בעטען אויף רעגען". האָט ער געזאָגט: „געבענשט זאָל זיין דער אייבערשטער וואָס האָט אייך געגעבען רעגען און איהר האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו מיר". האָבען זיי געזאָגט: „מיר וויסען גוט אַז דער רעגען איז געקומען דורך דיר. אָבער מיר ווילען אַז דער האר זאָל אונז פערענטפערען עט־ליכע זאַכען וואָס מיר קענען ניט פערשטעהן".

דאָן האָבען די רבנן פאַרגעליינט זייערע פראַגען און אבא חלקיה האָט זיי געענטפערט.

"וואָרום האָסטו אונז ניט געענטפערט ווען מיר האָבען דיך בעגריסט אין פעלד?"

"ווייל איך בין אַ טאָג ארבייטער און איך טאָר ניט צורייבען די צייט פאַר וועלכע איך קריעג בעצאָהלט".

"פאַר וואָס האָסטו געטראָגען די האָלץ אויף איין שול־טער און דעם מאַנטעל אויף אַן אנדערען? האָסטו ניט גע־קענט לייגען די האָלץ אויפ'ן מאַנטעל, עס זאָל דיר זיין מעהר בעקוועם צו טראָגען?"

"ווייל דער מאַנטעל איז אַ געליהענער. מען האָט עס מיר געליהען אויף צו טראָגען און ניט אויף אונטערצולייגען אונטער האָלץ".

"וואָרום ביזטו דעם גאַנצען וועג געגאַנגען באָרפוס און אַז דו ביזט געקומען צום וואַסער האָסטו די שיך אָנגעטאָן?"

"ווייל דעם גאַנצען וועג זעה איך דאָך וואו איך געה, אָבער אין וואַסער קען איך ניט זעהן און איך קען קריגען אַ ביס פון אַ פיש אָדער אַ שלאַנג".

"וואָרום אַז דו ביזט אָנגעקומען צו אַן אָרט וואו עס וואַקסען שטעכעדיגע דערנער האָסטו דיינע קליידער אויפ־געהויבען?"

"ווייל אַ וואונד אויפ'ן לייב פערהיילט זיך, אָבער אַ גוואַלד ריס אין די קליידער איז שווער צו פערריכטען".

"וואָרום איז דיין פרוי ארויס אַקעגען דיר אַ פער־פוצטע?"

"כדי איך זאָל זיך ניט פערקוקען אויף אַן אנדער פרוי".

"וואָרום איז דיין פרוי אריין פריהער, דו נאָך איהר, און אונז האָסטו אריינגעלאָזען צולעצט?"

"ווייל איך האָב אייך נאָך ניט געקענט און ניט גע־וואוסט אויב מען קען אייך אריינלאָזען אַ פריהער אין הויז".

"ווען דו האָסט זיך געזעצט עסען, וואָרום האָסטו אונז ניט געלאַדען צום טיש?"

"ווייל איך האָב ניט גענוג ברויט פאַר אַלעמען און איהר וואָלט דאָך ניט געגעסען, האָב איך ניט געוואָלט זיין אַן אומזיסטער בעל טובה".

"וואָרום האָסטו דעם אינגערען אינגעל געגעבען מעהר ברויט ווי דעם עלטערען?"

"דערפאַר ווייל דער עלטערער איז אַ גאַנצען טאָג אין

דער היים און ער בייסט איבער ווען ער וויל, אָבער דער אינגערער נעהמט אוועק אויף א גאַנצען טאָג אין חדר און עסט ניט דעם גאַנצען טאָג".

"פאַרוואָס האָט זיך פון דעם ווינקעל וואו דיין פרוי איז געשטאַנען און תפילה געטאָן פריהער בעוויזען א וואָלקען ווי פון דיין זייט?"

"דאָס איז דערפאַר ווייל א פרוי טוהט מעהר צדקה פון א מאַן. זי איז שטענדיג אין דער היים און אז אַן אָרימאַן קומט גיט זי איהם פערטיגע עסענס, אָבער איך קען איהם געבען בלויז קליינגעלד און ער מוז אמאָל לאַנג זוכען ביז ער קריגט אַן אָרט וואו צו קויפען עפעס פאַר דעם געלד".

## 26
## חנין דער בעהאַלטענער

חנין דער בעהאַלטענער איז געווען דער זוהן פון חוני המעגל'ס טאָכטער. דעם צונאָמען "בעהאַלטענער" האָט ער בעקומען פאַר דעם וואָס ער פלעגט זיך אימער בעהאַלטען פון מענשען צוליעב זיין גרויסע עניוות. איינמאָל האָט די וועלט געדאַרפט האָבען רעגען, האָבען די רבנן געשיקט צו חנין א חדר אינגעל, ער זאָל איהם בעטען תפילה טאָהן אויף רעגען. איז דער אינגעלע געקומען, א שלעפּ געטאָהן דעם צדיק פאַר זיין פאָלע און געזאָגט: "טאַטע, טאַטע! גיב אונז רעגען!" האָט חנין אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האָט געזאָגט: "רבונו של עולם! גיב רעגען פון די קליי־נע קינדער'ס וועגען וועלכע פערשטעהען ניט דעם אונטער־שייד צווישען דעם פאָטער וואָס גיט רעגען און א פאָטער וואָס גיט ניט קיין רעגען."

## 27
## פרום און בעשיידען

ר' יונה דער פאָטער פון רבי מני איז געווען זעהר פרום און שטאַרק בעשיידען. ער האָט געוואוינט אין ארץ ישראל. איינמאָל איז געווען א גרויסע טריקעניש אין דעם הייליגען לאַנד און ער האָט געוואָלט בעטען אויף רעגען. אָבער אזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט אז קיינער זאָל וויסען דאָס דער

רעגען קומט צוליעב זיין זכות, האָט ער אזוי געטהאָן. ער האָט גענומען א זאַק און האָט געזאָגט צו זייגע הויז מענשען: "איך געה יעצט איינקויפען פאר א גילדען קאָרען און זיך אנגרייטען אויפ'ן יקרות." ער איז אוועק אין אן אָרט וואו ער איז געווען זיכער אז קיין מענש וועט איהם דאָרט זעהן. ער האָט זיך געשטעלט אין א טיעפען טאָהל, זיך צו־געדעקט מיט'ן זאַק און געבעטען אויף רעגען. ווען עס האָט שוין אָנגעהויבען צו רעגענען האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים. האָבען די הויז מענשען איהם געפרעגט: "נו, האָסטו אונז געבראכט די קאָרען וואָס דו ביזט געגאנגען קויפען?" האָט ער זיי געענטפערט: "איך האָב געזעהן אז מיר האָבען שוין רעגען, רעכן איך אז קאָרען וועט ווערען ביליגער, האָב איך ניט געקויפט."

## 28

# די טהרערן פון א יתום

רבי מני, דער זוהן פון ר' יונה, האָט זעהר פיעל געליטען פון די דיענער פון דעם נשיא, וועלכע פלעגען איהם פערשאַפעןליידען. איז ער אוועק און האָט זיך געוואָרפען אויף זיין פאָטער'ס קבר, און האָט יאָמערליך געוויינט: "פאָטער! פאָטער! זעה ווי זיי קוועלען מיך!"

איין טאָג זיינען די מענשען פון דעם נשיא ארויס שפּאַציערען, רייטענדיג אויף זייערע פערד. ווי זיי זיי־נען פארביי געפאָהרען דעם קבר פון ר' יונה, זיינען זייערע פערד געבליבען שטעהן, אזוי ווי זייערע פיס וואָלטען צו־געשמידט געוואָרען צו דער ערד, און האָבען זיך ניט גע־רהרט פון אָרט, ביז די מענשען פון נשיא האָבען אויף זיך גענומען, אז זיי זאָלען מעהר ניט פייניגען דעם יתום.

## 29

# צרות פון א ווייב'ס משפחה

רבי מני האָט זיך איינמאָל בעקלאָגט פאר זיין רבי ר' יצחק בן אלישיב:

"די מענשען פון מיין ווייב'ס משפחה, וועלכע זיינען

זעהר רייך, דערנעהען מיר די יאָהרען". האָט ר' יצחק גע־זאָגט: "זאָלען זיי ווערען אָרימע לייט!" זיינען זיי גע־וואָרען אָרים. איז ר' מני ווידער געקומען צו ר' יצחק און געזאָגט: "יעצט, אַז זיי זיינען געוואָרען אָרים, פאָ־דערען זיי אַז איך זאָל זיי שטיצען". האָט ר' יצחק גע־זאָגט: "זאָלען זיי צוריק רייך ווערען". זיינען זיי וויע־דער רייך געוואָרען.

שפּעטער איז ר' מני געקומען זיך קלאָגען: "מיין ווייב געפעלט מיר ניט". האָט ר' יצחק געפרעגט: "ווי הייסט זי?" האָט ר' מני געענטפערט: "חנה". האָט ר' יצחק אויסגערופען: "חנה זאָל ווערען א שעהנהייט". איז חנה געוואָרען א גרויסע שעהנהייט. איז ר' מני וויע־דער געקומען צו ר' יצחק און האָט זיך בעקלאָגט: "מיין ווייב האַלט זיך זעהר שטאָלץ געגען מיר, ווייל זי איז אזוי שעהן און איך בין מיאוס". האָט ר' יצחק א זאָג געטאָהן: "חנה זאָל צוריק ווערען שוואַרץ ווי זי איז געווען". און חנה איז אזוי געוואָרען.

## 30

# פרום אבער צו שטרענג

רבי יוסי פון דער שטאָדט יוקרת איז געווען זעהר פרום, אָבער א צו שטרענגער מענש. ער האָט אויף זיינע אייגענע קינדער קיין רחמנות געהאַט.

איין טאָג האָט ר' יוסי געדונגען ארבייטער צו אר־בייטען ביי איהם אין פעלד. האָט ער זיך פערשפּעטיגט צו ברייגגען זיי עסען. האָבען די ארבייטער געזאָגט צו זיין זוהן: "מיר זיינען הונגעריג!" איז דאָרט, דערביי, געשטאַנען א פייגענבוים, וועלכער האָט געהאַלטען אין בליהען. האָט דער זוהן פון ר' יוסי געזאָגט צום בוים: "פייגענבוים! דו פייגענבוים! גיב ארויס דיינע פּירות און זאָלען מיין פאָטער'ס ארבייטער האָבען וואָס צו עסען!" האָט דער בוים ארויסגעגעבען פייגען און די ארבייטער האָ־בען זיך זאַט אָנגעגעסען. שפּעטער איז אָנגעקומען ר' יוסי. האָט ער געזאָגט צו די ארבייטער: "האָט קיין פעראיבעל ניט וואָס איך האָב זיך פערזאַמט מיט'ן עסען, ווייל איך בין געווען פערנומען מיט א מצוה זאַך". האָבען די אר־בייטער געענטפערט: "זאָלסטו זיין אזוי זאַט ווי דיין זוהן

האט אונז שוין זאט געמאכט". האט ער געפרעגט ווי אזוי איז דאס געשעהן. האט מען איהם דערצעהלט די מעשה מיט'ן פייגענבוים. איז ר׳ יוסי שטארק בייז געווארען און ער האט געזאגט צו זיין זוהן: "דערפאר וואס דו האסט בעמיהט דיין בעשעפער, אז ער זאל מאכען דעם פייגענבוים ארויסגעגעבען זיינע פירות פאר דער צייט, זאלסטו שטארבען פאר דער צייט".

א צווייטען מאל האט זיך געמאכט אזא געשיכטע:

ר׳ יוסי האט געהאט א טאכטער, א זעלטענע שעהנהייט. איינמאל האט ער געזעהן ווי א פרעמדער מאן מאכט א לאך אין דעם פארקען וואס האט ארומגעצאמט די הויז און קוקט אויף זיין טאכטער. האט ר׳ יוסי געפרעגט דעם בחור: "וואס טהוסטו?" האט יענער געענטפערט: "אויב איך האב ניט דעם גליק זי צו נעהמען פאר א פרוי, קען איך צום ווענינגסטען ניט האבען דעם גליק צו קוקען אויף איהר?" האט ר׳ יוסי געזאגט צו זיין טאכטער: "מיין טאכטער! איך זעה אז מענשען ליידען צוליעב דיין שעהנהייט, בעסער זאלסטו שוין שטארבען, איידער מענשען זאלען צוליעב דיר קומען צו זינדיגע געדאנקען". און די טאכטער איז געשטארבען.

די שטרענגקייט פון ר׳ יוסי האט געפיהרט צו דעם, אז זיין תלמיד ר׳ יוסי בר אבין איז אוועק פון איהם, זאגענדיג: "וואס קען איך ערווארטען פון א מענשען, וואס האט קיין רחמנות אויף זיינע אייגענע זוהן און טאכטער?"

## 31

# אן עהרליכער אייזעל

ר׳ יוסי פון יוקרת האט געהאט אן אייזעל, וועלכען ער פלעגט פערדינגען צו מענשען צו פיהרען אויף איהם משא. יעדען טאג נאך דער ארבייט פלעגט מען אויף דעם אייזעל ארויפלייגען דעם לוין פאר'ן טאג ארבייט און ער פלעגט אוועקגעהן צו זיין בעל הבית אין שטאל. אויב מען פלעגט אויף איהם ארויפלייגען צו וועניג געלד, אדער צופיעל, פלעגט ער ניט געהן. ניט ער האט געוואלט אז מען זאל זיין בעל הבית בערויבען, און ניט אז מען זאל

איהם איבערצאָהלען. איינמאָל האָט מען אויף דעם איי־זעל פערגעסען א פּאָאר שיך, האָט ער זיך אויפגעהויבען, אָבער האָט ניט געוואָלט אוועקגעהן ביז מען האָט די פער־געסענע סחורה פון איהם אראָבגענומען.

## 32

# זיך פערראַרימט צוליעב צדקה

אליעזר פון ברתותא איז געווען א גרויסער בעל צדקה. וואָס ער האָט געהאַט, פלעגט ער אוועקגעבען צו אָרימע לייט. די גבאים וואָס פלעגען ארומגעהן קלייבען געלד אויף צדקה, פלעגען ניט קענען צוזעהן ווי ער פערראָרימט זיך אליין צוליעב אנדערע, און זיי פלעגען זוכען איהם אויסצומיידען, אויב זיי האָבען געקענט.

איינמאָל איז אליעזר געגאנגען אין מארק איינקויפען חתונה קליידער פאר זיין טאָכטער, וועלכע האָט געדארפט חתונה האָבען. האָבען די גבאים איהם דערזעהן, האָבען זיי זיך בעהאַלטען פון איהם. ער האָט זיי אָבער פריהער געזעהן, האָט ער זיי נאָכגעיאָגט ביז ער האָט זיי געפונען, און האָט זיי געפרעגט אויף וואָס פאר א צדקה זיי קלייבען יעצט. האָבען זיי איהם געענטפערט: "מיר קלייבען פאר א יתום און יתומה וואָס דארפען חתונה האָבען". האָט ער זיי אוועקגעגעבען זיין גאנצע געלד און האָט געזאָגט: "איך שווער אייך, זיי זיינען בילכער פון מיין טאָכטער". די גבאים האָבען געמוזט אָננעהמען זיין נדבה, אָבער אז זיי האָבען איבערגעצעהלט דאָס געלד, האָבען זיי געזעהן, אז זיי האָבען שוין א גילדען צופיעל, האָבען זיי איהם דעם גילדען צוריקגעגעבען. אליעזר האָט גענומען דעם גילדען, האָט פאר דעם געקויפט ווייץ און אריינגעטראָגען אין זיין שפייכלער. נאָכדעם איז ער אוועק אין בית המדרש לערנען.

זיין פרוי, וועלכע איז געווען ערגעץ אוועקגעגאנגען, איז שפּעטער געקומען אהיים און האָט געפרעגט איהר טאָכטער: "וואָס האָט דיר דער פאָטער געבראַכט?" האָט די טאָכטער געענטפערט: "ער האָט עפּעס געבראַכט און בעהאַלטען אין שפייכלער". איז די פרוי געוואָרען נייגעריג צו וויסען וואָס איהר מאַן האָט געבראַכט, האָט

זי גענומען א שליסעל און געוואָלט עפענען די טהיר, האָט זי געזעהן אז דער שפייכלער איז פול מיט ווייץ און די ווייץ שיט זיך אריבער די אנגעל פון טהיר, און צוליעב דעם האָט מען די טהיר קוים געקענט עפענען. איז זי אוועקגעלאָפען אין בית המדרש מיט גרויס שמחה און האָט געזאָגט צו איהר מאַן: ״קום זעה וואָס דיין ליעבער גאָט האָט דיר געטהאָן!״ און זי האָט איהם דערצעהלט פון דעם גרויסען נס. האָט ער איהר געענטפערט: ״איך שווער דיר, אז די ווייץ איז ניט אונזערע. דאָס געהערט צו אָרימע לייט. פאַר זיי האָט גאָט דעם נס געטהאָן, און דו קענסט בלויז האָבען א חלק אין דעם גלייך מיט זיי״.

# 33

# פאַר אן אמת שלאָגט מען

איינמאָל, אז עס איז געווען אין לאנד א טריקעניש, האט דער נשיא גוזר תענית געווען. אידען האבען זיך פערזאמעלט, געבעטען אויף רעגען אבער קיין רעגען איז געגאנגען. האט זיך אויפגעשטעלט הושעיא, דער איינגסטער פון דער ישיבה, א יונגער מאן מיט מוטה וועלכער האט זעהר ליעב געהאט דעם אמת, און ער האט געזאגט צו די פערזאמעלטע:

״איהר זאלט וויסען, אז א כלה וואס האט שעהנע אויגען איז איהר גאנצער קערפער שעהן. אבער א כלה וואס האט קראנקע אויגען איז איהר קערפער אויך קראנק. די נשיאים, זיי זיינען די אויגען פון פאלק, און אז זיי זיינען זינדיג, איז דאס גאנצע פאלק אויך זינדיג, און דערפאר ווערט זייער געבעט ניט אנגענומען און עס קומט קיין רעגען אויף דער וועלט״.

די ווערטער האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף אלע צוהערער. אבער די דיענער פון נשיא האבען ארויפגעווארפען א מוך איבער דעם רעדנערס האלז און איהם גענומען ווערגען. האבען די אנגעזעהנדע מענשען געזאגט צו די דינער: ״לאזט איהם צו רוה. ער פלעגט אונז אויך שטראָפען מיט רייד, אבער אז מיר האבען איינגעזעהן, אז ער טהוט דאס, ווייל ער איז ערנסט פרום און מיינט דערביי קיין פערזענליכקייטען, האבען מיר איהם גארנישט געזאגט און מיר האבען איהם צורוה געלאזט. לאזט איהר אויך איהם צורוה״.

## 34

# דער זכות פון גוטע מענשען

רבי האט איינמאל גוזר תענית געווען אויף רעגען. איז אבער קיין רעגען געקומען. האט ר׳ אילפי תפילה געטהאן, האט באלד אנגעהויבען צו רעגענען. האט איהם רבי געפרעגט: ״וואס אזוינס האסטו געטהאן, וואס דיין געבעט איז אנגענומען געווארען!״ האט ר׳אילפי געענטפערט: ״איך וואוין אין א געגענד פון גרויסע ארימע לייט, לויטער אביונים, וואס האבען קיינמאל קיין וויין אויף קדוש און הבדלה. בעמיה איך זיך און ברייננ וויין און זעה אז זיי זאלען נאכקומען די מצוה״.

רבי איז איינמאל אנגעקומען אין אן ארט, וואו מען האט געדארפט האבען רעגען. האט ער גוזר תענית געווען, אבער קיין רעגען איז געקומען. האט זיך אוועקגעשטעלט א חזן פאר׳ן עמוד, און ווי נאר ער האט אנגעהויבען צו בעטען האט גענומען רעגענען. פרעגט איהם רבי: ״וואס אזוינס האסטו געטהאן וואס דיין זכות איז אזוי גרויס?״ ענטפערט דער חזן: ״איך בין א דרדקי מלמד, און איך לערען מיט ארימע קינדער אזוי גוט ווי מיט רייכע, און ווער עס קען ניט צאהלען שכר למוד, לערן איך מיט איהם אומזיסט. איך האב ביי מיר א סאזעלקע מיט פישעלעך, און ווען א קינד איז שלעכט און וויל נים לערנען, שענק איך איהם א פישעלע כדי ער זאל לערנען און רעד צו איהם מיט גוטען ביז ער זעצט זיך אוועק און לערנט מיט חשק״.

## 35

# ברויט אין לעבען

רב יהודה איז איינמאל געגאנגען אין וועג, האט ער געזעהען ווי צוויי מענשען זיצען און ווארפען זיך מיט שטיקלעך ברויט צו פערטרייבען די צייט. האט ער מיט פעררדוס אויסגערופען: ״עס זעהט אויס, אז די וועלט איז זעהר זאט״.

ער האט די מענשען אנגעקוקט און איז אוועק. שפעטער איז אין יענעם געגענד געווארען א הונגער.

## 36

# די טראַגעדיע פון התגבר

איינמאָל זיינען די רבנן צוגעשטאַנען צו רב כהנא'ן, אז ער זאָל בעטעגען זיין רבי'ן דעם גרויסען רב יהודה, ער זאָל מיט זיי גערון אין מאַרק און זעהן וואס אויף דער וועלט טהוט זיך און ווי מענשען לעבען. ווען זיי זיינען געקומען אין מאַרק האבען זיי געזעהן א גרויסען געווימעל מענשען וועלכע שטופען איינע די אנדערע. פרעגט רב יהודה: "וואס איז דאס?" ענטפערען די רבנן: "אימיצער האט געבראכט אין מאַרק פסולת פון טייטלען און מענשען שטופען זיך דאס צו קויפען." ווען רב יהודה האט געהערט ווי מענשען ערנידעריגען זיך צו עסען מאכל בהמה האט ער אויסגערופען: "עס זעהט אויס אז עס איז דאָ א הונגער אויף דער וועלט". זיצענדיג אין בית המדרש און פערבריינגענדיג די גאַנצע צייט אין לערנען האט ער גאר נים געוואוסט ווי די וועלט ליידעט. איז זיין הארץ געוואָרען פול מיט מיטלייד אויף די ליידענדע מענשען און ער האט געזאגט צו זיין תלמיד, רב כהנא: "נעהם מיר ארונטער מיינע שיך". דאס איז געווען א צייכען אז ער וויל אויף זיך נעהמען א תענית. ווי נאָר דער תלמיד האט פון איהם אראָבגענומען איין שוך האט גלייך אָנגעהויבען צו רעגענען. ווען ער האט געהאלטען אין אראָבנעהמען דעם אנדער שוך, איז געקומען אליהו הנביא און האט געזאגט: "דער אייבערשטער האט געזאגט אז אויב דו נעהמסט אראָב דעם אנדער שוך, וועט אזוי פיעל רעגענען אז די וועלט קען חרוב ווערען".

רב מרי דער זוהן פון בת שמואל דערצעהלט:

"אין יענעם הונגער יאָהר, אין וועלכען רב יהודה האט בעוויזען זיין נס מיט'ן רעגען, בין איך געשטאַנען ביים ברעג פון א טייך, האב איך געזעהן ווי מלאכים האבען זיך פערשטעלט פאר מאַטראָזען, האבען געבראכט זאמד און מיט דעם אָנגעפילט א שיף. די זאמד איז גלייך פערוואנדעלט געוואָרען אין פיינע ווייצען מעהל, און מענשען זיינען געקומען קויפען. האב איך צו די מענשען געזאגט אז זיי זאָלען ניט קויפען, ווייל עס איז בעסער ניט צו געניסען פון א נס און וואַרטען ביז נאָך וועט צושיקען שפייז אויף א נאַטירליכען וועג. אויף מאָרגען איז אָנגעקומען א שיף מיט אמת'ע ווייץ פון פרזניא, און אלע זיינען געקומען קויפען און געהאט וואס צו עסען".

## 37

# מען טאָר ניט בעטען אויף נסים

אמאָל איז פאר רבא'ן פאַרגעקומען א מאַן וועלכער איז געוועזן בעשולדיגט אז ער האָט חתונה געהאָט מיט א געמצענ־דינערין. האָט רבא דעם מאַן בעשטראפט מיט מלקות און דער בעשטראאפטער איז פון די שמיץ געשטאָרבען. אז שבור, דער פערזישער קעניג, האט פון דעם דערהערט האט ער געוואָלט רבא'ן בעשטראָפען. האט דעם קעניג'ס מוטער איפרא הורמיז. א בעריהמטע שעהנהייט, געזאָגט צו איהם "מיין זוהן! זאלסט ניט האבען צו טהאָן מיט די אידען, ווייל וואס נאָר זיי פער־לאַנגען פון זייער גאָט גיט ער זיי." האט דער קעניג געפרעגט: "וואס אזוינס פיהרען זיי אוים?" האָט איפרא הורמיז גע־ענטפערט: "אַז זיי בעטען אויף רעגען, רעגענט עס". האט דער קעניג געזאָגט לאַכענדיג: "זיי בעטען ווען עס דארף סאַי ווי רעגענען. א נו, זאָלען זיי צייגען א קונץ יעצט, איז תקופת תמוז, אַז עס זאָל רעגענען". האָט איפרא הורמיז געשיקט צו רבא'ן, ער זאָל בעטען אויף רעגען. האט רבא אזוי געבעטען: "רבונו של עולם! מיר האבען מיט אונזערע אויע־רען געהערט ווי דו האָסט אונזערע עלטערען געטהאָן א סך וואונדער, אבער מיט אונזערע אויגען האָבען מיר דאס נאָך ניט געזעהן. טאָ צייג אונז א וואונדער אז מיר אליין זאָלען זעהן דיין גרויסקייט — מאַך עס זאָל רעגענען אין א צייט וואס רעגענט נים!"

גלייך ווי ער האט זיין תפילה געענדיגט האט אָנגעהויבען צו גיסען אזוי שטארק דאס עס האט אריבערגעפלייצט אלע וואסער קאנאלען און די שטראָמען האבען געפלאָסען ביז צום טייך חדקל.

ביי נאַכט איז רבא'ס פאטער געקומען צו איהם צו חלום און האט צו איהם געזאָגט: "צו וואס האָסטו געדארפט מטריח זיין דעם אויבערשטען אַז ער זאָל דארפען ענדערען די נאַ־טור? מאָרגען זאָלסטו ניט שלאָפען אין דיין בעט, ווייל אין הימעל איז מען בייז אויף דיר".

רבא האט געפאָלגט און אויף דער אנדער נאַכט איז ער געשלאָפען אין אן אנדער אָרט. אין דער פריה האָט ער גע־פונען די בעט געוואַנד פון זיין אלטער בעט צושניטען מיט

א מעסער. די וואס האבען דאס געטהאן האבען מסתמא גע־מיינט אז ע׳ ליעגט נאך אין דער בעט.

## 38

# אָרים אין געלד, רייך אין גייסט

ר׳ חנינא בן דוסא איז געוועזן זעהר ארים. ער האט גע־לעבט מיט זיין פאמיליע אויף א מעסמעל באקסער א גאנצע וואך. דאך איז ער געוועזן צופריעדען און האט זיך קיינמאל בעקלאגט. אבער זיין פרוי האט זיך געשעהמט מיט איהר ארימקייט און געזוכט צו בעהאלטען דעם דלות פון די שכנים. יעדען ערב שבת, ווען די ארומיגע שכנות האבען געהאלטען אין קאכען און באקען לכבוד שבת, פלעגט זי איינהייצען איהר ליידיגען אויווען, כדי עס זאל געהן א רויך און די שכנות זאלען מיינען, אז זי קאכט אויך אויף שבת. איז דארט געוועזן א שכנה, א שלעכטע פרוי, און זי איז געווארען זעהר נייגעריג. "איך וויים", האט די שכנה געזאגט צו די אנדערע שכנות, "אז די פרוי האט ניט וואס צו קאכען, טא צו וואס הייצט זי דעם אויווען?" איז די שלעכטע שכנה געגאנגען און האט אנגעקלאפט אין חנינא בן דוסא׳ס טיהר. אז רבי חנינא׳ס פרוי האט געהערט אז די שכנה קומט אריין אין הויז, האט זי זיך פערשעהמט און איז אוועקגעלאפען אין אן אנדער צימער זיך דארט צו בעהאלטען.

אבער א גרויסער נס איז געשעהן. ווען די שכנה איז אריינגעקומען און האט א קוק געטהאן, האט זי אין אויווען געזעהן א סך חלות און נעבען דעם אויווען איז געשטאנען א דייזשע מיט טייג. האט די שכנה גענומען שרייען צו ר׳ חנינא׳ס פרוי: "גיכער ברייננג אהער א לאפעטע, דיינע חלות ווערען צוגעברענט!" איז די פערשעהמטע פרוי צוריק ארויס פון איהר בעהעלטעניס און געזאגט: "דאס בין איך טאקע געגאנגען ברייננגען די לאפעטע".

איינמאל האט ר׳ חנינא׳ס פרוי געזאגט צו איהר מאן: "זאג מיר, ביז וואנען וועלען מיר זיין אזוי ארים און ליידען נויטה?" האט רבי חנינא געזאגט: "וואס ווילסטו זאלען מיר טאהן?" האט זי געענטפערט: "בעט גאט, אז ער זאל אונז אויף דער וועלט געבען כאטש עפעס פון די גוטע זאכען וואס זיינען פאר אונז אנגעגרייט אויף יענער וועלט". האט ר׳

חנינא אזוי געבעטען. איז פון הימעל אראָב אזוי ווי א האַנט און האט זיי דערלאַנגט א פוס פון א גאָלדענעם טיש. האט זיך די פרוי געפרעהט וואס זי וועט מיט דעם גאָלד קענען פערלייכטערען די גרויסע נויט אין הויז. ביי נאכט האבען זיי ביידע אין חלום געזעהן ווי די צדיקים זיצען אין גן עדן, יעדער ביי זיין גאָלדענעם טיש, און איין טיש איז דאָרט גע־שטאַנען אין וועלכען עס האט געפעהלט א פוס. האט ר׳ חנינא אויף מאָרגען געזאגט צו זיין פרוי: ״איז דאס ביי דיר אנגעלייגט, אז אלע צדיקים זאלען זיצען ביי גאנצע טישען און אין אונזערען זאל פעהלען א פוס? ווילסטו אז מיר זאלען די פוס אויפעסען אויף דער וועלט?״ האט זי געזאגט: ״מאַ וואס זאלען מיר טהאן?״ האט ער ווידער גאט געבעטען און די פוס פון טיש איז צוריק גענומען געוואָרען פון זיי.

איינמאָל, ערב שבת פארנאכט, האט ר׳ חנינא בעמערקט ווי זיין טאָכטער זיצט זעהר אומעטיג. האט ער איהר גע־פרעגט: ״טאָכטער מיינע, ווארום ביזטו אזוי אומעטיג?״ האט זי געענטפערט: ״איך האב דורך א טעות אריינגעגאָ־סען אין לאָמפּ עסיג אנשטאט בוימעל״. האט ר׳ חנינא גע־זאגט: ״דארפסטו צוליעב דעם זיין אזוי אומעטיג? ווער עס האט געמאכט אז בוימעל זאל ברענען, וועט מאכען אז עסיג זאל אויך ברענען״. און אזוי איז דאס געשעהן. דער עסיג האט געברענט א גאנצען שבת ביז הבדלה.

רבי חנינא בן דוסא האט געהאט ציגען. זיינען מענ־שען געקומען צו איהם און האבען זיך בעקלאָגט אז זיינע ציגען געהען אין שאדען. האט ער געענטפערט: ״אויב דאס איז אמת אז זיי געהען אין שאדען, זאלען זיי בערען אויפ־פרעסען. אבער אויב עס איז א ליגען זאל יעדע ציעג ברענ־גען אין אווענד א בער אויף די הערנער״. אין אווענד האט יעדע ציעג געבראכט צו שלעפען א בער אויף איהרע הערנער.

א שכנה איז איינמאָל געקומען צו ר׳ חנינא און האט געזאגט: ״איך האב אויסגעבויט א הויז און די באלקענס גרייכען ניט פון איין וואנד צו דער אנדערער״. האט ר׳ חנינא געפרעגט: ״ווי הייסטו?״ האט די פרוי געענטפערט: ״איך הייס איכו״. האט ר׳ חנינא אויסגערופען: ״איכו, איכו! זאלען דיינע באלקענס זיך אויסציהען!״ האבען זיך די באלקענס אויסגעצויגען.

## 39

# ר׳ חנינא׳ס ציגען

די ציגען וואָס ר׳ חנינא בן דוסא האָט ביי זיך געהאַט זיינען פאַר פיעלע מענשען געווען א רעטענים. אַלע האָבען זיך געוואונדערט ווי קומט אַזא גרויסער אָרימאַן צו האבען ציגען? די ציגען זיינען אָבער געווען ניט זיינע. און די מעשה דערפון איז אַזוי:

איינמאָל איז א מאַן, א דורכרייזענדער, פערבייגעגאַנגען די הויז פון רבי חנינא בן דוסא און האָט זיך צוגעזעצט אָב־רוהען ביים טהיר. ווען ער איז אַוועק האָט ער דאָרט פער־געסען עטליכע היהנער. ר׳ חנינא׳ס פרוי האָט זיי שפּעטער געפונען און האָט זיך שטאַרק דערפרעהט. זי וועט האבען אייער פאַר די קינדער צו עסען. אָבער רבי חנינא האָט גע־זאָגט: ״די אייער טאָהרען מיר ניט עסען ווייל זיי זיינען ניט אונזערע״. האָט מען אויף די אייער געזעצט די היהנער. עס זיינען אַרויסגעקומען היהנדעלעך, און שפּעטער אַז די היהנדעלעך זיינען גרויס געוואָרען, האָבען זיי אויך געלייגט אייער. אין א צייט אַרום איז די היהנער משפחה געוואָרען אַזוי גרויס אַז צוליעב זייער קוואָקען און קרעהען האָט ר׳ חנינא ניט געקענט לערנען. האָט ער זיי פערקויפט און פאַר דעם געלד האָט ער געקויפט ציגען.

איינמאָל זיינען א פּאָאָר מענשען פערבייגעגאַנגען רבי חנינא׳ס הויז, האָט ר׳ חנינא געהערט ווי איינער זאָגט צום אַנדערען: ״אָט דאָ, ביי דער הויז, האָב איך איינמאָל פער־געסען עטליכע היהנער״. האָט ר׳ חנינא דעם מאַן אָבגע־שטעלט און געפרעגט: ״קענסטו מיר געבען א סימן אויף די היהנער?״ האָט איהם דער מאַן געזאָגט ווי די היהנער האָבען אויסגעזעהן. האָט ר׳ חנינא איהם צוגעפיהרט צו די ציגען און געזאָגט: ״נעהם זיי צו. דאָס זיינען דיינע היהנ־ער״.

און עס איז שוין קיין וואונדער וואס די ציגען האבען איינמאָל ביינעקומען בערען און יעדע איינע האָט געבראַכט צו שלעפּען א בער אויף איהרע הערנער. דער זכות פון השבת אבדה איז זיי ביינעשטאַנען אין זייער קאַמפּף מיט די בערען.

40

# ניט כדאי איבערצומאכן די וועלט

רבי אלעזר בן פדת איז געווען זעהר אָרים און דער דלות האט איהם זעהר שטארק געדריקט. איינמאָל, אז ער האט זיך געפיהלט קראנק, האט ער זיך בלוט געלאָזען און האט גע־פיהלט שוואך, אבער ער האט קיין זאך געהאט צו נעהמען אין מויל. געפינענדיג א בלעטעל פון א קנאָבעל האט ער עס אויפגעגעסען, איז איהם געוואָרען אזוי ניט גוט. דאס ער האט גע'חלש'ט און איז געבליבען ליגען אזוי ווי אין א טיעפען שלאָף.

ווען די רבנן זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין, האַ־בען זיי געזעהן ווי ער וויינט און לאכט פון שלאָף, און פלוצ־לונג איז פון זיין נאָז ארויס ווי א פונק פייער, און ער האט זיך אויפגעכאפט. האבען איהם די רבנן געפרעגט: "ער־קלער אונז, רבי, וואס האָסטו געלאכט און געוויינט? און וואס בעדייט דער פונק פייער וואס איז ארויס ביי דיר פון נאָז?" האט ער זיי דערצעהלט אזוי:

"אין מיין שלאָף האב איך זיך געזעהן זיצען נעבען דעם אייבערשטען. האב איך איהם געפרעגט: "ביז וואנען וועל איך נאָך זיין אָזוי אָרעם און ליידען נויטה?" האָט ער מיר געענטפערט: "אלעזר, מיין זוהן, אויב דו ווילסט וועל איך חרוב מאכען די וועלט, בעשאפען א נייע וועלט, און דאן אפשר איז מעגליך אז דו וועסט געבאָרען ווערען אין א מזל'־דיגער שעה". האב איך געזאגט: "אזוי ווייט ווילסטו געהן, חרוב מאכען א וועלט און דאן איז נאך אלץ ניט זיכער אויב איך וועל געבאָרען ווערען אין א מזל'דיגער שעה, אדער ניט? בעסער זאג מיר פריהער, אויב די יאהרען וואס איך האב שוין אָבגעלעבט זיינען מעהר ווי די יאהרען וואס איך דארף נאך לעבען?" האט ער געענטפערט: "דו האָסט שוין דעם גרעס־טען טייל פון דיינע יאהרען אָבגעלעבט". האב איך געזאגט: "אויב אזוי וויל איך ניט אז דו זאָלסט איבערמאכען די וועלט". האט דער אייבערשטער געזאגט: "דערפאר וואס דו פערלאנגסט ניט פון מיר אז איך זאָל חרוב מאכען די וועלט וועל איך דיר אויף יענער וועלט געבען דרייצעהן טייכען מיט דעם פיינסטען בוימעל אין וועלכע דו וועסט זיך קענען באָדען

און זיך וואו־לטאָגנען". האב איך געפרעגט: "דאס אלעס און ניט מעהר?" האט ער ברוך הוא געענטפערט: "אז איך וועל דיר געבען מעהר וואס וועט בלייבען פאר אנדערע צדיקים?" האב איך ווידער געפרעגט: "איך בעט דען עפעס ביי א מענשען וואס זיין פערמעגען איז בעגרעניצט?" האט דער אייבערשטער, אין שפּאס, מיר געגעבען א שנעל אין נאָז און געזאגט: "אלעזר מיין זוהן, איך שיס דיך!"

און דאס איז דער פונק פייער וואס די רבנן האבען גע־זעהן ארויסגעהן פון זיין נאָז.

## 41

## אָנגעשריען אויף'ן הימעל

רבי חמא בר חנינא האט איינמאָל געבעטען אויף רעגען, איז קיין רעגען געקומען. האבען די מענשען פון דער שטאדט געזאגט: "אָט ר' יהושע בן לוי האט איינמאָל געבעטען אויף רעגען, האט עס טאקע גערעגענט". האט רבי חמא געענט־פערט: "מסתמא איז ער א גרעסערער מאן פון מיר". האבען די מענשען געזאגט: "אפשר אז גאנץ קהל וועט מיט צובראָ־כענע הערצער בעטען אויף רעגען, וועט זייער תפילה אָנגענו־מען ווערען". האבען זיי תפילה געטהאָן, אבער קיין רעגען איז געקומען. האט זיי רבי חמא געפרעגט "זייט איהר אלע מיט איין געדאנק אז עס זאָל רעגענען פון אונזערט וועגען?" האָ־בען זיי געענטפערט: "יא!" האט ר' חמא אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און א געשריי געטהאָן: "הימעל! דעק צו דיין פנים". האט דער הימעל ניט געפאָלגט. האט ער ווידער אויסגעשריען: "וואס פאר אן עזות פנים דער הימעל איז!" האט זיך דער הימעל באלד פערדעקט מיט א וואָלקען און עס האט אָנגעהויבען צו רעגענען.

## 42

## א טענה געגען רבונו של עולם

לוי האט איינמאל גוזר תענית געווען און געבעטען אויף רעגען. איז קיין רעגען געקומען. האט ער זיך אוועקגעשטעלט און אזוי גע'טענה'ט:

"רבונו של עולם! האסט זיך דארט אוועקגעזעצט הויך אין הימעל און האסט גאר קיין רחמנות אויף דיינע קינדער וואס זיינען דא אונטען, אויף דער ערד!"

זיין תפילה האט געווירקט. עס האט באלד גענומען רע־ גענען, אבער לוי איז געווארען הינקעדיג. האט רבי אלעזר געזאגט, אז דאס בעווייזט אז א מענש דארף קיינמאל ריידען הארטע רייד נעגען גאט, ווייל אט זעהען מיר ווי א גרויסער מאן האט זיך הארט אויסגעדריקט און ער איז בעשטראפט געווארען.

## 43

# די וואלקענס האבען פערבלאנדזשעט

ר' חייא דער זוהן פון לוליאנא האט איינמאל געהערט ווי די וואלקענס ריידען צווישען זיך: "לאמיר געהן און לאזען גיסען רעגען אויף די פעלדער פון עמון און מואב. האט ער געזאגט צו די וואלקענס: "הערט זיך צו. ווען דער אוי־ בערשטער האט זיך ארומגעטראגען מיט דער תורה צווישען אלערליי פעלקער האט קיינער פון זיי די תורה ביי איהם געוואלט אננעהמען, ביז די אידען האבען איהר אנגענומען. און איהר ווילט יעצט אויסלאזען די אידען און געבען דעם רעגען צו עמון און מואב. איז דאס א יושר? לאזט דעם רעגען געהן אויף דעם ארט וואו איהר געפינט זיך!" און די וואלקענס האבען געפאלגט.

## 44

# ניט גרעסער, נאר בעסער

איינמאל האט רבי אליעזר גוזר תענית געווען אויף רעגען. איז דער עולם א לאנגע צייט געשטאנען און תפלה געטהאן, אבער עס האט ניט געהאלפען. האט דער עולם אנ־ געהויבען ארויסצוגעהן פון שוהל. האט רבי אליעזר צו זיי געזאגט: "יעצט קענט איהר שוין געהן און זיך אנגרייטען קברים". האט דער עולם אויסגעבראכען אין א געוויין. דאן האט אנגעהויבען צו רעגענען.

א צווייטען מאל האט זיך געמאכט אז מען האט גע־ דארפט האבען רעגען. רבי אליעזר האט גוזר תענית געווען

און האָט זיך אליין געשטעלט דאַוונען ביים עמוד, אבער קיין רעגן איז געקומען. האָט זיך נאכדעם רבי עקיבא אוועק־געשטעלט ביים עמוד און געזאָגט אַ הארציגע תפילה, איז דער רעגן געקומען. האָט מען צווישן עולם אָנגעהויבן צו מורמלען אז רבי עקיבא איז אַ גרעסערער מענטש ווי רבי אליעזר. אבער אַ בת קול איז ארויס פון הימעל און האָט אויסגערופען: "ניט ווייל רבי עקיבא איז גרעסער פון איהם, נאָר ווייל רבי עקיבא איז נאכגעביג און איז מוחל אויף זיין כבוד, אבער רבי אליעזר איז ניט נאכגעביג און איז שטאָלץ אויף זיין כבוד".

## 45

## שמואל הקטן'ס משלים

שמואל הקטן האָט איינמאָל גוזר תענית געווען אויף רעגן, האָט עס געגומען רעגענען גאַנץ פריה, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען. איידער דער עולם האָט צייט געהאַט געהן אין שוהל בעטען אויף רעגען. האָבען די מענטשען גע־מיינט אַז דאָס איז צוליעב דעם וואָס דער עולם איז שטאַרק אָנגענומען אין הימעל. אבער שמואל האָט זיי די זאַך אזוי ערקלערט: "איך וועל אייך געבען אַ משל: אַ קנעכט האָט געבעטען אַ מתנה ביי זיין האַר. האָט דער האַר געזאָגט צו זיינע דיענער: גיט איהם, אבי איך זאָל ניט הערען זיין קול".

אַ צווייטען מאָל האָט זיך געמאַכט אַז עס האָט ניט גע־רעגענט און שמואל האָט ווידער גוזר תענית געווען, האָט עס גערעגענט דעם זעלבען טאָג, ביי זונענאונטערגאַנג. האָ־בען ווידער די מענטשען געמיינט אַז זיי זיינען שטאַרק אָנגע־נומען אין הימעל. אבער שמואל האָט זיי ווידער די זאַך ער־קלעהרט מיט אַ משל: "אַ קנעכט האָט געבעטען ביי זיין האַר אַ מתנה, האָט דער האַר געזאָגט צו זיינע מענטשען: "גיט איהם ניט יעצט. נאָר וואַרט ביז ער וועט זיך אַ ביסעל אויסוויינען און האָבען ערגערניס, און נאכדעם גיט איהם וואָס ער פערלאַנגט."

# 46

## ווען דער מאגען איז פול זינגט זיך

אין לוד האט מען איינמאל גוזר תענית געווען אויף רעגען. איז דער רעגען געקומען פאר מיטאג. האט רבי טרפון געזאגט צום עולם: ״יעצט, אז אייער געבעט איז אנגענומען געווארען, געהט אהיים עסט און טרינקט און מאכט א יום טוב.״ זיינען אלע זיך צוגאנגען אהיים און געמאכט יום טוב. פארנאכט זיינען זיי צוריק געקומען אין שוהל און האבען געזאגט דעם גרויסען הלל. רבי טרפון האט געהאלטען מיט אביי און רבא וועלכע האבען געזאגט, אז הלל דארף מען זאגען נאר ווען מען איז זאט און דער בויך איז פול.

# 47

## א קלאג אויף דורות

אין דער צייט ווען די אידען זיינען געווען אין דעם מדבר, און די מרגלים זיינען צוריק געקומען פון ארץ ישראל און האבען אנגערעדט שלעכטס אויף דאס לאנד וואוהין די אידען זיינען געגאנגען, דערצעהלט די תורה, האבען די אידען אויפגעהויבען א געוויין און א יאמער.

זאגט רבי יוחנן אז דאס איז געשעהן אין דער נאכט פון תשעה באב. האט עס גאט פערדראסען וואס די אידען האבען געגלויבט די מרגלים, און ער האט אזוי געזאגט: ״איהר האט געוויינט אומזיסט און אומנישט, איך וועל אייך מאכען וויינען אין דיזער נאכט אויף דורות און דורות.״

און דערפאר איז דער בית המקדש חרוב געווארען גראדע אום תשעה באב.

# 48

## זיך איינגעקויפט גן עדן

ווען טורנוסרופוס דער רשע האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, איז רבן גמליאל פער׳משפט געווארען צום טויט. איזגעקומען א פירשט אויסצופיהרען דעם משפט און ער איז אריין אין בית המדרש וואו רבן גמליאל האט נע־

לערנט און אויסגערופען: "איך דארף האבען דעם מאן מיט דער נאז. איך פערלאנג דעם מאן מיט דער נאז!" ווען רבן גמליאל האט דערהערט אז מען זוכט איהם איז ער ענטלאפען און האט זיך בעהאלטען. איז דער פירשט געקומען צו איהם אין געהיים און האט צו איהם געזאגט: "אז איך וועל ראטעווען דיין לעבען וועסטו מיך אריינגעהמען אין גן עדן?" האט רבן גמליאל געענטפערט: "יא". האט דער פירשט געזאגט: "שווער מיר!" האט ר' גמליאל געשווארען. נאכדעם ווי ר' גמליאל האט געשווארען, איז דער פירשט ארויף אויף א דאך, האט זיך פון דארט אראבגעווארפען און איז געשטארבען. מיט זיין טויט איז בטל געווארען דער טויט אורטייל אויף ר' גמליאל. דען אזוי איז געווען דער רוימישער געזעץ, דאס ווען א געריכט פער'משפט א מענשען צו פערלירען זיין לעבען, און איינער פון די ריכטער שטארבט איידער דער משפט ווערט דורכגעפיהרט, ווערט דער משפט בטל. און גלייך ווי דער שררה איז געפאלען טויט איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט אויסגערופען: "יענער פירשט געהט אין גן עדן".

## 49

## צוריקגעגעבען נאט די שליסלען

ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען האבען זיך צוזאמענגעקליבען די בלומען, די אריסטאקראטיע פון די כהנים, גרופען ווייז מיט די שליסלען פון בית המקדש אין זייערע הענד, זיי זיינען ארויף אויף דעם דאך פון היילינגען טעמפעל, אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאגט: "רבונו של עולם! אזוי ווי מיר האבען נים זוכה געווען צו פערבלייבען דיינע טרייע וועכטער, טא גיבען מיר דיר צוריק די שליסלען פון דיין הייליגער הויז". און מיט דיזע ווערטער האבען זיי די שליסלען א ווארף געטאהן אין דער הויך. איז אראב אזוי ווי א האנד פון א הייכען ארט און האט די שליסלען צוגענומען. און זיי, די כהנים, זיינען אריינגעשפרונגען אין די פלאמען און זיינען פערברענט געווארען צוזאמען מיט'ן בית המקדש.

# 50

## די צוויי פרעהליכסטע ימים טובים

רבן שמעון בן גמליאל האָט דערצעהלט:

אידען האבען קיינמאָל נעהאט אזעלכע פרעהליכע ימים טובים ווי חמשה עשר באב און יום כפור. אין דיזע טעג פלעגען אידישע טעכטער זיך אנטאָהן אין ווייסע קליידער וואָס זיי פלעגען לייהען איינע ביי די אנדערע, כדי ניט צו פערשעהמען די וואָס האָט ניט. און אזוי ווי יערע איינע פלעגט קומען אין א געליהענע קלייד, האָט אן ארימע מיידעל זיך ניט געשעהמט צו לייהען א ווייסע קלייד ביי איהר חבר'טע. עס איז געווען אזוי איינגעפיהרט, אז די רייכערע פלעגען לייהען ביי אָרימערע. א פּרינצעסין פלעגט לייהען ביי א טאָכטער פון כהן גדול. די טאָכטער פון כהן גדול ביי א וויצע כהן גדול (סגן כהן גדול). די טאָכטער פון א וויצע כהן גדול ביי א טאָכטער פון א פעלד מארשאל, א משוח מלחמה. די טאָכטער פון א פעלד מארשאל ביי א טאָכטער פון אן איינפאכען כהן. און די אַנדערע אידישע טעכטער פלעגען לייהען איינע ביי די אנדערע. נאָכדעם אז זיי פלעגען זיך אָבטאָהן אין די ווייסע קליידער פלעגען זיי אלע זיך פערקלייבען אין די גערטנער פון דער היילינער שטאָדט און טאַנצען. יעדער איינער וואָס האָט נים געהאט א פרוי און האָט זיך געוואָלט אויסזוכען א שדוך, פלעגט קומען אין די גערטנער זיך אויסקלייבען א כלה.

די מיידלעך זיינען געווען פערטיילט אין פיער קלאַסען. די שעהנע פלעגען זאָגען צו די יונגע לייט, צו די בחורים: "קוקט נאָר אויף שהעפנהייט, ווייל א פרוי איז בעשאַפען געוואָרען נאָר פון שעהנהייט וועגען". די וואָס האָבען געשטאַמט פון גרויסען יחוס פלעגען זאָגען: "נעהמט אין אכט די משפחה, ווייל א פרוי איז באשאפען געוואָרען צו האָבען קינדער, און ווילט איהר האָבען גוטע קינדער דארפט איהר האָבען א ווייב פון א שעהנער משפחה". די רייכע פלעגען זאָגען: "קוקט נאָר אויף געלד, אויף א פעטען נדן". און די מיאוס'ע פלעגען זאָגען: "נעהמט וואָס גאָט האָט געגעבען, און ווען איהר וועט אונז בעציערען מיט שעהנע קליידער און ציערונג וועלען מיר אויך זיין שעהן".

# מסכת מועד קטן

## 1

## דוד׳ס נאָמען ריינגעוואשען

ווי א שווערער וואָלקען איז פאר א לאנגער צייט געהאנגען איבער דוד המלך׳ס נאָמען זיין גרויסע זינד וואָס ער האָט בעגאנגען, ווען ער האָט צוגענומען די שעהנע בת שבע און האָט געשיקט איהר מאן אין רעכטען פייער פון מלחמה כדי ער זאָל גע׳הרג׳עט ווערען און בת שבע זאָל בלייבען אן אלמנה.

לאַנג, לאנג נאך זיין טויט האט מען גערעדט וועגען דעם און זיינע שונאים האָבען די זינד ניט געוואָלט פערגעסען. זיי זיינען געווען אין דער מיינונג אז גאָט האט דוד׳ן קיינמאָל ניט מוחל געווען.

דערצעהלט רב יהודה אין נאָמען פון רב, אז ווען שלמה המלך האָט געוואָלט אריינטראָגען דעם ארון קודש אין בית המקדש, האבען זיך די טויערען פעסט צוגעמאכט און זיך ניט געוואָלט עפענען. האָט שלמה המלך געזאָגט פיער און צוואנציג קאפיטלען תהלים, אכער די טויערען האבען זיך ניט געעפענט. האָט ער אויפגעפאָדערט די טויערען אז זיי זאָלען זיך עפענען אין נאָמען פון גאָט אליין. אָבער די טויערען האָבען זיך אליץ ניט געריהרט. דאן האָט שלמה אויסגערופען: ״גאָטעניו, הארעניו! ענטזאג ניט דאס געבעט פון דיין געזאלבטען. דערמאָן זיך די גוטסקייט און פרומקייט פון דוד, דיין קנעכט!״ און ווי נאָר ער דערמאָנט דעם נאָמען דוד האָבען זיך די טויערען גלייך געעפענט. ווען דוד׳ס

שונאים האָבען דאָס געזעהן זיינען זיי געוואָרען שוואַרץ ווי דער דעק פון א טאָפּ, און אלע אידען האָבען געוואוסט, אז גאָט האָט מוחל געווען דוד'ן יענע זינד.

## 2

# קללות וואָס זיינען ברכות

צו רבי שמעון בן יוחאי זיינען איינמאָל געקומען צו גאַסט רבי יונתן בן עסמיי און רבי יהודה בן גרים און זיי האָבען פאַרבראַכט און גערעדט פון דברי תורה. ווען זיי זיינען אוועק, האָט ר' שמעון בן יוחאי געזאָגט צו זיין זוהן: "יענע צוויי מענשען זיינען גרויסע לייט. געה זיי נאָך און זאָלען זיי דיך בענשען". איז ער געגאַנגען און האָט זיי געפונען לערנענדיג צווישען זיך. ווען זיי האָבען איהם דערזעהן האָבען זיי איהם געפרעגט: "וואָס פאַרלאַנגסטו?" האָט ער געענטפערט: "מיין פאָטער האָט מיר געהייסען אז איך זאָל געהן צו אייך און בעטען אז איהר זאָלט מיך בענשען". האָבען זיי איהם אזוי געבענשט:

"דו זאָלסט זייהען און ניט שניידען. וואָס פאַר א סחורה דו וועסט אריינגעהמען זאָלסטו ניט קענען אויסברייגען. וואָס דו וועסט אויסברייגען זאָלסטו ניט קענען צוריק קריגען. דיין הויז זאָל חרוב ווערען און דו זאָלסט וואוינען אין אן אכסניא. דיין טיש זאָל זיין אין אונאָרדנונג און זאָלסט עסען ווי א צומישטער. און דו זאָלסט גאָר ניט דערלעבען א נייעם יאָהר".

דער זוהן איז געלאָפען צו זיין פאָטער און זיך בעקלאָגט: "ניט גענוג וואָס זיי האָבען מיך ניט געבענשט, האָבען זיי מיך נאָך גוט אָנגעשאָלטען". האָט רבי שמעון געפרעגט: וואָס האָבען זיי דיר געזאָגט?" האָט ער איהם איבערגעגעבען אלעס וואָרט פאַר וואָרט.

"מיין קינד!" האָט רבי שמעון בן יוחאי ערקלערט. "דאָס זיינען אַלץ ברכות. דו זאָלסט זייהען און ניט שניידען, מיינט אז דו זאָלסט האָבען קינדער און זיי זאָלען ניט שטאַרבען. דו זאָלסט אריינגעהמען און ניט אויסברייגען, מיינט אז דו זאָלסט נעהמען ווייבער פאַר דיינע זיהן און דיינע זיהן זאָלען ניט שטאַרבען און די שניר זאָלען ניט דאַרפען זיך צוריק קעהרען צו זייערע עלטערען. דו זאָלסט אויסברייגען און ניט צוריק קריגען, מיינט אז דו זאָלסט אויסגעבען דיינע

טעכטער און זייערע מענער זאָלען ניט שטאַרבען און די טעכטער זאָלען ניט דאַרפען זיך צוריק קעהרען צו דיר. עס זאָל חרוב ווערען דיין הויז און דו זאָלסט וואוינען אין אן אכסניא, מיינט אזוי: א הויז וואו א מענש באזעצט זיך אויף שטענדיג מיינט א קבר און אן אכסניא מיינט אונזער וועלט. הייסט עס אז דו זאָלסט ניט אנזעהן דיין קבר און דו זאָלסט לעבען לאַנג אויף דיזער וועלט. עס זאָל זיין אונ־אָרדנונג ביי דיין טיש, מיינט אז דו זאָלסט האָבען א סך קינדערלעך און זיי זאָלען דיר טומלען דעם קאָפּ ביים עסען. און דו זאָלסט ניט דערלעבען א נייעם יאָהר, מיינט אז דו זאָלסט אויסלעבען דיינע יאָהרען מיט דיין ערשטער ווייב און קיינמאָל דאַרפען נעהמען א צווייטע".

## 3

## א פרוי איז קיינמאָל צו אַלט

איין מאָל חול המועד, איז רב הונא בר חיננא געזעסען ביי רב חסדא'ן אין הויז. האָט ער בעמערקט ווי רב הסדא'ס פרוי איז געשטאַנען און זיך געפּוצט צוזאמען מיט איהר שנור. האָט רב הונא בעמערקט: "מיר האָבען דאכט זיך געלערענט א דין, אז פּוצען זיך אום חול המועד איז נאָר ערלויבט א יונגע פרויענצימער, אָבער ניט אן עלטערע פרוי. היינט ווי קומט דאס וואָס דיין פרוי פּוצט זיך היינט?" האָט רב חסדא געענטפערט: "איך שווער דיר, אז אפילו דיין מאמע און אפילו דיין באָבע, און אפילו א פרוי וואָס איז א מינוט פאַר'ן טויט מעג זיך פּוצען. דו ווייסט דאָך וואָס מענשען זאָגען א ווערטעל, אז ווען כלי זמר שפּיעלען לויפט א זעכציג יעהריגע פרוי צום טאַנץ פּונקט מיט אזא איספּעט ווי א זעקס יעהריגע מיידעלע".

## .4

## עס לוינט זיך פרום צו זיין

רבינא האָט געהאט סחורה צו פערקויפען. עס איז צו איהם געקומען א סוחר אום חול המועד און האָט איהם געבעטען דערפאַר זעקס טויזענד גילד'ען. דאָס איז געווען א גוטער מקח. אָבער רבינא האָט ניט געוואָלט מאכען א מסחר

אום חול המועד. ווען דער יום טוב איז אריבער איז די סחורה
נאָך טייערער געוואָרען, און רבינא האָט דערפאַר אָבגענומען
צוועלף טויזענד גילדען, פונקט דאָפּעלט.

## 5

# די שטראָף פון א זינדיגען

אמאָל איז געוועזן א גרויס געלעהרטער מאַן, א תלמיד
חכם, וועגען וועמען מען האָט דערצעהלט זעהר ניט שעהנע
געשיכטען, אזוי דאס זיינע חברים האָבען זיך געשעהמט צו־
ליעב איהם. האָט רב יהודה געזאָגט: "וואס טהוט מען?
זאָלען מיר איהם אריינלייגען אין חרם, דאַרפען איהם די
רבנן זעהר נויטיג האָבען. זאָלען מיר איהם פערשווייגען איז
דער חלול השם זעהר גרויס". האָט ער זיך געווענדעט צו רבה
בר בר חנה און איהם געפרעגט, אויב ער קען אן עצה געבען
וואס צו מהאָן. האָט רבה בר בר חנה געענטפערט: "ר' יוחנן
האָט געזאָגט אז א תלמיד חכם וואס איז ניט ריין ווי א
מלאך טאָר מען ביי איהם ניט לערנען תורה". ווען ר' יהודה
האָט עס געהערט האָט ער דעם זינדיגען תלמיד חכם גע־
לייגט אין חרם. אבער די זאַך האָט ר' יהודה'ן אזוי פערדראָ־
סען, און ער האָט עס זיך אזוי גענומען צום הארצען, דאס
ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרען.

ווי געוואוינליך, זיינען די רבנן געקומען איהם מבקר
חולה זיין. און דער קראַנקער רב יהודה איז געוועזן איבער־
ראַשט צו זעהן אז דער תלמיד חכם וועמען ער האָט אין חרם
אריינגעלייגט איז אויך געקומען. האָט ר' יהודה געלאַכט.
רופט זיך אָב דער זינדיגער: "ניט גענוג וואס דו האָסט גע־
נומען א מענשען און איהם אין חרם אריינגעלייגט, לאַכסטו
נאָך אָב פון איהם?" האָט רב יהודה געענטפערט: "ניט
איך לאַך פון דיר, נאָר איך פרעה זיך וואס איך געה אוועק
אויף יענער וועלט מיט א רייגעם געוויסען, דאס איך האָב ניט
גע'חנפ'עט אפילו אזא גרויסען מאַן ווי דו".

שפּעטער, אז רב יהודה איז געשטאָרבען, איז דער זינ־
דיגער געקומען אין בית המדרש און געבעטען די רבנן אז
זיי זאָלען פּין איהם אראָבנעהמען דעם חרם. האָבען זיי

איהם געענטפערט: „דערצו דארף מען האָבן אזא גרויסען מאַן ווי רב יהודה און דאָס האָבן מיר דאָך ניט. סיידען דו וועסט גיין צו רבי יהודה נשיאה, ער קען דיר פון חרם בעפרייען".

ווען דער תלמיד חכם איז געקומען צו רבי יהודה נשיאה האָט דער נשיא געזאָגט צו רבי אמי: „נעהם זיך די מיה און גיב אויס דעם דין. און אויב מען קען איהם בעפרייען פון חרם קענסטו עס טהאָן". רבי אמי האָט נאָכגעזוכט דעם דין און האָט שוין דעם תלמיד חכם געוואָלט צוליעב טהאָן. האָט זיך אויפגעשטעלט רבי שמואל בר נחמני און האָט פּראָטעסטירט, זאָגענדיג: „מה דאָך, אז רבי יהודה הנשיא'ס ריענסט האָט איינמאָל אין חרם אריינגעלעגט אַ מענשען האָבען די רבנן אנערקענט איהר חרם פאַר גאַנצע דריי יאָהר, היינט אַ פּשיטא שוין דארפען מיר רעספּעקטירען דעם חרם פון אונזער חבר יהודה".

„זעהט", האָט ר' זירא באמערקט, „ווי עס איז דעם זינדיגען ניט בעשערט געווען אַז ער זאָל בעפרייט ווערען פון חרם! אָט איז ר' שמואל בן נחמני ניט געווען ביי אונז אין בית המדרש פאַר פיעלע יאָהרען, און גראַדע היינט איז ער געקומען!"

דער אונגליקליכער איז ארויס פון בית המדרש און איז געגאַנגען און געוויינט. אויפ'ן וועג האָט איהם אַ שלאַנג א ביס געטהאָן און ער איז פון דעם ביס געשטאָרבען.

ווען ער איז געשטאָרבען האָט מען איהם געמאכט אַ שעהנע לויה און מען האָט איהם בעערדיגט צווישען די פּרומסטע לייט, די חסידים. האָט איהם אָבער די ערד ניט צוגענומען. האָט מען איהם אריבערגעטראָגען און געלעגט צווישען די דיינים, וועלכע זיינען ניט געווען אזעלכע גרויסע מענשען ווי די חסידים. דאָ האָט איהם די ערד צוגענומען. און וואָרום האָט איהם אין דעם אָרט די ערד יאָ צוגענומען? דאָס איז ווייל דער תלמיד חכם פלעגט טאָהן אזוי ווי רבי אלעאי האָט געהייסען. רבי אלעאי האָט געזאָגט, אז ווען אַ מענש זעהט אַז זיין יצר הרע איז שטאַרקער פון איהם און ער קען דעם יצר הרע ניט בעקעמפּפען, זאָל ער געהן אין אַן אָרט וואו קיינער קען איהם ניט, זאָל זיך אָנטהאָן אין שוואַרצען, און זיך טאָהן וואָס זיין הארץ געלוסט, אבי ער זאָל ניט

בעגעהן א חלול השם אין דער עפענטליכקייט, וואו אלע קע־נען איהם.

די מעשה ווי רבי יהודה הנשיא'ס דיענסט האט איי־נעם אין חרם אריינגעלעגט, איז אזוי געווען:

רבי'ס דיענסט האט איינמאהל געזעהן ווי איינער א מאן שלאגט זיין ערוואקסענעם זוהן. האט זי געזאגט: „זאל דער מאן זיין אין חרם, ווייל ער ברייגנט זיין זוהן צו א זינד. א גרויסער זוהן קען דאך צוריק שלאגען, און שלא־גען א פאטער איז דאך א שרעקליכע עבירה. הייסט עס, אז דער פאטער אליין ברייגנט זיין זוהן צו אן עבירה".

## 6

## א גנב איז א חצוף

ריש לקיש איז געווען א וועכטער אין א גארטען. איינ־מאל איז געקומען א פרעמדער מענש און גענומען עסען פיי־גען פון גארטען. האט ריש לקיש אויף איהם אנגעשריען, אבער דער גנב האט איהם ניט געוואלט הערען און האט ווייטער גענעסען. האט ריש לקיש אויסגערופען: „דו זאלסט זיין אין חרם!" דער גנב האט נישט געוואוסט ווער דער וועכטער איז, האט ער מיט חוצפה אויסגערופען: „דו ביזט אליין אין חרם! האסט געקענט בעטען געלד פאר די פייגען, אבער ניט לייגען מיך אין חרם". נאכדעם איז ריש לקיש געגאנגען אין בית המדרש פרעגען דעם דין. האט מען איהם געזאגט: „יענעמ'ס חרם גילט, דיינער גילט ניט. די איינציגע זאך וואס דו קענסט טהאן איז בעטען דעם וואס האט דיר מחרים געווען, ער זאל פון דיר דעם חרם ארונ־טערנעהמען". האט ריש לקיש געזאגט: „איך קען איהם ניט און וויים איהם ניט". האט מען איהם געהייסען געהן צום נשיא, ער זאל פון איהם דעם חרם אראבנעהמען.

## 7

## א הונד אין חרם

אמאל האט א הונד אויפגעגעסען א פאאר שיך, וואס האבען בעלאנגט צו א תלמיד חכם. האט מען ניט געוואוסט

וואו די שיך זיינען אהינגעקומען און מען האט געמיינט אז דאס איז די ארבייט פון א גנב. האט מען דעם גנב אין חרם אריינגעלעגט. גלייך נאכדעם האט זיך אנגעצונדען דעם הונד'ס עק און ער איז פערברענט געווארען. דאן האט מען פערשטאנען אז דאס איז געווען דעם הונד'ס ארבייט.

## 8

# וואס בעשערט דאס בעווערט

פערציג טעג איידער א מענש ווערט בעשאפען רופט אויס א בת קול אין הימעל און זאגט: "די טאכטער פון יענעם זאל זיין די פרוי פון דעם און דעם, יענע פעלד זאל גע־הערען צו דעם און דעם, די אלמנה אדער גרושה פון יענעם מאן זאל חתונה האבען מיט דעם און דעם".

א בחור איז געווען פערליעבט אין א מיידעל, אבער ווי עס זעהט אויס האט איהם די מיידעל נים געוואלט. האט דער פערליעבטער גאט געבעטען אז ער זאל איהם צושיקען יענע פרויענצימער פאר א פרוי. רבא האט גראדע געהערט ווי דער פערליעבטער האט אזוי געבעטען, האט ער צו איהם געזאגט: "בעט ניט פון גאט אזא זאך, דען אויב זי איז דיר בעשעהרט וועט זי פון דיר נים אוועק, און אויב זי איז דיר נים בעשעהרט וועסטו מיט איהר קיין גוט לעבען האבען".

שפעטער האט דער בחור חתונה געהאט מיט דער מיי־דעל, אבער ער האט מיט איהר געהאט אזא שלעכטען לעבען, דאס ער האט געבעטען גאט, ענטוועדער ער זאל איהם צו־נעהמען פון דער וועלט, אדער ער זאל זיין ווייב צונעהמען פון דער וועלט. האט צו איהם רבא געזאגט: "האב איך דיר דען נים געראטען אז דו זאלסט ניט בעטען פאר יענער מיידעל? צוליעב דיין געבעט האט מען אין הימעל דעם שדוך געענדערט, אבער זעה, וואס דו האסט אויסגעפיהרט!"

## 9

# א חשד איז ניט אומזיסט

ר' ראובן דער זוהן פון איצטרובלי האט געגעבען דיזען כלל:

אז עס איז דא א חשד אויף א מענשען איז מסתמא האט ער דאס געטאהן. און אויב ער האט דאס ניט געטאהן אין גאנצען האט ער א טייל פון דעם געטאהן, און אויב ער האט גארנישט געטאהן, האט ער דאס געוואלט טאהן, און אויב ער האט גאר ניט געטראכט פון טהאן, האט ער געזעהן ווי אנאנדערער טהוט און ער האט זיך ביי דעם געפרעהט.

## 10

## נחום אבלים

ווען ביי רבי עקיבא זיינען געשטארבען זיינע קינדער זיינען געקומען אלע אידען פון דער שטאדט און זיי געמאכט א גרויסען הספד. אז דער עולם האט געהאלטען ביים אוועקגעהן האט זיך ר' עקיבא געשטעלט אויף א הויכען ביינקעל און האט געזאגט:

"מיינע ברידער אידען! הערט וואס איך וועל אייך זאגען. ווען מיינע קינדער וואלטען שוין אפילו געווען ערוואקסענע חתנים וואלט איך זיך אויך געטרייסט צוליעב דעם כבוד וואס איהר האט בעוויזען. אבער אויב איהר זייט געקומען פון מיינטוועגען, ווייל איך בין עקיבא, זיינען דא א סך אזעלכע ווי איך. נאר מסתמא זייט איהר געקומען צוליעב די תורה וואס איך האב געלערנט. דערפאר זאל אייער לוין פון הימעל זיין דאפעלט".

## 11

## א שפעטע טרייסט

מען טהאר איינעם ניט טרייסטען אין דער צייט ווען דער טויטער ליגט נאך פאר איהם. טרייסטען א מענשען א לאנגע צייט נאכדעם ווי דער טויטער איז שוין לאנג אויף יענער וועלט איז אויך ניט רעכט. עס איז עהנליך צו א מענשען וואס האט זיך צובראכען א פוס און די פוס האט זיך נאכדעם פערהיילט און איז געווארען גאנץ, ווי געווען. א צייט שפעטער בעגעגענט דעם מענשען א דאקטאר, און דער דאקטאר זאגט צו איהם: "קום צו מיר. איך וועל דיר די פוס ווידער צוברעכען און זי נאכדעם אויסהיילען, כדי דו זאלסט זעהען אז מיינע היילמיטלען זיינען בעסערע".

## 12

# פערלאָרען א פרוי געפונען א פרוי

ביי יוסף הכהן איז געשטאָרבען זיין פרוי און זי האָט איהם איבערגעלאָזען קליינע יתומים'לעך. פערצווייפעלט איז דער עלענד פערבליבענער כהן געשטאַנען אויפ'ן בית הקברות און געטראַכט פון זיינע קליינע הילפלאָזע קינדער, וואָס זיי־נען געבליבען אָהן א מאַמע וואָס זאָל זיי אויפפּאַסען.

זיין אויג איז געפאַלען אויף זיין ווייב'ס שוועסטער, א מיידעל, וואָס איז געשטאַנען צווישען די אבלים און געוויינט. יוסף הכהן איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

"געה און שפייז דיין שוועסטער'ס קינדערלעך."

זי האָט געפאָלגט. נאָך שלושים האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט.

## 13

# גרויסקייט קען מען ניט אָבמעסטען

רבה בר' הונא און רב המנונא זיינען געשטאָרבען אין בבל. האָט מען זיי געפיהרט צו קבורה אין ארץ ישראל. ווען די קעמלען אויף וועלכע מען האָט זיי געפיהרט זיינען אָנגעקומען צו א שמאָלען בריק, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און ניט געוואָלט געהן ווייטער. האָט אַן אראַבער סוחר, וואָס איז געווען דערביי, געפרעגט, פאַרוואָס די קעמלען האָבען זיך אָבגעשטעלט, האָבען איהם די רבנן וואָס האָבען בעגלייט די צוויי גרויסע לייט געענטפערט: "דאָ דאַרפען אריבערגעהן צוויי גרויסע מענשען און יעדער איינער פון זיי וויל אָבגעבען כבוד דעם אַנדערן און וויל אַז יענער זאָל צוערשט דעם בריק אריבערגעהן." האָט דער אראַבער געזאָגט: "נאָך מיין שכל קומט אויס אַז דער גרעסטער פון דיביידע גדולים דאַרף צוערשט אריבערגעהן." האָט זיך אויפגעהויבען דער קעמעל וואָס האָט געפיהרט רבה בר הונא און איז צוערשט אריבער דעם בריק. גלייך נאָך דעם זיינען ביי דעם אראַבער ארויסגע־פאַלען אַלע ציינער. דאָס איז ער בעשטראָפט געוואָרען, ווייל צוליעב זיין עצה איז פערשעהמט געוואָרען רב המנונא.

## 14

# צופיעל קלאָגן טאָר מען ניט

רב יהודה האָט אזוי געזאָגט אין נאָמען פון רב:

ווער עס קלאָגט צופיעל איבער א טויטען וועט מוזען קלאָגען איבער נאָך איינעם.

א פרוי האָט געוואוינט אין דער נאכבארשאפט פון ר׳ב הונא, און זי האָט געהאט זיעבען קינדער. ווען איינער פון די קינדער איז געשטאָרבען, האָט די פרוי זעהר לאנג געוויינט און האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטען. האָט רב הונא איהר געשיקט זאָגען: ״זאָלסט ניט וויינען אזוי פיעל.״ האָט זי איהם ניט געפאָלגט. האָט ער צו איהר ווידער געשיקט זאָגען: ״אויב דו פאָלגסט מיך איז גוט, אז ניט קענסטו אָנגרייטען תכריכים פאר נאָך איינעם״... זיינען ביי איהר אויסגעשטאָרבען אלע קינדער און זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגען. האָט רב הונא איהר געווארנט: ״אויב דו הערסט אמאָל ניט אויף, קענסטו אָנגרייטען תכריכים פאר זיך אליין.״ און די פרוי איז אויך געשטאָרבען.

## 15

# ביים גרעניץ פון דער עוויגקייט

זייט דער מענש האָט אָנגעהויבען צו דענקען, זוכען און פאָרשען איז פאר איהם די עוויגקייט געווען דער גרעסטער רעטענים. זיין איבערגאנג פון זיין קורצער עקזיסטענץ אויף דיעזער וועלט צו יענער וועלט, וועלכע איז עוויג, האָט איהם אינטערעסירט, שטארק נייגעריג געמאכט.

איז דער איבערגאנג וואָס מיר רופען ״טויט״ שווער און פערבונדען מיט יסורים? אָט דאָס איז די פראגע. מענשען האָבען פאר׳ן טויט אליין ניט אזוי מורא געהאט ווי פאר די יסורים וואָס זיינען פערבונדען מיט׳ן טויט. איז דאָ אָבער א פראגע: איז דער טויט ווירקליך שווער?

דערצעהלט דער תלמוד אזוי:

רב סעורם, דער ברודער פון רבא, איז געזעסען ביי רבא׳ס קראנקען בעט און האָט געזעהן ווי זיינע אויגען מאכען זיך צו און ער האלט ביים איינשלאָפען זיין עוויגען שלאָף.

האָט רבא געזאָגט: "בעט דעם מלאך המות אַז ער זאָל מיר ניט ווערה טהאָן, קיין שמערצען פערשאַפען." האָט רב סעורם געענטפערט: "ווי הייסט? דו ביזט דאָך מיט דעם מלאך המות גוט בעפריינדעט, טאָ זאָג דו איהם." האָט רבא מיט א זיפץ געזאָגט: "ווען איינעם איז שוין באַשערט צו שטאַרבען האָט דער מלאך המות ווענינ דרך ארץ פאַר איהם."

"אויב אַזוי, וועל איך איהם בעטען פאַר דיר," האָט רב סעורם געזאָגט, "אָבער דערפאַר אַז דו וועסט שוין זיין אויף יענער וועלט, זאָלסטו זיך מיר ציינען אין חלום און מיר אויסזאָגען דעם גרויסען סוד פון לעבען און טויט."

נאָכדעם ווי רבא איז געשטאָרבען האָט ער זיך בעוויזען צו זיין ברודער. "נו, האָסטו עפּעס געהאַט שמערצען אין די לעצטע מאָמענטען פון דיין לעבען?" האָט דער ברודער גע־פרעגט. האָט רבא געענטפערט: "איך האָב געהאַט אַזוי ווע־ניג שמערצען ווי איינער פיהלט ווען א דאָקטאָר שטעלט איהם באַנקעס."

ווען רב נחמן האָט געהאַלטען ביי שטאַרבען האָט רבא מיט איהם אָבגעמאַכט אַז ער זאָל זיך צו איהם ציינען נאָכ'ן טויט און אויסזאָגען דעם גרויסען סוד. און ווען רב נחמן האָט זיך צו איהם בעוויזען האָט איהם רבא געפרעגט: "האָסט עפּעס געהאַט שמערצען? האָט דער טויטער געענטפערט: "די נשמה איז מיר אַרויס אַזוי לייכט ווי מען נעהמט אַרויס א האָאָר פון מילך, און דאָך אַז דער אייבערשטער וואָלט מיר געזאָגט אַז איך זאָל געהן צוריק אויף דער ערד און איבערלעבען א נייעם לעבען, וואָלט איך ניט געוואָלט געהן צוליעב די שרעק פאַר דעם מלאך המות".

הייסט עס אַז דער שרעק פאַר'ן טויט איז ערגער ווי דער טויט אַליין.

רב ששת האָט זיך געטראָפען מיט דעם מלאך המות אין מאַרק. האָט רב ששת געזאָגט: "ווילסט איך זאָל שטאַרבען אין מיטען מאַרק, ווי א בהמה? קום צו מיר אַהיים. איך וויל שטאַרבען אין דער נעגענוואַרט פון מיין פאַמיליע." האָט איהם דער מלאך המות געטהאָן די טובה און איז געקומען צו איהם אַהיים.

צו ר' חייא'ן האָט דער מלאך המות גאָר ניט געקענט צו־קומען, ווייל ער איז אימער געווען פערנומען מיט לערנען און מצוות טהאָן. איין טאָג האָט זיך דער מלאך המות פערשטעלט פאַר אַן אָרימאַן און האָט אַנגעקלאַפּט ביי ר' חייא'ן אויפ'ן

מידר. האָט ר׳ חייא געזאָגט צו זיינע הויז מענשען: ״טראָגט איהם אַרויס עפּעס עסען.״ האָט דער מלאך המות גענומען קלאָגען: ״אויף אַן אָרימאַן האָסטו רחמנות און אויף מיר, וואָס איך בין געצוואונגען אויסצופיהרען אַ בעפעהל פון הי־מעל האָסטו גאָר קיין מיטלייד!״ איז ר׳ חייא אַרויסגעגאַנגען זעהן ווער רעדט דאָס אַזוי. האָט איהם דער מלאך המות געציינט אַ פייערדיגען ביימש אַלס צייכען ווער ער איז. האָט ר׳ חייא זיך איבערגעגעבען אין זיינע הענד.

# מסכת חגיגה

## 1

## מיט פלייס גרייכט מען אלעס

אין דער נאכבארשאפט פון רבי האָבען געוואוינט צוויי שטומע יונגע לייט. זייער פעהלער האָט זיי אָבער ניט אָבגעהאַלטען פון ווערען לערנען, און כאָטש זיי האָבען אַ וואָרט ניט געקענט ריידען, פלעגען זיי דאָך קומען אין בית המדרש יעדען מאָל וואָס רבי פלעגט קומען לערנען מיט זיינע תלמידים. די צוויי שטומע פלעגען זיך אוועקזעצען, זיך צוהערען און צושאָקלען מיט זייערע קעפּ. קיינער האָט געוואוסט אויב זיי פערשטעהען עפּעס וואָס זיי הערען, מען האָט נאָר בעמערקט ווי זייערע ליפּען שעפּצען. רבי האָט געזעהן ווי פלייסיג די צוויי שטומע זיינען און ווי זייער חשק צו לערנען איז אַזוי גרויס, האָט ער געבעטען גאָט פאַר זיי און זיי זיינען פון זייער פעהלער געהיילט געוואָרען. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי האָבען געדענקט אַלעס וואָס זיי האָבען געהערט פון איהם און אַז זיי זיינען גרויסע לומדים.

## 2

## פערשווייגט ניט א גוט וואָרט

האָט איםיצער געהערט אַ גוט וואָרט, אָדער אַ קלוג וואָרט, דאַרף ער דאָס ניט פערשווייגען. ער דאַרף עס איבערגעבען צו אַנדערע.

איינמאָל, יום טוב זיינען געקומען ר׳ יוחנן בן ברוקא

און ר׳ אלעזר חסמא אויף א בעזוך צו זייער רבי, ר׳ יהושע אין פקיעין. האָט ער זיי געפרעגט: ״וואס פאר א נייעס האָט מען היינט געהערט אין בית המדרש?״ האָבען זיי געענט־פערט: ״רבי, מיר זיינען דיינע תלמידים, מיר טרינקען דיינע וואסערן, מיר קענען לערנען פון דיר, אבער וואס קענסטו לער־נען פון אונז?״ האָט ער צו זיי געזאָגט: ״עפּעס נייעס האָט איהר דאָך געהערט, דערצעהלט מיר״.

האָבען זיי איהם דערצעהלט וואס זיי האָבען געהערט יענעם טאָג פון רבי אלעזר בן עזריה: ״צו וואס האָט משה געהייסען ברייננען אויך די קליינע קינדער, ווען ער האָט געוואָלט לערנען מיט די אידען גאָט׳ס געבאָט? ניט מעהר כדי די עלטערן זאָלען האָבען א מצוה פאר ברייננען די קינדער״.

״זעהט״, האָט ר׳ יהושע געזאָגט, ״איהר האָט געהאַט ביי זיך אזא טייערען פערל און האָט עס געוואָלט פון מיר בע־האַלטען!״

## 3

# צווישען דער וועלט און יענער

ביי רב ביבי, דער זוהן פון אביי, פלעגט דער מלאך המות זיין אן אָפטער בעזוכער. איינמאָל הערט רב ביבי דעם מלאך המות זאָגען צו זיינעם א שליח: ״געה און ברייננ מיר מרים, וואס פריזירט די האָאר ביי די ווייבער.״ דער שליח איז אוועק און האָט געבראַכט אן אנדער מרים, וואס פלעגט נאַנטשען קינדער. ״סטיימש, איך האָב דאָך דיר געהייסען ברייננען יענע מרים״, האָט דער מלאך המות געזאָגט. ״אויב אזוי וועל איך די צוריק קעהרען״, האָט דער שליח געענט־פערט. האָט דער מלאך המות געזאָגט: ״אז דו האָסט איהר געבראַכט זאָל זי שוין בלייבען. אבער ווי האָסטו איהר בעקו־מען?״ האָט דער שליח דערצעהלט: ״איך האָב זי געזעהן שטעהן ביים אויוון און שארען די קויהלען מיט אן אייזען. נאָכדעם האָט זי פערגעסען, אז דער אייזען איז א הייסער און האָט איהם אנגעקנעליינט ביי זיך אויף די פיס און זי האָט זיך שטארק צוברענט. זעהענדיג אז זי איז אזא שלימעזאַל־ניצע האָב איך זי געבראַכט צו דיר.״

דאָ האָט זיך אריינגעמישט רב ביבי און האָט געזאָגט צום מלאך המות: ״האָסטו דען א רעכט צו טאָהן אזא זאך, צונעהמען א מענשען איידער עס קומט זיין צייט?״ האָט דער מלאך המות געענטפערט: ״אזעלכע מענשען שוועבען ביי מיר צווישען לעבען און טויט ביז עס קומט זייער צייט, און דאן גיב איך זיי איבער צום מלאך דומה, דער שומר פון די טויטע וואָס שווייגען״.

## 4

# צדיקים שטאַרבען יונג

די גוטע און פרומע שטאַרבען יונג.

זאָגען אונזערע אַלטע חכמים, אז דערפאַר נעהמט זיי נאָט אוועק פון דער וועלט, ווייל ער האָט מורא, אז זיי וועלען שפעטער אראָבגעהן פון גלייכען וועג. ״הן בקדושיו לא יאמין״ — ער טרויט ניט זיינע פרומע לייט.

אז רבי יוחנן פלעגט קומען צו דעם פסוק פלעגט ער וויינען.

איינמאָל איז רבי יוחנן געגאַנגען אין וועג, האָט ער געזעהען ווי א מאַן רייסט פייגען פון א בוים. די צייטיגע האָט ער געלאָזט הייגען און די אונצייטיגע, די יונגע, האָט ער גענומען. האָט רבי יוחנן געזאָגט: ״די צייטיגע זיינען דאָך בעסער צו נעהמען״. האָט איהם דער מאַן געענטפערט: ״איך נעהם זיי מיט אין א ווייטען וועג, און די אונצייטיגע האַלטען זיך בעסער.״

דאַן האָט רבי יוחנן זיך ווידער דערמאָנט אויף דעם פסוק, ״הן בקדושיו לא יאמין״ — ער טרויט ניט זיינע פרומע לייט.

## 5

# פערשעהמט ניט דעם אָרימאַן

ווען איהר שענקט עפעס אן אָרימאַן זעהט אז קיין זייטיגער מענש זאָל דאָס צוזעהן, אום דער אָרימאַן זאָל ניט פערשעהמט ווערען.

רבי ינאי האָט געזעהן א מענשען געבען א גילדען צו אן

אָרימאַן אין גענענוואַרט פון זייטיגע מענשען, האָט ער צו איהם געזאָגט: "בעסער וואָלסטו איהם גאָר ניט געגעבען, איידער דו האָסט איהם געגעבען און פערשעהמט."

## 6

## דער כבוד פון א תלמיד חכם

רבי יהודה הנשיא און רבי חייא זיינען צוזאמען גע־גאַנגען אין וועג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען און א געוויסען אָרט האָבען זיי געפרעגט, אויב עס געפינט זיך דאָרט א תלמיד חכם, אום זיי זאָלען איהם אָבשטאַטען א בעזוך. האָט מען זיי געענטפערט: "דאָ געפינט זיך א תלמיד חכם איז ער אבער געבען בלינד". האָט רבי חייא געזאָגט צו רבי'ן: "פערבלייב דו אויף דיין אָרט, ווייל עס פּאַסט זיך ניט פאר דיר, א נשיא, צו געהן צו יענעם. איך אליין וועל מאַכען דעם בעזוך".

אבער רבי האָט אָנגענומען רבי חייא'ן פאר'ן האַנד און איז מיט איהם מיטגעגאַנגען. ווען זיי האָבען זיך מיט דעם תלמיד חכם געזעגענט, האָט ער צו זיי געזאָגט: "איהר זייט געקומען אָנקוקען א מענשען וואס מען קען זעהן, אבער ער זעהט ניט. דערפאַר זאָלט איהר זוכה זיין מקבל פנים זיין די שכינה וועלכע זעהט, אבער מען קען זי ניט זעהן".

"זעהסטו", ־האָט רבי געזאָגט צו רבי חייא, "ווען איך וואָלט פערבליבען זיצען דאָרט און ניט געקומען אהער, וואָלט איך דאָך פערפעהלט צו הערען אזא שעהנע ברכה".

## 7

## א תלמיד אויף איין טאָג

רב אידי פלעגט גלייך נאָך פסח זיך אוועקלאָזען צו רב. דריי חדשים כסדר פלעגט איהם נעהמען די לאַנגע און שווערע רייזע. ווען ער פלעגט ענדליך אָנקומען צו רב, פלעגט רבי אידי פערבלייבען אויף איין טאָג און לערנען. אויף מאָרגען פלעגט ער זיך נעהמען צוריק אין וועג אריין און ער פלעגט קומען אַהיים צו דער ווייב, גראַדע אויף סכות. די רבנן פלעגען איהם דערפאַר רופען: "דער תלמיד אויף איין טאָג".

## 8.

# יחזקאל און ישעיה

רבא האָט געזאָגט:

אַלעם וואָס יחזקאל האָט געזעהן אין הימעל, דעם כסא הכבוד, די אופנים און חיות הקודש, האָט ישעיה אויך גע־זעהן, אָבער ישעיה האָט זיך וועגען דעם ניט גע'חדוש'ט. דער אונטערשיעד צווישען די נביאים איז דיעזער: יחזקאל איז געגליכען צו א דאָרפסמאַן, וואָס זעהט צום ערשטען מאָל א מלך אין זיינע אויגען, אָבער ישעיה איז ווי א גרויס־שטאָד־טיגער וואָס זעהן דעם מלך איז ביי איהם קיין נאָווינע.

## 9.

# די ערגסטע קללה

רבי דימי האָט געזאָגט:

אכטצעהן קללות האָט ישעיה געשאָלטען די אידען און זיין כעס האָט זיך ניט אָבגעקיהלט ביז ער האָט ארויסגעזאָגט דאָס שרעקליכסטע פון אלע קללות: "דאָס פאָלק וועט רדיקען איין מענש דעם אַנדערן, און אפילו איינענע פריינד. א אינגעל וועט זיך גרויס האַלטען געגען א זקן און א קליין מענשעלע געגען א מאַן, וואָס אַלע דאַרפען איהם אַכטען."

## 10.

# די טראַגעדיע פון א דענקער

פיער זיינען אריין אין דעם געטליכען גאָרטען פון הימעל. בן עזאי, בן זומא, "אחר" און רבי עקיבא. האָט רבי עקיבא זיי געוואָרנט: "ווען איהר וועט אריינגעהן אין דעם אָרט וואו עס געפינען זיך שטיינער פון ריינסטען מאַרמאָר, זאָלט איהר ניט זאָגען אז דאָס איז וואסער". בן עזאי האָט געכאַפּט א בליק אויף דער שכינה און ער איז גלייך גע־שטאָרבען. בן זומא האָט א קוק געטהאָן און זיין מוח האָט זיך צומישט. "אחר" האָט געריסען בלומען אין דעם גאָרטען, און עקיבא, וועלכער איז געווען פאָרזיכטיג, איז בשלום אריין און בשלום ארויס.

מיט ריעזער אלעגאָריע ערקלעהרט דער תלמוד די סיבה וואָס האָט געפיהרט צו דעם אז דער גרויסער אידישער געלעהרטער אלישע בן אבויה, בעקאנט מיט'ן צונאָמען "אחר", זאָל אראב פון גלייכען וועג און ווערען א זינדיגער. ער האָט געפאָרשט און געזוכט צו דערגעהן זאכען וואָס זיינען העכער פון דעם מענשענ'ס פערשטאנד, און דאָס האָט איהם אראָבגעפיהרט פון גלויבען.

דער תלמוד גיט אָן אויך אנדערע סיבות וואָס האָבען געפיהרט צו דער טראגעדיע פון דעם גרויסען אידישען דענקער.

אלישע האָט איינמאָל געזעהן ווי א מאן האָט ארויפגעקלעטערט אויף א שפיץ בוים אום שבת און האָט בערויבט א נעסט מיט פויגעלעך. ער האָט צוגענומען די מאמען מיט די קינדער צוזאמען און איז ארונטער, און קיין שלעכטס איז איהם געשעהן. מוצאי שבת האָט אלישע געזעהן אן אנדערען ארויפקלעטערען אויף א בוים און צונעהמען בלויז די קליינע פויגעלעך. די מוטער האָט ער געלאָזט געהן. און גלייך ווי דער מאן איז ארונטער האָט איהם א ביס געטהאָן א שלאנג און ער איז געשטאָרבען. האָט אלישע געזאָגט: "אין דער תורה שטעהט אז אימיצער געפינט א נעסט, זאָל ער צונעהמען די קליינע פויגעלעך און די מוטער זאָל ער לאָזען געהן, און דערפאר וועט איהם זיין וואויל און ער וועט לעבען לאנג. טאָ וואו איז די וואוילקייט און דער לאנג לעבען פון דעם וואָס האָט געטהאָן ווי די תורה האָט געהייסען?"

עס ווערט ווייטער דערצעהלט, אז אלישע האָט איינמאָל געזעהן ווי אן אונריינע חיה, שלעפּט ארום די צונג פון ר' יהודה הנחתום, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון דער רוימישער רעגיערונג. אנדערע זאָגען אז ער האָט געזעהן די צונג פון ר' חוצפית המתורגמן, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, זיך וואַלגערען אין שטויב. איז ער שטארק פערצווייפעלט געוואָרען און האָט אויסגערופען: "אויב דאָס איז דער סוף פון א צדיק, איז דאָך א בעוויז אז עס איז ניטאָ קיין שכר פאר די פרומע און עס איז ניטאָ קיין תחיית המתים".

און נאָך א זאך דערצעהלט מען. ווען זיין מוטער האָט מיט איהם געשוואנגערט, איז איהר אויסגעקומען פערבייצוגעהן א קירכע וואו מען האָט מקריב געווען א קרבן פאר געטצען.

האָט זי פערשמעקט א טרפה'ן מאכל, און מען האָט איהר דאָס נעמוזט געבען צו פערזוכען. דיזע טרפה האָט זיך אין דעם קינד איינגעגעסען ווי א גיפט און האָט פערגיפטעט זיין מח.

אלישע בן אבויה אליין האָט געגעבען פאָלגענדע ער־קלעהרונג צו רבי מאיר וועלכער איז געווען זיין פריינד און זיין תלמיד:

"מיין פאָטער אבויה איז געווען איינער פון די גרעסטע מענשען פון זיין צייט, און צו מיין ברית האָט מען געמאכט א שעהנע סעודה און מען האָט איינגעלאַדען אלע אידישע גדולים, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען ר' אליעזר און ר' יהושע. די געסט האָבען געגעסען און געטרונקען, און ווען עס איז זיי פרעהליך געוואָרען אויפ'ן הארצען האָבען זיי גענומען זינגען. אייניגע האָבען געזונגען מזמורים און אנ־דערע האָבען געזונגען ליעדער נאָכ'ן אלף בית. האָט ר' אליעזר געזאָגט צו ר' יהושע: "אָט יענע גיבען זיך אָב מיט זינגען און מיר טהוען גאָרנישט". האָבען זיי אָנגעהויבען צו זאָגען תורה. און ווי זיי האָבען אָנגעהויבען לערנען האָט זיך אין הויז אָנגעהויבען צו פיהלען די הייליגקייט פון בארג סיני און עס האָט אויסגעזעהן ווי א פייער האָט די לערנער ארומגערינגעלט. ווען מיין פאָטער האָט דאָס דער־זעהן, האָט ער מיט ענטציקונג אויסגערופען: "יעצט זעה איך ווי גרויס איז די קראַפט פון תורה, דארום אויב מיין זוהן וועט נאָר לעבען וועל איך איהם ווידמען צו דער תורה". אָבער דערפאר וואָס מיין פאָטער האָט דאָס ניט געטהאָן אויס ריינער ליעבע צו דער תורה, נאָר צוליעב דעם כבוד וואָס מען קריעגט צוליעב דעם לערנען, האָט זיך מיין תורה ניט געהאַלטען".

פון טאָג צו טאָג איז אלישע בן אבויה'ס פערצווייפלונג געוואָרען שטארקער און ביטערער. אין אלעס וואָס ער האָט געזעהן אין דער וועלט האָט ער געפונען א ווידערער־שפרוך. איבערהויפט האָט איהם געקריינקט וואָס די תלמידי חכמים, די וואויל לערנער, און די פרומע ליידען דחקות אין פערפאָלגונג. ער האָט זיך אליין פער'משפט פאר א זינדיגער, און יעדען מאָל וואָס ר' מאיר פלעגט איהם צו־ריידען אז ער זאָל תשובה טהאָן, פלעגט אלישע איהם געבען צו פערשטעהן אז עס איז שוין צו שפעט פאר איהם צוריק פרום צו ווערען, ווייל, ווי ער האָט געזאָגט, האָט ער אליין

געהערט ווי א בת קול פון הימעל האט אויסגערופען: "טהום תשובה איהר אלע זינדיגע, א חוץ אחר".

זייט ער האט געהערט דעם בת קול אזוי זאגען, האט ער זיך געטראכט: אזוי ווי פון יענער וועלט האט מען מיך פערטריבען, בלייבט פאר מיר נים מעהר ווי געניסען און הנאה האבען פון דיעזער וועלט. איז ער אוועק אויף א שלעכטען וועג. איינמאל האט ער בעגעגענט אן אויסגעלאסענע פרוי, האט ער איהר איינגעלאדען צו גהען מיט איהם. די פרוי האט געוואוסט ווער ער איז, האט זי מיט גרויס איבערראשונג אויסגערופען: "ביזטו דען נים דער וועלט בעריהמטער אלישע בן אבויה?" דאס איז געווען שבת. האט ער אויסגעריסען א רעטעך פון א בייט, אין א דערבייאיגען גארטען, און האט עס איהר געגעבען. ווען זי האט געזעהן ווי ער איז מחלל שבת, האט זי געזאגט: "דאס איז "אחר", עס הייסט, דאס איז גאר אן אנדערער. און זייט דאן האט מען איהם גערופען "אחר".

איינמאל, שבת, איז רבי מאיר געזעסען אין דעם בית המדרש פון טבריה און האט גע'דרשנ'ט פאר זיינע תלמידים, און אלישע איז געפאהרען איבער'ן מארק, רייטענדיג אויף א פערד. האבען די תלמידים געזאגט צו ר' מאיר: "דיין רבי, אלישע, פאהרט רייטענדיג אום שבת". ר' מאיר איז גלייך ארויסגעגאנגען אין דרויסען און האט זיך געטראפען מיט זיין געוועזענעם רבי'ן. אלישע איז געפאהרען און ר' מאיר איז איהם נאכגעגאנגען צופוס, און האט געזוכט איהם איי־בערצורעדען אז ער זאל תשובה טהאן. אזוי זיינען זיי אבגעגאנגען א שטיק וועג. נאכדעם האט אלישע געזאגט: "יעצט גהה דו צוריק אין שטאדט, ווייל דו ביזט שוין אבגעגאנגען א תחום שבת און קענסט ווייטער נים געהן". האט ר' מאיר געפרעגט: "פון וואנען ווייסטו אז מיר זיינען אבגעגאנגען אזוי ווייט?" האט אלישע געענטפערט: "איך שפיר עס פון די טריט פון מיין פערד".

"אויב אזוי, קום דו אויך צוריק מיט מיר", האט ר' מאיר געזאגט, און האט איהם געשלעפט אין בית המדרש אריין.

דארט האבען זיי געטראפען א חדר אינגעל, האט אלישע צו איהם געזאגט: "אינגעלע, זאג מיר עפעס א פסוק". האט דער אינגעל געזאגט: "אין שלום אמר ד' לרשעים" — מיט רשעים וויל גאט קיין שלום מאכען. האט איהם ר'

מאיר אריינגעפיהרט אין אן אנדער שוהל. דאָרט האָט אלישע געבעטען א אינגעל ער זאָל איהם זאָגען עפעס א פסוק, האָט דער אינגעלע איהם געזאָגט נאָך א הארבערען פסוק, אזן אזוי זיינען זיי געגאנגען אין צוועלף פער־שיעדענע שוהלען, און אין יעדען אָרט האָט אלישע געהערט אלץ א גרעסערע שטראָף רייד. ביז אין דער דרייצעהנטער שוהל, האָט איהם א אינגעל געזאָגט דעם פסוק: "ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חקי" — צום רשע האָט גאָט געזאָגט, צו וואָס דארפסטו לערנען מיין תורה?

## 11

# אחר'ס לעצטע יאָהרען און טראגישער טויט

אלישע בן אבויה'ס כעס אויף דער תורה און אויף דעם אידישען גלויבען איז געגאנגען אזוי ווייט, דאָס ער פלעגט אָפט אריינקומען אין בית המדרש וואו עס פלעגען זיצען קליינע קינדער און לערנען, און ער פלעגט זאָגען: "וואָס זיצען זיי דאָ און וואָס פאר א נוצען וועלען זיי האָבען פון דעם לערנען? זאָלען זיי בעסער זיך לערנען א מלאכה. זאָלען זיי זיך לערנען בויען הייזער, טהאָן פער־שיעדענע האָלץ ארביים, ווערען וועבער, אָדער שניידער!" און ווען די קינדער פלעגען הערען אזעלכע רייד, פלעגען זיי איבערלאָזען דעם לערנען און אוועקגעהן.

אין זיינע לעצטע יאָהרען איז אחר געגאנגען אזוי ווייט דאָס ער האָט אָנגעפאנגען צו פערפאָלגען די רעליגיעזע אידען דורך מסירות. די רוימישע רעגירונג האָט דאַן ארויסגעגעבען א געזעץ צו צווינגען די אידען מחלל שבת זיין און טראָגען משא אין דעם הייליגען רוהע־טאָג. האָבען אידען געפונען א מיטעל ווי די זינד צו פערלייכטערן. ווען א איד האָט בע־קומען א פעקעל צו טראָגען, האָט ער זיך גענומען א מיט־העלפער און זיי האָבען דעם פעקעל געטראָגען צוזאמען. לויט דעם דין איז די עבירה שוין ניט געווען אזוי גרויס. אָבער אחר האָט פון דעם געמעלדעט צו דער רעגיערונג, און די רעגיערונג האָט געצוואונגען אז יעדער איד זאָל אליין טראָגען זיין פעקעל. האָבען די אידען געזוכט אויסלאָדען די משא אין אַן אָרט וואו עס איז ניט א רשות הרבים, האָט זיי אחר ווידער גע'מסר'ט.

אחר איז געווען שטאַרק פערקאַכט אין דער גריכישער קולטור. כסדר פלעגט ער זינגען גריכישע לידער, און עס ווערט דערצעהלט, אז אפילו אין דער צייט וואָס ער האָט גע־האָט זיין בית המדרש, וואו ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים, פלעגען פון זיין שויס אַפּט ארויספאַלען ביכער פון די גריכישע פילאָזאָפען, וועמעס פילאָזאָפיע איז געווען געגען דער אידישער רעליגיאָן.

ווען אחר איז געשטאָרבען, האָט מען אין הימעל אזוי געזאָגט: "ניט מיר וועלען איהם שטראָפען, און ניט וועט ער געהן אין גן־עדן. שטראָפען קענען מיר איהם ניט, ווייל ער האָט געלערנט תורה, און גן־עדן קומט איהם ניט, ווייל ער האָט געזינדיגט."

האָט רבי מאיר געזאָגט: "בעסער זאָל מען איהם געבען זיין שטראָף און נאָכדעם זאָל ער קענען אריין אין גן־עדן. ווען איך וועל שטאַרבען וועל איך אויספיהרען אז מען זאָל איהם געבען זיין שטראָף. א סימן וועט איהר האָבען, אז ווי נאָר איך וועל צומאַכען די אויגען וועט פון אלישע בן אבויה'ס קבר געהן א רויך."

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. גלייך ווי ר' מאיר איז געשטאָרבען, האָט אָנגעהויבען געהן א רויך פון אחר'ס קבר, און אלע האָבען געוואוסט אז דעם זינדיגער'ס נשמה לייטערט זיך אין פייער. ר' יוחנן האָט עס פערדראָסען וואָס אחר ווערט בעשטראָפט, און ער האָט געזאָגט: "איין גרויסער מאַן איז געווען צווישען אונז וואָס איז אראָב פון גלייכען וועג, און מיר קענען איהם נאָר ניט רעטען פון שטראָף! ווען איך נעהם איהם אריין אין גן־עדן, וואָלט זיך קיינער אויף יענער וועלט געשטעלט געגען מיר. דערפאַר אז איך וועל שטאַרבען וועל איך אויסלעשען דעם פייער פון זיין קבר."

און ווען ר' יוחנן איז געשטאָרבען, האָט פון אחר'ס קבר דער רויך אויפגעהערט צו געהן.

## 12

## אחר'ס גרויסקייט

טראָטצדעם וואָס אחר האָט געזינדיגט איז זיין נאָמען גע־עהרט געוואָרען נאָך זיין טויט.

אחר'ס טאָכטער איז איינמאָל געקומען צו רבי'ן און

האָט געבעטען שטיצע. זי איז געווען זעהר אָרים און האָט ניט געהאט פון וואָס צו לעבען. "וועמענס טאָכטער ביזטו?" האָט רבי געפרעגט. האָט זי איהם געזאָגט: "די טאָכטער פון אחר." רבי האָט מיט כעס געפרעגט: "עס זיינען דאָ נאָך קינדער פון איהם? סטייטש די תורה האָט דאָך פערשאָלטען אז פון אזעלכע זינדיגער זאָל קיין דור ניט בלייבען." האָט די אָרימע פרוי געזאָגט: "דערמאָן זיך אויף זיין תורה און טראַכט ניט וועגען זיינע מעשים." באַלד איז ארונטער א פייער פון הימעל און האָט פארברענט רבי'ס ביינקעל. רבי האָט איינגעזעהן אז ער האָט ניט רעכט געהאַנדעלט.

## 13

## דער מילגרוים

פיעלע האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערן פון דעם ווי אזא פרומער מאַן ווי רבי מאיר זאָל האָבען געלערנט תורה פון אזא אפיקורס ווי אחר. אָבער די וואָס האָבען דעם גרוי־סען תנאי געקענט האָבען געוואוסט אז ר' מאיר האָט געפונען א מילגרוים. "דאָס אינוועניגסטע האָט ער אויפגעגעסען, די שאָלעכץ האָט ער אוועקגעוואָרפען."

נאָר דאָס גוטע האָט ער געלערנט פון אלישע בן אבויה, די שלעכטע זאכען האָט ער גלייך פערגעסען.

# מסכת יבמות

## 1

## וואָס עס מיינט א איד צו זיין.

די רבנן האבען אזוי געלערנט :

ווען א גר קומט און זאגט, אז ער וויל אָננעהמען דעם אידישען גלויבען, זאגט מען צו איהם : "וואס אזוינס האָסטו געזעהן ביי אידען וואס דו ווילסט זיך מגייר זיין ? ווייסטו דען נים, אז אידען אין היינטיגע צייטען זיינען צואווערטיגט, ערניעדעריגט, געיאָגט און פערפאָלגט, און אז עס קומט אויף זיי איין צרה נאָך דער אנדערער ?" אויב ער ענטפערט: "איך ווייס דאס, נאָר פון דעסטוועגען רעכען איך עס פאר א כבוד צו זיין א איד", נעהמט מען איהם אָן.

אזוי איז געווען מיט נעמי און איהר שנור רות. יוען נעמי האט געזעהן, אז רות איז איינגעשפארט און וויל דוקא געהן מיט איהר, האט זי געזאגט צו איהר שנור : "זאלסט וויסען אז אונז איז פערבאָטען צו געהן א תחום שבת", האט רות געענטפערט : "וואו דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן".

"עס איז אונז פערבאָטען צו בלייבען אליין מיט א פרעמדען מענשען".

"וואו דו וועסט נעכטיגען וועל איך אויך נעכטיגען".

"מען האט אונז געגעבען תרי"ג מצוות צו היטען".

"דיין פאָלק איז מיין פאָלק".

"עס איז אונז פערבאָטען צו דיענען צו געטשעצען".

"דיין גאָט איז מיין גאָט".

"דאס אידישע געריכט, דער בית דין, האָט דאס רעכט צו שטראפען מיט פיער ערליי טויט-שטראפען".

וואו דו וועסט שטארבען וועל איך אויך שטארבען".

ערשט נאכדעם, ווי נעמי האט געזעהן אז איהר שנור האט אויסגעהאלטען די פראָבע, האט זי איהר מיטגענומען.

## 2

# פון העכסטען גליק אין טיעפסטען אונגליק

מרים, די טאָכטער פון ביתוס, איז געווען א רייכע אלמנה אין ירושלים און זי האט זיך פערלאָבט מיט יהושע בן גמלא. די רייכע אלמנה וועלכע איז געווען יונג און שעהן האט געהאט אן אמביציע אז איהר חתן זאל ווערען כהן גדול. און אזוי ווי עס איז געווען אן אנדער קאנדידאט פאר דעם גרויסען אמט, האט מרים זיך בענוצט מיט דער מאכט פון איהר געלד און זי האט אויסגעפיהרט ביי ינאי המלך, אז איהר חתן זאל ווערען כהן גדול. און עס ווערט דערצעהלט, אז פאר דיזע טובה האט דער קעניג בעקומען צוויי מאאס זילבער.

נאך דעם ווי יהושע איז געוואָרען כהן גדול האט ער מיט מרים'ן חתונה געהאט. איינמאָל האָט זי געוואָלט זעהן ווי איהר מאן לייענט די תורה אין בית המקדש אום יום יום כפור. האט מען דעם גאנצען וועג פון איהר הויז ביז'ן בית המקדש אויסגעבעט מיט טעפיכער אום איהרע איידעלע פיס זאלען ניט פיהלען די פייכקייט פון דער קאלטער ערד. און טראָצדעם האָט זי די פיס אביסעל צוגעקיהלט. אזוי איי־דעל ערצויגען איז זי געווען.

ווען איהר מאן איז געשטאָרבען האט זי געמוזט נעהמען קצבה. די חכמים וואס האבען געהאט צו זאגען איבער שטיצע האבען פאר איהר בעשטימט צוויי מאָאס וויין יעדען טאג.

דערצעהלט ר' אלעזר בר' צדוק : "זאל איך אזוי דערלע־בען צו זעהן א נחמה אויף אידען, ווי איך האב אליין געזעהן די אונגליקליכע מרים, אין דער צייט פון חורבן, ווי די שונאי ישראל האבען אָנגעבונדען איהרע שעהנע האָאר צו די עקען פון פערד, און איהר אַזוי געשלעפט פון ירושלים ביז לוד. אַח, די איידעלע און געצערטעלטע !"

## 3

# ערד ארבייט און מסחר.

רבי אלעזר האט געזאגט, אז אין דער צוקונפט וועלען בעלי מלאכות פערלאָזען זייער ארבייט און זיך נעהמען צו ערד ארבייט.

און אנדער מאָל האט רבי אלעזר געזאגט: "עס איז ניטאָ אין דער וועלט קיין ערגערע פראָפעסיאָן ווי ערד ארבייט".

רבי אלעזר האט איינמאָל געזעהן א פארמער זייהענדיג זיין פעלד אין דער ברייט, האט ער צום פארמער געזאגט: "ווען דו וועסט אפילו איבערזייהען דיין פעלד אין דער לענג, וועסטו אלץ ניט מאכען פון דעם אזוי גוט ווי פון א שטיקעל מסחר".

רבא האט אזוי געזאגט:

"הונדערט גילדען אז עס ליעגט אין א געשעפט האט מען דערפון פלייש און וויין יעדען טאג. הונדערט גילדען אז עס ליעגט אין דער ערד ברייגנט דאס ניט מעהר ווי קארטאָפעל מיט זאלץ. און נאָך מעהר: דער מענש מוז זיך וואלגערען כסדר אויף דער ערד, היטען זיין פעלד פון גנבים, און שטענדיג זיין אין קריעג מיט אנדערע מענשען."

רב פפא האט געזאגט: "בעסער זייה אליין דיין פעלד און קויף ניט קיין פערטיגע. דען ווען דו קענסט אפילו קויפען ביליג איז אין דעם וואס וואקסט אויף דיין אייגענעם פעלד מעהר ברכה. ווען עס מאכט זיך דיר קוי א שטיקעל ערד כאפ דאס גלייך אריין. ווען דו דארפסט נעמען א ווייב זיי זיך גוט מיישב".

אָט דאָס זיינען פערשידענע מיינונגען פון פערשידענע גרויסע חכמים איבער א לעבענספראגע וואס איז נאָך יעצט ניט ענטשיעדען געווארען.

## 4

# קליגער פון דעם טאטען.

רב האט געהאט א פרוי וואס פלעגט איהם דערגעהן די יאָהרען. וואס ער פלעגט איהר בעטען טהאן פלעגט זי טהאן פארקעהרט. האט ער איהר געבעטען, אז זי זאל איהם קאָכען

לינזען, האט זי נעקאכט ארבעס, האט ער געבעטען ארבעס האט זי געקאכט לינזען.

ווען זיין זוהן חייא איז אויסגעוואקסען פלעגט רב מיט איהם זיך שאפען און זאגען דורך איהם וואס זיין מוטער זאל קאכען. חייא, זעהענדיג אז די מוטער טהוט אלץ פערקעהרט צו להכעיס, פלעגט ער פערבייטען זיין פאטער'ס בעשטע־לונגען. האט דער פאטער געבעטען ארבעס, פלעגט חייא זאגען זיין מוטער אז דער פאטער וויל לינזען, און די פרוי, וועלכע־ריג טהאן פערקעהרט, פלעגט זי קאכען ארבעס—גראדע דאס וואס רב האט געוואלט!

רב האט זיך ניט געקענט אבוואונדערן וואס ער בעקומט גראדע די מאכלים וואס ער בעט. האט ער איינמאל בעמערקט צו חייא זיין זוהן: "דיין מוטער איז צו מיר גוט געווארען". חייא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אויסגעזאגט דעם סוד: "דאס פלעג איך איבערקעהרען דיינע בעשטעלונ־גען". האט רב געזאגט: "אט דאס איז וואס מענשען זאגען א ווערטעל, אז קינדער זיינען קליגער פון זייערע עלטערן. איך אליין האב דאך געדארפט פאלען אויף אזא שכל. אבער פון דעסטוועגען, מיין זוהן, זאלסטו דאס ווייטער ניט טהאן, ווייל עס איז נים גוט זיך געוואוינען צו זאגען ליגענס".

## 5

# א שלעכטע פרוי האט אויך מעלות.

רבי חייא האט געהאט א שלעכטע פרוי וואס פלעגט איהם פערשאפען ערגערנים. דאך האט ער איהר ביי יעדער געלעגענהייט ארויסגעוויזען ליעבע און אכטונג. ווען ער פלעגט געהן אין גאס און זעהן עפעס א גוטע זאך וואס פאסט זיך פאר א מתנה פאר זיין פרוי, פלעגט ער עס קויפען, איינ־וויקלען אין זיין טאשענטוך און דאס איהר בריינגען. האט איהם איינמאל רב געפרעגט: "זי טהוט ראך דיך אן אזוי פיעל צרות!" האט רבי חייא געענטפערט: "וואס ווילסטו האבען פון די ווייבער? גענוג, אז זיי ערציהען אונזערע קינ־דער און גיבען אונז א מעגליכקייט צו פיהרען א ריינעם לעבען, א פאמיליען לעבען".

## 6

# טעאריע און פראקטיס

בן עזאי האט איינמאל געזאגט אז א מענש וואס האט ניט חתונה און ברייננט קיין קינדער אויף דער וועלט, איז גראדע אזוי ווי איינער וואס מערדערט מענשען און שטערט גאט'ס ארבייט. האט מען איהם געזאגט: "בן עזאי! עס זיינען דא מענשען וואס דרשנ'ען שעהן און טוהען שעהן. עס זיינען דא אויך אזעלכע וואס טוהען שעהן און דרשנ'ען גארניט. און דו — דו דרשנ'סט זיך מאקע זעהר שעהן, אבער דו טוהסט ניט שעהן. פאר וואס זיצטו אליין, א בחור, און האסט ניט חתונה?"

האט בן עזאי געענטפערט: "וואס זאל איך טהאן אז איך האב אזוי ליעב די תורה? איך וועל זיך אבגעבען מיט תורה און די וועלט וועט זיך האבען א קיום דורך אנדערע".

## 7

# א שאלה ביי אחר מאן.

רבי חייא'ס פרוי איז געוועזן א קריינקליכע און פלעגט שווער ליידען ביי קינדער געבורטען. האט זי געזוכט א וועג ווי זיך צו בעפרייען פון איהרע ליידען. האט זי זיך איבערגע־טהאן אין אנדערע קליידער, זיך פערשטעלט און איז געקומען פרעגען א שאלה ביי איהר אייגענעם מאן.

"זאגט מיר, רבי", האט זי געפרעגט, "א פרוי מוז דען על פי דין האבען קינדער?"

רבי חייא האט זי ניט דערקענט און ער האט געענט־פערט: "ניין".

די פרוי איז אוועק און האט אויסגעטרונקען אזא מעדי־צין וואס מאכט א פרוי אונפרוכטבאר. ווען רבי חייא האט דערגאנגען די געשיכטע, האט ער מיט בעדויערען בעמערקט: "ווען דו וואלסט דאס ניט געטהאן וואלסטו מיר אפשר גע־בוירען נאך א ברודער צווילינג ווי יהודה און חזקיה, אדער א שוועסטער צווילינג ווי פזי און טבי".

## .8

# די שעדליכקייט פון גאוה

די מענשען פון דער שטאָדט סימוניאַ זיינען געקומען צו רבי און האָבען איהם געבעטען: "מיר פערלאַנגען אַז דו זאָלסט אונז געבען אַ מאַן וואָס זאָל פאַר אונז קענען דרש'ענען, פסק'ענען אַ דין, זיין ביי אונז אַ חזן, אַ שרייבער, לערנען מיט אונזערע קינדער און טאָהן אַלעם וואָס מיר דאַרפען". האָט ער זיי געגעבען לוי בר סיסי. ווען לוי איז אָנגעקומען אין שטאָדט האָבען די שטאָדט לייט געמאַכט פאַר איהם אַ חויכע בימה און איהם דאָרט אַרויפגעזעצט. נאָכדעם זיינען זיי איהם געקומען פערהערען. איינע פון די שאלות וואָס זיי האָבען איהם געפרעגט איז, אַ יבמה וואָס האָט קיין הענד, ווי נעהמט זי חליצה? ווי נעהמט זי אַראָב דעם שיך ביים יבם? האָט ער זיי ניט געענטפערט. האָבען זיי איהם געפרעגט נאָך אַ דין, האָט ער ווידער געשוויגען. האָבען די בעלי בתים פון דער שטאָדט געזאָגט צווישען זיך: "עס זעהט אויס אַז ער קען גאָר ניט לערנען, נאָר אפשר קען ער כאָטש אגדתא". האָבען זיי איהם גענומען פערהערען אין אגדה, האָט ער זיי אויך ניט געענטפערט.

מיינענדיג אַז זיי האָבען זיך מיט דעם מענשען שטאַרק אָבגענאַרט זיינען זיי אַוועק צו רבי און האָבען זיך בע־קלאָגט: "אָט אַזאַ מענשען האָבען מיר ביי דיר געבעטען?" אָבער רבי האָט זיי געענטפערט: "איך שווער אייך ביי אייער לעבען אַז איך האָב אייך געגעבען אַזאַ מאַן וואָס קען אַזוי פיעל ווי איך".

"אָבער ער קען דאָך גאָר ניט לערנען, "האָבען די בעלי בתים פון סימוניאַ גע'טענה'ט, "וואָס מיר האָבען איהם געפרעגט האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען".

רבי האָט געשיקט נאָך לוי'ן און האָט איהם געפרעגט: "זאָג מיר, ווי טוהט אַ יבמה וואָס איז אָהן הענד ווען זי דאַרף נעהמען חליצה?" האָט לוי געענטפערט: "זי טוהט אויס דעם שוך מיט די צייהן." רבי האָט איהם געפרעגט נאָך אַ שאלה און לוי האָט ריכטיג געענטפערט. "טאָ פאַר־וואָס האָסטו די מענשען פון סימוניאַ ניט געענטפערט אַז זיי האָבען דיך געפרעגט?" האָט רבי איהם פירגעהאַלטען. "איך וועל אייך זאָגען ווי דאָס איז געשעהן", האָט לוי

ערקלערט, „זיי האָבען פאַר מיר געמאַכט אַ גרויסע בימה און האָבען מיך אויף דעם ארויפגעזעצט מיט גרויס פּאַראַד. פון דעם כבוד וואָס זיי האָבען מיר פערטיילט האָב איך זיך גענומען פיהלען זעהר גרויס, מיינע געדאַנקען האָבען זיך צומישט און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען״.

## 9
# זיך אָנגענומען פאַר אַ תלמיד חכם

רבי איז איינמאָל געקומען אין בית מדרש לערנען, זיינען אַלע פערזאַמעלטע אַוועק צו זייערע פּלעצער. די וואָס זיינען געווען לייכט און בעוועגליך האָבען באַלד געפונען פּלעצער, אָבער רבי ישמעאל וועלכער איז געווען אַ שווערער מענש איז געגאַנגען לאַנגזאַם, פּאַמעלאַך, זוכענדיג אַ ליידיגען אָרט. האָט אבדן (רבי׳ס אַ תלמיד) אויסגערופען: „ווער איז דאָס דאָרט וואָס טרעט אויף די קעפּ פון שעהנע עהרליכע אידען?״ האָט ער איהם געענטפערט: „דאָס בין איך ישמעאל ברבי יוסי, איך בין געקומען לערנען תורה פון מיין רבי״. האָט אבדן מיט אַ שטאָך געפרעגט: „ביזטו דען ווערטה צו לערנען תורה פון מיין רבי׳ן?״ האָט רבי ישמעאל געענטפערט: „איז דען משה ווערטה געווען צו לערנען תורה פון גאָט אַליין?״ האָט אבדן צוריק געענטפערט: „דו פאַרגלייכסט זיך צו משה׳ן?״ האָט רבי ישמעאל געזאָגט: „און דו גלייכסט דיין רבי׳ן צו גאָט?״

שפּעטער האָט זיך געמאַכט אַז אבדן האָט געמוזט זיך דורכשטופּען אַ וועג צווישען די פערזאַמעלטע אין בית מדרש. דאָ האָט רבי ישמעאל זיך אויפגעהויבען און אויסגערופען: „ווער עס דאַרף עפּעס וויכטיגעס ביים הייליגען פאָלק מעג ער זיך שטופּען צווישען זיי, אָבער ווער עס האָט גאָרניט נויטיגעס, מיט וואָס פאַר אַ רעכט טרעט ער איבער זייערע קעפּ?״

ווען רבי האָט דאָס דערהערט האָט ער אַ געשריי געטאָן: „אבדן! בלייב שטעהן וואו דו ביזט!״ אין דער מינוט איז אבדן קרעציג געוואָרען, זיינע צוויי זיהן זיינען דערטרונקען געוואָרען, ניט איבערלאָזענדיג קיין קינדער, און די אלמנות פון די צוויי זיהן האָבען זיך ענטזאָגט חתונה צו האָבען מיט די אנדערע ברידער.

## .10

## א מיטעל געגען שטרענגע קאָלעקטאָרע

אבא דער זוהן פון מניומי האָט געהאט צו טאָהן מיט די דיענער פון דעם נשיא וואָס האָבען ביי איהם געמאָהנט געלד. האָט ער גענומען וואַקס, זיך אָנגעקלעפּט אויף די קליידער, זיך פערשמירט דעם פּנים, און ווען די קאָלעקטאָרען פלעגען זיך מיט איהם טרעפען פלעגען זיי איהם ניט דערקענען.

## 11

## נחוניא און זיינע קינדער

נחוניא איז געווען בעשעפטיגט מיט גראָבען וואסער גרובען אין ירושלים, אום די עולי רגל וואָס קומען אין דער היילינגער שטאָדט אויף יום טוב זאָלען האָבען וואָס צו טרינקען. דאָס איז געווען זיין בעשעפטיגונג וואָס האָט פערנומען זיין גאַנצע צייט, און זיין טאָכטער פלעגט איהם אויך העלפען ביי דיזער נאָבעלער ארבייט.

איינמאָל איז די טאָכטער אריינגעפאלען אין איינע פון די גריבער און קיינער האָט זי געקענט ארויסנעהמען. זיינען מענשען געקומען צו לויפען צו רבי חנינא בן דוסא, דער גרויסער צדיק, און האָבען איהם דערצעהלט פון דעם אונגליק. האָט ער זיי געענטפערט: "זי וועט גאַנץ זיין". זיינען זיי געקומען א צווייטען מאָל, האָט ער זיי ווידער געענטפערט: "זי וועט גאַנץ זיין". צום דריטען מאָל ווען זיי זיינען געקומען האָט ער זיי געזאָגט: "זי איז שוין ארויס".

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. די טאָכטער פון דעם וואסער גרובען גרעבער איז באלד געקומען אהיים א לעבעדיגע און מען האָט איהר געבראכט צו רבי חנינא בן דוסא.

"טאָכטער מיינע, ווער האָט דיך פון דער גרוב ארויסגענומען?" האָט דער צדיק געפרעגט.

"אַן אַלטער מאַן וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי אברהם

אבינו און ער האָט געפיהרט אַ שעפּס, אַ באַראַן. ער האָט מיך אַרויסגענומען".

די מענשען וואָס זיינען געווען דערביי און האָבען געהערט ווי דער נס איז געשעהן, האָבען מיט באַוואונדערונג אויסגערופען צו רבי חנינא בן דוסא: "ביזטו דען אַ נביא וואָס דו האָסט געטראָפען אַז זי איז געראַטעוועט געוואָרען?"

"איך בין קיין נביא און מיין טאַטע איז אויך ניט געווען אַ נביא", האָט רבי חנינא געענטפערט. "אָבער איך בין געווען זיכער אַז פון אַ מצוה מיט וועלכער אַן ערליכער איד גיט זיך אָב קען פון דעם זיין קינד ניט פאַר־אונגליקט ווערען, און אין די גריבער וואָס דער פאָטער האָט געגראָבען אום אַז מענשען זאָלען האָבען וואָס צו טרינקען, האָט זיין טאָכטער ניט געקענט אומקומען".

אַ צייט שפּעטער איז אַ זוהן פון נחוניא דעם גרעבער געשטאָרבען פון דאָרשט. האָבען מענשען פערשטאַנען אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דער זוהן האָט קיינמאָל קיין אַנטייל גענומען אין זיין פאָטער'ס אַרבייט לטובת הכלל.

# מסכת כתובות

## 1.

## הערט ניט קיין לשון הרע

**אויב א** מענש הערט עפּעס וואָס ניט אַנשטענדיגעס זאָל ער אריינטהאָן זיינע פינגער אין די אויערן און זיך ניט צוהערען.

ר' אליעזר האָט געזאָגט: "פאר וואָס זיינען דעם מענשען'ס פינגער שפּיציג? דאָס איז כדי ער זאָל זיי קענען אריינטהאָן אין די אויערן ווען ער הערט שלעכטע רייד." אין דעם בית מדרש פון ר' ישמעאל האָט מען געלערענט אזוי: "פאר וואָס איז דער גאנצער אויער הארט און דער לעפּעל איז ווייך? דאָס איז כדי אז ווען א מענש הערט אן אונפּאַסיגע זאך זאָל ער דעם לעפּעל קענען גלייך אריינבויגען אין אויער און זיך ניט צוהערען צו דעם וואָס ער דאַרף ניט".

## 2

## א כלה דאַרף מען ליבען

**פרעהליך מאכען א** כלה אין די שבעת ימי המשתה איז איינע פון די גרעסטע מצוות. די גרויסע תנאים האָבען גע־טאנצט לכבוד דער כלה. זיי האָבען אוועקגעלייגט זייער כבוד אן א זייט, זיי האָבען פערגעסען זייער ערנסט, געמאכט

אלערליי קונצן צו אמוזירען די כלה, און איהר בעשאַטען מיט קאָמפּלימענטען.

די תלמידים פון שמאי און די תלמידים פון הלל האָבען זיך ניט געקענט איינינגען וועגען דעם ווי מען זאָל אויף א חתונה בעזינגען די מעלות פון א כלה. די בית שמאי האָבען געזאָגט אז מען דאַרף זאָגען נאָר דעם אמת, אזוי ווי זי איז. די בית הלל האָבען געהאַלטען אז מען דאַרף זאָגען "א שעהנע כלה און א חנ'עווודיגע". האָבען די בית שמאי געזאָגט צו די בית הלל: "און ווי איז אז די כלה איז א הינקעדיגע אָדער א בלינדע, זאָל מען אויך זאָגען אז זי איז שעהן און חנ'עוודיג? דאָס הייסט דאָך געזאָגט א ליגען!" האָבען די בית הלל געענטפערט: "און ווי איז אז איינער האַנדעלט איין עפּעס א שלעכטע סחורה אין מארק, זאָל ער עס לויבען, אָדער ער זאָל אויסזאָגען די פעהלערען פון דעם? געוויס דאַרף ער עס לויבען, אויב ער איז א גוטער סוחר". פון דיזען ענטפער איז צו זעהן אז א מענש דאַרף פערשטעהן ווי אומצוגעהן מיט אנדערע מענשען.

## 3

## די מחשבה הייליגט די מעשים

רב אחא, אז ער פלעגט זיין אויף א חתונה, פלעגט ער נעהמען די כלה, זי אויפהויבען אויף זיינע שולטערען און טאַנצען. די רבנן האָט עס שטאַרק געוואונדערט, דען ווי פּאַסט עס זיך אזא אקט פאר אזא גרויסען מאן? האָבען זיי איהם איינמאָל געפרעגט: "מיר מעגען אויך טהאָן אזוינס?" האָט ער זיי געענטפערט: "אויב אייער מחשבה איז ריין און די כלה זעהט ביי אייך אויס ניט מעהר ווי א שטיק האָלץ, מעגט איהר. אויב איהר קוקט אויף איהר ווי אויף עפּעס אנדערש, טאָהרט איהר ניט".

## 4

## די צערעמאָניע פון "קצצה"

"קצצה" האָט געהייסען די צערעמאָניע פון אָבשניידען איינעם פון דער פאַמיליע. אז איינער, א מיטגליעד פון א שעהנער פאַמיליע, האָט גענומען א פרוי וואָס פּאַסט זיך

ניט פאר איהם, פלעגט זיך די משפחה צוזאמענקלייבען, אוועקשטעלען א פאס מיט פרוכטען אין מיטען גאס, די פאס צוברעכען פאר אלעמען, אויסטיילען די פירות צו די פערזאמעלטע, און דערביי זאָגען: "אחינו בני ישראל! יענער און יענער האָט גענומע א פרוי פון נידריגען שטאנד און מיר האָבען מורא אז אונזערע קינדער זאָלען זיך ניט מישען מיט זיינע. טאָ נעהמט אייך אָן אנדענקען אויף שפעטערע דורות און איהר זאָלט פערהיטען, אז זיינע קינ־דער זאָלען ניט חתונה האָבען מיט אונזערע". אזא צערע־מאָניע פלעגט מען געדענקען אויף יאָהרען און יאָהרען.

## .5

# לײדיג ארומגעהן ברײנגט צו זינד

רבי אליעזער האָט געזאָגט:

יעדע פרוי מוז טהאָן עפעס אָן ארבייט. אפילו ווען זי איז רייך און האָט איהר מאָן געגעבען אין נדן הונדערט שקלאפינעס דארף דער מאָן איהר צווינגען זי זאָל טהאָן עפעס אָן ארבייט, ווי שפינען וואָל, ווייל דער ליידיג ארומ־געהן ברייננט צו אויסגעלאסענהייט. רבי ־מעון בן גמליאל זאָגט, אז אויב דער מאָן האָט אפילו א נדר געטהאָן אז זיין פרוי זאָל קיין ארבייט ניט טהאָן זאָל ער איהר אויסצאָהלען איהר כתובה, געבען א גט, און זאָל זי געהן ארבייטען, ווייל ארומגעהן ליידיג ברייננט צו משוגעת.

## .6

# א פערדיענטער נס

אמימר, מר זוטרא און רב אשי זיינען געזעסען ביי דער טהיר פון אזגור, דער קעניג פון פערזיען, און געוואַרט אויף אָן אוידיענץ. עס איז זיי פערביינעגאנגען א סארוועד וואָס האָט געטראָגען עסען צום קעניג. רב אשי האָט בע־מערקט ווי מר זוטרא איז בלאס געוואָרען — עס האָט איהם פערשמעקט דער בראטען. האָט רב אשי אריינגעשטעקט דעם פינגער אין טעלער און אריינגעלייגט מר זוטרא'ן אין מויל. האָט דער סארוועד געשריען: "וואָס האָסטו געטהאָן?

ווי קען איך דאס יעצט געבען דעם קעניג צו עסען נאכדעם ווי דו האסט ארייגעשטעקט דיין פינגער אין דעם?" דער סארוועד האט צוזאמענגערופען די קעניגליכע וועכטער און זיי האבען איהם אויך געפרעגט צו וואס ער האט דאס געטהאן. האט רב אשי געענטפערט: "דער וואס קאכט אזא מאכל איז ניט ווערטה אז דער קעניג זאל עסען זיין געקעכטס". האבען זיי איהם געפרעגט: "פארוואס?" האט ער געענטפערט: "דאס פלייש קומט פון א קרעציגען דבר אחר". האט מען דעם בראטען אונטערזוכט און מען האט קיין צייכען פון קראנקהייט געפונען. רב אשי האט גענומען דעם סארוועד'ס פינגער, ארויפגעלייגט אויף א חלק פון דעם פלייש און געזאגט: "אט די שטיקעל דארפט איהר אונטערזוכען". האבען זיי אונטערזוכט, און עס איז געשעהן א נס אז זיי האבען געפונען צייכענס פון קראנקהייט.

"צו וואס האסטו זיך פערלאזען אויף א נס?" האבען די רבנן שפעטער געפרעגט רב אשי'ן. "מען טאר דאך ניט זיך פערלאזען אויף נסים".

"איך האב געזעהן אז מר זוטרא איז אין געפאהר קראנק צו ווערען", האט רב אשי געענטפערט.

## 7

# זיך אויסגערעדט אין א בייזער שעה

יהודה דער זוהן פון רבי חייא און דער איידים פון רבי ינאי פלעגט אוועקגעהן אויף דער גאנצער וואך אין רב'ס בית המדרש און דארט זיצען און לערנען. יעדען פרייטאג פלעגט ער קומען אהיים אויף שבת. און ווען ער פלעגט אנקומען אהיים פלעגט מען זעהן ווי איהם געהט פאראויס א פייערדיגער זייל.

איינמאל האט זיך דער לערנען פערצויגען און ער האט ניט געקענט אוועקגעהן פון בית מדרש. אזוי ווי זיין פאמיליע האט ניט געזעהן קיין צייכען פון זיין אנקומען האט ר' ינאי געזאגט: "קעהרט איבער זיין בעט, ווייל אויב יהודה וואלט נאך געלעבט וואלט ער ניט פערפעהלט צו קומען אויף שבת".

האט זיך דאס איהם אויסגערעדט אין א בייזער שעה, און אזוי איז דאס געשעהן.

## 8

## שוין אן אלטער אונגליק

א איד און א גוי זייכען צוזאמען געגאנגען אין וועג. האט דער גוי ניט געקענט געהן אזוי שנעל ווי דער איד. וואס טהוט דער גוי? דערמאנט ער דעם אידען אויפ'ן חורבן בית המקדש. ווערט דער איד געפאלען ביי זיך און זיפצט. און פון דעסטוועגען איז ער אלץ געגאנגען שנעלער פון דעם גוי. זאגט דער גוי: "ביי אייך, דאכט זיך, גלויבט מען אז א זיפץ צוברעכט א האלבען קערפער פון דעם מענשען". זאגט דער איד געענטפערט "דאס איז אז מען זיפצט אויף א נייעם אונגליק, אבער יענער אונגליק איז שוין אלט. אט דאס איז וואס מען זאגט א ווערטעל: "א פרוי וואס האט בעגראבען א סך קינדער האט ניט מורא פאר'ן טויט".

## 9

## צוליעב א פרוי'ס טרעהרען

רב רחומי פלעגט אפט אוועקפאהרען צו רבא'ן לערנען. האט ער געהאט א רעגעל צו קומען אהיים יעדען ערב יום כפור. איינמאל האט זיך דער לערנען פערצויגען און ער איז אהיים ניט געפאהרען. די פרוי איז געזעסען און געווארט, און געקוקט אין גאס אויב איהר מאן קומט שוין. זעהענדיג אז עס ווערט שוין באלד יום כפור און איהר מאן קומט ניט, איז איהר געווארען ניט גוט און טרעהרען האבען אנגעהויבען זיך צו גיסען פון איהרע אויגען.

צו דער זעלבער צייט איז איהר מאן, רב רחומי, געזעסען אויף א דאך שטוב, איז דער פום באדען אונטער איהם גע־זונקען און ער איז געפאלען און געשטארבען.

## 10

## ענדע גוט אלעס גוט

רבי האט געטהאן א שידוך פאר זיין זוהן מיט דער טאכ־טער פון רבי חייא. ווען עס איז געקומען צו שרייבען די כתובה איז די כלה געשטארבען. האט רבי געזאגט: "פילייכט

איז דאָ עפּעס אַ פעהלער אין דער משפחה". האָט מען נאָכגעזוכט דעם יחוס און מען האָט אויסגעפונען אַז רבי שטאַמט פון דוד המלך און ר' חייא קומט אַרויס פון שמעי, אַ ברודער פון דוד. הייסט עס אַז רבי איז געווען דער גרעסערער יחסן.

איז רבי געגאַנגען און האָט פאַר זיין זוהן אַ שידוך געטהאָן מיט דער טאָכטער פון ר' יוסי בן זמרא. האָט מען אָבגעמאַכט אַז פריהער זאָל דער חתן אַוועקגעהן אויף צוועלף יאָהר און לערנען און נאָכדעם זאָל ער חתונה האָבען. ווען דער חתן האָט דערזעהן זיין כלה, איז זי איהם אַזוי געפעלען געוואָרען דאס ער האָט געבעטען אַז מען זאָל פערקלענערען דעם טערמין פון זיין לערנען אויף זעקס יאָהר. האָט מען איהם דאָס נאָכגעגעבען. ווען ער האָט איהר נאָך אַמאָל געזעהן, האָט ער שעמעדיג געזאָגט: "איך וועל פריהער חתונה האָבען און נאָכהער וועל איך געהן לערנען". האָט מען איהם דאס אויך נאָכגעגעבען.

דער יונגער מאַן איז גלייך נאָך דער חתונה אַוועק און האָט זיך געזאַמט צוועלף יאָהר. ביז ער איז צוריקגעקומען האָט זיין יונגע פרוי פון בענקשאַפט און פון צער פערלאָרען די פעהיגקייט צו האָבען קינדער. האָט רבי געזאָגט: "ווי זאָלען מיר טהאָן? זאָלען מיר זי גט'ן? וואס וועט די וועלט זאָגען? מען וועט זאָגען, די אָרימע, נעבעך! אומזיסט איז זי געזעסען און געוואַרט אויף איהר מאַן! זאָלען מיר איהם געבען אַ צווייטע פרוי? וועט מען זאָגען, דאס איז זיין פרוי און יענע איז זיין מעטרעסע".

האָט רבי גאָט געבעטען פאַר זיין שנור און זי איז געהיילט געוואָרען.

## 11

## ניט דערקענט זיין טאָכטער

אַמאָל איז געווען די מאָדע אַז אַ יונגער מאַן פלעגט חתונה האָבען פלעגט ער גלייך נאָך די שבעת ימי המשתה אַוועקפאָהרען ערגעץ לערנען, און אַמאָל פלעגט ער אפילו ניט וואַרטען ביז די שבעת ימי המשתה פלעגען זיך ענדיגען. יאָהרען פלעגט ער זיין אַוועק פון דער היים און לערנען מיט התמדה, און די פרוי פלעגט אויסגעהן פאַר בענקשאַפט, אָבער זי פלעגט צעהלען די טעג, די חדשים, די יאָהרען, וואַרטען און — האָפען.

אזוי איז געווען מיט חנניה בן חכינאי.

גלייך נאָך דער חתונה איז ער צוזאַמען מיט ר׳ שמעון בן יוחאי אוועק לערנען ביי ר׳ עקיבא. ר׳ שמעון בן יוחאי פלעגט זיך אָפּט דורכשרייבען מיט זיין פרוי און וויסען אַלעס וואָס טהוט זיך ביי איהם אין דער היים. אָבער חנניה בן חכינאי איז געווען אזוי פערטאָן אין לערנען, אַז עס פלעגט איהם קיינ־מאָל ניט אויסקומען קיין צייט צו שרייבען. און אזוי איז זיך די צייט געפלויגען אַ צוועלף, אָדער דרייצעהן יאָהר.

איינמאָל האָט רבי עקיבא אויסגערופען, אַז ווער עס האָט אַן ערוואַקסענע טאָכטער וואָס עס איז איהר שוין צייט חתונה צו מאַכען, זאָל ער געהן אהיים און טהאָן פאַר איהר אַ שידוך. אַז חנניה האָט דאָס געהערט האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער מוז שוין האָבען אַ טאָכטער וואָס לויט די מאָדע פון יענע צייטען האָט מען שוין פאַר איהר געדאַרפט קריגען אַ חתן. האָט ער גענומען אורלויב און איז אוועק אהיים. ווען ער איז אָנגעקומען אין זיין שטאָדט האָט ער די גאַסען ניט דערקענט. אין דער צייט וואָס ער איז געווען אוועק אין דער פרעמד, האָט זיך די שטאָדט אַ סך איבערגעבויט. אַ היבשע צייט האָט ער ארומגעבלאָנדזשעט און האָט ניט געקענט געפינען זיין הויז.

איז חנניה געגאַנגען און האָט זיך אוועקגעזעצט ביים ברעג טייך, וואוהין די ווייבער קומען נאָך וואַסער. האָט ער געהערט ווי איינע זאָגט צו אַ מיידעל: ״חכינאי׳ס טאָכטער! מאַך פול דיין קרוג און קום אהיים!״ האָט ער פערשטאַנען אַז דאָס איז זיין טאָכטער. איז ער איהר נאָכגעגאַנגען ביז זי איז אריין אין אַ הויז. דאָס איז געווען זיין הויז.

ער איז גלייך אריין נאָך איהר, גאַנץ אונערוואַרטעט. זיין פרוי איז גראַדע דאַן געזעסען און האָט געזיפּט מעהל. זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און פאַר גרויס איבערראשונג איז זי געפאַלען ווי אַ טויטע. האָט דער מאַן אויסגערופען: ״רבונו של עולם! דרייצעהן יאָהר האָט זי געוואַרט אויף מיר, זאָל איהר דערפאַר קומען שטאַרבען?״ האָט זי באַלד געעפענט די אויגען און איז געזונד געוואָרען.

## 12

# ניט דערקענט זיין זוהן

אַן עהנליכע געשיכטע האָט געטראָפען מיט ר׳בי חמא בר ביסא. ער איז אויך באַלד נאָך זיין חתונה אוועקגעפאָהרען

לערנען אין דעם בית מדרש פון רבי. צוועלף יאָהר האָט ער פארבראַכט אין לערנען און נאָכדעם האָט ער זיך פאַרבענקט אַהיים. ווען ער איז אָנגעקומען אין זיין שטאָדט האָט ער צו זיך געזאָגט: "איך וועל ניט מהאָן אזוי ווי בן חכינאי האָט געטהאָן. איך וועל ניט איבערשרעקען מיין ווייב." איז ער אוועק אין בית מדרש און פון דאָרטען האָט ער געשיקט א שליח אָנזאָגען זיין ווייב אז ער איז צוריקגעקומען. די פרוי האָט דעם מאָן געוואָלט מאַכען אן אנגענעהמע איבעראַשונג, האָט זי געזאָגט צו איהר זוהן: "געה, מיין קינד, אין בית מדרש. דאָרט זיצט א גאַסט, א גרויסער למדן. זאָל ער דיך פערהערען". דער זוהן איז געוועזן זעהר א גראַטענער, א וואויל לערנען, און איז שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אלס רבי אושעיא.

איז דער יונגער בחור'ל אריין אין בית מדרש, זיך אוועק־געזעצט נעבען גאַסט און אָנגעהויבען צו ריידען דברי תורה. רבי חמא האָט ניט געוואוסט אז דער גראָטענער איינגעל איז זיין איינענער זוהן. האָט ער מיט א וויטאָג געזאָגט צו זיך: "עס קען זיין, אז ווען איך וואָלט פערבליבען אין דער היים, וואָלט איך אויך געהאַט אזא גראָטענעם אינגעל". דער אינגעלע איז אוועק און שפּעטער איז רבי חמא אויך אוועק צו זיך אהיים.

בעת ער איז געזעסען ביי זיך צוהויז און גערעדט מיט זיין פרוי, איז אריינגעקומען דער זעלבער גראָטענער אינ־געל. רבי חמא האָט געמיינט אז ער איז געקומען איהם עפּעס פרעגען א שטיקעל תורה. האָט ער זיך פאר דעם קליינעם תלמיד חכם אויפגעשטעלט. האָט די מוטער מיט א גליקליכען שמייכעל געזאָגט: "דאַרף דען א פאטער זיך אויפשטעלען פאר זיין איינענעם זוהן?" און ווען רבי חמא האָט דאָס גע־הערט האָט ער זיך שטאַרק געפרעהט.

## 13

## דער פאַסטוך וואָס איז געוואָרען גרויס

רבי עקיבא איז אין זיין יוגענד געוועזן ניט מעהר ווי אַן איינפאַכער פאַסטוך וואָס האָט געפּיטערט די שאָף פון כלבא שבוע, איינער פון די רייכסטע לייט אין ירושלים. האָט די טאָכטער פון כלבא שבוע איינמאָל בעמערקט דעם יונגען פאַסטוך און ער איז איהר זעהר געפעלען געוואָרען. זי האָט

איינגעזעהן אז ער איז בעשיידען, ארענטליך און שטעהט הע־כער פון אנדערע יונגע לייט. איז זי איינמאל געקומען צו איהם אין דער שטיל, אין זיין ארימערביידעל, אויפ'ן פעלד און האט איהם געפרעגט: ״אויב איך וועל ווערען דיין כלה, וועסטו געהן אין א בית המדרש און ווערען א געלערנטער מענש?״ האט ער געענטפערט: ״יא!״

זיינען זיי אוועק און האבען זיך פערלאבט אין געהיים, אהן דער צושטימונג פון איהרע עלטערען. און ווען איהר פאטער האט פון דעם דערהערט איז ער געווארען שטארק בייז און האט א נדר געטהאן אז זי זאל קיינמאל געניסען פון זיין פערמעגען. האט די טאכטער געמוזט פערלאזען איהר רייכען פאטער'ס פאלאסט און איז אוועק און האט חתונה געהאט מיט דעם ארימען פאסטוך. זיי האבען געלעבט אין ארימקייט און דחקות, און געשלאפען אויף שטרוי.

די איידעל ערצויגענע שעהנע טאכטער פון דעם רייכ־סטען מאן אין ירושלים האט זיך געפיהלט זעהר ניט בעקוועם. אבער די ליעבע צו איהר מאן האט איהר געמאכט פערגעסען אויף איהר יעצטיגע ארימקייט. זי האט איינמאל צערטליך גענומען ארויסציהען די שטרויעלעך וואס האבען זיך איינ־געפלאנטערט אין זיינע האאר, און ער האט אויף דעם גע־זאגט: ״דערפאר אז איך וועל אמאל זיין רייך וועל איך דיר קויפען א קרוין מיט א ירושלים אויסגעשטיקט אין גאלד.״ אזא קרוין איז דאן געווען אין דער מאדע ביי גבירישע כלות און יונגע ווייבלעך.

אום איהר צו טרייסטען איז געקומען אליהו הנביא, זיך פערשטעלט פאר אן ארימאן און האט צו די יונגע פאאר גע־זאגט: ״האט רחמנות, שענקט מיר א ביסעלע שטרוי! מיין פרוי האט א קינד געבוירען און איך האב אפילו ניט א קאפעלע שטרוי אונטערצובעטען איהר געלעגער.״

״זעהסטו״, האט רבי עקיבא געזאגט צו זיין פרוי, ״מיר דארפען זיך שעטצען גליקליך וואס מיר האבען כאטש שטרוי, יענער האט אפילו קיין שטרוי אויך נים.״

״איך בעקלאג זיך ניט״, האט זי געענטפערט. ״איך בין מרוצה צו ליידען. דו פאהר אוועק לערנען און איך וועל אויף דיר ווארטען.״

רבי עקיבא איז אוועק, האט פערבראכט אין דער פרעמד צוועלף יאהר. אין דער צייט האט ער זיך ערווארבען צוועלף טויזענד תלמידים. נאכדעם האט ער זיך בעדענקט

אז עס איז שוין צייט צו געהן זעהן זיין פרוי. ווען ער איז אנגעקומען אין שטאָדט האָט ער בעשלאָסען ניט אריינצוגעהן גלייך אין הויז, נאָר ער האָט זיך געשטעלט ביי דער טיהר זיך צוהערען וואָס אינוועניג קומט פאָר. האָט ער געהערט ווי איינער א שלעכטער מענש זאָגט צו איהר : "זעהר רעכט אויף דיר. גוט האָט דיין פאָטער געטהאָן וואָס ער האָט דיך פון הויז ארויסגעטריבען. אָט זעהסטו שוין יואָס פאר א מאַן דו האָסט ? ער איז אוועק און דיך איבערגעלאָזען א לעבעדיגע אלמנה שוין אזוי פיעל יאָהר !" האָט די פרוי געענטפערט : "אויב מיין מאַן וואָלט מיך געפאָלגט האָט ער געמעגט פערבלייבען לערנען נאָך צוועלף יאָהר." ווען רבי עקיבא האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט : "אזוי ווי זי האָט מיר די ערלויבניס געגעבען וועל איך טאקע געהן צוריק און לערנען נאָך צוועלף יאָהר."

ווען די אנדערע צוועלף יאָהר זיינען אריבער איז ער צוריק געקומען מיט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים. איז די גאנצע שטאָדט ארויס מקבל פנים זיין איהם און זיינע תלמידים. קיינער האָט ניט געוואוסט אז דער גרויסער תנא רבי עקיבא מיט וועלכען די גאנצע וועלט האָט געקלונגען, און וועלכער איז געקומען מיט אזוי פיעל תלמידים, איז דער אמאָליגער אָרימער אונוויסענדער פאסטוך וואָס האָט געדיענט ביי כלבא שבוע. זיין פרוי און איהרע א שכנה זיינען געווען די איינציגע מענשען וואָס האָבען געוואוסט דעם סוד.

האָט די שכנה געזאָגט : "געה, לייה ביי אימיצען עפּעס א שעהנע קלייד. עס פּאסט זיך ניט צו קומען פאר אזא גרויסען מענשען אין דיין אָרימען מלבוש !" האָט די פרוי געענטפערט : "מיין מאַן דער צדיק קען מיך גוט און ער ווייס ווי מיך צו שעטצען אָהן שעהנע קליידער."

זי איז געגאנגען, זיך דורכגעשטופּט א וועג צווישען דער גרויסער מאסע מענשען, און אז זי האָט דערזעהן איהר מאַן איז זי געפאלען צו דער ערד און האָט געקושט זיינע פיס. האָבען זיינע תלמידים געמיינט אז דאָס איז סתם אזוי א פרוי, אן אביונ'טע, און זיי האָבען איהר געוואָלט אָבשטופּען. האָט רבי עקיבא געזאָגט צו זיינע תלמידים : "ריהרט איהר ניט אָן ! איהר זאָלט וויסען זיין, אז אלעס וואָס איהר פערמאָגט און וואָס איך פערמאָג געהערט צו דיזער פרוי."

דערווייל האָט דער רייכער און שטאָלצער כלבא שבוע,

וועלכער האָט שוין לאַנג חרטה בעקומען אויף דעם נדר וואָס ער האָט געטהאָן, געהערט אז אין שטאָדט איז אָנגעקומען דער גרויסער תנא רבי עקיבא. האָט ער זיך געטראַכט, איך וועל צו איהם געהן, אפשר וועט ער מיר מתיר נדר זיין. איז ער געקומען פאר רבי עקיבא, אָבער ער האָט זיין געוועזענעם פאַסטוך ניט דערקענט. האָט כלבא שבוע דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און מען האָט געזעהן זיין טיעפע חרטה. מיט טרעהרען האָט ער געבעטען דעם גרויסען תנא ער זאָל איהם בעפרייען פון זיין נדר.

"זאָג מיר", האָט רבי עקיבא געפרעגט, "ווען דו וואָלסט געוואוסט אז דיין איידים וועט ווערען א גרויסער מאַן, וואָל־סטו אויך דעם נדר ארויסגערעדט?"

"ניין!" האָט כלבא שבוע אויסגערופען. "ווען ער וואָלט אפילו קענען איין פרק משניות, אָדער איין שטיקעל הלכה וואָלט איך איהם גערן גענומען פאר אַן איידים."

"דאָס בין איך — דיין איידים!" האָט רבי עקיבא גע־זאָגט.

ווען כלבא שבוע האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך אויך געוואָרפען צו דער ערד און האָט געקוסט די פיס פון זיין איידים. נאָכדעם האָט ער איהם אוועקגעגעבען א העלפט פון זיין פערמעגען.

## 14

# געראָטען אין דער מוטער

די טאָכטער פון רבי עקיבא איז געווען געראָטען אין דער מוטער. זי האָט אויך געוואָלט נעהמען א מאַן וואָס זאָל זיצען און לערנען, ווען אפילו עס זאָל איהר אויסקומען צו זיין צושיידט מיט איהם פאר יאָהרען. איינמאָל האָט פון איהר געהערט בן עזאי, וועלכער האָט אלץ מורא געהאט צו נעהמען א ווייב, טאָמער וועט דאָס איהם שטערען אין לער־נען. איז בן עזאי געקומען און האָט מיט איהר חתונה געהאט, און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך מיט איהר געשיידט און זי האָט איהם געלאָזט אוועקפאָהרען און ווידער אָבגעגעבען זיין גאַנצע צייט אויף לערנען.

## 15

## ניט איסגעהאַלטען די בענקשאַפֿט

אַז רב יוסף דער זוהן פֿון רבא האָט חתונה געהאַט, האָט מיט איהם זיין פֿאָטער אָבגעמאַכט אַז ער זאָל אוועקפֿאָהרען אויף זעקס יאָהר לערנען. דריי יאָהר האָט רב יוסף אָבגעלערנט און האָט זיך שטאַרק פֿערבענקט אהיים. האָט ער זיך ניט געקענט דערוואַרטען ביז די זעקס יאָהר וועלען זיך ענדיגען און ער האָט צו זיך געזאָגט: "איך וו ׳ אריבער־פֿאָהרען אהיים און זעהן וואָס עס מאַכט דאָרט מיין הויז געזינד."

געקומען אהיים איז ער גראַדע אום ערב יום כפור, ווי דער מנהג איז דאַן געווען, אַז א תלמיד חכם וואָס האַלט נאָך אין לערנען קומט אהיים אויף יום כפור. ווי נאָר זיין פֿאָטער האָט דערהערט אַז דער זוהן קומט, איז ער איהם ארויסגע־לאָפֿען אנקעגען מיט א וואָפֿען אין האַנד און האָט געזאָגט: "דו האָסט זיך דערמאָנט אויף דיין טייבעלע, אַה?" און ער האָט איהם ארויסגעטריבען. צוליעב די ערגערניס וואָס זיי האָבען בײדע געהאַט, האָבען זיי פֿערגעסען צו עסען די סעודה המפסקת.

## 16

## חומה די פֿערפֿיהרערין

חומת, די טאָכטער פֿון איסי און אַן אוראייניקעל פֿון רב יהודית, איז געווען אַ גרויסע שעהנהייט און אַ קאָקעטקע. זי האָט צוויי מאָל חתונה געהאַט און בײדע מענער האָבען זיך ביי איהר לאַנג ניט געהאַלטען. בײדע זיינען געשטאָרבען אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה. און נאָכדעם ווי זי איז שוין צוויי מאָל געוואָרען אַן אלמנה האָט זיך אין איהר פֿערליעבט דער גרויסער אביי, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַ מענש אין די עלטערע יאָהרען.

זיינע פֿריינד האָבען איהם געוואָרנט, אַז עס איז אַ סכנה צו נעהמען אַ פֿרוי וואָס האָט שוין צוויי מענער פֿערלאָרען, אָבער אביי האָט ניט געגלויבט אין דער געפֿאַהר. האָט ער

מיט דער שעהנער חומה'ן חתונה געהאט. א קורצע צייט נאכדעם איז ער געשטארבען.

איינמאל, שוין נאכדעם ווי חומה איז געווארען אן אלמנה צום דריטען מאל, איז זי געקומען אין בית דין פון רבא בעטען, אז ער זאל בעשטימען פאר איהר שטיצע אויף צו לעבען. ״גיב מיר אויף עסען״, האט זי געבעטען. האט ער איהר בעשטימט ווי פיעל שפייז זי זאל בעקומען. נאכדעם האט זי געבעטען ער זאל איהר אויך בעשטימען א געוויסע מאאס וויין. האט רבא געענטפערט: ״איך ווייס אז אין דער הויז פון דיין לעצטען מאן, אביי, האט מען קיין וויין ניט געטרונקען״. האט די שעהנע אלמנה געענטפערט: ״איך שווער ביי דיין לעבען, רבי, אז מיר פלעגען טרינקען וויין פון לאנגע בעכער, אט אזוי לאנג —״ און זי האט ארויפגע־קאשערט איהר ארבעל און אבגעמאסטען אויף איהר ארעם צו צייגען ווי לאנג די בעכער זיינען געווען. און ווען זי האט אויפגעדעקט איהר נאקעטען ארעם איז געווארען ליכטיג אין דער גאנצער הויז — אזוי שעהן איז זי געווען —

רבא איז שטארק אויפגערעגט געווארען פון דער חוצפה און ער איז אוועק. ער האט געפיהלט גליקליך וואס אין דער היים ווארט אויף איהם א טרייע פרוי און אן ארענטליכע. ווען ער איז אהיים געקומען, האט זיין פרוי זיך געוואונדערט וואס ער איז צו איהר צערטליכער ווי אימער. האט זי איהם געפרעגט די אורזאכע. ״חומה איז היינט געווען ביי מיר אין בית דין״, האט ער געענטפערט און האט זייגע אויגען ארונ־טערגעלאזען.

ווען רבא'ס פרוי האט פון דעם געהערט, האט זי געכאפט א גרויסען אייזערנעם שליסעל און איז נאכגעלאפען די קאר־קעטקע, שרייענדיג: ״דדיי מענער האסטו אין דער ערד בע־גראבען, ווילסטו בעגראבען א פערטען?״ און אזוי איז זי איהר נאכגעלאפען ביז זי האט איהר פערטריבען פון דעם גאנצען געגענד.

## 17

# די טאכטער פון נקדימון בן גוריון

איינמאל איז רבי יוחנן בן זכאי געפאהרען פון ירושלים, רייטענדיג אויף אן אייזעל, בעגלייט פון זיינע תלמידים. אין וועג האט ער געטראפען א יונגע פרויענצימער,

וועלכע האָט געקליבען גערשטען אין דעם אָבפאַל פון די קיה וואָס האָבען בעלאַנגט צו אַראַבער און האָבען זיך געפּאַשעט אין פעלד. ווי נאָר די יונגע פרויענצימער האָט איהם דער־זעהן, האָט זי איהם פערשטעלט דעם וועג און האָט געזאָגט: "רבי, גיב מיר אויף צו לעבען."

"וועמעס טאָכטער ביזטו?" האָט רבי יוחנן בן זכאי געפרעגט.

"איך בין די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון", האָט זי געענטפערט.

"וואָס? די טאָכטער פון דעם רייכען נקדימון? און וואו איז אהינגעקומען דיין פאָטער'ס גרויסער פערמעגען?"

"רבי", האָט זי געזאָגט, "זאָגט מען היינט ניט אַ ווערטעל אין ירושלים, אַז אויב איםיצער וויל פערהיטען זיין געלד זאָל ער געבען צדקה. און מיין פאָטער האָט אפילו יאָ געגעבען אַ סך צדקה, אָבער ניט ווי געהעריג איז, ניט מיט'ן פולען האַרצען, האָט זיך זיין געלד ניט געהאַלטען."

"און וואו איז דיין שווער'ס פערמעגען?"

"איינס האָט זיך געמישט מיט דאָס אַנדערע."

רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך פערטראַכט און טרויעריג געשוויגען.

"געדענקסטו, רבי," האָט די אָרימע פרויענצימער גע־זאָגט, "ווי דו ביזט געווען אויף מיין חתונה און האָסט זיך אונטערגעשריבען אויף מיין כתובה?"

"יאָ, איך געדענק דאָס," האָט רבי יוחנן געזאָגט צו זיינע תלמידים. "איך געדענק נאָך ווי איך האָב אין דער כתובה געלעזען, אַז איהר פאָטער גיט איהר נדן אַ מיליאָן גאָלדענע רענדלעך, אַ חוץ דעם וואָס זי האָט בעקומען פון איהר שווער."

און דאָ האָט רבי יוחנן אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און האָט געזאָגט: "וואויל איז אידען, אַז זיי טוהען דעם ווילען פון דעם אויבערשטען. דאַן זיינען זיי שטאַרק און קיין פאָלק אין דער וועלט קען זיי בעהערשען. אָבער אין דער צייט וואָס זיי פאָלגען ניט דעם אויבערשטען, גיט ער זיי איבער אין די הענד פון אַזאַ ניעדריגע אומה, ווי די אַראַבער, און ניט נאָר אין די הענד פון דיזער ניעדרגער אומה, נאָר אויך אין דער בהמה פון זייערע שמוטע פיה."

איינמאָל, ווען די רבנן האָבען געהערט די געשיכטע פערציילען אין בית המדרש, האָבען זיי געפרעגט: "האָט דען נקדימון בן גוריון ניט געגעבען צדקה? מען דערציילט

דאָך, אַז ווען נקדימון בן גוריון פלעגט גײן פון זײן הויז אין בית המדרש, פלעגט מען פאַר אים דעם גאַנצן וועג אונטערבעטן מיט וואָלענע טיכער, און אָרימע לײט פלעגן נאָכגײן, צונױפֿקלײבן די טיכער נאָך אים און צונעמען פאַר זיך."

אָבער אַזױ װי דיזע צדקה האָט ער געטאָן פון זײן אײגענער הנאה װעגן איז דאָס ניט געװען קײן רײנע צדקה.

## 18

# אין צדקה טאָהר מען ניט קאַרגן

װען אײנער איז אָרים דאַרף מען אים געבן אַלעס װאָס אים פעהלט. און אויב ער איז געװאױנט צו לעבן אין לוקסוס דאַרף מען אים בעזאָרגן מיט אַלע לוקסוסן צו װעלכע ער איז געװאױנט, אפילו אַ פערד צו רײטן אָן אַ קנעכט צו לױפן איהם פאָרױס.

מען דערצעהלט אויף הלל הזקן, אַז ער האָט אױסגעהאַלטן אַן אָרימאַן פון אַ רײכער משפחה מיט אַ פערד און אַ דיענער. אײנמאָל האָט הלל ניט געקענט קריגן אַ דיענער, האָט ער דעם אָרימאַן אַרױפגעזעצט אױפ'ן פערד, און ער — הלל אַלײן — איז געלאָפען פאָרױס.

די מענשען פון גליל העליון האָבען אויף זיך גענומען אױסצוהאַלטען אַן אָרימאַן װאָס האָט געשטאַמט פון אַ רײכער משפחה. כדי איהם צו שאַפען פרישע פלײש יעדען טאָג, פלעגען זײ יעדען טאָג מוזען שעכטען אַ בהמה, כאָטש זײ האָבען געװאױנט אין אַ דאָרף און האָבען אַזױ פיעל פלײש פון אַ גאַנצע בהמה גאָר ניט געקענט פערברױכען.

אײנמאָל איז אַן אָרימאַן געקומען בעטען שטיצע בײ רבי נחמיה. האָט איהם רבי נחמיה געפרעגט: "װאָס אַ שטײנער פלעגסטו עסען?" האָט דער אָרימאַן געענטפערט: "פעטע פלײש און אַלטען װײן." האָט רבי נחמיה איהם געזאָגט: "אַז דו װילסט מיט מיר לעבען אויף לינזען קענסטו בײ מיר בלײבען. איך אַלײן האָב קײן בעסערעס צו עסען." איז דער אָרימאַן פערבליבען און זיך ערנעהרט אויף לינזען. אין אַ קורצע צײט אַרום איז ער געשטאָרבען. האָט רבי נחמיה געקלאָגט: "װעה איז צו דעם װאָס נחמיה האָט איהם דערהרג'עט!" האָבען מענשען געזאָגט, ער האָט דאָך געדאַרפט

זאָגנדיק "וועה איז צו נחמיה'ן וואָס האָט איהם דער'הרג'עט."
אָבער נחמיה האָט געוואוסט וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט
געמיינט: וועה איז צו דעם וואָס האָט זיך פריהער געלאָזט
אזוי וואויל געהן און זיך צוגעוואוינט צו אַ לעבען פון לוקסוס,
אז ער האָט שוין מעהר ניט געקענט לעבען אויף איינפאכע
אכילות!

## 19

## גאָט שיקט צו פאַר'ן אָרימאַן

איינער איז אַמאָל געקומען בעטען שטיצע ביי רבא'ן
האָט איהם רבא געפרעגט: "אויף וואָס ביזטו געוואוינט
צו לעבען?" האָט דער אָרימאַן געענטפערט: אויף גע־
שטאָפטע היהנער און אַלטען וויין." האָט רבא געפרעגט:
"און דיך ארט ניט וואָס קהל האָט ניט גענוג מיטלען?"
האָט דער אָרימאַן געענטפערט: "איך בעט דען עסען פון
קהל? איך בעט מען זאָל מיר געבען פון גאָט'ס." אין דער
מינוט איז אָנגעקומען רבא'ס אַ שוועסטער, וועלכע ער האָט
ניט געזעהן דרייצעהן יאָהר און זי האָט איהם געבראַכט אַ
מתנה אַ געשטאָפטע הוהן און אַלטע וויין. האָט רבא געזאָגט
צום אָרימאַן: "דיזער גליק איז מיר געשעהן צוליעב דיר.
זעץ זיך אוועק און עס."

## 20

## מר עוקבא'ס צדקה

בעסער שפּרינגען אין פייער איידער צו פערשעהמען
אַ מענשען.

מר עוקבא האָט איין זיין נאָכבאַרשאַפט געהאַט אַן אָרימאַן,
וועלכער האָט ניט געהאַט פון וואָס צו לעבען. פלעגט מר
עוקבא יעדעי'ן טאָג אַריינוואַרפען דעם אָרימאַן אין אַ לאָך פון
זיין טיהר פיער גילדען, אום דער אָרימאַן זאָל ניט וויסען פון
וועמען דאָס קומט און ער זאָל זיך ניט דאַרפען שעהמען פאַר
אַ שכן. איינמאָל איז דער אָרימאַן שטאַרק גייגעריג געוואָרען
צו וויסען ווער איז זיין בעל טובה און האָט בעשלאָסען צו
שטעהן ביים טיהר און איהם נאָכשפּירען.

דעם טאָג וואָס דער אָרימאַן האָט דאָס געוואָלט טהאָן, האָט זיך גראַדע געמאַכט, אַז ווען מר עוקבא איז געגאַנגען צוואַרפען די פיער גילדען, איז זיין פרוי אויך געגאַנגען מיט איהם. ווען דער אָרימאַן האָט בעמערקט ווי זיי וואַרפען אַריין דאָס געלד, איז ער אַרויסגעלאָפען פון הויז. זיינען זיי ביידע אַנטלאָפען. זיי זיינען געלאָפען, און דער אָרימאַן נאָך זיי, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ גרויסען אויווען אין וועלכען די קויהלען זיינען געווען פערשאַרט. האָבען מר עוקבא און זיין פרוי ניט לאַנג געטראַכט און זיינען אַריינגעשפרונגען אין אויווען. פון דעם פייער האָבען זיך צובערענט די פיס פון מר עוקבא. ״ליינ אַרויף דיינע פיס אויף מיינע״ האָט איהם די פרוי געזאָגט. האָט מר עוקבא ניט געקענט פערשטעהן וואַרום זיין פרוי שאַדט דער פייער גאָרנישט, אָבער זי האָט איהם די זאַך אַזוי ערקלעהרט: ״דאָס איז דערפאַר ווייל איך בין אימער אין דער היים און אַז עס קומט אַן אָרימאַן גיב איך פערטיגע עסענס, אָבער דו גיבסט בלויז געלד וואָס מען דאַרף מיט דעם געהן זוכען און איינקויפען דעם עסען.״

נאָך אַן אָרימען שכן האָט מר עוקבא געהאַט וועמען ער פלעגט יעדען ערב יום כפור אַריינשיקען פיער הונדערט גילדען אויף אַמאָל. איינמאָל האָט ער דאָס געלד געשיקט דורך זיין זוהן. איז דער זוהן באַלד צוריק געקומען און האָט געזאָגט: ״ער דאַרף שוין מעהר קיין שטיצע.״ פרעגט איהם דער פאָטער: ״וואָס האָסטו אַזוינס דאָרט געזעהן?״ האָט דער זוהן געענטפערט: ״איך האָב געזעהן אַז מען טרינקט ביי איהם אַלטען וויין.״ האָט מר עוקבא געזאָגט: ״עס זעהט אויס אַז ער איז געוואוינט צו לעבען אין לוקסוס.״ האָט ער פערדאָפּעלט די סומע און געהייסען זיין זוהן דאָס גלייך אַהין אָבטראָגען.

## 21

## דער וועג אין ווייט וויינג אָנגעגרייט

אַז מר. עוקבא האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען האָט ער געהייסען, אַז מען זאָל איהם ברייגנען די ביכער אין וועלכע עס זיינען געווען פערשריבען די געלדער וואָס ער האָט אויס־געטיילט אויף צדקה. האָט ער געזעהן, אַז ער האָט אין זיין לעבען אויסגעטיילט זיבען טויזענד סיאַנקישע רענדלעך.

א סיאנקישער רעגנדעל האָט געהאט זעהר א גרויסען ווערטה, אָבער דאָך איז מר עוקבא נים געווען צופריעדען, און ער האָט געזאָגט: "זעהר וועניג צדה לדרך האָב איך אָנגעגרייט, און דער וועג איז א ווייטער—" האָט ער גענומען און אָבגעשריבען א גאַנצע העלפט פון זיין פערמעגען אויף צדקה און דאן איז ער שוין געשטאָרבען מיט א רוהיגער הארץ.

# 22

## די שווינדלער קומט א דאַנק

רבי חנינא האָט געהאט אן אָרימאן וועמען ער פלעגט שיקען יעדען ערב שבת פיער גילדען. איינמאָל האָט ער דאָס געלד צוגעשיקט דורך זיין פרוי. איז די פרוי צורי־קגעקומען און האָט געזאָגט: "דער אָרימאן דארף גאָר קיין שטיצע." האָט רבי חנינא געפרעגט: "וואָס האָסטו ביי איהם געזעהן?" האָט די פרוי געענטפערט: "איך האָב געהערט ווי מען פרעגט איהם, וואָס פאר א טישטוך מען זאָל פערשפרייטען אויפ'ן טיש, א ווייסע א וואָלענע, אָדער פון קאָלירטען זייד?"

"אויב אזוי", האָט רבי חנינא געזאָגט, "איז דאָך רבי אלעזר געווען גערעכט וואָס ער האָט געזאָגט, אז מיר דארפען דאַנקבאר זיין די שווינדלערישע שנאָרער, ווייל צוליעב זיי איז אונז גאָט מוחל ווען מיר פערפעהלען אמאָל צו העלפען אן אמת'ן אָרימאן. עס איז אמאָל שווער צו דערקענען פון אן אמת'ן אָרימאן ביז א שנאָרער."

# 23

## א קאַמפף פאר לעבען און טויט

שיער, שיער האָט דער מלאך המות איינמאָל פערלאָרען זיין מעסער, און עס האָט געהאלטען ביי דעם אז ער זאָל נים האָבען מיט וואָס צו נעהמען די לעבענס פון מענשען.

ווען ר' יהושע בן לוי האָט געהאלטען ביים שטארבען איז צו איהם געקומען דער מלאך המות. האָט ר' יהושע בן לוי איהם געבעטען: "קום צייג מיר צוערשט מיין אָרט אין גן עדן, אום עס זאָל מיר נים זיין אזוי שווער זיך צו שיידען מיט דער וועלט." האָט דער מלאך המות געענטפערט: "קום, איך וועל דיר צייגען." אויפ'ן וועג האָט ר' יהושע געזאָגט

צום מלאך המות: „גיב מיר דיין מעסער. איך האָב מורא דו וועסט מיך איבערשרעקן אין מיטן וועג." דער מלאך המות האָט געפאָלגט און האָט איהם געגעבן זיין מעסער. ווען זיי זיינען אָנגעקומען ביים גן עדן, האָט דער מלאך המות איהם אָנגעצייגט זיין אָרט. האָט ר' יהושע א שפרונג געטהאָן און געוואָלט אריין אינווייניג. אָבער דער מלאך המות האָט איהם אָנגעכאפט פאר א פאָלע פון זיין מלבוש און גענומען איהם שלעפן צוריק.

האָבענדיג דעם מעסער אין האנד האָט ר' יהושע איהם שוין ניט געוואָלט צוליעב טהאָן. „איך שווער אז איך וועל פון דאנען ניט ארויס!" האָט ר' יהושע אויסגערופען. איז אין הימעל געוואָרען א גרויסער גערודער. עס האָט געהאַלטען ביי דעם אז דער טויט זאָל אָבגעשאפט ווערען פון דער וועלט און אז מענשען זאָלען לעבען אייביג אזוי ווי די מלאכים. דער מלאך המות איז געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און וואָס צו טהאָן. דער גרויסער צדיק האָט געשוואָרען אז ער געהט ניט ארויס צוריק, און ווער קען די שבועה פון אזא צדיק ענדערען? איז די זאך פאַרגעבראכט געוואָרען פאר כביכול אליין. האָט ער, כביכול, געזאָגט: „אויב דער צדיק האָט שוין איין מאָל אין זיין לעבען א שבועה געמהאָן און האָט דערנאָך געבעטען מען זאָל איהם מתיר נדר זיין, דאַרף ער זיך צוריק קעהרען. אויב ניט, דאַרף ער זיך ניט צוריק קעהרען." וואָס מען האָט ווערען דעם אויסגעפונען ווייס מען ניט, מען ווייס נאָר אז דער מלאך המות האָט גענומען שרייען מיט בענומענע קולות: „גיב מיר אָב מיין מעסער!" אָבער ר' יהושע האָט אליין ניט געוואָלט אָבגעבען. איז ארויס א בת קול און האָט געזאָגט: „דעם מעסער מוזטו אָבגעבען. מענשען מוזען שטארבען."

## 24

# תורה און ברויט

רבי חנינא און רבי חייא האָבען זיך איינמאָל צואווערמעלט. האָט ר' חנינא געזאָגט צו ר' חייא'ן: „מיט מיר קריעגסטו זיך? ווייסט דען ניט ווער איך בין? ווען אידען זאָלען חס ושלום פערגעסען די תורה, קען איך די תורה צוריק אויפלעבען מיט מיין שארפזין און קענטניס." האָט ר'

חייא געענטפערט: „איך פערהיט אויף א בעסערען אופן אז די תורה זאל ניט פערגעסען ווערען. איך פערזיי פלאקס, פון די פלאקס מאך איך נעצען, פאנג הירשען און גיב די פלייש צו ארימע יתומים צו עסען. נאכדעם ארבייט איך אויס די פעלכלעך, מאך פון דעם פארמענט, שרייב אויף דעם די פינף טייל פון חומש פאר פינף יונגע תלמידים און זעקס טייל משניות פאר זעקס אנדערע תלמידים, און צו יעדען איינעם פון זיי זאג איך: „געה יעצט און לערן מיט אנדערע."

# 25

# דער טויט פון רבי הקדוש

דעם טאג וואס רבי האט געהאלטען ביים שטארבען האבען די רבנן גוזר תענית געווען און געבעטען גאט פאר איהם. זיי האבען אבגעמאכט אז ווער עס וועט וואגען צו זאגען אז רבי איז געשטארבען זאל דערשטאכען ווערען מיט א שווערד.

רבי'ס דינסט, וועלכע האט געקענט גוט לערנען און איז געווען זעהר פרום, איז ארויף אויף אן אויבערשטיבעל און האט אזוי געזאגט: „די אונטערשטע ע(די מענשען) ווילען האבען רבי'ן ביי זיך און די אייבערשטע (די מלאכים) ווילען איהם נעהמען צו זיך. הלואי זאלען די אונטערשטע בייקומען די אייבערשטע". שפעטער, זעהענדיג, אז דער צדיק מאטערט זיך זעהר שטארק, האט זי געזאגט: זאלען שוין בעסער די אייבערשטע בייקומען די אונטערשטע."

די רבנן האבען דערווייל ניט אויפגעהערט צו בעטען אז רבי זאל געזונד ווערען. האט די דינסט גענומען א קרוג און עס ארונטערגעווארפען פון דאך. פון דעם גרויסען קלאפ האבען די רבנן זיך איבערגעשראקען און זיי זיינען אויף א ווײלע געבליבען שטיל. אין דעם אויגענבליק איז רבי בעפרייט געווארען פון זיינע יסורים אויף אימער.

די רבנן וואס זיינען געשטאנען אין דרויסען און האבען געווארט, האבען געבעטען בר קפרא'ן, ער זאל ארייגעהן אין הויז און זעהן וואס רבי מאכט. איז ער אריין און האט געפונען אז רבי איז שוין טויט. האט ער אויף זיך קריעה געריסען און איז ארויס און געזאגט צו די רבנן: „די מלאכים פון אויבען און די צדיקים פון אונטען האבען זיך געריסען פאר'ן ארון הקודש, האבען די מלאכים באזיגט די צדיקים און צוגענומען דעם ארון קודש". אזוי האט ער געזאגט בדרך

משל. האָבען די רבנן געפרעגט: "מיינסטו צו זאָגען אַז ער איז שוין אַוועק צו זיין אייבינער רוה?" האָט בר קפּרא געענטפערט: "איהר זאָגט דאָס אַליין. איך האָב אַזוינס ניט געזאָגט". און אַזוי האָט ער זיך בעפרייט פון דער שטראָף וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם וואָס וועט זאָגען אַז רבי איז געשטאָרבען.

בעת רבי האָט זיך געשיידט פון דער וועלט האָט ער אויפגעהויבען ביידע הענד צום הימעל און האָט געזאָגט: "רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך גוט אַז איך האָב מיט אַלע מיינע צעהן פינגער געאַרבייט שווער פאַר דיין תורה, און איך האָב קיין הנאה געהאַט אפילו פון איינעם פון די פינגער. איך בעט יעצט פון דיר בלויז איין זאַך, אַז נאָך מיין טויט זאָל זיין שלום אויף דער וועלט".

פאַר זיין טויט האָט רבי געהייסען אַריינקומען זיינע קינדער און ער האָט זיי געזאָגט: "איהר זאָלט אָבהיטען דעם כבוד פון אייער מוטער. א ליכט זאָל ברענען אין מיין צימער ווי אימער, מיין טיש זאָל זיין אין אָרדנונג אויף דעם זעלבען אָרט און מיין בעט אויסגעבעט. יוסף הפני און שמעון אפרתי וועלכע האָבען מיך בעדיענט ביי מיין לעבען זאָלען מיך בעדיענען נאָך מיין טויט".

און עס ווערט דערצעהלט, אַז יעדען ערב שבת פלעגט רבי צוריק קומען אַהיים, אויף שבת, פון יענער וועלט, און דערפאַר האָט ער אָנגעזאָגט אַז מען זאָל האַלטען זיין צימער אין אָרדנונג. איינמאָל איז געקומען אַ שכנה צו רבי'ס הויז און געשריען ביים טהיר, האָט רבי'ס דיענסט געזאָגט צו איהר: "שטיל! רבי זיצט דאָ יעצט".

דעם טאָג פון רבי'ס לויה האָט אַ בת קול אויסגערופען, אַז ווער עס נעהמט אַנטייל אין דער לויה וועט האָבען גן עדן. איז דאָרט געווען אַ וועשער וואָס פלעגט יעדען טאָג קומען אין רבי'ס הויז, אָבער גראָדע יענעם טאָג האָט ער פערפעהלט צו קומען. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וואָס ער האָט אָנגעוואָרען, איז דער וועשער אַרויף אויף אַ דאַך, זיך פאַר גרויס צער אַראָבגעוואָרפען און איז געשטאָרבען. האָט אַ בת קול אויסגערופען: "אויך דער וועט אַריין אין גן עדן".

# 26

# מיט א גוט ווארט קען מען אויך אנטשולדיקן

שחד, כאבאר, איז נים דוקא געלד. אמאל קען א גוט ווארט אויך האבען די זעלבע ווירקונג אויף א ריכטער ווי געלד

שמואל איז איינמאל אריבערגעגאנגען א בריק. איז אונטערגעקומען א מאן און האט איהם געגעבען זיין האנד און איהם געהאלפען אריבערגעהן. נאכדעם האט איהם שמואל געפרעגט: "וואס טוהסטו דא?" האט דער מאן געענטפערט: "איך געה דאס טאקע צו דיר האבען א דין תורה מיט איםיצען".

"איך קען די דין תורה נים פסק'ענען", האט שמואל געזאגט. "דו האסט מיר ערשט געטאהן א טובה און איך האב מורא אז די טובה זאל נים בעאיינפלוסען מיין פסק דין".

אמימר איז געזעסען אין בית דין און האט אויסגעהערט די טענות פון צוויי מענשען וואס האבען צווישען זיך געהאט א סכסוך. איז ארויפגעפאלען א פעדער אויף אמימר'ס קאפ. נעהט איינער פון די אנוועזענדע און געהמט די פעדער ארונטער. "וואס טוהסטו דא ביי מיר אין בית דין?" האט אמימר געפרעגט. "איך דארף דא האבען א דין תורה", האט דער מאן געענטפערט. "אויב אזוי", האט אמימר געזאגט, "בין איך שוין פסול צו האבען ביי מיר די דין תורה".

רבי ישמעאל ברבי יוסי האט געהאט זיינעם א גערטנער וואס פלעגט איהם ברייננגען יעדען פרייטאג א קארב מיט פרוכטען. איינמאל האט ער איהם די פרוכטען געבראכט אום דאנערשטאג, א טאג פריהער ווי געוואוינליך. "וואס האסטו זיך עפעס היינט פערפריהט?" האט ר' ישמעאל געפרעגט. האט דער גערטנער געענטפערט: "איך דארף האבען מיט איינעם א דין תורה, האב איך שוין פאר איין וועג געבראכט די פרוכטען". ר' ישמעאל האט ביי איהם די פרוכטען נים אנגענומען און ער האט געזאגט: "איך בין פסול אז איך זאל משפט'ן צווישען דיר און דיין בעל דין". האט ר' ישמעאל אוועקגעזעצט אנדערע צוויי רבנים אז זיי זאלען משפט'ן. און די גאנצע צייט פון דער

דין תורה האָט ר׳ ישמעאל זיך געוואונשען אַז דער גערטנער זאָל געווינען די דין תורה, און צולעצט האָט ער געזאָגט: "אַ סוף זאָל קומען אויף אַלע כאַבאַרניקעס. מה דאָך איך, וואָס איך האָב ניט גענומען קיין שחד, און ווען אפילו איך וואָלט יאָ גענומען וואָלט דאָס דאָך געווען פון מיין אייגע־נעם גאָרטען, און פון דעסטוועגען האָב איך זיך געפיהלט בעאיינפלוסט צו גונסטען דעם גערטנער, היינט ווי איז שוין מיט די וואָס נעהמען טאַקע שוחד?"

צו רבי ישמעאל בן אלישע, וועלכער איז געווען אַ כהן, האָט אַ מאַן געבראַכט ראשית הגז, דעם טייל וואָל וואָס מען גיט אוועק צו אַ כהן יעדען יאָהר וואָס מען שערט די שעפּסען. האָט איהם רבי ישמעאל געפרעגט: "פון וואַנען קומסטו?" האָט דער מאַן געענטפערט אַז ער קומט פון יענעם און יענעם אָרט. "פון אַזאַ ווייטען אָרט ביז דאַנען האָסטו גאָר ניט געקענט געפינען אַן אַנדער כהן?" האָט ר׳ ישמעאל זיך געוואונדערט. האָט דער מאַן געענטפערט: "איך דאַרף דאָ האָבען ביי דיר אַ דין תורה, האָב איך פאַר איין וועג געבראַכט דיר די ראשית הגז". ר׳ ישמעאל בן אלישע האָט די ראשית הגז ניט אָנגענומען און האָט געטהאָן ווי ר׳ ישמעאל ברבי יוסי האָט געטהאָן. ער האָט אוועקגעזעצט אַנדערע צוויי רבנים און זיי האָבען געפיהרט די דין תורה.

צו רב ענן איז איינמאָל געקומען אַ מאַן און האָט איהם געבראַכט אַ קאָרב מיט קליינע פישלעך. "ביזט אהער געקור־מען וועגען עפּעס אַ געשעפט?" האָט רב ענן געפרעגט. "איך דאַרף האָבען אַ דין תורה", האָט דער מאַן געענטפערט. רב ענן האָט די פישלעך ניט אָנגענומען און ער האָט דעם מאַן געזאָגט: "איך בין פסול צו זיין אַ דיין ביי דיר". האָט דער מאַן געזאָגט: "אויב אַזוי, פערלאַנג איך ניט דו זאָלסט פיהרען די דין תורה, אָבער די מתנה מוזטו פון מיר צונעה־מען, ווייל איך וויל האָבען אַ מצוה. עס איז דאָך בעוואוסט אַז דער וואָס ברייגנט אַ מתנה צו אַ תלמיד חכם ווערט עס איהם פערערעכענט פאַר אַ גרויסע מצוה". רב ענן האָט דעם מאַן צוליעב געטהאָן און האָט די מתנה אָנגענומען. נאָכדעם האָט ער דעם מאַן אָבגעשיקט צו רב נחמן אַז ער זאָל אָנ־נעהמען די דין תורה.

ווען דער בעל דין איז געקומען צו ר׳ נחמן און האָט איהם געזאָגט פון וועמען ער איז געשיקט געוואָרען, האָט רב נחמן געמיינט אַז דער מאַן איז רב ענן׳ס אַ קרוב און

דערפאר האט רב ענן ניט געוואלט האבען די דין תורה ביי זיך. גראדע צו יענער צייט איז פאר איהם אנגעקומען א דין תורה פון יתומים. האט ער זיך געטראכט אז דער כבוד פון דער תורה איז בילכער, און מיינענדיג אז דער מאן איז טאקע א קרוב פון רב ענן האט ער אבגעלייגט די דין תורה פון די יתומים און זיך גענומען צו דער דין תורה. דער אנדער בעל דין, זעהענדיג, אז מען צייגט דעם מאן אזוי פיעל כבוד, איז ער צומישט געווארען און האט א מויל ניט געקענט עפענען, און אויף אזא אופן האט ער די דין תורה פערלארען.

## 27
## די ליעבע צו ארץ ישראל

די ליעבע צו ארץ ישראל איז אין די צייטען פון די חכמי התלמוד געווען אזוי גרויס, דאס ר׳ אבהו האט איינמאל זיך אויסגעדריקט, אז אפילו א גוי׳אישע דיענסט וואס וואוינט אין ארץ ישראל איז זיכער מיט עולם הבא.

דאנעגען האבען די חכמים געגלויבט, אז צדיקים וואס וואוינען אין אנדערע לענדער וועלען ניט קענען אויפשטעהן תחית המתים פון זייערע קברים, נאר זיי וועלען מוזען געהן אונטער דער ערד, דורך טונעלען, ביז זיי וועלען אנקומען אין ארץ ישראל און דארט וועלען זיי אויפשטעהן תחית המתים.

אין ארץ ישראל האט געוואוינט א מאן וואס איז געווען שטארק פערליעבט אין א פרוי פון חוץ לארץ. און אזוי ווי זי האט ניט געוואלט קומען צו איהם אין ארץ ישראל, איז ער שוין געווען גרייט צו פאהרען צו איהר. אבער ווען ער האט געהערט פון דעם וואס די וואס שטארבען אין א פרעמדער לאנד וועלען מוזען אויסשטעהן ווען משיח וועט קומען, האט ער בעשלאסען צו בלייבען אין ארץ ישראל. ער האט אבגע־לעבט זיינע יאהרען איינער אליין, א בחור, ביז זיין טויט.

## 28
## א לאנד פון מילך און האניג

רמי בר יחזקאל איז איינמאל געקומען אין בני ברק (אין ארץ ישראל) און האט דארט געזעהן ציגען עסען פייגען.

האָט פון די פייגען גערונען האָניג און פון די ציגען האָט גערונען מילך, און זיך געמישט צוזאַמען. האָט ער געזאָגט: „אָט דאָס איז אַ לאַנד וואָס רינט מיט מילך און האָניג.‟

ר׳ יעקב בר דוסתאי האָט אַזוי דערציילט: פון לוד ביז אונו איז אַ מרחק פון דריי מייל. איינמאָל בין איך אהין אָנגעקומען גאַנץ פריה, איז מיר אויסגעקומען צו גיין ביז מיינע קניע אין דעם האָניג וואָס האָט אַרונטערגערונען פון די פייגען.

# מסכת נדרים

## 1

## דער נזיר

**אין** די געבענשטע דרום געגענדען פון ארץ ישראל האָט געוואוינט אַ יונגער מאַן וואָס האָט געפּאַשעט זיין פאָטער'ס פיה אין די דאָרטיגע גרינע פעלדער. דער יונגער מאַן האָט איינמאָל אויף זיך אַ נדר גענומען צו לאָזען וואַקסען זיינע האָאָר, צו ווערען אַ נזיר, און לעבען אין ׳רישות, אין אָבגע־זונדערהייט און אין פרומקייט.

ער פלעגט זיצען אין פעלד און זיינע אויגען פלעגען אַרומוואַנדערען איבער באַרג און טהאָל און בעוואונדערען גאָט'ס שעהנע וועלט, וואָס ער האָט געגעבען צו די מענשען. נאָכדעם פלעגט ער וואַרפען זיין בליק צו די ריינע קלאָרע הימלען, טראַכטענדיג פון די פערבאָרגענע וועלטען, דאָרט, אין דער הויך, און דערביי פלעגען זיינע ליפען מורמלען אַ שטילע געבעט.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער נזיר איז צוגעגאַנגען צו אַ קוואַל וואַסער צו נעהמען אַ טרונק. ווען ער האָט זיך איינגעבויגען, האָט ער אין די קלאָרע וואַסערען געזעהן ווי עס האָט זיך דאָרט אָבגעשפּיגעלט זיין אייגענער פנים מיט זיינע לאָקען, וועלכע האָבען זיך געקרייזעלט אַזוי ווי קליינע בערג. ער האָט צום ערשטען מאָל איינגעזעהן אַז ער איז שעהן, זעהר שעהן, און ער האָט זיך גענומען טראַכטען: פאַר וועמען לעבט ער און וואָס האָט ער פון זיין שעהנהייט? און דער יצר הרע האָט גענומען צו איהם ריידען: "געה, פערלאָז דיין שווערען, איינזאַמען לעבען. עה אַרויס אין דער

גרויסער וועלט, וואו עס זיינען דאָ די בעסטע פארגעניגענס פון לעבען און וואו מיט דיין שעהנהייט קענסטו געווינען פריידען און גליק." אַן אוינגענבליק האָט זיך דער נזיר צוגע־הערט צו דער שטימע וואָס האָט גערעדט אין איהם, אָבער פּלוצלונג האָט זיך אין איהם ערוואַכט דער נזיר, און ער האָט אויף זיך אַליין אָנגעשריען :

"דו רשע ! וואָס האַלסטו זיך אַזוי גרויס מיט אַ וועלט וואָס איז ניט דיינס ? וואָס שטאָלצירסטו דו מיט דיין שעהנעם קערפּער וואָס וועט אַמאָל ווערען קריכענדע בעשעפּעניסען און ווערים ? איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל אָבשערען דיינע לאַנגע האָאָר !"

גלייך נאָכדעם איז דער יונגער נזיר אַוועק אין ירושלים צו שמעון הצדיק, וועלכער איז דאַן געווען כהן גדול, און געזאָגט צו איהם, אַז ער וויל ברעכען זיין נדר וואָס ער האָט זיך געגעבען ניט צו שערען זיינע האָאָר, און וועט זיי יעצט אָבשערען. און ווי דער דין פאָדערט, איז ער יעצט געקומען צו ברייגנען אַ קרבן.

ווען שמעון הצדיק האָט דערזעהן דעם שעהנעם נזיר מיט זיינע געקרייזעלטע האָאָר, האָט ער איהם געפרעגט : "וואָרום איז דיר איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק צו פערדאַרבען דיינע שעהנע האָאָר ?" האָט איהם דער פאַסטוך דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. האָט שמעון הצדיק איהם אַ קוש געטהאָן אין קאָפּ און געזאָגט : "הלואי זאָלען ביי אידען זיין אַ סך אַזעלכע ווי דו."

## 2

## צו וואָס כעס קען ברייגנען

ווען אַ מענש ווערט אין כעס ברענט אין איהם דער גיהנם — האָט געזאָגט ר' שמואל אין נאָמען פון ר' יוחנן.

עולא איז איינמאָל געגאַנגען פון בבל נאָך ארץ ישראל. אויפ'ן וועג זיינען צו איהם צוגעשטאַנען צוויי מענשען פון דער שטעטעל חוזאי און זיי זיינען געגאַנגען מיט איהם. אויפ'ן וועג האָבען די צוויי מענשען זיך אָנגעהויבען צו קריגען, און ווען איינער פון זיי איז געוואָרען שטאַרק בייז האָט ער גענומען זיין בענלייטער מערדערען. דערביי האָט ער געפרעגט ביי עולא'ן : "טוה איך ניט ריכטיג ?" עולא האָט

מורא געהאט צו זאגען ניין, האט ער געענטפערט: „יא, אבער מאך איהם א גרינגען טויט." ווען עולא איז געקומען צו ר' יוחנן האט ער איהם פערצעהלט די מעשה און געפרעגט: "איך האב מורא, אז מיט דעם וואס איך האב איהם געבעטען ער זאל מאכען יענעם א גרינגען טויט האב איך מיטגעהאלפען אין דעם מארד." האט ר' יוחנן געענטפערט: "דו האסט מיט דעם דיין אייגענעם לעבען גערעטעט, ווען דו וואלסט אנדערש געזאגט, וואלט ער דיך אויך ערמארדעט."

## 3

## א משל מיט א קליין שטעדטעל

קהלת זאגט (קאפיטעל ט'): געוועז אמאל א קליין שטעטעלע מיט א קליין ביסעל מענשען. איז געקומען א גרויסער קעניג פון אן אנדער לאנד און האט זי ארומגערינגעלט מיט זיין חיל און געבויט ארום איהר פעסטונגען. האט זיך אבער אין דער שטעטעל געפונען אן ארימער, אבער א קלוגער מאן, און ער האט מיט זיין חכמה גערעטעט די שטעטעל פון דעם גרויסען און מעכטיגען קעניג.

האב ר' אמי בר אבא דעם משל אזוי ערקלערט: א קליין שטעטעלע מיט ווייניג מענשען מיינט דעם מענשען'ס קערפער מיט זיינע איברים. דער גרויסער קעניג וואס קומט די שטעטעל איינגעהמען דאס איז דער יצר הרע. די פעסטונגען וואס ער בויט ארום איהר זיינען די חטאים. דער ארימער קלוגער מאן איז דער יצר טוב, און ער רעטעט די שטעטעל מיט זיין חכמה, דאס מיינט מיט תשובה און מעשים טובים.

## 4

## בקור חולים

בקור חולים איז א מצוה וואס איז גרויס גאר אהן א שיעור.

איינער פון רבי עקיבא'ס תלמידים איז קראנק געווארען, איז קיינער פון די חכמים געקומען איהם מבקר חולה זיין. זיי האבען דאס ניט גערעכענט פאר זייער כבוד, ווייל דער תלמיד איז ניט געווען א וויכטיגע פערזאן. האט רבי עקיבא זיי געוואלט צייגען א ביישפיעל און איז אליין

אריין צום חולה, איהם אויפגעפאסט און איהם בעזארגט. האט דער קראנקער תלמיד געזאגט מיט דאנקבארקייט: ״רבי, האסט מיין לעבן גערעטעט!״ נאכדעם איז רבי עקיבא ארויס צו די חכמים און אזוי געזאגט: ״ווער עס בעזוכט נים א חולה איז אזוי ווי ער וואלט פערגיסען בלוט.״

ווען רבא איז איינמאל קראנק געווארען, האט ער דעם ערשטען טאג אנגעזאגט זיינע הויז מענשען אז זיי זאלען קיינעם נים דערצעהלען אז ער איז קראנק. דעם צווייטען טאג האט ער געזאגט: ״געהט און דערצעהלט אלעמען. שונאים זאלען זיך פרעהען און גוטע פריינד זאלען פאר מיר גאט בעטען, און אפשר צוליעב די פרייד פון מיינע שונאים וועט מיך גאט געזונד מאכען.״

## 5

## ווען עס קומט דער סוף

ווען עס קומט די צייט פון שטארבען געזעגענען איבער דעם מענשען אלע בעשעפעניסען.

רבה בר שילא האט געהערט דערצעהלען אזא מעשה.

א הויכער מאן איז געפאהרען רייטענדיג אויף א קליינעם מוילאייזעלע. ווען ער האט געהאלטען אין אריבערגעהן א בריק, איז דער מולאייזעל משוגע געווארען און האט דעם רייטער אריינגעווארפען אין וואסער אריין, און ער האט זיך דערטרונקען.

שמואל האט איינמאל געזעהן ווי א שלאנג האט זיך ארויפגעזעצט אויף א פראש און דער פראש האט מיט איהם אריבערגעשווימען דעם טייך. קומענדיג אויף דער אנדער זייט ברעג פון טייך, האט דער שלאנג א ביס געטאהן א מענשען און יענער איז פון דעם ביס געשטארבען.

## 6

## א פנים זאגט נארישט

נים אלע מאל איז דעם מענשען'ס פנים אן עדות געגען איהם.

רבי יהודה האט זיך איינמאל בעגעגענט מיט א גרויסע רוימישע דאמע. האט זי בעמערקט אז זיין פנים איז רוים.

האָט די דאַמע צו איהם געזאָגט: "דער רבי זעהט אויס צו זיין בעטרונקען". האָט רבי יהודה געענטפערט: "איך שווער ביי דיר, אַז איך טרינק בלויז צו קדוש און צו הבדלה, און אַז נאָך דעם ווי איך טרינק די ארבע כוסות בין איך געצוואונגען צו האַלטען מיין קאָפּ פערבונדען פון פסח ביז שבועות — אַזאַ שוואַכער טרינקער בין איך!"

## 7

## פון וואָס רבי עקיבא איז רייך געוואָרען

פון זעקס זאַכען איז רבי עקיבא רייך געוואָרען.

דער ערשטער גליק האָט איהם געטראָפען ווען זיין רייכער שווער, כלבא שבוע, האָט איהם איזעקגעגעבען א העלפט פון זיין פערמעגען.

א צווייטער גליק האָט איהם געטראָפען ווען ער האָט געפונען א באַראַן פון א שיף. אין יענע צייטען פלעגט אויף יעדע שיף, אויפ'ן אייבערשטען דעק, זיך געפונען א קלאָץ וואָס איז געווען אויסגעשניצט אין דער פאָרמע פון א באַראַן, אַלס א סגולה אַז די שיף זאָל געהן שנעל. אינוועניג, אין דיזען הילצערנעם באַראַן, פלעגט מען אָפט בעהאַלטען גאַנצע אוצרות גאָלד און זילבער. האָט זיך איינמאָל געטראָפען אַז די מאַטראָזען האָבען אַזאַ פיגור פערגעסען אויפ'ן ברעג ים און רבי עקיבא האָט דאָס געפונען.

דער דריטער גליק איז רבי עקיבא'ן געקומען אויף אַן ענליכען אופן. ער איז איינמאָל געווען ביים ברעג ים און האָט געגעבען אַמאַטראָז פיער גילדען ער זאָל איהם עפּעס ברייגנען. דער מאַטראָז האָט געפונען עפּעס א קעסטעל, האָט ער עס געבראַכט צו רבי עקיבא און געזאָגט: "אָט אויף דעם סמך דער האָר זיך צוזעצען, ביז איך וועל עפּעס ברייגנען." רבי עקיבא האָט געעפענט די קעסטעל און האָט געפונען אַז זי איז פול מיט גאָלדענע מטבעות. די קעסטעל איז געווען פון א שיף וואָס איז געזונקען אין ים.

דער פערטער גליק איז געווען א וואונדערליכער נס. איינמאָל האָבען רבי עקיבא און זיינע תלמידים געדאַרפט האָבען געלד. זיינען זיי געקומען צו א רייכער דאַמע און געבעטען אַז זי זאָל זיי לייהען. האָט די דאַמע געזאָגט: "איך וועל אייך דאָס געלד לייהען, אָבער דו, רבי עקיבא, זאָלסט זיין דער

בעל חוב, און גאָט און דער ים זאָלען מיר זיין ערב פאר'ן חוב, אז איך זאָל בעקומען צוריק געצאָהלט צו דער צייט."

אזוי איז געווען דער אָבמאַך. אבער גראדע ווען עס איז געקומען די צייט פון צאָהלען איז רבי עקיבא קראַנק געוואָרען. איז די דאַמע געגאַנגען צום ברעג ים און האָט אזוי געזאָגט: "רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך אז רבי עקיבא איז קראַנק און קען דעם חוב ניט בעצאָהלען, טאָ בעצאָהל דו מיר. דו ביזט דאָך אַן ערב!"

גראדע צו דער זעלבער צייט איז דעם קיסר'ס טאָכטער משוגע געוואָרען. זי האָט געכאַפּט אַ קאַסטען פול מיט טייערע דימאַנטען און גאָלדענע רענדלעך און דאס ארייגעוואָרפען אין ים. און דער ים האָט דעם קאסטען געבראַכט צו דעם אָרט ביים ברעג ים וואו די דאַמע איז געזעסען און געוואַרט אויפ'ן חוב.

די דאַמע האָט גענומען דעם קאַסטען, אַ קוק געטהאָן, און איז מיט דעם אוועק אהיים. שפּעטער, אז רבי עקיבא איז געזונד געוואָרען, איז ער אוועק צו דער דאַמע מיט געלד און האָט געוואָלט בעצאָהלען דעם חוב. האָט די דאַמע געזאָגט: "איך בין געווען ביים ערב און ער האָט שוין מיר בעצאָהלט אַלעס וואס דו ביזט מיר שולדיג געווען, און נאָך אַ סך מעהר. טאָ נאַ דיר צוריק דאס, וואס ער האָט מיר איבערגעצאָהלט".

און פון די רעשטע האָט רבי עקיבא בעקומען אַ גרויסען פערמעגען.

דער פינפטער גליק איז שוין פערבונדען מיט אַ שעהנע געשיכטע. רבי עקיבא פלעגט אָפטמאָל דעבאַטירען מיט טורנוסרופוס אין געגענוואַרט פון דעם קיסר, און רבי עקיבא פלעגט דערביי צייגען ווי אונוויסענד טורנוסרופוס איז געווען נעגען איהם. דאס האָט טורנוסרופוס'ן שטאַרק געקרענקט. איינמאָל, אז ער איז געקומען אהיים, אַ מרויעריגער, אַ צובראָכענער, האָט איהם זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ גרויסע שעהנהייט געפרעגט: "וואס ביזטו אזוי טרויעריג?" האָט ער געענטפערט: "שולדיג אין דעם איז רבי עקיבא, ער דערגעהט מיר די יאָהרען מיט זיינע רייד".

"איך האָב אַן עצה, מיין מאַן", האָט די פרוי געזאָגט. "דער גאָט פון דיזע אידען האָט זעהר פיינד אויסגעלאַסענהייט. גיב מיר ערלויבניס און איך וועל געהן צו רבי עקיבא און מאַכען ער זאָל זיך פערליעבען אין מיר".

טורנוסרופוס האָט דאָ געזעהן אַ מעגליכקייט צו בעזיעגען

דעם גרויסען אידישען מאַן, האָט ער זיין פרוי נעגעבען די ערלויבניס. די פרוי האָט זיך פערפוצט אין די שעהנסטע קליידער און איז אוועק צו רבי עקיבא און געטומען קאָקעטי־רען פאר איהם. רבי עקיבא האָט אויף איהר א קוק געטהאָן און האָט גלייך א שפיי געטהאָן, נאכדעם האָט ער זיך צו־לאכט און געוויינט.

"ערקלער מיר, איך בעט דיך, וואס בעדייטען די דריי זאכען וואס דו האָסט געטהאָן?" האָט די גרויסע שעהנהייט, די פרוי פון טרונוסרופוס געפרעגט.

"צוויי זאכען וועל איך דיר ערקלעהרען", האָט רבי עקיבא געענטפערט. "די דריטע זאך מוז איך מאָרלויפיג פערשוויי־גען. איך האָב געשפיגען, ווייל ווען איך האָב אויף דיר א קוק געטהאָן האָב איך זיך דערמאַנט פון וואַנען דו שטאַמסט אָב. געוויינט האָב איך ווען איך האָב זיך בעדענקט דאס אזא שעהנהייט ווי דו וועסט אמאָל מוזען פוילען אין דער ערד".

די שטאָלצע דאַמע וואס די גרעסטע רוימישע העלדען פלעגען זיך פיהלען גליקליך אז זי פלעגט זיי שענקען א שמייכעל, האָט זיך געפונען בעזיעגט פון דעם גרויסען אידישען מאַן מיט זיין שטארקען גייסט. זי האָט שוין מעהר ניט גע־זוכט איהם צו פערפלאָנטערן אין א נעץ פון ליעבע, נאָר מיט אַן אונטערטעניגטע שטימע האָט זי איהם געפרעגט:

"איז פאַר מיר גאָר ניטאָ א וועג ווי איך זאָל תשובה טהאָן און ווערען א גוטע פרוי?"

"יאָ, עס איז דאָ!" האָט רבי עקיבא קורץ געענטפערט.

די פרוי איז אוועק און האָט זיך מגייר געווען. א צייט שפעטער האָט רבי עקיבא זי גענומען פאַר א ווייב. ערשט דאַן איז קלאָר געוואָרען וואס עס האָט בעדייט זיין געלעכ־טער ווען ער האָט איהר צום ערשטען מאָל דערזעהן. ער האָט דאַן מיט רוח הקודש פאָראויסגעזעהן אז זי וועט אמאָל ווערען א אידישע פרוי און וועט מיט איהם תתונה האָבען. און זי האָט איהם אויך אריינגעבראַכט א גרויסען פערמעגען.

דער זעקסטער גליק איז געווען א ירושה. קטיעה בר שלום איז געווען א גרויסער רוימישער מאַגנאַט און ער איז געווען א פריינד פון אידען. איינמאָל, אז עס האָט זיך געהאַנדעלט געגען א גזירה אויף אידען, וואס דער רוימישער קיסר האָט געוואָלט אַרויסגעבען, האָט קטיעה בר שלום געהאַלטען א גרויסע פערטיידיגונגס רעדע פאַר אידען. אין דעם קיסר׳ס פּאַלאַץ איז געווען, ווען ער האָט געהאַלטען די רעדע ...

א שארפע קריטיק געגען זיין פיהרונג. האט דער קיסר פער־משפט דעם גרויסען אידענפריינד צום טויט. פאר זיין טויט האט קטיעה בר שלום זיך געלאזט מגייר זיין און האט אי־בערגעלאזט זיין גאנצען פערמעגען צו רבי עקיבא און זיינע חברים.

## 8
## די גולדינע מאלפע

רב גמדא איז איינמאל געקומען צו א פארט האנדלען. האט ער געגעבען פיער גילדען צו א מאטראז ער זאל איהם עפעס ברייגגען. האט דער מאטראז נים געפונען קיין אנדער סחורה ווי א מאלפע, און ער האט איהר געבראכט צו רב גמדא. ווי נאר רב גמדא האט צוגענומען די מאלפע, האט זי זיך פון איהם אויסגעריסען און איז ארייגגעקראכען אין א גרוב. האט מען אויפגעגראבען די מאלפע און מען האט געפונען אז זי ליעגט אויף טייערע פערל. האט מען נאכדעם פון יע־נעם ארט אויסגעגראבען א גאנצען אוצר מיט טהייערע שטיינער.

## 9
## א מייל פון פעך און שוועבעל

א פרוי איז געקומען אין נהרדעא צו רב יהודה'ן צו האבען ביי איהם א דין תורה. האט זי די דין תורה פערלא־רען. נאכדעם האט זי געפרעגט רב יהודה'ן: "שמואל, דיין רבי, וואלט אויך אזוי גע'פסק'נט?"

"אז דו קענסט שמואל מיין רבי, צו וואס ביזטו גע־קומען צו מיר?" האט רב יהודה געפרעגט.

"געווים קען איך איהם", האט די פרוי מיט'ן בייזען צינגעל געענטפערט." ער איז א קלייגינקער מיט א גרויסען בויך, א שווארצער מיט גרויסע צייהן."

"אט אזוי בעליידינסטו מיין רבי'ן?" האט רב יהודה אויסגערופען. "אין חרם זאלסטו זיין!"

די פרוי האט גלייך בעקומען אפאפלעקציע און איז געשטארבען.

## 10
# אמאָליגע קיכערס

איינער, א רייכער מאַן, האָט ביי זיך געהאַט א קנעכט וואָס איז געווען זעהר א גוטער קוכער. האָט ער דעם קנעכט פערדונגען צו א פריינד אז ער זאָל דעם פריינד אויסלערנען קאָכען טויזענד פערשיעדענע מאכלים. אָבער מעהר ווי אכט הונדערט האָט איהם דער קנעכט ניט אויסגעלערנט. איז געגאַנגען דער פריינד און האָט גערופען דעם בעל הבית פון קנעכט צו א דין תורה, און געפאָדערט אז דער קנעכט זאָל איהם אויסלערנען נאָך צוויי הונדערט געריכטען, ווי דער אָבמאַך איז געווען. די דין תורה איז פאָרגעקומען פאר רבי'ן. האָט רבי געזאָגט :

"אונזערע עלטערן האָבען זיך בעקלאָגט אז זיי האָבען פערגעסען די גוטע צייטען וואָס זיי האָבען אמאָל געהאַט, און מיר האָבען קיין גוטע צייטען אין די אויגען געזעהן, און עס געפינען זיך נאָך ביי אונז מענשען וואָס ווילען זיך לאָזען אזוי וואוילגעהן !"

## 11
# בר קפרא דער וויצלינג

בר קפרא איז געווען אגרויסער וויצלינג און האָט אימער געזוכט א געלעגענהייט צו מאכען שפאַס. רבי איז געווען א קראַנקער מענש און האָט זיינע שפאַסען ניט געקאָנט פאַר־טראַגען. ווען רבי האָט החתונה געמאכט זיין זוהן רבי שמעון, האָט ער בר קפרא'ן ניט איינגעלאַדען, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינע שפאַסען. בר קפרא האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, איז ער געקומען צו רבי'ס הויז און האָט אויפ'ן טהיר אָנגעשריבען : "פיער און צוואַנציג טויזענד רבוא רענד־לעך האָט מען אויסגעגעבען אויף דער חתונה און בר קפרא'ן האָט מען ניט איינגעלאַדען". די מענשען וואָס האָבען דאָס געלעזען האָבען געלאַכט, ווייל די סומע איז געווען געוואַלדיג איבערטריבען, און טאַקע אפשר דערפאַר, ווייל דער חתן איז געווען בעקאַנט אלס א זעהר קאַרגער עושר.

אויסער דעם שפּאַסיגען אויפשריפט האָט בר קפרא גענומען זאָגען וויצען וועגען רבי אליין און וועגען זיינע

עשירות. רבי האָט קיין אנדער ברירה נעהאט ווי בר קפּרא'ן איינצולאדען. "איך וועל דיר געבען פערציג מעסטלעך ווייץ בתנאי אז דו זאָלסט ניט מאכען קיין שפּאסען", האָט רבי געזאָגט. "זעהר גוט", האָט בר קפּרא געענטפערט, "אָבער די ווייץ זאָל איך קריגען מיט מיין מאָאָס." בר קפּרא איז געגאנגען און גענומען א גרויסען קאָרב, דאָס אויסגעשמירט מיט פעך און זיך אָנגעטהאָן אויפ'ן קאָפּ, אום רבי זאָל איהם ניט דערקענען. נאָכדעם איז ער געקומען צו רבי'ן און האָט געזאָגט: "גיב מיר אָב די פערציג מאָאָס ווייץ וואָס דו האָסט ביי מיר געליהען." רבי האָט בר קפּרא'ן דערקענט נאָך זיין שטימע און ער האָט איהם פירגעהאלטען: "איך האָב דאָך מיט דיר אָבגעמאכט אז דו זאָלסט ניט מאכען קיין שפּאסען. איך בין דיר שולדיג פערציג מאָאָס ווייץ פאַר דיין צוזאָג קיין שפּאסען צו מאכען, אָבער איך האָב ביי דיר קיינמאָל קיין ווייץ געליהען." אָבער בר קפּרא האָט זיך ווייטער געהאלטען ביי זיין שפּאס און האָט געזאָגט: "מיין ווייץ וואָס דו האָסט ביי מיר געליהען וויל איך האָבען!"

בר קפּרא האָט ניט געפיהלט אז ער האָט שוין געטריבען צו ווייט, און זיין חשק צו שפּאסען האָט זיך נאָך פערגרע־סערט. האָט ער געזאָגט צו רבי'ס טאָכטער: "מאָרגען וועל איך דיר צייגען א קונץ, ווי איך וועל טרינקען ווײן און דיין טאַטע מיט דיין מאַמען וועלען פאַר מיר טאַנצען און זינגען."

אויף דעם צווייטען טאָג פון די שבעת ימי המשתה האָט בר קפּרא זיך גענומען אויסצופיהרען זיין בעריהמעריי. ער האָט געבעטען רבי'ן ער זאָל איהם ערקלעהרען א פסוק, אָבער רבי'ס ענטפער איז איהם ניט געפעלען געווען. "אדרבה, זאָג דו", האָט רבי געבעטען. האָט בר קפּרא געזאָגט: "איך וועל ענטפערן, נאָר פריהער זאָל דיין פרוי פאַר מיר אָנגיסען א קעלשיקעל וויין". האָט רבי'ס פרוי פאַר איהם אָנגעגאָסען דעם וויין. "יעצט וויל איך אז דו זאָלסט פאַר מיר כאפּען א טענצעל", האָט בר קפּרא געפאָדערט פון רבי'ן. רבי האָט איהם געמוזט פאָלגען. נאָכדעם האָט בר קפּרא ערקלעהרט דעם פסוק וואָס ער האָט פריהער געפרעגט ביי רבי'ן. אזוי האָט בר קפּרא געטהאָן מיט רבי'ן דריי מאָל.

אויף דער חתונה האָט זיך געפונען בן אלעשה, רבי'ס איידים, וועלכער איז געווען בעריהמט מיט זיינע עשירות און מיט זיין פריילע האָנד. ער האָט ניט געקענט צוזעהן

ווי בר קפרא האַלט אין איין שפּאַסען פון רבי'ן, און ער האָט גענומען זיין פרוי און האָט פערלאָזען די הויז מיט גרויס פערדרוס.

## 12

## זיך בעשיצט מיט דער תורה

רבי טרפון איז איינמאָל געגאַנגען אין פעלד, האָט ער געזעהן די לעצטע פייגען וואָס זיינען פערבליבען אויף אַ בוים, נאָכדעם ווי די צייט פון שניידען די פייגען איז שוין אַריבער. אַזעלכע פייגען זיינען על פי דין הפקר און רבי טרפון האָט גענומען אַ פּאָאַר פייגען און געגעסען.

ניט ווייט פון דאָרט איז געשטאַנען אַ וועכטער און האָט דאָס צוגעזעהן. דער וועכטער האָט רבי טרפון'ען פערזענליך ניט געקענט. האָט דער וועכטער געזאָגט צו זיך: "אָט דאָס מוז זיין דער זעלבער וואָס פלעגט דאָ גנב'ענען פייגען די גאַנצע צייט". האָט ער רבי טרפון'ען געפּאַקט, אַריינגעוואָרפען אין אַ זאַק, און איהם געטראָגען צום טייך איהם דאָרט אַריינצוּוואַרפען. האָט רבי טרפון געזיפצט און געקלאָגט. "וועה איז צו טרפון און וואָס פאַר אַ מיאוס'ן סוף ער האָט דערלעבט!" ווען דער וועכטער האָט זיך דערוואוּסט וועמען ער טראָגט אין זאַק, האָט ער זיין געפאַנגענעם גלייך אַרויסגעלאָזען, און רבי טרפון איז אַוועק אַהיים.

זיין גאַנצען לעבען, זייט די פּאַסירונג, האָט רבי טרפון זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען וואָס ער האָט זיך בענוצט מיט דעם כבוד התורה אום זיך צו בעשיצען. אַזוי ווי ער איז געווען אַ רייכער מאַן האָט ער בעסער געדאַרפט זיך אויסקויפען פאַר געלד, איידער זיך בענוצען מיט דעם וואָס ער איז געווען אַ בן תורה.

## 13

## צדקיה און נבוכדנצר

אַ טיראַן, אַ בלוטדורשטיגער מלך, איז געווען נבוכדנצר. און ער האָט אימער געזוכט מיטלען צו ווערען מעהר רשע, מעהר אכזר. אין דעם צוועק פלעגט ער עסען לעבעדיגע חיות, רייסען פון זיי גליעדער און עסען. דורך דעם איז זיין האַרץ

נאָך מעהר פערשטיינערט געוואָרען און דער לעצטער פונק פון מיטלייד איז דאָרט אויסגעלאָשען געוואָרען.

איינמאָל איז צו איהם געקומען צדקיהו און האָט איהם געפונען עסענדיג א לעבעדיגען האָז. האָט נבוכדנצר געזאָגט צו איהם: "שווער מיר אז דו וועסט קיינעם נים אויסזאָגען". האָט צדקיהו געשוואָרען. ער האָט אבער באַלד חרטה געהאַט אויף דעם וואס ער האָט געגעבען די שבועה. די זאַך האָט איהם אַזוי געערגערט, און עס האָט זיך איהם געוואָלט אז די גאַנצע וועלט זאָל וויסען וואס פאַר א נידריגער מענש דער רשע איז. האָט צדקיהו זיך געווענדעט צו די אידישע געלעהר־טע און זיי האָבען איהם מתיר געווען זיין שבועה, און ער האָט אויסגעזאָגט. באַלד איז די זאַך באַקאַנט געוואָרען צווי־שען נבוכדנצר'ס מענשען און דער טיראַן האָט געהערט ווי זיינע איינענע האָפלייט לאַכען פון איהם. האָט ער פעררופען צו זיך די סנהדרין און צדקיהו'ן, און ער האָט געזאָגט צו די אידישע חכמים: "איהר האָט געזעהן וואס צדקיהו האָט גע־טהאָן? ער האָט דאָך געשוואָרען אין גאָט'ס נאָמען אז ער וועט נים אויסזאָגען!" האָבען די חכמים געענטפערט: "ער האָט אונז געפרעגט וועגען דער שבועה און מיר האָבען איהם מתיר געווען".

"אבער מיט וואס פאַר א רעכט האָט איהר איהם מתיר נדר געווען? איהר האָט עס לויט אייער דין געדאַרפט טהאָן אין מיין געגענוואַרט!" האָט נבוכדנצר געדונערט.

און די אידישע געלעהרטע זייכען פערשעהמט געזעסען אויף דער ערד און געשוויגען.

## 14

# אָרימקייט פערדאַרבט אידישע שעהנהייט

רבי ישמעאל איז געווען דער פריינד און דער בעשיצער פון אָרימע אידישע טעכטער. ער פלעגט זאָגען: "אידישע טעכטער זיינען שעהן, נאָר די אָרימקייט מאַכט זיי מיאוס". דאַרום, וואו ער האָט זיך דערוואוסט פון א אידישע מיידעל וואס האָט געדאַרפט קריגען א חתן און האָט ניט געקענט צו־ליעב דעם וואס זי איז נים רייך, אָדער מיאוס, פלעגט ער די מיידעל אויסקליידען אין די שעהנסטע קליידער, איהר געבען ציערונג און איהר בעזאָרגען מיט שעהנהייטס מיטלען.

אמאָל האט איינער א נדר געטהאָן ער זאָל ניט חתונה האָבען מיט זיין פלימעניצע, און ווי עס יעהט אויס פון דער געשיכטע איז זי געווען העסליך. האָט מען די מיידעל גע־בראכט צו רבי ישמעאל. דאָרט האָט מען איהר שעהן גע־מאכט און צוגעפוצט, אז עס איז גאָר ניט געווען צו דער־קענען אז דאס איז די זעלבע מיידעל. נאכדעם האָט מען גע־בראכט דעם יונגען מאַן, און רבי ישמעאל האָט איהם גע־פרעגט: "מיין קינד, אָט מיט דיזער מיידעל האָסטו א נדר געטהאָן ניט חתונה צו האָבען?" האָט דער יונגער מאַן גע־ענטפערט: "ניין, דאן איז זי גאָר געווען אן אנדערע".

"אויב אזוי, איז דיין נדר בטל און דו קענסט מיט איהר חתונה האָבען", האָט ר' ישמעאל געזאָגט, און גלייך האָט ער אויסגעבראָכען מיט א געוויין: "די שעהנע אידישע טעכ־טער, ווי מיאוס די ארימקייט מאכט זיי!"

אן עהנליכער פאַל איז געווען מיט א מאַן וואָס האָט א נדר געטהאָן אז ער וועט ניט חתונה האָבען מיט א מיידעל, ווייל זי איז געווען מיאוס און עס האָט איהר אויסגעפעהלט א צאָהן. האט מען איהר געבראכט צו רבי ישמעאל, און ער האָט איהר שעהן געמאכט, איהר ארייַנגעשטעלט א גאָלדע־נעם צאָהן, און נאכדעם האָט דער בחור מיט איהר חתונה געהאט.

און אז רבי ישמעאל איז געשטאָרבען האָט מען איהם בע־קלאגט מיט די ווערטער: "וויינט, אידישע טעכטער, וויינט אויף רבי ישמעאל וועלכער פלעגט אייך קליידען אין זיידענס און אין טייערע ציערונג".

## 15

## צוליעב שלום בית

איינער האָט געהאט א פרוי וועלכע איז געווען זעהר העסליך און פול מיט פעהלערן. האָט ער צו איהר איינמאָל געזאָגט: "איך וועל מיט דיר ניט מעהר וואוינען צוזאמען, סיידען דו וועסט געהן צו ר' ישמעאל בר' יוסי און ער זאָל געפינען כאָטש איין שעהנע מעלה צווישען דיינע פעהלערן." איז די פרוי געקומען צו ר' ישמעאל'ן און געוואַרט אויף זיין משפט.

די תלמידים האָבען געמעלדעט צו רבי ישמעאל אז צו

איהם איז געקומען אזא און אזא פרוי מיט דעם צוועק אז ער זאָל אין איהר אויסגעפינען כאָטש איין שעהנע מעלה. האָט ר' ישמעאל געפרעגט: "אפשר האָט זי א שעהנעם קאָפּ?" האָבען די תלמידים געענטפערט: "איהר קאָפּ איז זעהר קיילעכדיג."

"האָט זי אפשר שעהנע האָאָר?"

"איהרע האָאָר זיינען אזוי ווי בינטלעך פלאקס".

"אפשר האָט זי שעהנע אויגען?"

"די אויגען איהרע זיינען קראנקע."

"האָט זי כאָטש שעהנע אויערן?"

"איהרע אויערן זיינען אזוי ווי טאָפּעלטע צוזאמענגעלייגטע."

"און וואָס פאר א נאָז האָט זי? א חנ'עוודיגע נאָז האָט א סך צו זאָגען."

"זי איז א פאנפעוואטע."

"נו, מוז זי דאָך האָבען שעהנע ליפּען."

"איהרע ליפּען זיינען גראָב — א חלשות אָנצוקוקען."

"מעגליך זי האָט א שעהנעם האלז."

"מען זעהט קיין סימן פון א האלז, עס ליגט איינגעזונקען צווישען איהרע שולטערן."

"האָט זי אפשר א שעהנע פיגור?"

"זי האָט א בויך וואָס איז געשוואָלען ווי א פאס."

"האָט זי געוויס שעהנע פיס."

"ברייטע — אזוי ווי ביי א גאנז."

רבי ישמעאל האָט שוין כמעט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו פרעגען.

אָבער צולעצט פאלט איהם איין צו פרעגען:

"זי מוז מסתמא האָבען א שעהנעם נאָמען. אדרבה, ווי הייסט זי?"

"לכלוכית, הייסט זי."

"אָה!" האָט רבי ישמעאל אויסגערופען, "זעהר א שעהנער נאָמער פאר איהר. עס פּאסט זיך איהר אויסגעצייכענט. לכלוכית מיינט אן איינגעשמירטע, און זי איז דורכאויס איינגעשמירט אין פעהלערן. שעהן, זעהר שעהן — זאָגט איהר מאן אז זיין נדר איז שוין בטל און ער קען מיט איהר ווידער וואוינען צוזאמען."

און אנדער מאן האָט געהאט א ווייב, וואָס ווי עס ווייזט

אויס פון דער געשיכטע איז זי געווען א קנאפע קעפין. האט ער איינמאל א נדר געטהאן אז ער וועט ניט פערזוכען איהרע געקעכטס ביז זי וועט זיי צוערשט געבען צו פערזוכען צו רבי יהודה און רבי שמעון.

האט די פרוי גענומען א טעפעל לייט געקעכטס און איז אוועק צו די צוויי תנאים. רבי יהודה האט פערזוכט איהר געקעכטס, ערקלעהרענדיג אז צוליעב שלום בית דארף מען טהאן אלעס אין דער וועלט. רבי שמעון האט ניט פערזוכט, זאגענדיג: "עס מעג זיך אפילו שטארבען איהר מאן, און איה־רע קינדער זאלען נאכדעם אויך שטארבען, אבער איך וועל זיך ניט ריהרען פון ארט און ניט איינגעוואוינען מענשען אויף זיך צו נעהמען נדרים, אומזיסט און אומנישט פאר יע־דען קליינעם קאפריז!"

## 16

# ווען מאן און ווייב פערשטעהען זיך ניט

ווען מאן און ווייב פערשטעהען זיך ניט קומען ארויס צרות.

איבערהויפט קומען ארויס צרות ווען יעדער פון די פאאר פאלק איז פון אן אנדער מדינה און איז ערצויגען געווארען מיט אנדערע בעגריפען און אנדערע געוואוי־הייטען.

דערצעהלט די גמרא אזא מעשה.

א איד פון בבל האט גענומען א ווייב פון ארץ ישראל. האט ער איהר איינמאל געהייסען קאכען "א פאאר לינזען", וואס אין בבל מיינט עס א ב י ס ע ל לינזען. די ארץ ישראל אידענע האט אבער געמיינט אז א פאאר איז דוקא צוויי, האט זי איהם אין א גרויס טעפעל אבגעקאכט פונקט צוויי לינזען. א צווייטען מאל האט ער שוין געוואלט זיין קליגער, האט ער איהר אנגעזאגט אז זי זאל קאכען א סך לינזען. האט זי אבגעקאכט זעהר א סך — שוין צופיעל. איינמאל האט ער איהר געהייסען ברייגען צוויי "בוציניך", וואס אין בבל מיינט עס צוויי קירבעסען. די פרוי האט איהם אבער געבראכט צוויי ליכט, ווייל אין ארץ ישראל פלעגט מען זאגען אויף ליכט "בוצינין". איז ער געווארען אין כעס און האט א געשריי געטהאן: "נעה און צוברעך זיי אויף בבא!" בבא מיינט אין בבל א טיהר. די פרוי האט

אָבער געמיינט אַז דער מאַן הייסט איהר די ליכט צוברע־כען אויף בבא בן בוטא. איז זי אַוועק צו בבא בן בוטא און האָט די ליכט צובראָכען אויף זיין קאָפּ.

„פאַר וואָס האָסטו דאָס געטהאָן ?" האָט בבא בן בוטא, דער גרויסער אידישער געלעהרטער און שטאַאַטסמאַן, גע־פרעגט ביי דער פרוי.

„אַזוי האָט מיר מיין מאַן געהייסען", האָט די פרוי גע־ענטפערט.

„דו האָסט געטהאָן דעם ווילען פון דיין מאַן", האָט בבא בן בוטא איהר געבענשט, „דערפאַר וועט דער אייבער־שטער דיר געבען אַזעלכע צוויי קינדער ווי איך".

## 17

## דער נדר פון אַ בחור

אַ בחור האָט איינמאָל אַ נדר געטהאָן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל איהם אסור זיין, אויב ער וועט נעהמען אַ פרוי, איידער ער וועט פריהער לערנען און ווערען אַ גרויסער למדן. האָט ער געלערענט, געקנייטשט דעם שטערען, געקראָכען אויף גלייכע ווענד, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין קאָפּ צום לערנען. און דערווייל איז איהם דער לעבען געוואָרען זעהר איבערדריסיג. האָט רב אחא בר רב הונא אויף איהם רחמנות בעקומען און האָט איהם איינגערעדט ער זאָל נעהמען אַ פרוי. רב אחא בר רב הונא האָט דאָס געטהאָן ווייל ער האָט געוואָלט אַז דער בחור זאָל צוערשט חתונה האָבען און דאַן וועט מען איהם מוזען מתיר נדר זיין, ווייל זאָלאַנג ער האָט קיין פרוי ניט געהאַט איז נאָך זיין נדר ניט אריין אין קראַפט.

אַז דער יונגער מאַן האָט חתונה געהאַט האָט איהם רב אחא בר רב הונא אויסגעשמירט דעם פּנים מיט ליים, כדי מען זאָל איהם ניט דערקענען, און האָט איהם געבראַכט צו רב חסדא'ן וועלכער האָט איהם גלייך בעפרייט פון זיין נדר.

## 18

## דער אונשולדיגער ליעבהאָבער

איינער אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט ניט קיין שעהנעם נאָמען, פלעגט אריינקומען צו אַ פערהייראַטער פרוי.

איינמאל, בעת דער ליעבהאָבער איז געזעסען ביי דער פרעמד־דער פרוי איז פלוצלונג אָנגעקומען איהר מאַן. האט דער ליעב־האָבער זיך שנעל בעהאלטען הינטער דעם פאָרהאַנג וואס איז געהאַנגען פאר א טיהר.

א היבשע צייט איז דער ליעבהאָבער געזעסען אין זיין בעהעלטעניס און האָט מורא געהאַט זיך צו ציינען. פון זיין בעהעלטעניס האָט ער זיך צוגעקוקט ווי א שלאַנג קריכט ארום, געהט־צו צו א פּאַק טייטלען וואס זיינען געלעגען אין א ווינקעל, בייסט, און עסט פון דעם. "די טייטלען זיינען יעצט פערגיפטעט", האָט זיך דער ליעבהאָבער געטראכט. מיט אמאל זעהט ער פון הינטער דעם פאָרהאַנג ווי דער מאַן פון דער פרוי רוקט אריין זיין האַנד און נעהמט עטליכע פון די טייטלען. "ער וועט עסען, ער וועט שטאַרבען און די פרוי וועט זיין פריי פאר מיר", האָט זיך דער ליעבהאָבער גע־טראַכט. אבער אין אַן אויגענבליק האָט ער זיך בערעכענט, אז ער וועט דעם מאַן נים לאָזען שטאַרבען. דער געוויסען האָט גענומען ריידען אין איהם, און דער ליעבהאָבער האָט פערגעסען אויף זיך אליין, איז ארויסגעשפרונגען פון זיין בעהעלטעניס, אָנגעכאַפּט דעם מאַן פאר'ן האַנד און אויסגע־רופען: "עס נים! די טייטלען זיינען פערגיפטעט!" און מיט דעם האט דער ליעבהאָבער גערעטעט דעם לעבען פון זיין געליעבטער'ס מאַן.

אבער ווי עס שיינט האָט דעם מאַן מעהר געאַרט די אונ־טרייהייט פון זיין פרוי אלס די געפאַהר אין וועלכער ער איז געווען. האָט ער זיין פרוי גערופען צו א דין תורה פאר רבא'ן. רבא האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע און נאכדעם האָט ער געזאָגט:

"די פרוי איז ריין פון זינד. ווען דער ליעבהאָבער וואָלט געהאַט געזינדיגט מיט איהר וואָלט ער דעם מאַן געלאָזט עסען די פערגיפטעטע טייטלען, אום ער זאָל שטאַרבען, און דער געליעבטער זאָל די פרוי האבען אין גאַנצען פאר זיך."

# מסכת נזיר

## .1

## די מחשבה איז דער עיקר

וואָס א מענש טהוט איז די מחשבה דער עיקר. איינער טהוט אמאָל אן עבירה, אָבער מיינען מיינט ער צו טהאָן א מצוה. אזא מענשען ווערט די עבירה פערעכענט פאר א מצוה.

ווייל דער עיקר איז די כוונה.

תמר האָט געזינדיגט און זמרי האָט געזינדיגט. תמר האָט געזינדיגט ווייכען פון איהר ארויסגעקומען מלכים און נביאים. זמרי האָט געזינדיגט און צוליעב זיין זינד האָבען צעהנדליגע טויזענדער אידען זייערע לעבענס פער־לאָרען.

## 2

## ר׳ מאיר׳ס תלמידים

נאָכדעם אז רבי מאיר איז געשטאָרבען האָט רבי יהודה געזאָגט צו זיינע תלמידים: ״איהר זאָלט אהער, אין אונ־זער בית המדרש, ניט אריינלאָזען רבי מאיר׳ס תלמידים, ווייל זיי האָבען ליעב זיך צו שפּאַרען, צו פיהרען וכוחים און זיך קריגען. ניט לערנען איז זייער בעגעהר, נאָר זיי קומען

אהער צו פיהרען מיט מיר פּלפּולים און צו מאכען דעם איינדרוק אז זיי קענען לערנען בעסער פון מיר".

אָבער טראָטץ ר' יהודה'ס בעפעהל האָט זיך סומכוס, איינער פון רבי מאיר'ס תלמידים, אריינגעשטופּט. און נאָך איהם זיינען שוין אנדערע פון זיינע חברים אויך אריינגעקומען. רבי יהודה איז געוואָרען בייז און ער האָט אויסגעשריען: "איך האָב דאָך אייך פערזאָגט, אז מען זאָל רבי מאיר'ס תלמידים אהער ניט אריינלאָזען". האָט ר' יוסי, אן אנדער תלמיד פון רבי מאיר, גענטפערט: "און וואָס וועט די וועלט זאָגען? מען וועט זאָגען: מאיר איז געשטאָרבען, יהודה איז געוואָרען בייז, יוסי האָט געשוויגען, טאָ וואָס וועט ווערען פון דער תורה?"

# מסכת גיטין

## 1

## א משל מיט צוויי שעפסען

ר׳ ישמעאל זאָגט:
ווער עס טיילט אָב פון זיין פערמעגען פאר צדקה רע־טעט ער זיך פון גיהנם. א משל צו צוויי שעפסען וואָס האָבען געדארפט אריבערגעהן א וואסער. איינע איז גע־ווען א געשאָרענע און די אנדערע ניט א געשאָרענע. די גע־שאָרענע איז געווען ליינט אין וואָג, איז זי דעם וואסער אריבער. די ניט געשאָרענע איז געווען צו שווער, האָט זי ניט געקענט אריבער.

## 2

## די ערנסטקייט פון א שבועה

אמאָל, אין א הונגער יאָהר, האָט א מאן געגעבען א גאָלדענעם רענדעל צו אן אלמנה אז זי זאָל עס האלטען פאר איהם. האָט די פרוי גענומען דעם רענדעל און האָט עס אריינגעלייגט אין א כלי אין וועלכע זי פלעגט האלטען מעהל. נאָכדעם, אז זי האָט געדארפט באקען ברויט, האָט זי זיך פערגעסען אז אין דעם מעהל געפינט זיך דער רענדעל, און זי האָט די ממבע איינגעבאקען אין א לעבעל ברויט.

שפּעטער, אַז אַן אָרימאַן איז געקומען און האָט געבעטן עפּעס צו עסן, האָט איהם די אַלמנה אוועקגעגעבן דעם ברויטעל מיט'ן רענדעל אין דעם.

אין אַ צייט אַרום, אַז דער מאַן איז געקומען און געפאָדערט זיין געלד, האָט די פרוי די מטבע ניט געקענט געפינען, און אַז דער מאַן האָט גענומען שרייען, "גיב מיר אָב מיין רענדעל!" האָט זי איהם געענטפערט: "פּער'סמ'ען זאָלען זיך די קינדער פון יענער פרוי וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ נוצען פון דיין געלד".

דערצעהלט מען, אַז עס האָט ניט לאַנג גענומען ביז ביי דער אַלמנה איז אַ קינד געשטאָרבען. און ווען די חכמים האָבען געהערט פון דעם אונגליק וואָס האָט דער פרוי געטראָפען, האָבען זיי געזאָגט: "ווען עס קען טרעפען אַזוינס איינעם וואָס האָט געשוואָרען אויף אַן אמת, הייסט ווי גרויס איז שוין די שטראָף פון די וואָס שווערען בכיון פאַלש!"

און פאַר וואָס איז די פרוי געשטראָפט געוואָרען? וויל זי האָט דאָך געהאַט אַ נוצען פון דעם רענדעל. דעם פּלאַץ וואָס דער רענדעל האָט פערנומען אין דעם ברויטעל האָט זי דאָך אָבגעשפּאָרט אויף מעהל. דער נוצען מעג זיך זיין אונבעדייטענד קליין, אָבער דערוויל האָט זי גאָרנישט מיינענדיג געשוואָרען פאַלש.

## 3

# רב נחמנ'ס טעכטער

ניט אימער זיינען קינדער געראַטען אין זייערע עלטערן. פון שלעכטע עלטערן קומען אַמאָל אַרויס גוטע קינדער און די זעלבע זאַך פאַרקעהרט.

און די טעכטער פון דעם גרויסען רב נחמן זיינען געווען גאָר ניט געראַטען אין זייער פאָטער.

איינמאָל האָט זיי עליש געזעהן מישען אַ הייסען טאָפּ מיט זייערע הוילע הענד. האָט ער געמיינט אַז דאָס איז, ווייל זיי זיינען זעהר פרום, דערפאַר קענען זיי בעווייזען אַזאַ נס. האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט איבער דעם. ער האָט זיך אַזוי געטראַכט: שלמה המלך האָט געזאָגט אַז צווישען טויזענד מענער האָט ער געפונען איינעם אַ רעכטען

און צווישען פרויען האָט ער אפילו דאָס אויך ניט געפונען. היינט ווי קומט עס דאס פרויען זאָלען קענען זיין אזעלכע צדקניות'ן ?

א צייט שפּעטער האָט זיך געמאכט אז עליש צוזאַמען מיט רב נחמנ'ס טעכטער זיינען געפאַנגען געוואָרען און מען האָט זיי אוועקגעפיהרט ווייט פון זייער היים. איין טאָג איז עליש געזעסען אין זיין קאַמערעל, אין דעם גע־פענגנים, און אן אנדערער געפאַנגענער איז געזעסען נעבען איהם. דיעזער מאַן האָט געקענט גוט פויגעל שפּראַך. און אזוי ווי זיי זיינען געזעסען איז געקומען א ראָב און גע־נומען שרייען. "וואָס זאָגט דער פויגעל ?" האָט עליש געפרעגט ביי זיין שכן. "ער זאָגט: עליש ענטלויף ! עליש ענטלויף !" האָט דער שכן ערקלעהרט.

"א ראָב דאַרף מען ניט גלויבען", האָט עליש גע־זאָגט, "א ראָב איז א ליגנער."

נאָכדעם איז געקומען א טייבעלע און האָט גענומען וואָרקען. "וואָס זאָגט די טייבעלע ?" האָט עליש גע־פרעגט. "די טייבעלע זאָגט: עליש ענטלויף !" האָט דער פויגעל־שפּראַך־קענער ערקלעהרט.

"די טייבעלע מעג מען גלויבען, ווייל דאָס אידישע פאָלק איז דאָך געגליכען צו א טויב", האָט עליש געזאָגט. "דאָס איז א בעוויז אז מיר וועט היינט געשעהן א נס".

איידער ער איז ענטלאָפען האָט עליש צו זיך געזאָגט: "איך וועל געהן זעהן וואָס מאַכען רב נחמנ'ס טעכטער. אויב זיי זיינען נאָך גוט און אָרענטליך ווי זיי זיינען געווען וועל איך זיי מיטנעהמען און ברייננען צוריק אהיים".

האָט ער אונטערגעהערט ווי זיי ריידען צווישען זיך: "אין דער היים האָבען מיר געהאַט מענער און דאָ האָבען מיר אויך מענער וואָס געפעלען אונז גאַנץ גוט, לאָמיר זאָגען אָט די מענשען וואָס האַלטען אונז דאָ געפאַנגען אז זיי זאָלען אונז אוועקשיקען ערגעץ ווייטער, גאַנץ ווייט פון דאַנען, כדי עס זאָלען אהער ניט אָנקומען מענשען וואָס קענען אונז און אונז בעפרייען פון דאַנען".

ווען עליש האָט דערהערט אזעלכע רייד, האָט ער לאַנג ניט געוואַרט און איז ענטלאָפען פון דאָרט צוזאַמען מיט זיין תפיסה־שכן. עליש'ן איז געשעהן א נס וואָס ער איז בשלום אריבער אין שיף און האָט זיך געראַטעוועט. זיין בעגלייטער האָט מען געכאַפּט און גע'הרג'עט.

ווען עיליש האָט זיך שפּעטער דערמאָנט אויף רבי נחמל'ס טעכטער, האָט ער געזאָגט: "אָט דאָס וואָס זיי האָבען געמישט א הייסען טאָפּ מיט זייערע הוילע הענד ציינט אז זיי זיינען געווען מכשפות".

## 4

# זיך אָבגערעכענט מיט די מענשענפרעסער

ריש לקיש האָט זיך איינמאָל פערקויפט צו מענשען-פרעסער. האָט ער מיט זיך גענומען א פערבונדענעם זאַק אין וועלכען עס האָט זיך געפונען א שווערער שטיין. די מאָדע איז געווען ביי יענע מענשענפרעסער, אז אין דעם לעצטען טאָג פון זייער קרבן פלעגען זיי איהם נאָכגעבען אלע זיינע פערלאַנגענס, כדי ער זאָל זיי מוחל זיין פאר דעם מאָרד. ווען עס איז געקומען דער לעצטער טאָג פון ריש לקיש, און מען האָט איהם געפרעגט וואָס ער וויל האָבען, האָט ער געענטפערט:

"איך פערלאַנג אז יעדער איינער פון אייך זאָל זיך לאָזען בינדען די הענד מיט די פיס און איך זאָל יעדען איינעם פון אייך געבען א גרויסען קלאַפּ און א קליינעם קלאַפּ".

האָט ער זיי געבונדען, זיי צוזעצט אויף דער ערד, און נאָכדעם האָט ער יעדען איינעם דערלאַנגט א זעץ מיט'ן זאַק איבער'ן קאָפּ. און ווי נאָר איינער האָט בעקומען דעם זעץ אין קאָפּ איז ער גלייך געפאַלען, א קריץ געטהאָן מיט די צייהנער און איז געשטאָרבען. "וואָס? איהר לאַכט פון מיר?" האָט ריש לקיש אויסגערופען. "וואַרט, איך וועל אייך אָבגעבען דעם קליינעם קלאַפּ אויך, וואָס איך בין אייך שולדיג". אזוי האָט ער זיי אויסגע'הרג'עט אלעמען ביז איינעם און איז נאָכדעם ענטלאָפען.

זיין גאַנצען לעבען האָט ריש לקיש נאָכדעם זיך געלאָזט וואוילגעהן און וואָס ער האָט פערדיענט האָט ער אויסגע-געבען אויף עסען און טרינקען. איינמאָל האָט איהם זיין טאָכטער געוואָלט געבען א קישען, ער זאָל זיך לייגען אויף דעם, האָט ריש לקיש געזאָגט: "טאָכטער מיינע, מיין בויך איז מיין קישען!" אזוי פעט איז ער געווען. און טראָץ דעם וואָס ער האָט געלעבט זעהר ברייט האָט ער נאָך זיין טויט איבערגעלאָזען א קב (אזא מאָאָס) מיט זאפרען, וואָס

אין יענע צייטען איז עס ווערטה געווען א גרויסער פער־מעגען.

## .5

# גרויסע אונגליקען צוליעב קליינע פאסירונגען

צוליעב א ניט געבעטענעם גאסט איז חרוב געווארען ירושלים. איבער א האהן מיט א הוהן איז חרוב געווארען די פראווינץ טור מלכא. און איבער א תאליאבלע פון א וואגען איז חרוב געווארען ביתר.

א רייכער מאן אין ירושלים האט געמאכט א גרויסע סעודה און ער האט איינגעלאדען א סך געסט. דיזער רייכער מאן האט געהאט א פריינד מיט'ן נאמען קמצא און א שונא וועמען מען האט גערופען בר קמצא. האט דער עושר געהייסען זיין דיענער אז ער זאל איינלאדען זיין פריינד קמצא. דער דיענער האט געמאכט א טעות און האט איינגעלאדען בר קמצא. ווען דער בעל שמחה האט צווישען זיינע געסט דער־זעהן זיצען זיין שונא בר קמצא. איז ער צו איהם צוגעגאנגען און געזאגט: "דו ביזט דאך מיין שונא—היינט וואס טהוסט דו דא? געה גלייך ארויס פון דאנען!"

"איך בעט דיך, פערשעהם מיך ניט פאר'ן עולם", האט בר קמצא געבעטען. "אז איך בין שוין געקומען, לאז מיך דא זיצען. איך וועל גארנישט עסען, גארנישט געניסען פון דיינע".

"ניין, דו מוזט פערלאזען דעם טיש", האט דער בעל הבית געזאגט.

"איך וועל דיר בעצאהלען פאר דעם וואס איך וועל עסען", האט בר קמצא ווידער געבעטען, "נאר לאז מיך פער־בלייבען".

"דו מוזט געהן!" האט דער בעל הבית זיך איינגע־שפארט.

"איך וועל דיר בעצאהלען א העלפט פון דעם וואס די גאנצע סעודה קאסט דיך, אבי מאך מיר ניט קיין לייטישע געלעבטער".

"ניין!"

"איך בעצאהל דיר וואס די גאנצע סעודה קאסט דיך".

"גיין און גיין!" און מיט דיזען לעצטן ענטפער האט דער בעל הבית גענומען בר קמצא'ן פאר'ן קארק, האט איהם אויפגעהויבען פון זיין ארט און ארויסגעטריבען פון הויז.

א פערשעהמטער, א בעליידיגטער איז בר קמצא גע־בליבען שטעהן אין גאס. זיין בלוט האט אָנגעהויבען צו זידען אין איהם, און ער האט צו זיך געזאגט. "אזוי פיעל אידישע געלעהרטע זיינען געזעסען ביים טיש און צוגעקוקט ווי דער מענש האט מיך אזוי בעליידיגט און זיי האבען זיך גאר ניט אָנגענומען פאר מיר. דאס צייגט אז זיי איז דאס געווען ניחא. איך וועל זיי דאס ניט שווייגען. איך וועל געהן און ברייננען א מסירה צו דער רוימישער רעגירונג".

בר קמצא איז אוועק אין רוים און האט געזאגט צום הערשער: "די אידען האבען געגען דיר געמאכט א בונד". האט דער הערשער געפרעגט: "און מיט וואס קענסטו דיינע רייד בעשטעטיגען?" האט בר קמצא אזוי געזאגט: "זאל דער קיסר שיקען אין בית המקדש א קרבן און זעהן אויב די אידען וועלען דאס מקריב זיין". האט דער קיסר געשיקט דורך איהם א קאלב. די קעלבעל איז געווען א גוטע, א געזונדע, די הדימע ביי איהר מוטער. אזעלכע קעלבלעך זיינען אימער די בעסטע. האט בר קמצא אויפ'ן וועג געמאכט א מום אין דער קעלבעל און איהר געבראכט אין ירושלים. איז געווארען א פראגע, ווי ברייננט מען א קרבן וואס האט אין זיך א מום? אָבער די רבנן האבען געזאגט, אז צוליעב שלום מלכות זאל מען דעם קרבן מקריב זיין. האט זיך אויפגעשטעלט רבי זכריה בן אבקילס און האט פּראָטעסטירט געגען דעם. האט מען געוואלט דעם מסור הרג'ענען, כדי ער זאל ניט געהן צו־ריק צום קיסר און מסר'ן, אז מען האט זיין קרבן ניט אָנגענו־מען. האט רבי זכריה בן אבקילס ווידער פּראָטעסטירט: "וואס וועט די וועלט זאגען? מען וועט זאגען אז דער וואס מאכט א מום אין א קרבן קומט איהם דערפאר טויטען". און אזוי האט דער מסור אויסגעפיהרט זיין פּלאַן און יין מסירה איז איהם געלונגען.

ר' יוחנן האט וועגען דעם אזוי געזאגט: "די געדולדיג־קייט פון רבי זכריה בן אבקילס, וואס ער האט רחמנות גע־האט אויפ'ן מסור, האט געבראכט צו דעם, אז אונזער בית המקדש איז חרוב געווארען און מיר זיינען פערטריבען גע־ווארען פון אונזער לאנד".

.6

## נירון'ס אָנקומען אין ירושלים

דער רוימישער הערשער איז געווארען שטארק אין כעס אויף די אידען פון ירושלים און ער האט אויף זיי געשיקט נירון קיסר. ווען נירון איז אָנגעקומען נאָהענט פון ירושלים האט ער געשאָסען א קויל נאָך מזרח, איז די קויל געפאלען אין ירושלים. האט ער געשאָסען צו מערב זייט, איז ווידער די קויל געפאלען אין ירושלים. אין וועלכער זייט נירון האט געשאָסען איז די קויל געפאלען אלץ אין ירושלים. דאס איז געווען א צייכען אז ירושלים מוז פאלען אין די הענד פון שונא. דאך איז נירון הפנים ניט געווען אין גאנצען זיכער. האט ער אָבגעשטעלט א איינגעלע אין גאס און געזאגט: "איינגעלע, זאג מיר עפעס א פסוק". האט דער איינגעלע גע־זאגט דעם פסוק: "און איך וועל נעהמען נקמה פון אדום פאר מיין פאָלק ישראל". נירון האט זיך א ווייל פערטראכט און נאכדעם האט ער געזאגט: "גאָט וויל חרוב מאכען זיין הויז און נאכדעם ווארפען די שולד אויף אן אנדערען". איז נירון אוועק פון דאָרט און האט זיך מגייר געווען, און פון איהם איז ארויס רבי מאיר.

.7

## די בעלאגערונג פון ירושלים

זעהענדיג אז נירון האָט זיין שליחות ניט אויסגעפיהרט, האָט די רוימישע הערשאפט געשיקט נאָך ירושלים אספסיינוס'ן. איז ער געקומען און האָט בעלאגערט די שטאָדט דריי יאָהר.

צו יענער צייט האָבען אין דער הייליגער שטאָדט געלעבט דריי רייכע לייט: נקדימון בן גוריון, כלבא שבוע און בן ציצית הכסת. דיזע דריי עשירים האָבען זיך אונטערנומען אויסצוהאלטען די איינוואָהנער פון דער בעלאגערטער שטאָדט. איינער האָט צוגעשטעלט ווייץ און גערשטען, דער צווייטער האָט אויסגעהאלטען מיט וויין, זאלץ און אויל, און דער דריטער האָט געגעבען האָלץ. די דריי רייכע לייט האָבען

געהאט נעגוג אויסצוהאלטען ירושלים אויף איין און צוואנציג יאהר.

דאך האבען די אידען געוואלט מאכען שלום מיט'ן שונא, אבער אין ירושלים האט זיך דאן געפונען א פארטיי פון מענשען היטץ קעפ, וואס האבען דוקא געוואלט מלחמה. "מיר דיינען צו שוואך צו קעמפפען נעגען אזא מעכטיגען שונא און מיר קענען ניט האפען אויף א זיעג", האבען די אידישע געלעהרטע פון ירושלים גע'טענה'ט. האבען די היטץ קעפ וואס האבען געוואלט מלחמה, פערברענט די שפייכלערס מיט די ווייץ און גערשטען, און אין ירושלים איז געווארען א שרעקליכער הונגער.

צו יענער צייט האט אין ירושלים געלעבט מרתא בת ביידוס, זעהר א רייכע פרוי. האט זי געזאגט צו איהר דיענער: "געה אין מארק און קויף מיר די פיינסטע זעמעל מעהל". ביז ער איז געקומען אין מארק איז די זעמעל מעהל אויסגעקויפט געווארען. איז ער צוריקגעקומען און געזאגט: "זעמעל מעהל איז ניט מעהר צו קריגען, אבער עס איז נאך דא אזוי ווייסע מעהל". האט זי געזאגט: "געה און ברייננ דאס מיר". ביז ער איז אנגעקומען אין מארק איז די ווייסע מעהל אויך אויסגעקויפט געווארען. איז ער צוריקגעקומען און געזאגט: "ווייסע מעהל איז שוין אויך נימא. מען קען נאך אבער בעקומען גראבע ברויט". האט זי מיט א זיפץ געזאגט: "ברענג מיר כאטש גראבע ברויט". דערוויילו, ביז ער איז געקומען אין מארק איז די גראבע ברויט אויך פערקויפט געווארען. איז ער צוריקגעקומען און געזאגט: "מעהר ווי גערשטען איז ניט צו בעקומען". מיט א געבראכענער הארץ האט זי איהם געבעטען, ער זאל זיך אונטעראיילען און כאטש ברייננען די גערשטען מעהל. אבער ער איז דיזען מאל אויך צוריקגעקומען מיט ליידיגען.

האט זי אראבגענומען די שיך, אלס א צייכען פון טרויער, און איז ארויס אין גאס זוכען עפעס צו דערהאלטען די נשמה. האט זי געפונען א טרוקענעם פייג, וואס ר' צדוק האט פריהער אויסגעזויגען און אוועקגעווארפען. פאר גרויס הונגער האט זי דאס אויפגעגעסען, אבער איז נאכדעם פון גרויס עקעל געשטארבען. איידער זי איז געשטארבען האט זי גענומען איהר גאנצע גאלד און זילבער און האט ארויסגעווארפען אין גאס, זאגענדיג: "וואס נוצען דיזע זאכען דעם מענשען אז ער קען פאר זיי גארנישט קריגען?"

ר׳ צדוק האָט פערציג יאָהר געפאַסט תעניתים, אַז ירושלים זאָל ניט חרוב ווערען. ער איז געוואָרען אזוי אויס־געמאַגערט אַז ווען ער פלעגט נעהמען עפּעס עסען פלעגט זיך דער עסען זעהן ביי איהם פון האַלז. ער האָט געלעבט נאָר אויף דעם וואָס ער פלעגט נעהמען אַ פייג און דאָס אויסזויגען און אַוועקוואַרפען. און איינע פון די דאָזיגע אויסגעזויגענע פייגען האָט דאָס די רייכע טאָכטער פון בייתוס געפונען.

## 8

# די שתדלנות פון ר׳ יוחנן בן זכאי

אבא סיקרא, דער אנפיהרער פון דער מלחמה פּאַרטיי אין ירושלים, איז געווען אַ זוהן פון רבי יוחנן בן זכאי׳ס שוועס־טער. האָט ר׳ יוחנן געשיקט אַ שליח אין געהיים און האָט איהם געבעטען צו קומען צו איהם. ר׳ יוחנן האָט בע־לאַנגט צו דער פּאַרטיי וואָס האָט געוואָלט שלום מיט די רוימער. אבא סיקרא איז געקומען. זאָגט ר׳ יוחנן: „ווי לאַנג וועט איהר אונז ניט לאָזען מאַכען שלום מיט די רוימער און דערווייל טויטעט איהר אַלעמען דורך הונגער?" אבא סיקרא האָט געענטפערט: „וואָס זאָל איך טהאָן? אויב איך וועל דאָס זאָגען צו מיינע מענשען וועלען זיי מיך הרג׳ענען אויפ׳ן אָרט".

„טאָ זוך אויס עפּעס אַמיטעל אַז איך זאָל קענען אַרויס־געהן פון ירושלים און איבערריידען מיט׳ן שונא, טאָמער וועל איך אויסווירקען עפּעס אַ הילף פאַר אידען", האָט ר׳ יוחנן געבעטען.

„איך האָב אַ פּלאַן", האָט אבא סיקרא געזאָגט, „לאָז אַרויס אַ קלאַנג אַז דו ביזט קראַנק, לייג זיך אַוועק אין בעט און דעק זיך צו מיט נבלה, און אַז מענשען וועלען קומען דיך מבקר חולה זיין, וועלען זיי מיינען אַז דו ביזט שוין געשטאָר־בען. נאָכדעם זאָלען דיך אַרויסטראָגען פון שטאָדט צוויי פון דיינע תלמידים, אַבער נאָר זיי און קיין אַנדערע, כדי מען זאָל ניט אויסגעפינען אַז דו לעבסט און ביזט געזונד." ר׳ יוחנן האָט געטהאָן אַלעס ווי אבא סיקרא האָט איהם גע־ראַטהען, און עס האָבען איהם געטראָגען אויף אַ מטה זיינע צוויי תלמידים ר׳ אליעזר פון איין זייט און ר׳ יהושע פון דער אַנדער זייט. ווען זיי זיינען אָנגעקומען ביים טויער פון

רער שטאָדט האָבען די וועכטער פון דער מלחמה פּאַרטיי בעקומען אַ חשד און זיי האָבען געוואָלט דעם קערפּער פון ר׳ יוחנן דורכשטעכען מיט אַ שפּיעז צו זעהן אויב מען נאַרט זיי ניט אָב. האָט אבא סיקרא געזאָגט: "טהוט עס ניט. די רוימער וועלען זאָגען, זיי האָבען דערשטאָכען זייער רבי׳ן". האָבען די וועכטער געוואָלט דעם קערפּער כאָטש אַ טרייסעל טהאָן. האָט זיי אבא סיקרא געווארנט: "וואס וועלען די רוימער זאָגען? זיי האָבען בעליידיגט זייער רבי׳ן". האָבען די וועכטער געלאָזט די מטה ארויסטראָגען פון שטאָדט. אויף אַזא אופן איז ר׳ יוחנן אָנגעקומען צום רוימי׳שען גענעראַל אספּסיינוס וועלכער האָט אָנגעפיהרט די בעלאַגערונג אויף ירושלים.

"פריעדען צו דיר, מלך!" האָט ר׳ יוחנן בעגריסט דעם גענעראַל. האָט אספּסיינוס געענטפערט: "דו האָסט צוויי מאָל פערדיענט דעם טויט. ערשטענס וואס דו רופסט מיך מלך און איך בין גאָר קיין מלך, און צווייטענס, אויב דו האַלטסט מיך יאָ פאַר אַ מלך, ווארום ביזטו ניט געקומען ביז יעצט?" האָט ר׳ יוחנן געענטפערט: "דאס וואס דו זאָגסט אַז דו ביזט קיין מלך, ווייס איך אַז דו ביזט יאָ אַ מלך, און קומען האָב איך ביז יעצט ניט געקענט, ווייל מען האָט מיך ניט געלאָזען".

דערווייל איז אָנגעקומען אַ שליח פון רוים און האָט גע־זאָגט צו אספּסיינוס: "איך בין געקומען דיר אָנזאָגען אַז דער קיסר איז געשטאָרבען און אַז דו ביזט ערוועהלט געוואָ־רען צו זיין קיסר אויף זיין אָרט". גראַדע אין יענעם מאָמענט האָט אספּסיינוס אָנגעטהאָן איינעם פון זיינע שיך. האָט ער געוואָלט אָנטהאָן דעם אַנדערען איז דאס ניט ארויף אויף זיין פוס. האָט ער פּרובירט אויסטהאָן דעם ערשטען האָט ער ניט געקענט ארונטער. "דאס ביזטו פון גרויס שמחה פעט געוואָרען", האָט ר׳ יוחנן איהם ערקלעהרט. "די איינציגע רפואה פאַר דיר איז אַז דו זאָלסט אָנקוקען איינעם אַ מענשען וואס דו קענסט איהם ניט פערטראָגען, וועסטו ווידער איינ־געצויגען ווערען". האָט אספּסיינוס אַזוי געטהאָן און עס האָט געווירקט.

"יעצט געה איך אוועק פון דאַנען", האָט אספּסיינוס גע־זאָגט, "און אַן אַנדערער וועט קומען אויף מיין אָרט. ווילסטו קענסטו מיר זאָגען דיין בעגעהר, וועל איך דאס טהאָן". ר׳ יוחנן האָט געהאט שטאַרק חשק איהם צו בעטען ער זאָל

אוועקנעהמען זיין חייל און ירושלים אין גאנצען צורות לאָזען, אבער ער האָט געוואוסט, אז אזוי פיעל וועט ער ניט אויס־פיהרען. האָט ר׳ יוחנן ביי איהם אויסגעווירקט דריי זאכען: ער זאָל צורוה לאָזען יבנה און די אידישע געלעהרטע וואס האָבען זיך דאָרט אויפגעהאַלטען, ער זאָל לאָזען לעבען די משפחה פון דעם נשיא רבן גמליאל וועלכע זיינען געווען פון דוד המלך׳ס שטאַם, און ער זאָל איהם געבען דאָקטוירים אויסצוהיילען ר׳ צדוק׳ן וועלכער איז זעהר קראַנק געוואָרען פון די תעניתים.

## 9

# טיטוס און דער מוק

נאכדעם ווי אספסיינוס האָט זיך צוריק געקעהרט נאָך רוים האָט ער געשיקט זיין זוהן טיטוס הרשע. טיטוס איז אריין אין בית המקדש, אין דער בעגלייטונג פון אן אויסגע־לאַסענער פרוי, און מיט גרויס פרעכהייט האָט ער גענומען בעליידיגען די היילינקייטען.

פאר גרויס ווילדקייט האָט ער שוין ניט געוואוסט וואס צו טהאָן, האָט ער צולעצט אריינגעשטאָכען זיין שווערד אין פרוכת. און עס האָט געטראָפען א נס, אז פון פרוכת האָט אָנגעהויבען צו גיהן בלוט, האָט טיטוס געמיינט אז ער האָט געמאכט א סוף פון דעם אידישען בעשיצער. גלויבענדיג אז יעצט האָט ער שוין ניט פאר וועמען מורא צו האָבען, האָט טיטוס אראָבגעריסען דעם פרוכת, אין דעם אריינגעלייגט די טייערסטע כלים פון בית המקדש און דאס מיטגענומען אין א שיף, אום צו פיהרען נאָך רוים און זיך דאָרט צו קענען בע־ריהמען מיט זיין גבורה. אויף דער רייזע האָט אויסגעבראָכען א שטורם און עס האָט געהאַלטען ביי דעם אז די שיף זאָל זינקען.

"עס שיינט צו זיין", האָט טיטוס געזאָגט, "אז דער אי־דישער גאָט איז מעכטיג נאָר אויפ׳ן ים. פרעה׳ן האָט ער געזונקען אין ים, סיסרא׳ן האָט ער געזונקען אין ים, און מיך וויל ער אויך בייקומען אין ים. אויב ער איז טאקע א גרויסער גבור זאָל ער מיט מיר מלחמה האַלטען אויף דער יבשה".

איז ארויס א בת קול און האָט צו איהם געזאָגט: "דו רשע בן רשע, דער אייניקעל פון עשו הרשע! איך האָב א

קליינע בעשעפענים אין מיין וועלם, מוז הייסט זי. גײט ארויף אויף דער יבשה און דיזע פימשינקע בעשעפענים וועט מיט דיר מלחמה האלטען".

ווי נאָר טיטוס איז ארויף אויף דער יבשה איז דער מוק אריין איהם אין קאָפּ דורכ'ן נאָז און געלעכערט זיין מח זיבען יאָהר כסדר. טיטוס האָט געליטען שרעקליכע שמערצען. איינמאָל איז איהם אויסגעקומען פערבייצוגעהן די טיהר פון א שמיעד. האָט זיך געהערט דער קלאַפּען פון האמער, איז דער מוק גלייך שטיל געוואָרען. "אויב אזוי", האָט טיטוס געזאָגט, "איז דאָך דאָ א מיטעל ווי איינצושטילען דעם מוק". פלעגט ער יעדען טאָג רופען א שמיעד צו זיך אין פאלאסט און דער שמיעד פלעגט פאר איהם קלאַפּען מיט'ן האמער. אויב דער שמיעד איז געווען א גוי פלעגט איהם טיטוס געבען פיער גילדען, נאָר אויב ער איז געווען א איד, פלעגט איהם טיטוס ניט בעצאָהלען און זאָגען: "עס איז פאר דיר גענוג אז דו זעהסט א נקמה אויף דיין שונא".

דער מיטעל האָט אזוי געווירקט בלויז פאר דרייסיג טעג, נאכדעם האָט זיך דער מוק צוגעוואוינט צו דעם קלאַפּען און ער האָט ווייטער גענומען גריזשען דעם מוח ווי פריהער.

איידער טיטוס איז געשטאָרבען האָט ער אָנגעזאָגט אז נאָך זיין טויט זאָל מען איהם פערברענען און די אש פון זיין קערפּער זאָל מען אויסשיטען אויף זיבען ימים, כדי דער אידישער גאָט זאָל איהם ניט קענען געפינען און איהם משפּט'ן פאר זיינע פערברעכענס.

## .10

# דער חורבן פון טור מלכא

אין דער פּראָווינץ טור מלכא איז געווען איינגעפיהרט א מנהג אז ווען מען האָט געפיהרט א חתן כלה צו דער חופּה, פלעגט מען פאר זיי טראָגען א האָהן מיט א הוהן, אלס א צייכען פון א ברכה אז זיי זאָלען זיך פרוכפּערן און מעהרען אזוי ווי די היהנער. איינמאָל, גראדע ווען מען האָט געפיהרט א חתן כלה צו דער חופּה, איז אָנגעקומען א פּאָלק רוימישע סאָלדאטען און זיי האָבען אוועקגענומען די הוהן מיט'ן האָהן. זיינען די אידען זיי בעפאלען און זיי געשלאָגען. די סאָלדאטען זיינען געקומען צום קיסר און געזאָגט: "די אידען האָבען

נענען דיר געמאכט א רעוואָלוציאָן". דער קיסר איז גלייך געקומען און איז בעמאַלען די אידען פון טור מלכא.

צווישען די אידען האָט זיך געפונען איינער א גרויסער גבור וואס האָט געציינט מערקווירדיגע העלדענטהאַטען און האָט אַנגעוואָרפען א שרעק אויף די רוימישע סאָלדאַטען. זעהענדיג אין וואס פאר א געפאהר ער איז, האָט דער קיסר אראָבגענומען פון זיך די קרוין, דאס אוועקגעלייגט אויף דער ערד און אויסגערופען: "רבונו של עולם! אויב דיר איז נאָר ניחא, זאָלסטו מיך ניט איבערגעבען אין די הענד פון אָט יענעם מענשען". נאכדעם איז דער אידישער העלד געשטאָר־בען דורך דעם ביס פון א שלאנג. ווען דער קיסר האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער געזאָגט: "דערפאר וואס מיר איז געשעהן אזא נס, וועל איך זיי צורה לאָזען". און ער איז אוועק.

ווען די אידען האָבען געזעהן אז די רוימער זיינען אוועק, האָבען זיי געמאכט א גרויסע שמחה, האָבען געגעסען, גע־טרונקען און געטאנצט און אָנגעצונדען ליכט. די אילומינא־ציע איז געווען אזוי גרויס, דאס מען האָט געקענט פאר א מייל ווייט זעהן דעם שטעמפּל פון א רינג. ווען דער קיסר האָט זיך דערוואוסט האָט ער געזאָגט: "די אידען פרעהען זיך וואס איך בין אוועק און זיי מיינען אז זיי האָבען מיך בעזיעגט". האָט זיך דער קיסר צוריקגעקעהרט מיט זיין ארמיי און האָט געמאכט א שרעקליכע הריגה אויף די אידען.

ר' אסי דערצעהלט אז דריי הונדערט טויזענד סאָלדאטען מיט בלויזע שווערדען זיינען אריינגעקומען אין טור מלכא און האָבען אָנגעהויבען א הריגה וואס האָט זיך געצויגען דריי טעג מיט דריי נעכט. און בעת די רוימער האָבען גע'הרג'עט אין איין געגענד האָט מען אין דעם אנדער געגענד גאָר ניט געוואוסט אז זיי זיינען דאָ, און מען האָט נאָך אלץ געהאל־טען אין פרעהען זיך און טאנצען.

## 11

## פרימער פון יוסף הצדיק

אין די צייטען פון חורבן האָבען זיך אין א דאָרף געפונען א בחור מיט א מיידעל וועלכע זיינען געווען פערלאָבט צווי־שען זיך. האָבען זיי גוים גענומען אין געפאנגענשאפט, זיי

אוועקגעפיהרט ווייט פון זייער היים, און זיי געלאָזט וואוינען צוזאמען. חתן כלה האָבען איינע די אנדערע שטארק ליעב געהאט, אבער אזוי ווי זיי זיינען נאָך נים געווען פערהייראט, האָט די כלה געזאָגט צום חתן: "איך בעט דיך, ריהר מיך נים אָן, ווייל איך האָב פון דיר קיין כתובה". און ביז זיין טויט האָט ער זיך מיט איהר פערהאלטען ווי א ברודער מיט א שוועסטער.

ווען ער איז געשטאָרבען, האָט די כלה געזאָגט צו די אי־דען וואס זיינען געווען געפאנגען מיט זיי: "קלאָגט אויף דיזען מענשען וואס איז געווען נאָך פרימער פון יוסף הצדיק, דען יוסף הצדיק האָט געהאט צו קעמפפען מיט זיין נסיון בלויז איין מאָל, און דער האָט דעם קאמפף אָנגעפיהרט א גאנצען לעבען".

## 12
# דער חורבן פון ביתר

אין ביתר איז געווען איינגעפיהרט אז ווען עס פלעגט געבוירען ווערען א אינגעל פלעגט מען פאר איהם פלאנצען א צעדערבוים. ווען עס פלעגט געבוירען ווערען א מיידעל פלעגט מען פלאנצען א סאָסנע בוים. נאכדעם אז דער אינגעל און די מיידעל פלעגען אויסוואקסען און חתונה האָבען, פלעגט מען זייערע בוימער אויסהאקען און מאכען פון די האָלץ א חופה.

האָט זיך אמאָל געמאכט אז דעם קיסר'ס טאָכטער איז דורכגעפאָהרען ביתר, און גראדע ווען זי איז אהין אָנגעקומען האָט זיך צובראָכען א האליאָבלע פון איהר וואָגען. האָבען איהר בעגלייטער אויסגעהאקט א צעדערבוים און געמאכט פון דעם א נייע האָליאָבלע. די אידען האָבען נים געקענט פערטראָגען די בעלייידיגונג און האָבען בעפאלען און געשלאָ־גען די בעגלייטער. זיינען די בעגלייטער מיט'ן קיסר'ס טאָכ־טער אוועק צום קיסר און איהם געזאָגט: "די אידען האָבען נעגען דיר געמאכט אן אויפשטאנד". דער קיסר האָט גע־נומען זיין חיל און איז בעפאלען די אידען. אזוי גרויס איז געווען די הריגה, דאס די בלוט פון מענער און פרויען און קינדער איז געפלאָסען אין גרויסע שטראָמען און איז גע־לאָפען אין ים אריין, וועלכע איז געווען א מייל ווייט פון דער הריגה.

## 13

# פאר די בלוט פון דעם נביא

אכציג טויזענד יונגע כהנים זיינען אומגעקומען צו־ליעב די בלוט פון זכריה וועלכען די אידען האבען דער־הרג'עט אין בית המקדש. זכריה איז געווען א כהן און א נביא, און דערפאר ווייל ער פלעגט די אידען שטראפען מיט רייד, האט מען איהם געטויטעט אין א יום כפור וואס איז געפאלען אום שבת.

ווען נבוזראדן איז געקומען און איז בעפאלען ירושלים, האט ער אריינקומענדיג אין בית המקדש געפונען דעם נביא'ס בלוט נאך פריש אוןווארים — עס האט געהאלטען אין זידען. "וואס איז דאס פאר א בלוט?" האט נבוזראדן געפרעגט. האט מען איהם געענטפערט אז דאס איז די בלוט פון קיה און שעפסען וואס מען האט געבראכט אלס קרבנות. נבוזראדן האט דאס ניט געגלויבט. האט ער גע־הייסען ברייגנען קיה און שעפסען, זיי גע'הרג'עט און גע־לאזט פערגלייכען זייער בלוט, איז אבער די בלוט וואס ער האט געפונען אין בית המקדש געווען פון א גאנץ אנדער אויסזעהן. נבוזראדן האט געלאזט ברייגנען די בלוט פון פערשיעדענע לעבעדיגע ברואים, און ער האט אלץ ניט גע־קענט געפינען אן עהנליכקייט צו די בלוט וואס ער האט דארט געזעהן קאכען און זידען. האט נבוזראדן אזוי גע־זאגט צו די אידען:

"אויב איהר ווילט מיר אויסזאגען איז גוט, אויב ניט וועל איך די אלע אייערע לייט צוקראצען זייער לייב מיט אייזערנע קאמען".

די אידען האבען זיך ערשראקען און האבען זיך מודה געווען.

"וואס זאלען מיר פון דיר בעהאלטען", האבען זיי געזאגט, "מיר האבען געהאט א מאן וועלכער איז געווען א נביא און א כהן, פלעגט ער אונז שטראפען אין נאמען פון גאט. האבען מיר זיין מוסר ניט געוואלט הערען, נאר מיר האבען גענומען און איהם דער'הרג'עט".

"אויב אזוי, וועל איך איבערבעטען אייער נביא", האט נבוזראדן געזאגט, "און וועל איינשטילען זיין בלוט".

האָט נבוזראדן געבראַכט די גרויסע סנהדרין, זיי גע־קוילעט אויף דעם זעלבען אָרט וואו זכריה'ס בלוט האָט געזאָדען. די בלוט האט זיך צוזאַמענגעמישט, אבער די בלוט פון דעם נביא איז נים איינגעשטילט געוואָרען. האָט ער נאָכדעם געבראַכט די קליינע סנהדרין און זיי אויסגע־קוילעט אויפ'ן אָרט, אָבער דאָס בלוט פון דעם נביא האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין זיעדען. נאָכדעם האָט ער געבראַכט די יונגע כהנים, האָט זיי אויך געקוילעט און זיך צוגעקוקט ווי זייער בלוט מישט זיך מיט די בלוט פון דעם נביא. אָבער זכריה'ס בלוט איז נאָך אַלץ נים געשטילט געוואָרען. האָט נבוזראדן צולעצט געלאָזט ברייגגען קליינע קינדער־לעך וואָס געהען נאָך אין חדר, און אפילו די בלוט פון דיזע אונשולדיגע קינדערלעך האָט אויך נים איינגעשטילט די בלוט פון דעם ערמאָרדעטען נביא. דאָ האָט נבוזראדן אויסגערופען צום נביא: "די בעסטע פון דיין פאָלק האָב איך געלאָזט אומברייגגען צוליעב דיר, ווילסטו אז איך זאָל אויסקוילענען אלע אידען?" אין דעם אויגענבליק האָט די בלוט פון דעם נביא אויפגעהערט צו קאָכען און עס איז געוואָרען שטיל.

ווען נבוזראדן האָט דאָס געזעהן האָט ער זיך אַזוי פערטראַכט: ווען מען הרג'עט איין אידען איז די שטראָף אַזוי גרויס, היינט ווי וועט שוין זיין די שטראָף פון דעם וואָס האָט אויסגע'הרג'עט אַ סך אידישע נפשות? איז נבוזראדן אוועק אהיים, געמאַכט אַ צוואה וואָס מען זאָל טהאָן מיט זיינע גיטער, און נאָכדעם האָט ער זיך מגייר געווען און איז געוואָרען אַ איד.

# 14

# מרים און איהרע זיבען זיהן

דאָס איז די געשיכטע פון דער מוטער און איהרע זיבען יונגע מערטירער.

מרים בת נחתום און איהרע זיבען זיהן זיינען געפאַנגען און געבראַכט געוואָרען צום קיסר. מען האָט די קינדער פערשפאַרט אין זיבען בעזונדערע צימערען און מען האָט זיי פאַר'ן קיסר געבראַכט איינציג ווייז. ווען מען האָט געבראַכט דעם ערשטען, האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט: "בוק זיך צום געטץ." האָט דער איינגעל געענטפערט: "ניין!

ווייל אין די עשרת הדברות שטעהט אז גאָט איז אונזער גאָט." האָט מען דעם איינגעל אַרויסגעפיהרט און גע'הרג'עט. ווען מען האָט געבראַכט דעם צווייטען און דער קיסר האָט איהם געהייסען זיך בוקען צום געמיץ, האָט ער געזאָגט: "חס ושלום! מיין ברודער האָט זיך ניט געבוקט און איך וועל זיך אויך ניט בוקען." האָט דער קיסר געפרעגט: "פאַר וואָס?" האָט דער איינגעל געענטפערט: "ווייל אין אונזער תורה שטעהט: "זאָלסט קיין אַנדער גאָט אַנערקענען אויסער מיך." האָט דער קיסר גלייך געהייסען מען זאָל איהם הרג'ענען. נאָכדעם האָט ער געהייסען ברייננען דעם דריטען און צו איהם געזאָגט: "בוק זיך צום געמיץ!" האָט דער איינגעל געענטפערט: "איך וועל זיך צו דיין געמיץ ניט בוקען, ווייל אין דער תורה שטעהט אַז צו קיין אַנדער גאָט טאָהר מען זיך ניט בוקען." האָט דער קיסר גלייך געהייסען איהם הרג'ענען. נאָכדעם האָט ער געהייסען ברייננען דעם פערטען. דער פערטער האָט אויך ניט געוואָלט זיך בוקען צו דער עבודה זרה און האָט געזאָגט דעם פסוק: "דער וואָס דיענט אַ פרעמדען גאָט זאָל זיין אין חרם." האָט דער קיסר געהייסען איהם גלייך הרג'ענען און ברייננען זיין איינגערען ברודער, דעם פינפטען. ווען דער פינפטער איז געבראַכט געוואָרען, האָט ער מיט שטאָלצער גבורה אויסגעשריען: "שמע ישראל! אונזער גאָט איז איין איינציגער!" האָט מען איהם אויך פער'משפט צום טויט. און אַזוי איז אויך געווען מיט דעם זעקסטען.

צולעצט האָט מען געבראַכט דעם זיבעטען, וועלכער איז געווען דער איינגסטער פון אַלע. האָט דער קיסר געזאָגט צו איהם: "דו ביזט נאָך אַזוי קליין און יונג, דו האָסט נאָך די וועלט ניט געזעהן, פון קיין לעבען געוואוסט — בוק זיך צום געמיץ און דיר וועט זיין גוט און וואויל, איך וועל צו דייר זיין זעהר גוט." האָט דער איינגעלע געענטפערט: "גאָט'ס הערשאַפט דויערט אויביג, אָבער די הערשאַפט פון אַ מענ־שען איז גאָר נישט ווערטה. אַ מענש היינט לעבט ער, מאָרגען שטאַרבט ער. היינט איז ער רייך, מאָרגען איז ער אַן אָרי־מאַן."

"הער צו," האָט דער קיסר געזאָגט, "ביזט נאָך גאָר

א קינד און איך וויל רעטען דיין לעבען. איך וועל א וואַרף טהאָן מיין רינג אויף דער ערד און דו בויג זיך איין און הויב דאס אויף, כדי מיינע מענשען זאָלען מיינען אז דו האָסט זיך געבוקט צום געטץ".

"וועה צו דיר," האָט דער אינגעלע געענטפערט, "וואָס דו האָסט מורא פאַר דעם וואָס מענשען וועלען זאָגען וועגען דיר. היינט ווי זאָל איך שוין ניט מורא האָבען פאַר דעם מלך מלכי המלכים, דער הערשער פון דער גאַנצער וועלט?"

לאַנג נאָך האָט דער קיסר געזוכט איבערצורעדען דעם אינגעלע אז ער זאָל זיך אונטערגעבען צו זיין ווילען, אָבער זעהענדיג אז ער איז אַלץ איינגעשפּאַרט האָט דער קיסר איהם אויך פער'משפט צום טויט.

"איך בעט דיך!" האָט די מוטער אויסגערופען צום קיסר, "איידער דו לאָזט מיין לעצטען קינד טויטען גיב איהם צו מיר, איך זאָל איהם קענען נעהמען אין מיין שויס און איהם גוט אָנקושען."

האָט מען איהר דאָס געטהאָן צוליעב. זי האָט גענומען איהר קינד, איהם געגעבען די ברוסט אין מויל און איהם אָנגעזויגען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט צום קסר: "איך שווער ביי דיין לעבען, אז דו מוזט פריהער מיך הרג'ענען און נאָכדעם מיין קינד."

"ניין, דאָס קען איך ניט טהאָן," האָט דער קיסר געענטפערט. "שטעהט דען ניט אין אייער תורה, אז אַן אָקס אָדער א שעפּס טאָהר מען ניט שעכטען אין איין טאָג מיט'ן קינד?"

"דו נאַר איינער!" האָט די מוטער מיט ביטערען שפּאָט אויסגערופען. "דו האָסט דען מקיים געווען אַלע מצות פון דער תורה און דיר איז פערבליבען בלויז די איין מצוה?"

"טויטעט דעם אינגעל די מינוט!" האָט דער קיסר בעפוילען זיינע מענשען.

אָבער די מוטער האָט איהר קינד ניט אָפּגעלאָזען. זי האָט איהם געהאלזט און געקושט, און מיט א ביטערליכען יאָמער האָט זי אויסגערופען:

"געה, מיין קינד, צו אברהם אבינו און זאָג איהם: אזוי האָט מיין מוטער געזאָגט. זאָלסט זיך גאָר ניט גרויס

האַלטען און זאָגען אַז זי האָסט אַליין געבויט אַ מזבח און האָסט אויף דעם מקריב געווען דיין זוהן יצחק. אָט האָט מיין מוטער געבויט זיבען מזבחות און האָט מקריב געווען זיבען זיהן אין איין טאָג. ביי דיר איז דאָס געווען בלויז אַ פּראָבע און דיין זוהן איז לעבען געבליבען, און ביי מיר האָט מען טאַקע מיינע קינדער אויסגע'הרג'עט."

און אַזוי ווי זי האָט גערעדט צו איהר קינד און איהם געהאַלזט און געקושט, האָט מען איהם ערמאָרדעט ביי איהר אויף די הענד.

צו יענער צייט האָט די גאַנצע וועלט געשטורמט מיט דער מערטירעריי פון די זיבען זיהן, און די אומות העולם האָבען געפרעגט: "וואָס פאַר אַ נוצען טהוט עס דער אידי־שער גאָט צו זיינע אידען וואָס זיי לאָזען זיך אויסקוילענען צוליעב איהם צו יעדער צייט?"

אַ קורצע צייט נאָך דער גרויסער טראַגעדיע איז די מוטער פון די זיבען זיהן פון זינען אַרונטער. זי איז אַרויף אויף אַ דאַך, האָט זיך פון דאָרט אַ וואָרף געטהאָן און איז געשטאָרבען.

אַ נ מ ע ר ק ו נ ג . — דיזע געשיכטע איז בעסער בעקאַנט דורך די אַפּאָקריפען אַלס "חנה און איהרע זיעבען קינדער." אין תלמוד ווערט דער נאָמען פון דער מוטער ניט אָנגעגעבען, און אין מדרש ווערט זי גערופען "מרים בת נחתום."

## 15

# די פיער הונדערט קדושים

פיער הונדערט אידישע אינגלעך און מיידלעך זיינען געפאַנגען געוואָרען צו שבוי און דער שונא האָט זיי גע־פיהרט אין זיין לאַנד. אויפ'ן וועג האָבען די קינדער זיך בעדענקט צו וואָס פאַר אַ סאָרט לעבען מען פיהרט זיי און וואָס עס שטעהט זיי פאָר אין דער צוקונפט. האָבען זיי

גענומען ריידען צווישען זיך, אפשר איז בעסער אז זיי זאָלען זיך דערטרינקען אין ים, איידער צו זיין ביים שונא אין די הענד. האט דער עלטסטער פון די אינגלעך גענומען אלעמען צורײדען אז זיי זאָלען זיך שליידערען אין וואסער אריין. די מיידלעך זיינען געווען די ערשטע איהם צו פאָלגען. די אינגלעך האָבען זיך אראָבגענומען א מוסר פון די מיידלעך און זיי זיינען אויך אריינגעשפרונגען אין ים, און זיי זיינען אלע דערטרונקען געוואָרען על קדוש השם.

## 16

# דער קליינער געפאנגענער

ווען רבי יהושע בן חנניה איז איינמאָל אָנגעקומען אין א גרויסער שטאָדט אין רוים, האָט מען איהם דערצעהלט אז אין געפענגניס דאָרט געפינט זיך א קליין אינגעלע, זעהר א שעהנער, מיט ליכטיגע אויגעלעך און געקרייזעלטע לאָקען. איז רבי יהושע אוועק צום געפענגניס, האָט זיך געשטעלט ביים טיהר און גענומען זאָגען דעם פסוק (פון ישעיה מ"ב): "ווער האָט די אידען איבערגעגעבען אין די הענד פון די רויבער?" האָט דער אינגעלע געזאָגט וואָס ווייטער שטעהט: "דאָס האָט גאָט געטהאָן דערפאר וואָס מיר האָבען געגען איהם געזינדיגט און ניט געוואָלט געהן אין זיינע וועגען."

ר' יהושע איז געוואָרען שטארק גערירט און ער האָט אויסגערופען:

"איך בין זיכער אז דער אינגעל וועט זיין א לעהרער פון זיין פאָלק. איך שווער אז איך געה ניט אוועק פון דאַנען ביז איך וועל איהם אויסלעזען פון דאַנען. איך וועל פאר איהם געבען פיעל געלד מען וועט בעטען."

און מען דערצעהלט, אז ר' יהושע איז טאקע פון דאָרט ניט אוועק ביז ער האָט דעם אינגעלע אויסגעלעזט פאר א גרויסע סומע געלד. און עס האָט ניט גענומען א לאַנגע צייט און דער אינגעלע איז טאקע געוואָרען א גרויסער לעהרער ביי אידען. און ווער איז דאָס געווען? רבי ישמעאל בן אלישע.

## 17

# די טראַגעדיע פון ברודער און שוועסטער

אין יענע שרעקליכע צייטען פון חורבן זיינען אַ ברודער און אַ שוועסטער, די קינדער פון צדוק כהן גדול, געפאַנגען געוואָרען און פערפיהרט געוואָרען ווייט, זעהר ווייט פון זייער היים. דעם ברודער האָט צוגענומען איין אָפיציר און די שוועסטער האָט צוגענומען אַן אנדער אָפיציר. און אַזוי זיינען ברודער און שוועסטער אָבגעריסען געוואָרען איינער פון אנדערען אַ לאַנגע צייט. דעם ברודער האָט דער אָפיציער אוועקגעשענקט צו אַן אויסגעלאַסענער פרוי, און די שוועסטער האָט דער אַנדער אָפיציער אוועקגעגעבען צו אַ וויינשענקער פאַר ווייך. אַ צייט שפּעטער, ווען די קינדער זיינען שוין גרויס געוואָרען, איז די פרוי געקומען צום וויינשענקער און האָט געזאָגט:

„איך בין צו דיר געקומען וועגען אַ שעהנעם בחור'ל וואָס געפינט זיך ביי מיר. ער איז אַזוי שעהן ווי די מיידעל וואָס דו האָסט אָבגעקויפט ביי אַן אָפיציער. אויב דו ווילסט זאָלען זיי זיך נעהמען איינע די אַנדערע. און די קינדער וואָס זיי וועלען האָבען וועלען מיר זיך פערטיילען צווישען זיך."

דער וויינשענקער איז געווען צופריעדען און איז איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאָג. מען האָט געבראַכט דעם בחור מיט דער מיידעל און זיי אריינגעזעצט אין איין צימער. די מיידעל און דער בחור האָבען איינע די אנדערע ניט דערקענט. די צייט און די צרות וואָס זיי האָבען דורכגעלעבט האָט זיי פיעל געענדערט. זיי האָבען געמיינט אַז זיי זיינען פרעמד איינער צום אַנדערען. גלייך ווי זיי זיינען פערבליבען אליין האָט די מיידעל אָנגעהויבען צו וויינען. „זאָג מיר, וואָס וויינסטו?" האָט דער בחור'ל געפרעגט. האָט די מיידעל געענטפערט: „ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך, די טאָכטער פון אַ כהן גדול, זאָל ווערען די פרוי פון אַן איינפאַכען קנעכט?"

„וועמעס טאָכטער ביזטו, האָסטו געזאָגט?" האָט דער בחור'ל איבערגעפרעגט און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט אין איהם פאַר אויפרעגונג.

„די טאָכטער פון צדוק כהן גדול", האָט די מיידעל געענטפערט.

דער בחור'ל האט דאס קוים געקענט גלויבען. האט ער גענומען ארומפרעגען די מיידעל וועגען דעם ארט וואו זי האט געוואוינט ווען זי איז א קינד געווען, און איהרע ענט־פערס האבען געשטימט מיט דעם ארט וואו ער אליין האט זיך ערצויגען. זאל עס מעגליך זיין אז דיזע מיידעל איז זיין פערלארענע שוועסטער? האט ער איהר ווייטער געפרעגט: "זאג מיר, האסטו געהאט א ברודער אדער א שוועסטער?" האט זי געענטפערט: "איך האב געהאט א ברודער'ל, און ביי איהם אויפ'ן פלייצע איז געווען א באראדעווקע, און יעדען מאל אז ער פלעגט קומען פון חדר, פלעג איך אויפזוכען די באראדעווקע און דאס א קוש טהאן".

"אויב דו וואלסט זיך גוט איינגעקוקט אין איהם וואלסטו איהם דערקענט?" האט דער בחור געפרעגט.

"יא!" האט זי געענטפערט.

איז ער צו איהר צוגעגאנגען נעהנטער און זי האט איהם דערקענט. ברודער און שוועסטער האבען זיך איינע די אנדע־רע ארומגענומען, זיך געצערטעלט און געקושט ביז זייערע נשמות זיינען אויסגעגאנגען, און זיי זיינען געשטארבען א הייליגען טוים.

# 18

## די שעהנע צפנת

צפנת בת פניאל איז געווען א זעלטען שעהנע פרוי. אזוי שעהן איז זי געווען, דאס ווען זי פלעגט זיך בעווייזען אין גאס פלעגען אלע זיך איינקוקען אויף איהר שעהנעם פנים. אין דער צייט פון דעם חורבן איז זי אריינגעפאלען אין די הענד פון א רוימישען אפיציר, און נאכדעם ווי ער האט איהר געהאלטען געפאנגען א גאנצע נאכט האט ער איהר אנגעטהאן זיבען העמדער און האט איהר ארויסגעפיהרט אין מארק צו פערקויפען. איז געקומען א מענש וואס איז געווען שרעקליך מיאוס און האט געזאגט: "לאז מיך זעהן ווי שעהן זי איז". האט דער אפיציער געזאגט: "דו נארישער מענש! אויב דו ווילסט איהר נעהמען ווי זי איז, פערזיכער איך דיר אז אזא שעהנהייט איז נישט צו געפינען אין דער גאנצער וועלט". אבער דער משוגע'ער מענש האט זיך איינגעשפארט און ער וויל איהר ניט אנרירען, און ער האט פון איהר אראבגעצויגען זעקס פון

די חעמדער. ווען עס איז געקומען צו דער לעצטער העמד, האט די געפאנגענע דאס אליין אויף זיך צוריסען, זי האט זיך גענומען קייקלען אין אש און מיט א הארצרייסענדען געשריי האט זי אויסגערופען: ״רבונו של עולם! אויב דו האסט אונז ניט געשוינט, האסטו כאטש געדארפט שוינען דיין גרויסען נאמען!״

## 19

# די געטריבענע פרוי

א לעהרלינג ביי א טישלער האט געווארפען אן אויג אויף דער פרוי פון זיין בעל הבית. איינמאל האט דער בעל הבית געדארפט האבען געלד, האט דער לעהרלינג געזאגט צו איהם: ״איך קען דיר לייהען. שיק צו דיין פרוי צו מיר אהיים און איך וועל איהר געבען דאס געלד״. דער בעל הבית וואט קיין חשד נעהאט, האט ער זיין פרוי געשיקט צום לעהרלינג. האט איהר דער לעהרלינג בעהאלטען ביי זיך דריי טעג. אויף דעם פערטען טאג, גאנץ פריה, איז דער בעל הבית געקומען, און געפרעגט: ״מיין פרוי וואס איך האב דיר געשיקט, וואו איז זי?״

דער לעהרלינג האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג און האט געענטפערט: ״איך האב איהר געגעבען דאס געלד און גלייך אוועקגעשיקט אהיים, אבער הערען האב איך געהערט, אז אויפ׳ן וועג האט זי זיך צוזאמענגעטראפען מיט יונגווארג און זיי האבען מיט איהר די גאנצע צייט פערבראכט״. ״טא וואס זאל איך טהאן?״ האט דער טישלער געפרעגט. ״אז דו ווילסט מיך פאלגען, גט איהר אב״, האט דער לעהרלינג געענטפערט.

״זי האט אבער א גרויסע כתובה״, האט דער טישלער געזאגט, ״און איך קען דאס איהר ניט אויסצאהלען״.

״איך וועל דיר לייהען דאס געלד, צאהל איהר אויס די כתובה און ווער פון איהר פטור״, האט דער לעהרלינג איהם אנגעבאטען.

דער מאן פון דער פרוי האט זיך נאר ניט אנגעשטויסען, אז דער לעהרלינג און זיין פאלשע פרוי האבען געמאכט א פערשווערונג געגען איהם. איז ער געגאנגען און האט זיין פרוי אבגע׳גט. גלייך נאכדעם ווי ער האט די פרוי אבגע׳גט האט דער לעהרלינג מיט איהר חתונה געהאט.

דאס איז אבער נאך ניט געווען גענוג פאר דעם געמיינעם

לעהרלינג. ער האָט נאָך געמאָהנט ביי זיין לעהרער אז ער זאָל איהם בעצאָהלען די געלד וואָס ער האָט איהם אויסגע־ליהען אויף דער כתובה, און אז דער בעטראָגענער מאַן האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען האָט דער לעהרלינג צו איהם געזאָגט: „קום צו מיר אהיים, און ארבייט מיר אָב פאר דעם חוב".

און דער געוועזענער בעל הבית איז געוואָרען א דיענער ביי זיין לעהרלינג.

פלעגען די זינדיגע פּאארעל זיצען צוזאמען ביים טיש, עסען און טרינקען, און ער, דער אונגליקליכער טישלער, פלעגט זיי בעדיענען און זיי צוטראָגען וויין צום טיש, און זיינע טרעהרען פלעגען פאַלען פון זיינע אויגען אין די בע־כערס אריין.

## 20

# שלמה המלך און דער אשמדאי

ווען שלמה המלך האָט געבויט דעם בית המקדש האָט ער געפרעגט די אידישע געלעהרטע פון זיין צייט: „וואָס זאָל איך טהאָן? די שטיינער מיט וועלכע מען דאַרף בויען דעם בית המקדש טאָהר מען ניט האקען מיט אַן אייזען — היינט מיט וואָס זאָל איך דאָס האקען?"

האָבען די געלעהרטע געענטפערט: „עס איז דאָ אזא ווערימל וואָס הייסט „שמיר". ער איז בעשאַפען געוואָרען פון פאר ששת ימי בראשית, און אז מען לייגט איהם ארויף א שטיין שפּאַלט זיך דער שטיין".

„וואו קריג איך דעם שמיר?" האָט שלמה געפרעגט.

„כאַפּ א שד מיט א שד'יכע און צווינג זיי, אז זיי זאָלען דיר זאָגען" — האָבען די געלעהרטע גערעטען.

האָט מען געכאַפּט א שד מיט א שד'יכע, און מען האָט זיי גענומען צווינגען אז זיי זאָלען אויסזאָגען וואו דער שמיר געפינט זיך. האָבען זיי געענטפערט: „מיר ווייסען ניט, אפשר ווייס אשמדאי, דער קעניג פון אלע שדים".

„וואו געפינט ער זיך?" האָט שלמה געפרעגט.

„ער געפינט זיך אין יענעם בארג, דאָרט האָט ער אויס־געגראָבען א גרוב און דאָס אָנגעפילט מיט וואסער. פון אויבען האָט ער דאָס צוגעדעקט מיט א שטיין און דעם

שמיין האָט ער פֿער'חתמ'עט מיט זיין זינגל. יעדען טאָג געהט ער אַוועק אויף אַ רייזע איבער דער וועלט און יענער וועלט, שטודירט דעם לעבען דאָ און דאָרט, נאָכדעם קומט ער צוריק צו זיין אָרט, ער בעטראַכט פֿריהער אויב דער זיגעל איז גאַנץ און אויב אימיצער האָט איהם אָנגעריהרט. נאָכדעם רעקט ער אויף זיין גרוב, טרינקט זיך אָן מיט וואַסער, פֿערדעקט די גרוב צוריק, פֿער'חתמ'עט ווידער, און נעהט זיך ווידער אַוועק".

שלמה האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט אויפֿצו־זוכען דעם אשמדאי. האָט ער געשיקט נאָך בניהו בן יהוידע און האָט איהם איבערגעגעבען די אַרבייט צו כאַפּען דעם אשמדאי. ער האָט איהם מיטגעגעבען אַ קייט און דערצו אַ רינג אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פֿון גאָט, אַ ביסעל וואָל און עטליכע לאַגלען מיט וויין, און איהם געזאָגט וואָס ער האָט צו טהאָן.

בניהו האָט געפֿונען דעם באַרג, און אַזוי ווי דער אשמדאי איז דאָרט צו יענער צייט ניט געווען, האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט צו ליינען אַ געטץ פֿאַר'ן מלך פֿון די טייוואָלים. ער האָט אונטער דער גרוב אויס־געגראָבען אַ צווייטע גרוב, אַרויסגעלאָזט די וואַסער פֿון דער אויבערשטער גרוב, און פֿערשטאָפּט די לאָך מיט וואָל. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ לאָך פֿון אויבען און דורך דעם אַריינגעגאָסען די וויין וועלכע איז אַריינגעפֿלאָסען אין דער גרוב וואָס דער אשמדאי האָט פֿער'חתמ'עט מיט זיין זיגעל. ווען ער איז מיט דעם פֿערטיג געוואָרען האָט זיך בניהו בעהאַלטען אין די צווייגען פֿון אַ בוים און געוואַרט.

דער אשמדאי איז שפּעטער געקומען. ער האָט בעטראַכט דעם זיגעל. עס איז געווען גאַנץ. האָט ער אַראָב־גענומען דעם צודעק פֿון גרוב און האָט דערזעהן אַז עס איז פֿול מיט וויין. האָט ער זיך גענומען שלאָגען מיט דער דעה אויב ער זאָל טרינקען, אָדער ניט, אָבער ער איז געווען זעהר דאָרשטיג האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך אָנגעטרונקען. ער האָט זיך איינגע'שכור'ט און עס האָט ניט לאַנג גענומען און ער איז געשמאַק איינגעשלאָפען.

זעהענדיג אַז דער אשמדאי ליגט טויט־שכור, איז בניהו אַרונטער פֿון בוים, האָט אַרויפֿגעוואָרפֿען די קייט וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט אויפ'ן אשמדאי, האָט איהם אַרומגע־בונדען פֿעסט אַרום האַלז. דער אשמדאי האָט זיך אויפֿ־

נעכאפּט פון זיין שלאָף און זיך גענומען צאַפּלען אַז זיי א משוגענער. אָבער ער האָט זיך פון דער קייט ניט געקענט בעפרייען, דען בניהו האָט איהם אָבגעשראָקען מיט גאָט'ס נאָמען.

האָט איהם בניהו געפיהרט פאַר דער קייט און דער אשמדאי האָט זיך געמוזט לאָזען שלעפּען. ווען זיי זיינען פערבייגעגאַנגען א בוים האָט דער אשמדאי זיך א קראַץ געטהאָן דעם רוקען אָן איהם, איז דער בוים איינגעפאַלען ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן א הויז איז די הויז צופאַלען. נאָכדעם זיינען זיי אָנגעקומען צו א ביידעל אין וועלכען עס האָט געוואוינט אַן אלמנה, איז זי אַרויס איהם בעטען ער זאָל ניט טשעפּען איהר ביידעל, האָט זיך דער אשמדאי שנעל אָבגעקעהרט אָן א זייט און האָט די ביידעל צורוה געלאָזט, אָבער פון זיין צו שנעלע בעוועגונג האָט ער זיך צובראָכען א ביין. האָט ער געזאָגט: "אָט דאָס איז וואָס שלמה האָט געזאָגט, אַז א ווייכע צונג קען צוברעכען א האַרטען ביין".

געהענדיג ווייטער האָט דער אשמדאי געזעהן א בלינ־דען מאַן בלאָנדזשען, האָט ער איהם אַרויפגעפיהרט אויפ'ן ריכטיגען וועג. דאָס זעלבע האָט ער געטהאָן מיט א שכור וואָס האָט אויך געבלאָנדזשעט. ווען ער האָט ווייטער א ביסעל געזעהן ווי מען פיהרט א חתן מיט א כלה צו דער חופּה מיט פרעהליכע טענץ, האָט ער געוויינט. געהענדיג נאָך ווייטער האָט ער געהערט ווי איינער זאָגט צו א שוס־טער: "מאַך מיר א פּאָאַר שיך וואָס איך זאָל קענען טראָגען א זיבען יאָהר", האָט דער אשמדאי געלאַכט. צולעצט האָט ער געזעהן א מכשף זיצען אויף אַן אָרט און פּראַווען כשוף האָט דער אשמדאי ווידער געלאַכט.

"זאָג מיר", האָט בניהו געפרעגט, "פאַר וואָס אַז דו האָסט געזעהן דעם בלינדען בלאָנדזשען האָסטו איהם אַרויפ־געפיהרט אויפ'ן וועג?"

"ווייל", האָט דער אשמדאי געענטפערט, 'איך האָב געהערט ווי מען האָט אויסגערופען אין הימעל אַז דער בלינדער איז א גרויסער צדיק און ווער עס טהוט איהם עפּעס א טובה דער וועט האָבען עולם הבא".

"פאַר וואָס האָסטו דעם שיכור אַרויפגעפיהרט אויפ'ן גלייכען וועג ווען ער האָט געבלאָנדזשעט?"

איך האָב געהערט ווי מען האָט אויסגערופען אין

חימעל אז דער שכור איז אַ גרויסער רשע, האָב איך איהם געטהאָן אַ טובה, כדי איך זאָל קענען צונעהמען זיין חלק לעולם הבא".

"און פאַר וואָס האָסטו געוויינט ווען דו האָסט געזעהן די חתונה?"

"ווייל איך ווייס אַז דער חתן וועט שטאַרבען אין דרייסיג טעג צייט און די כלה וועט דאַרפען וואַרטען דרייצעהן יאָהר אויף חליצה, ווייל דער יבם איז נאָך אַ קליין קינד".

"וואָרום האָסטו געלאַכט ווען דו האָסט געהערט דעם מאַן בעשטעלען ביים שוסטער אַ פּאָאַר שיך אויף זיבען יאָהר?"

"ווי זאָל איך ניט לאַכען? יענער האָט קוים זיבען טאָג צו לעבען און ער וויל זיך אָנגרייטען אויף זיבען יאָהר!"

"און וואָס עפּעס האָסטו געלאַכט פון דעם מכשף?"

"איך האָב געלאַכט ווייל אונטען, אויף דעם אָרט וואו ער איז געזעסען ליגט בעגראָבען אַ גרויסער אוצר, און ער, דער מכשף, וואָס מיינט אַז ער איז אַ גרויסער טרעפער, האָט עס גאָרניט געוואוסט!"

ווען בניהו האָט דעם אשמדאי ענדליך געבראַכט צו שלמה'ן האָט מען איהם פאַר דריי טעג צייט געהאַלטען געפאַנגען און צו שלמה'ן ניט אריינגעלאָזען. דעם ערשטען טאָג האָט דער אשמדאי געפרעגט: "פאַר וואָס רופט מיך ניט דער קעניג צו זיך?" האָט מען איהם געענטפערט: "ער האָלט אין טרינקען". האָט דער אשמדאי גענומען אַ ציגעל און ארויפגעלייגט אויף אַן אַנדער ציגעל. און אַז מען האָט פון דעם דערצעהלט שלמה'ן האָט ער געזאָגט: "ער מיינט אַז איך קען נאָך טרינקען". אויף מאָרגען האָט דער אשמדאי ווידער געפרעגט פאַר וואָס דער קעניג רופט איהם ניט צו זיך. האָט מען איהם געענטפערט: "ער האָלט אין עסען". האָט דער אשמדאי צוריק אַראָבגענומען איין ציגעל פון דעם אַנדערען. "דאָס מיינט ער", האָט שלמה המלך געזאָגט, "אַז איך זאָל שוין אויפהערען צו עסען".

## 21

## שלמה המלך בעקומט דעם שמיר

דריי טעג האָט שלמה המלך געהאַלטען דעם אשמדאי געפאַנגען אין נאָכדעם האָט ער געהייסען איהם בריינגען

פאר זיך. ווי נאר דער אשמדאי איז אריין האט ער גענומען א שטעקען, האט אבגעמאסטען פיער איילען און האט דעם שטעקען א שליידער געטהאן צו שלמה'ן.

"וואס בעדייט עס?" האט שלמה המלך געפרעגט.

"דאס בעדייט אזוי", האט דער אשמדאי געענטפערט, "נאך א גאנצען לעבען פון יאגען זיך און האבעוועון בלייבט דער מענש בלויז ביי פיער איילען ערד, און דו האסט שוין איינגענומען די גאנצע וועלט און דו ביזט נאך נים געוועזן צופריעדען ביז דו האסט מיך אויך איינגענומען".

"איך פערלאנג פון דיר נארנישט", האט שלמה געזאגט, "איך וויל נאר, אז דו זאלסט מיר געבען דעם שמיר, אום איך זאל קענען מיט איהם שפאלטען די שטיינער וואס איך דארף האבען צו בויען דעם בית המקדש".

"ניט ביי מיר געפינט זיך דער שמיר", האט דער אשמדאי געענטפערט. "ער איז איבערגעגעבען געווארען אין די הענד פון דעם שר של ים, און דער שר של ים האט איהם איבערגעגעבען צו דעם ווילדען האהן און איהם בעשווארען, אז ער זאל דאס נים איבערגעבען אין די הענד פון מענשען".

"צו וואס דארף דער ווילדער האהן דעם שמיר?"

"ער מהוט מיט דעם אזוי. ער נעהמט צו אן ארט וואס איז וויסט און לעהר און וואו עס וואקסט דארט קיין זאך. מיט דעם שמיר אין מויל מאכט ער שפאלטען אין די בערג, און אין די שפאלטען ווארפט ער אריין זאמען פון בוימער און פערשיעדענע פלאנצען. דער וויסטער ארט ווערט בעוואקסען און בעפרוכפערט, און דער ווילדער האהן און זיינע קינדער האבען וואס צו עסען."

שלמה המלך האט ארויסגעשיקט מענשען אויסצוגעפינען וואו ער, דער ווילדער האהן, געפינט זיך. און אז זיי האבען געפונען זיין נעסט האבען זיי דעם אריינגאנג פערשטעלט מיט א גלאז. דער האהן איז געקומען, און ניט קענענדיג אריינגעהן, האט ער געבראכט דעם שמיר און ארויפגעלעגט אויפ'ן גלאז, כדי דאס צו שפאלטען. אין דעם אייגענבליק האבען שלמה'ס מענשען וואס זיינען געווען פערשטעקט אין דעם געגענד גענומען שרייען און מאכען טומעל. דער האהן האט זיך ערשראקען און געלאזט פאלען דעם שמיר. האבען דאס שלמה'ס שלוחים צוגענומען. ווען דער האהן האט געזעהן, אז דער שמיר איז פערלארען, האט ער זיך דערמאנט

אויף דער שבועה וואָס ער האָט געגעבן צום שר של ים, און פאַר גרויס צער האָט ער זיך דערוואָרגען.

## 22

# דעם אשמדאַי׳ס גבורה

שלמה המלך האָט דעם אשמדאי פערהאַלטען ביי זיך און געדענקט איהם צו האַלטען אין קייטען ביז ער וועט אויס־בויען דעם בית המקדש. איינמאָל זיינען זיי געווען אַליין צוזאַמען אין איין צימער. האָט שלמה געפרעגט: „זאָג מיר, אין וואָס בעשטעהט דיין קראַפט?" האָט דער אשמדאי געענטפערט: „דו נאָר נעהם אַראָב פון מיר די קייט און גיב מיר דיין רינג, וועל איך דיר ציינגען מיין גבורה".

האָט שלמה המלך אַראָבגענומען פון אשמדאי די קייט און איהם געגעבען זיין רינג. דער אשמדאי האָט דעם רינג איינגעשלונגען. נאָכדעם האָט ער געלייגט איין פליגעל אויפ׳ן הימעל און איינעם אויף דער ערד און ער האָט אַ וואָרף גע־טהאָן שלמה׳ן אויף פיער הונדערט מייל ווייט.

שלמה המלך האָט זיך געפונען אין אַ פרעמדען אָרט, צווישען מענשען וועלכע האָבען איהם ניט געקענט. איז ער געגאַנגען און האָט אַלעמען געזאָגט: „איך בין שלמה, דער אידישער מלך פון ירושלים". האָבען איהם מענשען אָנגע־נומען פאַר אַ משוגענעם. קיינער האָט איהם געוואָלט גלויי־בען. איז ער געגאַנגען ווייטער און ווייטער, און אויפ׳ן וועג פלעגט ער ארומגעהן איבער די הייזער מיט אַ שטעקען אין האַנד, בעטלען אום צו דערהאַלטען זיין נשמה, און וואו ער פלעגט קומען פלעגט ער אַלץ זאָגען די זעלבע זאַך: „אני שלמה" — אַז ער איז שלמה המלך. און יעדער איינער האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם בעטלער. ער איז ענדליך אָנגעקומען אין ירושלים, אָבער ווי עס שיינט איז ער אַזוי פערענדערט געוואָרען אַז די מענשען פון ירושלים האָבען איהם אויך ניט דערקענט און האָבען איהם אויך געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם. ביז ער איז געקומען צו די סנהדרין. האָ־בען די אידישע געלעהרטע געזאָגט: „אַ משוגענער קען זיך ניט האַלטען ביי איין משוגעת, און ווי באַלד ער רעדט נאָר

אליץ פון איין זאך, מוז דאָ זיין אן אמת אין דעם.״

תּאָבען זיי געשיקט צו בניהו, וועלכער איז געוועזן שלמה׳ס נאָהענטסטער פריינד, און האָבען איהם געפרעגט: ״האָט דער מלך דיך אין דער לעצטער צייט גערופען צו זיך?״ האָט בניהו געענטפערט: ״ניין!״ האָבען די סנהדרין געשיקט פרעגען דעם קעניג׳ס ווייבער, אויב דער קעניג קומט זיי זעהן האָבען זיי געענטפערט אז ער קומט. ״אויב אזוי״, האָבען די סנהדרין געפרעגט, ״גיט אַ קוק אויב ער האָט קעלבערנע פיס״. האָבען דעם קעניג׳ס ווייבער געענטפערט: ״ער טראָגט שטיוועל און ער נעהמט זיי קיינמאָל ארונטער.״ האָבען די סנהדרין געלאָזט אריינפיהרען שלמה׳ן אין זיין פּאַלאַסט און זיי האָבען איהם געגעבען די קייט מיט׳ן רינג, און ווי נאָר דער אשמדאי האָט איהם דערזעהן איז ער אנטלאָפען.

און דאָך, אפילו נאָכדעם ווי דער אשמדאי איז אנטלאָפען, האָט שלמה נאָך אליץ זיך געשראָקען פאַר איהם, און בעוואפענטע סאָלדאַטען פלעגען שטעהן ארום זיין בעט דורך די גאַנצע נעכט.

## 23

# די בענעהמונג פון מענער געגען פרויען

רבי מאיר האָט אזוי געזאָגט:

אזוי ווי עס איז פערשידען די בענעהמונג פון מענשען צו זייער עסען, אזוי איז אויך פערשידען די בענעהמונג פון מענער צו זייערע פרויען.

עס איז דאָ אַ סאָרט מענש, וואס אז אַ פליעג פאַלט אריין אין זיין בעכער ווייַן וואַרפט ער ארויס די פליעג אבער די ווייַן טרינקט ער דאָך ניט. אזוי איז געוועזן די בענעהמונג פון פּפּוס בן יהודה וועלכער פלעגט פערשליסען זיין פרוי אין הויז יעדען מאָל, אז ער פלעגט ערגיץ אוועקגעהן, אום זי זאָל ניט ריידען מיט קיין מענשען, אפילו מיט איהרע אייגענע. דאס איז שוין צו שטרענג.

נאָך אַ סאָרט מענש איז דאָ, וואס אז אַ פליעג פאַלט אריין אין זיין בעכער וואַרפט ער די פליעג ארויס און דעם ווייַן טרינקט ער. אזוי טהוט דער געוואוינליכער מענש, וואס ערלויבט זיין פרוי צו פערברייננגען מיט איהרע ברידער און קרובים און האַלט זי ניט אָבגעזונדערט פון איהרע נאָהענטע.

און עס איז דאָ א סאָרט מענש וואָס אז א פליענ פאלט אריין אין זיין געקעכטס, עסט ער דאָס אויף מיט דער פליענ צוזאמען און פיהלט גאר קיין עקעל. דאָס איז דער מענש וואָס זעהט זיין פרוי ארויסגעהן אין מארק מיט אן אבגעדעקטען קאָפּ און מיט נאקעטע ארעמס, און זי באָדט זיך צוזאמען מיט פרעמדע מענשען, און איהם אַרט דאָס גאר נים.

# מסכת סוטה

## 1

## דער בעל גאוה

א מענש וואס האלט זיך גרויס זאָגט אויף איהם גאָט: "די וועלט איז צו קליין פאר אונז ביידען".

זעה דעם אונטערשיעד פון גאָט ביז דעם מענשען. א מענש וואס שטעהט הויך זעהט נאָר דעם וואס שטעהט הויך אזוי ווי ער, אבער דעם נידעריגען, דעם קליינעם מענשעלע, זעהט ער ניט. אבער גאָט, כאָטש ער איז דער אלערהעכסטער זעהט ער דאָך אפילו די נידעריגסטע פון זיינע בעשעפעניסען.

## 2

## די שטראף פון א זינדינע

ווען א מאַן פלעגט בעקומען א פערדאכט אויף זיין פרוי פלעגט מען די פרוי ברייגגען פאר דעם בית דין הגדול אין ירושלים און דער בית דין פלעגט צו איהר אזוי זאָגען:

"טאָכטער! אפשר ביזטו גאָר ניט אזוי שולדיג אין דעם פערברעכען. פיעל זינד ווערען בעגאנגען דורך וויין טרינקען, דורך לייכטזיניגע שפאסען, צוליעב יוגענדליכע אונערפאה־רונג, אָדער צוליעב שלעכטע גזעלשאפט. טהו דאס צוליעב גאָט'ס נאמען וואס איז פערשריבען מיט קדושה, און זיי זיך מודה, אויב דו ביזט טאקע זינדיג, כדי מיר זאָלען ניט דאר־פען מעקען גאָט'ס נאמען אומזיסט און דיך ברייגגען צו א מיאוס'ן טויט. זעה, טאָכטער, יהודה האָט געזינדיגט און ער

האָט זיך מודה געווען. ראובן האָט געזינדיגט און האָט זיך מודה געווען, און דו טהו אויך דאס זעלבע".

אויב די פרוי פלעגט זיך מודה זיין, פלעגט מען איהר הייסען אונטערשרייבען אז זי וועט ביי איהר מאַן קיין כתובה ניט מאָהנען, און מען פלעגט איהר לאָזען געהן. און אויב זי פלעגט זאָגען: "איך בין אונשולדיג", פלעגט מען איהר ברייני־גען אין א בעשטימטען אָרט, ביים מזרח טויער פון בית המקדש, און דאָרט פלעגט דער כהן גדול איהר אָננעהמען ביים קאָלנער פון איהר קלייד און דאס קלייד אויפרייסען ביז עס פלעגט זיך זעהן איהר הארץ, און נאכדעם אויפבינדען איהרע צעפּ און די האָאר צוואוואַרפען. נאָר אויב איהר הארץ איז געווען שעהן פלעגט מען דאס ניט אָבדעקען און אויב זי האָט געהאַט שעהנע האָאר פלעגט מען זיי ניט צוואוואַרפען, ווייל דאס וואָלט איהר נאָך שעהנער געמאכט. אויב זי האָט גע־טראָגען ווייסע קליידער פלעגט מען איהר איבערטהאָן אין שווארצע, און אלע איהרע ציערונג ווי נאָזבענדער, רינגען און האלזבענדער פלעגט מען פון איהר אראָבנעהמען. און נאכדעם פלעגט דער כהן נעהמען א גראָבע שטריק און מיט דעם ארומבינדען איהר קלייד אונטער איהרע פּאכוועס, און יעדען איינעם איז געווען ערלויבט איהר אָנצוקוקען אין איהר ערנידערטען צושטאנד, א חוץ איהרע קנעכט און דיענסטען, ווייל ווען זי וואָלט זיי זעהן וואָלט זי זיך געשעהמט פאר זיי און וואָלט זיך אויף איהר זינד ניט מודה געווען. און פרויען פלעגען מוזען קומען איהר אָנקוקען און זיך אראָבנעהמען א מוסר.

## 3

## אבשלום און זיינע שעהנע האָאר

אבשלום, דער זוהן פון דוד המלך, האָט געהאַט שעהנע לאַנגע האָאר אויף וועלכע ער איז געווען זעהר שטאָלץ, און דערפאר איז ער דורך די האָאר בעשטראָפט געוואָרען. אין דער צייט ווען ער האָט געמאכט א רעוואָלוציאָן געגען זיין פאטער איז זיין אייזעל אויף וועלכען ער האָט געריטען אונ־טערגעלאָפען אונטער א בוים, און אבשלום'ס לאַנגע האָאר האָבען זיך פערטשעפּעט אָן די צווייגען פון דעם בוים. האָט אבשלום גענומען א שווערד און האָט זיינע האָאר געוואָלט

אונטערהאקען, אום ער זאָל קענען ארונטערפאלען צו דער ערד, האָט ער אבער אין יענעם מאָמענט געזעהן אז דער גיהנם האָט זיך געעפענט אונטער איהם, איז ער בעסער גע־בליבען הענגען ביז מען האָט איהם געשאָסען.

## 4

## פרעה צייגט א ביישפּיעל

ווען פרעה האָט גענומען צווינגען די אידען אז זיי זאָלען מאכען ציגעל פאר זיינע געביידען, האָבען זיך געפונען א סך אידען וואס האָבען זיך געוואָלט ארויסדרעהען פון דער ארבייט מיט דער טענה אז זיי זיינען מיוחסים, אז זיי קומען פון אן איידעלע קלאַס מענשען, און אז זיי זיינען גאָר ניט גלייך צו די געוועהנליכע פּראָסטע אידען. האָבען פרעה'ס ראטהגעבער גענומען א פורם מיט וועלכען מען מאכט ציגעל און דאס אָנ־געטהאָן פרעה'ן אויפ'ן האלז אלס א ציערונג. און אז עס פלעגט קומען א איד און זאָגען אז ער איז צו איידעל פאר אזא גראָבע מלאכה, פלעגט מען איהם ענטפערן: "ביזטו דען איידעלער פון אונזער קעניג פרעה?"

## 5

## צוליעב די גוטע אידישע פרויען

רב עוירא האָט געזאָגט: צוליעב די גוטע, די פרומע אי־דישע פרויען זיינען אונזערע עלטערן ארויסגעלעזט געוואָרען פון מצרים. ווען די פרויען פלעגען ארויסגעהן צום טייך אָנ־שעפּען וואסער, פלעגט זיי דער אייבערשטער צושיקען קליינע פישלעך אין זייערע קריגלעך, און די פרויען פלעגען אָנשעפּען העלפט וואסער און העלפט פיש. נאכדעם פלעגען זיי אוועק־שטעלען קאָכען צוויי טעפּ. אין איין טאָפּ פלעגען זיי אויפ־קאָכען וואסער און אין דעם אנדערען פלעגען זיי אויסקאָכען די פיש. מיט די צוויי טעפּ פלעגען זיי נאכדעם אוועקגעהן צו זייערע מענער אין פעלד, זיי דאָרט ארומוואשען, זיי גע־בען עסען און טרינקען, פערברייננגען מיט זיי און זיי פערזי־סען די ביטערקייט פון זייער שווערע ארבייט.

און אז עס פלעגט קומען די צייט ווען א אידישע פרוי האָט געדאַרפט א קינד געבוירען, פלעגט זי אוועקגעהן אין

פעלד, אונטער אַן עפּעל בוים, און דאָרט פלעגט דאָס קינד קומען אויף דער ליכטיגער וועלט. און דער אייבערשטער פלעגט ארונטערשיקען א מלאך פון הימעל, און דער מלאך פלעגט דאָס קינד ארומריינינגען און די ביינדעלעך אויסגלי־כען, און איהם געבען צוויי רונדע מונדשטיקער, וואס פון איינעם פלעגט געהן האָניג און פון דעם אנדערען אויל, און אזוי פלעגט דאָס קינד ערצויגען ווערען און וואקסען אין מיטען פעלד. און ווען די מצריים פלעגען זיך דערפון דער־וויסען פלעגען זיי זיך א לאָז טהאָן די אידישע קינדערלעך אויסצו׳הרג׳ענען. פלעגט די קינדערלעך ווידער געשעהן א נס. די ערד פלעגט זיי איינשלינגען און זיי פלעגען פער־שוואונדען ווערען פון די אויגען. פלעגען די מצריים ברייגנען אָקסען מיט סאָכעס און אקערען די ערד כדי אויסצוזוכען די אידישע אינגלעך וואס זיינען אזוי ווי בעגראָבען געוואָרען. נאכדעם ווי די מצריים פלעגען אוועקגעהן פלעגען די אידי־שע קינדער צוריק ארויסשפּראָצען פון דער ערד אזוי ווי די גראָז פון פעלד.

6

# ווען דער טאַטע נעהמט די מאַמע

עמרם, דער פאטער פון משה רבנו, איז געווען דער גרעסטער מאַן פון זיין צייט און די אידען האָבען געקוקט אויף איהם ווי אויף זייער פיהרער. ווען עמרם האָט געהערט פון פרעה׳ס גזירה אז אלע אידישע אינגלעך וואס ווערען גע־בוירען זאָל מען אין טייך אריינוואַרפען, האָט ער גלייך אָפּ־גע׳גט זיין פרוי. האָבען אלע אידען געפאָלגט דעם ביישפּיעל און האָבען אויך אָפּגע׳גט זייערע ווייבער. האָט עמרם׳ס טאָכטער געזאָגט צו איהם: ״פאטער! דיין גזירה איז נאָך ערגער ווי פרעה׳ס. פרעה דער רשע האָט גוזר געווען בלויז אויף זכרים אבער דו האָסט געמאכט אז עס וועלען ניט זיין קיין זכרים און קיין נקבות. פרעה האָט געמאכט א גזירה בלויז אויף דער וועלט, אבער דיין גזרה ווירקט אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט. פרעה איז א רשע און עס איז נאָך א ספק אויב זיין גזירה וועט זיך האַלטען, אבער דו ביזט דאָך א צדיק און דיין גזירה וועט זיך מוזען האַלטען״.

ווען עמרם האָט געהערט דיזע קלוגע רייד האָט ער זיין

פרוי צוריקגענומען. האָבען די אנדערע אידען אויך צוריק־גענומען זייערע ווייבער.

ווען עמרם האָט צוריקגענומען זיין פרוי האָט ער איהר ארויפגעזעצט אויף א בעטעל. אהרן און מרים האָבען גע־טאנצט פאר איהר און די מלאכים האָבען צוגעזונגען: "אם הבנים שמחה — עס פרעהט זיך די מאמע מיט איהרע קינדער!"

## 7

## די מצרים'ער שפיאָנען

ווען משה איז געבוירען געוואָרען איז די גאנצע הויז פול געוואָרען מיט ליכט. זיין מוטער האָט איהם בע־האַלטען דריי חדשים, אבער לענגער האָט זי איהם ניט גע־קענט בעהאַלטען צוליעב די מצרים'ער שפיאָנען. ווען א מצרי פלעגט זיך דערוויסען אז אין א אידישע הויז איז גע־בוירען געוואָרען א קינד, פלעגט ער צו דער הויז ברייננגען צו טראָגען אַן אנדער קינד און איהם לאָזען שרייען, אום דאס בעהאַלטענע קינד זאָל זיך אָברופען, ווי די טבע איז פון קליינע קינדער ווען זיי הערען אַן אנדער קינד וויינען.

## 8

## פרעה'ס טאָכטער און איהרע דיענסטע

ווען פרעה'ס טאָכטער האָט געפונען אין טייך די קאסטען אין וועלכע משה רבנו איז געווען בעהאַלטען און זי האָט איהם געוואָלט רעטען זיין לעבען, האָבען איהרע דיענסטען גענומען טענה'ן: "פרינצעסין! די וועלט פיהרט זיך אז ווען א קעניג גיט ארויס א געזעץ, איז אויב די וועלט וויל דעם געזעץ ניט היטען, היטען עס כאָטש זיינע קינדער און זיין פאמיליע, און דו ווילסט ניט פאָלגען דיין פאטער'ס גע־זעטץ!"

איז אויף די רייד אָבגעקומען דער מלאך גבריאל און האָט די דיענסטען א זעטץ געטהאָן אָן דער ערד.

## 9

# די שבועה פון יוסף הצדיק

ווען די אידען האבען נעדארפט פערלאזען מצרים, האבען זיי זיך דערמאנט אן דער שבועה פון יוסף הצדיק, וועלכער האט זיי בעשווארען פאר זיין טויט, דאס ווען די אידען וועלען אוועק פון מצרים זאלען זיי מיטנעהמען זיין קערפער.

קיינער האט אבער נעוואוסט וואו יוסף'ס ארון געפינט זיך. משה האט גענומען נאכפרעגען און מען האט איהם געזאגט אז עס איז דא נאך פערבליבען פון יוסף'ס צייטען אן אלטע פרוי, סרח בת אשר, און זי דארף וויסען. איז משה געקומען צו איהר און האט געפרעגט: "אפשר וויסטו ניט וואו יוסף איז בעהאלטען?" האט זי געענטפערט: "די מצריים האבען איהם אריינגעלייגט אין א מעטאלענעם ארון און אריינגעשטעלט אין דעם נילוס, כדי די וואסערן פון דעם טייך זאלען זיין געבענשט".

משה איז געגאנגען און האט זיך אוועקגעשטעלט ביים ברעג פון דעם נילוס און האט געזאגט:

"יוסף, יוסף! עס איז געקומען די צייט וואס גאט האט געשווארען אויסצולעזען די אידען פון מצרים, און עס איז אויך געקומען די צייט ווען עס מוז ערפילט ווערען דיין שבועה וואס דו האסט בעשווארען די אידען אז מען זאל דיך פון דאנען אוועקנעהמען. אויב דו ווילסט זיך ציגען איז גוט, און אויב ניט זיינען מיר פריי פון דיין שבועה".

אין אן אויגענבליק איז יוסף'ס ארון ארויפגעשוואומען אויפ'ן וואסער.

## 10

# ווארום משה'ס קבר איז פערבארגען

פאר וואס איז משה'ס קבר פערבארגען און קיינער אין דער וועלט ווייס ניט וואו ער געפינט זיך? ר' חמא בר' חנינא ערקלערט דאס אזוי:

דער אייבערשטער האט געוואוסט אז דער בית המקדש וועט אמאל חרוב ווערען און אז די אידען וועלען פערטריבען ווערען פון זייער לאנד. האט ער געוואלט פערמיידען אז די

אידען זאָלען ניט קומען צו משה'ס קבר און זאגען: "משה רבנו! שטעה אויף און בעט נאָט פאר אונז". און דאן איז דאָך זיכער אז משה וואָלט דאס געטהאָן און ער וואָלט מבטל געווען די גזירה.

און אָט דערפאר איז משה'ס קבר פערבאָרגען פון דער וועלט.

## 11

# משה'ס בעגעהר

רבי שמלאי האט אזוי גע'דרשנ'ט:

צו וואָס האט משה אזוי שטארק געוואָלט אריינגעהן אין ארץ ישראל? האט ער דען געגלוסט צו עסען די שעהנע פריכ־טען פון לאנד, אדער דאָרט צו געניסען אנדערע פערגניגענס? אלא, וואס דען, משה האט אזוי געזאגט: "אידען האבען א סך מצות וואס זיי דארפען מקיים זיין נאָר אין ארץ ישראל, וויל איך אויך זיין אין ארץ ישראל און מקיים זיין די אלע מצות וואָס זיינען געגעבען געווארען דורך מיר".

## 12

# א פרומער נאר און א כיטרער רשע

וואס איז א פרומער נאר?

דאס איז אזוי ווי יענער וואס האט געזעהן א פרוי זיך טרינקען אין טייך, האט ער געזאגט צו זיך: "עס פאסט זיך ניט איך זאל זי רעטען, ווייל דערווייל וועל איך זיך אפשר אין איהר איינקוקען".

וואס איז א כיטרער רשע?

דאס איז אזוי ווי יענער וואס אן ארימאן איז געקומען צו איהם צו נעהמען לקט, שכחה, פאה און מעשר. דער רשע האט געוואוסט אז דער ארימאן האט א פערמעגענס פון הונ־דערט מיט ניין און ניינציג זוזים. האט דער רשע איהם גע־שיינקט נאָך א זוז, כדי דער ארימאן זאל האבען פולע צוויי הונדערט זוזים, און דער דין איז אז אימיצער האט צוויי הונדערט זוזים טאָהר ער קיין לקט, שכחה, פאה און מעשר ניט נעהמען.

## 13

## עס זיינען דאָ איסנאַהמען

די רבנן האבען נעגעבען אזא כלל:
א מיידעל וואס האלט אין איין דאווגען, אן אַלמנה וואס האט ליעב ארומצולויפען צו שכנות און א תלמיד חכם וואס איז א חצוף נעגען זיינע לעהרער זיינען גאָר ניט ווערטה צו זיין אויף דער וועלט, ווייל זיי זיינען פערדאָרבען. עס זיינען דאָ אבער אויסנאַמען, און וועגען זיי האט דערצעהלט רבי יוחנן :

איינמאָל האט רבי יוחנן נעהערט ווי א מיידעל זאגט אזא געבעט : "רבונו של עולם ! דו האָסט בעשאפען א גן עדן, דו האָסט בעשאפען א גיהנם, דו האָסט בעשאפען רשעים, דו האָסט בעשאפען צדיקים, בעט איך דיך אז דו זאָלסט ניט צולאָזען אז מענשען זאָלען דורך מיר קומען צו זינדיגע געדאנקען".

די מעשה מיט דער פרומער אלמנה איז אזוי געווען :
די אלמנה האט געהאט א שוהל אין איהר איינענע נאכ־בארשאפט. פלעגט זי דאָך יעדען טאָג געהן דאווענען אין דער שוהל פון רבי יוחנן וועלכע איז געווען גאנץ ווייט. איינמאָל האט איהר רבי יוחנן געפרעגט : "מיין טאָכטער ! האסטו דען ניט א שוהל אין דיין אייגענער נאכבארשאפט ?" האט די פרוי געענטפערט : "רבי ! אבער דענקסטו ניט אז איך וועל בעקומען א גרעסערען לוין פאר געהן אזוי ווייט ?"

## 14

## אמת פרומע און פאלשע

ינאי המלך האט אזוי געזאגט צו זיין פרוי : "האב קיין מורא ניט פאר די פרושים און פאר מענשען וואס זיינען ניט קיין פרושים, אבער זאלסט זיך היטען פון די צבוע'יאקעס וואס מאכען זיך אזוי פרום ווי די פרושים, וואס זינדיגען אזוי ווי זמרי און פאָדערען אז מען זאָל זיי נאָך דערפאר בעלוינען אזוי ווי פנחס.

## 15

# כלב אויף קבר אבות

ווען כלב, וועלכער איז געגאנגען מיט די מרגלים אויס־צופארשען ארץ ישראל צו זעהן אויב עס איז א פאסענדע לאנד פאר אידען, האט זיך אבגעטיילט פון זיינע חברים און האט ניט געוואלט צושטעהן צו זייער פערשווערונג צו פער'מיאוס'ן דאס לאנד ביי אידען, איז ער געקומען אין חברון, האט זיך אויסגעצויגען אויף די קברים פון די היילינע אבות און האט געבעטען: „איהר פאטערס פון דער וועלט! בעט רחמים פאר מיר אז איך זאל זיך ארויסדרעהען פון דער קאנספיראציע וואס די מרגלים האבען געמאכט!"

## 16

# יוסף און פוטיפר'ס ווייב

די געשיכטע פון יוסף הצדיק פאנגט זיך אן מיט א משל. אמאל איז געווען א העלד, א שעהנער יונג, וואס איז געווען זעהר שטאלץ אויף זיין שעהנעם וואוקס און שעהנעם אויס־זעהן. איז ער געשטאנען אין מארק, האט זיך געגלעט די ברעמען פון זיינע אויגען, זיך געקרייזעלט די האאר און זיך געדרעהט אויפ'ן קאפעל, און געזאגט צו זיך אליין: „איך בין א שעהנער יונג — א העלד". זיינען צו איהם צוגע־גאנגען מענשען און האבען געזאגט: „אויב דו ביזט אזא העלד מאך צייג דיין גבורה. אט דא שטעהט א בער נעבען דיר, נעהם איהם איין!"

אזוי איז אויך געווען מיט יוסף'ן. ער האט זיך גע־האלטען שטאלץ מיט זיין שעהנהייט און האט זיך געפיהלט זעהר גליקליך. האט דער אייבערשטער צו איהם געזאגט: „ווארום ביז איך וועל אויף דיר אנרייצען א בער — דאס איז דער יצר הרע און מיר וועלען זעהן דיין העלדענטהאט."

פוטיפר'ס ווייב האט געזעהן ווי שעהן יוסף איז און זי האט זיך אין איהם פערליעבט. זי האט געזוכט א געלעגענ־הייט מיט איהם צו בלייבען אליין, און איהם צו זאגען ווי זי ליעבט איהם. איין טאג, דאס איז געווען דער פייערטאג

פון טייך נילוס, איז פוטיפר מיט אַלע זיינע דיענער נעגאַנגען צו דער צערעמאָניע, וועלכע איז געווען זעהר הערליך אין יענע צייטען. פוטיפר'ס ווייב האָט זיך געמאַכט קראַנק אום זי זאָל בלייבען אין דער היים. יוסף, וועלכער האָט פון קיין זאַך געוואוסט איז אַריין אין פוטיפר'ס הויז צו טהאָן זיין אַרבייט. פוטיפר'ס ווייב האָט גענומען רעדען צו איהם זיסע רייד, זי האָט איהם געפיהרט פון צימער צו צימער, און צולעצט האָט זי איהם אַריינגעפיהרט אין אַ צימער וואו עס איז געשטאַנען אַ געטש און די קאָפּ פון דעם געטש איז געווען פערדעקט מיט אַ טוך. "זעה," האָט יוסף געזאָגט, "דו האָסט פערדעקט דעם פנים פון דיין טויטען געטש כדי ער זאָל אונז ניט זעהן, אָבער די אויגען פון מיין לעבעדיגען גאָט קענסטו ניט פערדעקען — זיי זעהען איבעראַל." ווען זי האָט איהם ווייטער גענומען איינרעדען מיט גוטע רייד און געזאָגט: "איך וועל מיין מאַן פון דער וועלט אַוועקשיקען און דו וועסט מיט מיר קענען חתונה האָבען." האָט יוסף געענטפערט: "ניט גענוג וואָס דו ווילסט איך זאָל אַריינגעהן אין דעם צעטעל פון אויסגעלאַסענע יונגען, ווילסטו אויך איך זאָל אַריינגעהן אין דעם צעטעל פון מערדער."

פוטיפר'ס ווייב האָט יוסף'ן ניט אָבגעלאָזען און האָט איהם ווייטער געזוכט איבערצורעדען מיט גוטע רייד. יוסף האָט שוין געהאַט פערלאָרען זיין מוטה. פלוצלונג האָט זיך אין אַ פענסטער בעוויזען דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער און יוסף האָט צוריק בעקומען זיין מוטה און האָט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען פון די גלאַטע רייד פון זיין האַר'ס פרוי.

## 17

## יוסף בעדייטעט זיינע טרוימען

ווען פרעה האָט בעשלאָסען צו מאַכען יוסף'ן פאַר זיין הויפט מיניסטער און ער האָט צו יוסף'ן געזאָגט: "אָהן דיר זאָל קיינער ניט וואַגען צו הויבען זיין פוס אָדער זיין האַנד," האָבען די שטערנזעהער, פרעה'ס ראַטהגעבער, פראָטעסטירט: "אַ קנעכט וואָס מען האָט איהם געקויפט פאַר צוואַנציג שטיק זילבער ווילסטו אַז ער זאָל הערשען איבער אונז?" האָט זיי פרעה געענטפערט: "ער האָט אין זיך די איינגענשאַפטען פון אַ פרינץ. ער האָט בילדונג, קראַפט און

שעהנהייט." האָבען די שטערנזעהער געזאָגט: "אויב אזוי, קען ער זיעבציג שפּראַכען וואָס א געבילדעטער מענש דאַרף קענען?" האָט פּרעה געענטפערט: "איך גלויב אז ער קען."

איז געבליבען אז מען זאָל אויף מאָרגען פערהערען יוסף'ן אין שפּראַכקענטניס. ביי נאַכט איז געקומען דער מלאך גבריאל און האָט איהם אויסגעלערנט אלע זיעבציג שפּראַכען. אויף מאָרגען האָט מען יוסף'ן גענומען צום עקזאַמען, און אין וואָס פאַר א שפּראַך פּרעה האָט צו איהם גערעדט האָט איהם יוסף געענטפערט. צולעצט האָט יוסף אָנגעהויבען צו ריידען אין לשון קודש, האָט איהם פּרעה ניט פערשטאַנען. "וואָס איז דאָס פאַר א שפּראַך?" האָט פּרעה געפרעגט. "דאָס איז לשון קודש", האָט יוסף געענטפערט. "לערן דאָס מיך אויס," האָט פּרעה געבעטען. האָט איהם יוסף געלערנט, אָבער פּרעה האָט ניט געקענט זיך אויסלערנען. "איך בעשווער דיך אז דו זאָלסט קיינעם ניט אויסזאָגען, אז איך בין אזוי שוואַך אויף עברי," האָט פּרעה געזאָגט צו יוסף'ן. האָט יוסף געשוואָרען.

א צייט שפּעטער האָט זיך יוסף געווענדעט צו פּרעה'ן, ער זאָל איהם ערלויבען דורכצופיהרען די שבועה וואָס יעקב האָט פערשוואָרען, אז מען זאָל איהם נאָכ'ן טויט ארויספיהרען פון מצרים און בעערדיגען אין זיין קבר וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט אין דעם לאַנד כנען. פּרעה האָט אָבער קיין חשק געהאַט ארויסצולאָזען דעם קערפּער פון יעקב הצדיק פון מצרים, ווייל צוליעב יעקב'ן זיינען די וואַסערען פון נילוס געווען געבענשט און אין לאַנד איז געווען א גערעטעניש. האָט פּרעה געזאָגט צו יוסף'ן: "בעט די אידישע חכמים אז זיי זאָלען דיר מתיר נדר זיין און דו וועסט ניט דאַרפען האַלטען דיין פערשפּרעכען צו דיין פאָטער." האָט איהם יוסף געענטפערט: "אויב מען קען מתיר נדר זיין, וועל איך זיי בעטען אז זיי זאָלען מיר ערלויבען אויך אויסצוזאָגען דעם סוד, אז דו קענסט זיך ניט אויסלערנען לשון קודש." פּרעה האָט דאַן געגעבען זיין ווילען געמוזט געבען יוסף'ן די ערלויבניס ארויסצופיהרען זיין פאָטער'ס קערפּער פון לאַנד.

## 18

# די אידען ביים ים סוף

רבי מאיר האָט געזאָגט:

ווען די אידען זיינען געשטאַנען ביים ברעג ים, האָבען די שבטים זיך געקריגעט איינער מיט'ן אַנדערען. יעדער שבט האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אַריבערצוגעהן דעם ים. און יעדער איינער האָט געשריען: "איך געה אַריין דער ערשטער!" האָט דער שבט בנימין, וועלכער איז געווען דער איינגסטער, אַ שפּרונג געטהאָן און איז דער ערשטער אַריין אין ים.

רבי יהודה האָט געזאָגט:

די מעשה איז געווען אַנדערש. נאָר ווען די אידען האָבען געדאַרפט אַריבערגעהן דעם ים, זיינען זיי געבליבען שטעהן ביים ברעג און יעדער שבט האָט געזאָגט: "ניין, איך געה ניט דער ערשטער." האָט אַ שפּרונג געטהאָן נחשון בן עמינדב און איז אַריין פריהער פון אַלעמען.

## 19

# די ענוות פון רבי אבהו

רבי אבהו איז געווען אַ גרויסער ענו. אָבער ער אַליין פלעגט אויף זיך זאָגען: "אַ מאָל האָב איך געמיינט אַז איך בין טאַקע אַ גרויסער ענו, אָבער זייט איך האָב געהערט ווי רבי אבא פון עכו האָט געזאָגט איין זאַך און זיין אמורא (איבערזאָגער) זאָגט אַנדערש און איהם האָט דאָס גאָר ניט געאַרט, האָב איך איינגעזעהן אַז איך בין אַ קנאַפּער ענו נעגען איהם".

וועגען די עניוות פון רבי אבהו דערצעהלט מען פאָלגענדע אינטערעסאַנטע געשיכטען.

רבי אבהו האָט אויך ביי זיך געהאַט אַן אמורא. די ארבייט פון דעם אמורא איז געווען איבערצוזאָגען פאַר די תלמידים אויף אַ הויכען קול דאָס וואָס דער רבי זאָגט פאַר זיי אין אַ געוואוינליכער שטימע. איינמאָל האָט די פרוי פון דעם אמורא געזאָגט צו דער פרוי פון רבי אבהו: "מיינער דאַרף גאָר דיינעם ניט האָבען. ער קען אויסקומען אָהן איהם. אַז פאַר וואָס ער קריכט און בוקט זיך פאַר דיין

מאַן ? דאס איז דערפאַר ווייל ער איז אַ תקיף ביי דער רעגיערונג". רבי אבהו'ס פרוי האָט עס פערדראָסען און זי האָט די רייד איבערדערצעהלט פאַר איהר מאַן. האָט רבי אבהו געזאָגט : "וואס דאַרף דיר דאס אַרען ? וואס איז דער אונטערשייד ? דורך מיר און דורך איהם ווערט דערהויבען דער נאָמען פון דעם אייבערשטען".

איינמאָל האָבען די רבנן געוואָלט מאַכען רבי אבהו פאַר זייער ראש ישיבה. דאס איז געווען זעהר אַ גוטער און איינטרעגליכער אמט. אַ ראש ישיבה פלעגט בעקומען זעהר פיעל מתנות און געלד. מען פלעגט איהם רייך מאַכען כדי ער זאָל קענען לעבעןברייט און מען זאָל פאַר איהם האָבען רעספעקט. אבער רבי אבהו האָט געוואוסט אז רבי אבא פון עכו איז א גרויסער אָרימאַן און אַ גרויסער בעל חוב, און ער נויטיגט זיך אין אַזאַ שטעלע, האָט ער געזאָגט צו די רבנן : "גיט דעם אמט צו רבי אבא'ן. ער איז אַ גרעסערער מענש פון מיר".

אָט איז נאָך אַ ביישפיעל פון רבי אבהו'ס עניוות.

איינמאָל האָבען רבי אבהו און רבי חייא בר אבא זיך צוזאַמענגעטראָפען אין איין אָרט. האָט יעדער פון זיי געדרשנ'ט אין אַ בעזונדער שוהל. רבי אבהו האָט גע'דרשנ'ט אגדה (לעגענדען, משלים און מעשה'לעך מיט מוסר) און רבי חייא האָט גע'דרשנ'ט הלכה (דינים, וואס מען מעג און וואס מען טאָר ניט). האָט דער עולם פערלאָזען רבי חייא, וועלכער האָט גע'דרשנ'ט הלכה און איז געגאַנגען צו רבי אבהו הערען אגדה. האָט עס רבי חייא'ן שטארק פערדראָסען און ער האָט זיך די זאַך גענומען צום הארצען. האָט רבי אבהו זיך געווענדעט צום עולם און האָט געזאָגט :

"לאָמיך אייך געבען אַ משל וועגען מיר און ר' חייא. צוויי סוחרים זיינען געקומען אין אַ שטאָדט. איינער האָט געהאט צו פערקויפען טהייערע בריליאנטען און דער אנדערער האָט פערקויפט אַזעלכע קליינינקייטען ווי נאָדלען און שפינדלען. צו וועמען לויפען די שטאָדט מענשען ? ניט צו דעם וואס פערקויפט די ביליגע סחורה ?"

יעדען טאָג געוואוינליך פלעגט רבי חייא קומען צו רבי אבהו אין שוהל און איהם בעגלייטען ביז זיין אכסניא, ווייל רבי אבהו איז געווען א גרויסער מאַן און איז געווען הויך

געאכטעט ביים קעניג. אָבער אין יענעם טאָג, ווען רבי אבהו איז געקומען איהם טרייסטען וואָס דער עולם וויל ניט הערען זיינע דרשות, האָט רבי אבהו געצייגט כבוד צו רבי חייא'ן און האָט איהם בעגלייט צו זיין אכסניא.

## 20

## ווען דער קעניג האָט געזויינט

ביי דער צערעמאָניע פון אכטען יאָהר, ווען די שמיטה פלעגט זיך ענדיגען, פלעגט דער קעניג לויט משה'ס געבאָט, (דברים ל"א) לייענען די תורה פאר'ן פאָלק. מען פלעגט פאר'ן קעניג מאַכען א בימה אין דער עזרה פון בית המקדש, און דער קעניג פלעגט זיך אויף דעם אוועקזעצען. ווען עס פלעגט קומען די צייט פון לייענען פלעגט דער חזן נעהמען א ספר און איבערגעבען צום גבאי, דער גבאי פלעגט דעם ספר איבערגעבען צום סגן (וויצע כהן גדול), דער סגן צום כהן גדול און דער כהן גדול צום מלך. דער מלך פלעגט די ספר תורה אָננעהמען און פאָרלעזען פאר'ן עולם זיצענדיג. אגריפס המלך האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגענומען די תורה און פאָרגעלעזען שטעהענדיג. די אידישע געלעהרטע האָבען איהם געלויבט פאר דעם וואָס ער האָט ארויסגעוויזען אזא כבוד צו דער תורה.

ווען אגריפס איז געקומען צו דעם פסוק "לא תוכל לתת עליך איש נכרי", אז אידען טאָרען ניט קרוינען פאר קעניג א מענשען וואָס איז ניט פון זייער ראסע, האָט אגריפס זיך דערמאָהנט אז ער איז פון הורדוס'עס קינדער און זיינע אויגען האָבען פערגאָסען טרעהרען. האָבען די אידען געזאָגט צו איהם: "האָב קיין מורא ניט, אגריפס! דו ביז אונזער ברודער, ביזט אונזער ברודער". זיי האָבען איהם כשר גע־מאַכט מיט דעם וואָס זיין מוטער איז געווען א אידישע פרוי.

עס האָבען זיך אָבער געפונען אזעלכע אידען וואָס זיי איז ניט געפעלען געווען די טרייסטליכע ווערטער וואָס די אידען האָבען געזאָגט צו אגריפס'ן. זיי האָבען דאָס בע־צייכענט אלס חניפה און ר' שמעון בן חלפתא האָט גע־זאָגט: "זייט חניפה האָט אָנגעהויבען צו הערשען אויף דער וועלט זיינען מענשען אוועק אויף אקרומען וועג און זיינען פערדאָרבען געוואָרען, און א גרויסער מענש זעהט זיך ניט אָן נעגען דעם קליין מענשעלע".

אי, ווארום האָט יעקב גע'חנפ'ט עשו'ן און האָט צו איהם געזאָגט: "עס איז מיר געווען אזוי אנגענעהם דיך צו זעהן ווי איך וואָלט זעהן גאָט"? דאָס קען מען ערקלעהרען מיט דיזען משל:

איינער האָט איינגעלאדען א מענשען צו עסען ביי איהם א מאָהלצייט. אין מיטען עסען האָט זיך דער גאסט אָנגע־שטויסען אז דער וואָס האָט איהם געלאדען קלייבט זיך איהם צו הרג'ענען. פאלט איהם איין אין קאָפּ צו זאָגען אזוי: "אָט דיזער מאכל וואָס איך עס דאָ ביי דיר האָט אזא טעם ווי דער מאכל וואָס איך האָב געגעסען ביים קעניג". טראכט זיך דער גזלן: אזוי גאָר? ער קען זיך מיט'ן קעניג! ניין, איך וועל זיך בעסער מיט איהם ניט אָנהויבען. און ער קריגט מאָקע מורא און לאָזט דעם גאסט אוועקגעהן א לעבעדיגען.

## 21
# די ליעבע פון עלטערען צו קינדער

רב הונא האָט געפונען א פעטען טייטעל וואָס איז געווען פון א זעהר גוטען סאָרט, האָט ער עס איינגעוויקעלט אין זיין טוך און מיטגענומען אהיים. שפּעטער איז געקומען רבה זיין זוהן, האָט ער געזאָגט צו זיין פאָטער: "איך שמעק דאָ זעהר גוטע טייטלען". האָט רב הונא געענטפערט: "מיין זוהן! זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען האָבען פירות פערלאָרען זייער טעם און ריח. נאָר מענשען וואָס לעבען א ריינעם און פרומען לעבען קענען נאָך פיהלען דעם ריח און טעם פון פירות. נא דיר, מיין זוהן, איך גיב דיר דערפאר דעם טייטעל א מתנה".

גלייך נאָכדעם איז אָנגעקומען אבא, דער זוהן פון רבה און דער אייניקעל פון רב הונא. נעהמט רבה דעם טייטעל און גיט עס אָב צו אבא זיין זוהן. האָט רב הונא זיך אָבגע־רופען צו רבה'ן: "דו האָסט דערפרעהט מיין הארץ און מיר אויסגעזעצט די צייהנער. פריהער האָסטו מיך דערפרעהט מיט דיין פרומקייט און יעצט האָסטו מיר פערשאפט ער־גערנים וואָס דו האָסט גענומען מיין מתנה און אוועקגעגעבען צו דיין זוהן".

אָט דאָס איז וואָס מענשען זאָגען א ווערטעל: "דער

מאמע האָט ליעב זיינע קינדער און די קינדער האָבען ליעב זייערע קינדער."

## 22

## ווי אזוי א ווערטעל ווערט בעשאפען

אָט איז א ביישפיעל ווי אזוי א ווערטעל ווערט בעשאפען.

ביי רב אחא בר יעקב האָט זיך ערצויגען רב יעקב, דער זוהן פון זיין טאָכטער. איין מאָל, ווען דער אייניקעל איז שוין געווען א גרויסער אינגעל, זאָגט צו איהם דער זיידע: "ברייננ מיר א טרונק וואסער". ענטפערט דער אייניקעל: "איך בין נימ דיין זוהן און איך דארף דיך נימ פאָלגען".

און פון דעם איז ארויס א ווערטעל: "האָדעווע מיך און זיי מיר א טאטע, אבער איך בין נימ מעהר ווי דיין אייניקעל."

## 23

## ווארום ארץ ישראל האָט געציטערט

אין דער צייט ווען די חשמונאים האָבען געפיהרט קריעג צווישען זיך, איז הורקנוס מיט די רוימישע סאָלדאטען געשטאנען אין דרויסען פון ירושלים, און אריסטובלוס מיט זיינע מענשען האָבען זיך געפונען אינעווייניג. אזוי ווי די שטאָדט איז געווען בעלאגערט, און קרבנות האָט מען געמוזט ברייננען יעדען טאָג, פלעגען די אידען ארונטערלאָזען צום שונא, אויף יענער זיים פעסטונג, א קאָרב מיט רענדלעך און די רוימער פלעגען אין דעם זעלבען קאָרב ארויפשיקען א פּאָאר שעפּסען וואס מען האָט געמוזט מקריב זיין אין בית המקדש אלס "תמידים", טאג טעגליך.

און אזוי האָבען די אידען געקעמפפט פאר זייער לאנד און צו דערזעלבער צייט געדיענט זייער גאָט.

צווישען די אידען האָט זיך געפונען איינער, אן אלטער שפּיאָן, א מסור, און ער האָט צו די רוימישע סאָלדאטען א זאָג געטהאָן אין גריכיש: "אזוי לאנג ווי איהר גיט די אידען א מעגליכקייט צו דיענען זייער גאָט וועט איהר זיי קיינמאָל בייקומען".

די רוימער האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, און אויף דעם אנדער טאָג, אז די אידען האָבען זיי ארונטער־געשיקט א קאָרב מיט רענדלעך, האָבען די רוימער בעגאנגען א שווינדעל און האָבען אין דעם קאָרב ארויפגעשיקט א דבר אחר. די פעסטונג איז געווען זעהר הויך, און די אידען וואָס האָבען ארויפגעצויגען דעם קאָרב, האָבען ווי עס שיינט ניט געזעהן וואָס זיי שלעפען. אָבער ווען דער דבר אחר איז שוין אָנגעקומען ביי דער העלפט פון דער פעסטונג האָט ער אריינגעשטעקט זיינע אונריינע נעגעל אין דעם מויער, און אין יענעם אויגענבליק האָט דאָס גאנצע לאַנד זיך א טרייסעל געטהאָן, אזוי ווי אין אן ערדציטערניס, אויף א שטרעקע פון פיער הונדערט אויף פיער הונדערט מייל.

# מסכת קדושין

## 1

## וואָרום דער מאַן זוכט די פרוי

דער שטייגער פון דער וועלט איז אז דער מאַן זוכט די פרוי, אָבער ניט די פרוי זוכט דעם מאַן. ר׳ שמעון ערקלערט דאָס מיט אזא משל:

א מענש האָט פערלאָרען עפּעס א זאַך, טאָ ווער זוכט וועמען? נעטירליך זוכט דער מענש דאָס וואָס ער האָט פערלאָרען. אזוי איז אויך מיט דעם פאַל פון זוכען א פרוי. די פרוי איז געמאַכט געוואָרען פון דעם מאַן׳ס א ריפּ, געהט דער מאַן זוכען די ריפּ וואָס איהם פעהלט.

## 2

## די שטראָף פון א פערשקלאַפּטע נשמה

ווען דער אויבערשטער האָט אויסגע׳הרג׳עט יעדען בכור פון די מצרים, האָט ער אריבערגעהיפּט יעדע הויז וואו עס איז געווען א צייכען אויפ׳ן טיהר אז אין דער הויז וואוינען אידען. דערפאַר אז א אידישער קנעכט האָט ניט געוואָלט פערלאָזען די הויז פון זיין האַר און האָט זיך איינגע־שפּאַרט דאָס ער וויל בלייבען א שקלאַף אויף זיין גאנצען לעבען, פלעגט מען איהם צופיהרען צום טיהר און לעכערען זיין אויער מיט א נאָל. גאָט האָט מיט דעם אזוי געמיינט: די טיהר און די מזוזה זיינען עדות, אז ווען איך האָב אריי־

בערגעהויפּט די אידישע הייזער אין מצרים, האָב איך גע־זאָגט אז די אידען זאָלען זיין מיינע קנעכט און ניט קנעכט ביי קנעכט, און דער וואָס האָט זיך פערקויפט אויף זיין גאנ־צען לעבען זאָל מען איהם דורכבויערען זיין אויער אלס א צייכען אז ער האָט א שקלאַפּישע נשמה.

## 3

## זיך געביטען מיט'ן זוהן

רב אחא האָט געשיקט זיין זוהן רב יעקב ער זאָל לערנען תורה ביי אביי'ן. ער אליין, רב אחא, איז געבליבען אין דער היים אום צו ארבייטען פאַר דער פאַמיליע. ווען דער זוהן איז איינמאָל געקומען צו גאַסט האָט רב אחא געזעהן אז דער זוהן האָט וועניג געלערנט. האָט ער צו איהם געזאָגט: "איך דענק אז איך וועל בעסער לערנען פון דיר. טאָ בלייב דו אין דער היים און זאָרג זיך פאַר דער פאַמיליע און איך וועל געהן אויף דיין אָרט לערנען."

אביי'ס שוהל איז געווען ווייט פון שטאָדט און עס האָט זיך געפונען דאָרט א געפעהרליכע שלאַנג, א מזיק, וואָס פלעגט הרג'ענען מענשען. אפילו בייטאָג איז געווען א גע־פאַהר אריינצוגעהן אין דער שוהל. ווען אביי האָט געהערט אז רב אחא קומט, האָט ער אָנגעזאָגט אין אלע אכסניות אז מען זאָל איהם ערגעץ ניט געבען קיין נאכטלעגער, כדי ער זאָל מוזען נעכטיגען אין שוהל, און דאַן איז מעגליך אז צו־ליעב איהם וועט געשעהן א נס. רב אחא איז געקומען אין שוהל און האָט דאָרט גענעכטיגט. ביי נאכט האָט ער דאָרט געזעהן דעם מזיק וואָס האָט אויסגעקוקט ווי א שלאַנג מיט זיבען קעפּ. האָט רב אחא מתפלל געווען, און יעדען מאָל וואָס ער האָט זיך א בוק געטהאָן איז ביי דער שלאַנג אָבגע־פאַלען א קאָפּ. אויף מאָרגען האָט ער געזאָגט צו אביי'ן: "ווען עס וואָלט מיר ניט געשעהן דער נס וואָלט איהר דאָך מיך אריינגעבראַכט אין א סכנה."

## .4

## די מצוה פון לערנען תורה

ר' חייא בר אבא האָט איינמאָל געזעהן ווי ר' יהושע בן לוי האָט זיך שנעל ארויפגעוואָרפען א טוך אויפ'ן קאָפּ

פון האָט געטראָגען אַן אינגעלע אין חדר אריין. האָט איהם ר׳ חייא געפרעגט: ״וואָס איז דאָס פאר א גאַנג? אָט אזוי דעקט מען זיך צו דעם קאָפּ?״ האָט ר׳ יהושע געענטפערט: ״עס איז ביי דיר א קלייניגקייט? צו פיהרען א קינד אין חדר איז אזוי ווי מקבל זיין די תורה פון בארג סיני, היינט ווער האָט עס צייט אויף אַזעלכע זאכען ווי פוצען זיך?״

פון דאַן אָן פלעגט ר׳ חייא קיינמאָל ניט עסען זיין שטיקעל געבראָטען פלייש צו פריהשטיק איידער ער פלעגט אוועקפיהרען א אינגעל אין חדר.

## 5

# ער האָט ליעב געהאט צו פרעגען

א נייגעריגער אינגעל, א יתום, וועלכער האָט ליעב גע־האט צו פרעגען קשיות האָט איינמאָל געפרעגט אזא שאלה ביי רבי אליעזר: ״אז דער טאַטע בעט א טרונק וואסער און די מאַמע בעט אויך א טרונק וואסער, וועמען דארף מען געבען פריהער?״ האָט רבי אליעזר געענטפערט: ״לייג א ווײַלע אוועק דיין מוטער׳ס כבוד און טהו צוערשט וואָס דער פאָטער הייסט דיר, ווייל אי דו, אי דיין מוטער זייט איהר ביידע פערפפליכטעט אָבצוגעבען כבוד דיין פאָטער״. נאָכ־דעם איז דער נייגעריגער יתום אוועק צו ר׳ יהושע און איהם געפרעגט די זעלבע שאלה, און ר׳ יהושע האָט איהם אויך אזוי געענטפערט. פרעגט דער יתום ווידער: ״און ווי איז אז די מאַמע האָט זיך גע׳גט מיט׳ן טאַטען — וועמען דארף מען דאַן פאָלגען צוערשט?״

ר׳ יהושע האָט בעטראַכט דעם יתום און האָט צו איהם געזאָגט: ״פון דיינע פייכטע ברעמען קען מען זעהן אז דו האָסט בלויז א מאַמען, אַן אלמנה, און דו פרעגסט א שאלה, סתם אין דער וועלט אריין. וועל איך דיר אזוי ענטפערען. דו גיב זיי וואסער אין איין כלי און רייד צו זיי. אזוי ווי מען רעדט צו היהנער״.

## 6

# א ביישפיעל פון כבוד אב ואם

רב עולא האָט איינמאָל געגעבען א ביישפיעל ווי מען

דאַרף געבען כבוד עלטערען, און ער האָט דערצעהלט אַזאַ געשיכטע :

אין אשקלון האָט געוואוינט אַ גוי, דמאַ בן נתינה האָט ער געהייסען. האָט ער זיינע עלטערען געהאַלטען זעהר טייער. איינמאָל איז פון דעם אפוד וואָס דער כהן גדול האָט געטראָגען פערלאָרען געגאַנגען אַ טייערער בריליאַנט. האָט מען געגומען נאָכפרעגען וואו מען קען אַזאַ בריליאַנט געפינען. האָט מען זיך דערוואוסט אז פונקט אַזאַ טייערער שטיין געפינט זיך ביי דמאַ בן נתינה. זיינען די אידישע חכמים געקומען צו איהם קויפען דעם שטיין און האָבען מיט איהם אָבגעמאַכט אַ מקח. דמאַ האָט זיי דעם שטיין שוין געוואָלט געבען, אָבער ווען ער איז אריין אין אַ זייטיגען ציַמער נעהמען דעם שטיין, האָט ער געזעהן אז זיין פאָטער שלאָפט און זיין פוס איז אָנגעשפּארט אויף דעם קאַסטען אין וועלכען דער שטיין איז געווען בעהאַלטען. דמאַ האָט ניט געוואָלט שטערען זיין פאָטער'ס שלאָף. איז ער ארויס צו די אידען און האָט זיי געזאָגט אז ער קען זיי יעצט דעם שטיין ניט געבען. זיי האָבען געמיינט אז ער וויל ארויפציהען אויפ'ן מקח. האָבען זיי איהם אָנגעבאָטען נאָך צעהן טויזענד גאָלדענע רענדלעך. דמאַ האָט אָבער געוואַרט ביז זיין פאָטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און נאָכדעם האָט ער דעם שטיין ארויסגענומען און אָבגעגעבען צו די אידען. ווען זיי האָבען איהם געוואָלט געבען די עקסטראַ צעהן טויזענד רענדלעך וואָס זיי האָבען איהם אָנגעבאָטען, האָט ער דאָס ניט געוואָלט אָננעהמען, זאָגענדיג : "איך וויל קיין נוצען האָבען פון דעם כבוד וואָס איך האָב ארויסגעוויזען צו מיין פאָטער."

און גאָט האָט איהם דערפאַר בעלוינט. אין יענעם יאָהר איז ביי דמאַ'ן געבוירען געוואָרען אַ רויטע קוה, און די אידען האָבען די קוה אָבגעקויפט פאַר אַ פרה ארומה און איהם בעצאָהלט צעהן טויזענד גאָלדענע רענדלעך.

רב דימי דערצעהלט אזוי.

דמאַ בן נתינה איז איינמאָל געזעסען, פערפוצט אין אַ גאָלדענעם מאַנטעל, צווישען די גרויסע לייט פון רוים. איז געקומען זיין מוטער, וועלכע איז געווען אַ ביסעל משוגע, האָט אראָבגעריסען פון איהם דעם מאַנטעל, האָט איהם גע־געבען אַ פאַטש און איהם אָנגעשפיגען אין פנים, און ער האָט

איהר ניט געזאָגט אַ שלעכט וואָרט. אין דעם אָנפאַל איז ביי איהר אַראָבגעפאַלען אַ שוך, האָט ער דאָס פאַר איהר אויפגעהויבען און איהר דערלאַנגט.

## 7

# רעספּעקט דאַרף זיין מיט ליעבע

רעספּעקט צו עלטערען דאַרף מען ציינען צוזאַמען מיט ליעבע.

אבימי דער זוהן פון ר׳ אבהו האָט געזאָגט: "אַ מענש קען געבען זיין פאָטער צו עסען געבראָטענע טייבעלעך און דאָך דערביי מאַכען אַז ער זאָל אויסגעריסען ווערען פון דער וועלט. און אַן אַנדערער קען זיין פאָטער איינשפּאַנען אין אַ מיהל און דאָך נעהן דערפאַר אין גן עדן."

די מעשה פון דעם איז אַזוי:

איינער האָט געהאַט אַן אַלטען טאַטען, פלעגט ער איהם געבען צו עסען פעטע טייבעלעך. דער פאָטער האָט גע־וואוסט, אַז דער זוהן איז אַן אָרימאַן און אַז מסתמא גיט ער אויס דעם גרעסטען טייל פון זיינע פערדיענסטען אויף די טייבעלעך. האָט איהם דער פאָטער איינמאָל געפרעגט: "זאָג מיר, זוהן מיינער, וואו נעהמסטו דאָס אויף אַזעלכע לוקסוסען פאַר מיר?" האָט דער זוהן גראָב געענטפערט: "דו אַלטער, וואָס דאַרף דאָס דיך אַרען? דו רייב מיט די ציינער און פרעס!" דער זוהן האָט מיט זיין ענטפער אַרויס־געוויזען, אַז ער זוכט בלויז מקיים זיין אַ מצוה, אָבער ער טהוט עס ניט אויס ליעבע צו זיין פאָטער, און אַז אין הארצען פערגינט ער גאָר ניט דעם אַלטען אַזעלכע עסענס. און מען קען זיך פאָרשטעלען ווי דעם אַלטען פאָטער האָבען די טייבעלעך געשמעקט נאָך אַזאַ ענטפער פון זיין זוהן!

מיט אַן אַנדערען איז פאָרגעקומען אַזאַ מעשה. ער אַליין איז געווען אַן אָרימאַן און האָט געלעבט פון אַ מיהל אין וועלכער ער פלעגט אַליין זיך איינשפּאַנען און דרעהען דעם ראָד און מאָהלען. איינמאָל האָט דער קיסר אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז יעדע פאַמיליע וואָס געפינט זיך אין זיין לאַנד מוז שיקען איין מענשען צו מאָהלען אין דעם קיסר׳ס מיהלען. קיין לוין, אויסער קלעפּ און בזיונות, פלעגט מען פאַר דעם ניט בעקומען. דער אָרימער מיהלנער וועגען וועלכען עס

ווערט דאַ דערצעהלט, האָט געהאַט אַן אַלטען טאַטען. גע־וואוינליך פלעגט מען צו אַזאַ מיליטער דיענסט שיקען אַ מענשען אין וועלכען די פאַמיליע האָט זיך ניט גענויטיגט. אָבער דער זוהן האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: „טאַטע! דו נעהם זיך צו דער אַרבייט און מאַהל אויף מיין מיהל, און איך וועל געהן אנשטאַט דיר צום קיסר. איך ווייס, אַז די אַרבייט איז פאַר דיר צו שווער, אָבער עס איז דאָך בעסער ווי מאַהלען פאַר'ן קיסר און קריגען געשלאָגען און בעליידיגט, און ווייניג צום עסען."

אָט דאָס איז אַ משל צו די דייד פון אבימי.

אבימי האָט געהאַט פינף קינדער ביי זיך אין הויז, און פון דעסטוועגען, אַז זיין פאָטער ר' אבהו פלעגט אָנקומען, פלעגט אבימי אַליין לויפען צום טיהר און שרייען: „איך עפען, איך עפען!" און זיך ניט פערלאָזען אויף זיינע קינדער אַז זיי זאָלען עפענען.

איין טאָג, אַז דער פאָטער איז געוועזן ביי איהם אויף אַ בעזוך, האָט ער געבעטען אַ טרונק וואַסער. אבימי איז גלייך געלאָפען אַליין ברייינגען די וואַסער. ביז ער איז צוריק־געקומען איז דער פאָטער איינגעשלאָפען. איז אבימי גע־בליבען שטעהן פאַר איהם מיט דעם קרוג וואַסער אין האַנד. און אַזוי איז ער געשטאַנען איינגעבויגען מיט הכנעה ביז דער פאָטער האָט זיך אויפגעכאַפט פון שלאָף.

8

# אַ קאָנקורענץ צווישען טאַטע־מאַמען

רב יעקב בר אבוה האָט איינמאָל געפרעגט ביי אביי'ן אַזאַ שאלה:

„אַזוי ווי איך בין אַ בן יחיד ביי מיינע עלטערען און ביידע האָבען מיך שטאַרק ליעב, ווייס איך ניט אַמאָל ווי איך זאָל זיך פיהרען אין אַזאַ פאַל. אַז איך קום פון בית המדרש אַהיים, דערלאַנגט מיר מיין פאָטער אַ טרונק וויין און מיין מוטער גיסט מיר אויך אָן אַ בעכער, ווייס איך ניט ביי וועמען איך זאָל אָננעהמען."

האָט אביי געענטפערט: „פון דיין מוטער זאָלסטו יאָ אָננעהמען, אָבער ניט פון דיין פאָטער, ווייל אַזוי ווי ער איז אַ געלעהרטער מענש, וועט ער זיך סוף כל סוף פיהלען קליין וואָס דו לאָזט איהם בעמיהען זיך פון דיינטוועגען."

## 9

# געטראָגן זיין מוטער אויף די הענד

ר׳ טרפון האָט געהאַט אַ מוטער, פלעגט ער איהר ציינען גרויס כבוד און ליעבע. יעדען מאָל אז זי פלעגט דארפען געהן שלאָפען, פלעגט ער זיך איינבויגען, זיך אויסציהען אויפ׳ן פוסבאָדען ביי איהר בעט, און די מוטער פלעגט קלעטערען איבער איהם אין בעט אריין.

דאס זעלבע פלעגט ר׳ טרפון טהאָן ווען זיין מוטער פלעגט אויפשטעהן און ארויסגעהן פון בעט.

איינמאָל האָט רב טרפון דערצעהלט וועגען זיין בענעהמונג געגען זיין מוטער אין בית המדרש, און עס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי ער בעריהמט זיך מיט דעם. האָבען די אַנדערע תלמידי חכמים געזאָגט צו איהם:

"דו מיינסט, אז דו האָסט שוין מקיים געווען די מצוה פון כבוד אם, אבער אין אמת׳ן האָסטו נאָך ניט דערגרייכט צו אַ העלפט פון דער מצוה. דו האָסט נאָך ניט אויסגעהאַלטען די ריכטיגע פראָבע. און אָט אין וואס די ריכטיגע פראָבע בעשטעהט. ווען אַ פאטער אָדער אַ מוטער נעהמט דעם זוהנ׳ס אַ בייטעל מיט גאָלד און וואַרפט עס אריין אין ים און דער זוהן שווייגט און זאָגט קיין בייז וואָרט, אָט דאַן הייסט עס דער ריכטיגער רעספעקט."

## 10

# פערהייליגט זיין מוטער

רב יוסף אז ער פלעגט הערען די טריט פון זיין מוטער, פלעגט ער זיך אויפהויבען מיט גרויס יראת הכבוד און זאָגען:

"איך מוז אויפשטעהן — די שכינה קומט!"

## 11

# אַהן אַ טאַטע אַהן אַ מאַמע

ר׳ יוחנן, אַז ער האָט זיך איינמאָל צוגעהערט ווי מען דערציילט וועגן דעם ווי תלמידי חכמים גיבען אָב כבוד צו זייערע עלטערן, און ווי שטרענג די מצוה איז, האָט ער אויסגערופען: ״וואויל איז צו דעם וואָס האָט זיינע עלטערן קיינמאָל ניט דערצאָרנט!״

און ער אַליין, ר׳ יוחנן, האָט ניט געהאַט קיין פאָטער און קיין מוטער. זיין פאָטער איז געשטאָרבען אין דער צייט ווען ער געווען אין זיין מוטער׳ס בויך, און דעם טאָג וואָס ר׳ יוחנן איז געבוירען געוואָרען איז זיין מוטער געשטאָרבען.

## 12

# קיינער דאַרף זיך ניט האַלטען גרויס

רבי אליעזר, רבי יהושע און רבי צדוק זיינען געווען אויף אַ שמחה ביי דעם זוהן פון רבן גמליאל, און רבן גמליאל אַליין איז געשטאַנען און סערווירט די געסט. האָט ער דער־לאַנגט אַ כוס צו ר׳ אליעזר, האָט ר׳ אליעזר ניט אָנגענומען. נאָכדעם האָט רבן גמליאל געגעבען דעם כוס צו ר׳ יהושע, האָט ר׳ יהושע יאָ אָנגענומען. האָט ר׳ אליעזר איהם פאַר־געהאַלטען: ״וואָס איז מיט דיר, יהושע? מיר זיצען און אַזאַ גרויסער מאַן ווי רבן גמליאל שטעהט און בעדיענט אונז!״

״אַ גרעסערער מאַן פון איהם האָט בעדיענט זיינע געסט״, האָט ר׳ יהושע געענטפערט. ״אברהם אבינו איז דאָך געווים געווען אַ גרויסער מאַן און ער האָט בעדיענט די געסט וואָס זיינען צו איהם געקומען. און טאָמער מיינסטו אַז ער האָט געוואוסט אַז זיי זיינען געווען מלאכים? ניין. זיי האָבען זיך פאַרשטעלט און אויסגעזעהן ווי פשוט׳ע אַראַ־בער. און אונז אַזעלכע מענשען זאָל רבן גמליאל ניט אויפ־געהמען און אונז דערלאַנגען משקה?״

״וואָס דאַרפט איהר זוכען ביישפּילען פון מענשען״, האָט ר׳ צדוק זיך אָבגערופען. ״אָט האָט איהר אַ ביישפּיעל פון דעם אייבערשטען אַליין. ער, געבענשט זאָל זיין נאָמען

זיין, מאַכט שטורעמווינטען, ברייִנגט ארויף וואָלקענס, גיט דער וועלט רעגענס, מאַכט די ערד צו שפּראָצען, און גרייט אַ טיש פאַר יעדען איינצעלנעם פון זיינע בעשעפעניששען — און אונז אזעלכע מענשען זאָל רבן גמליאל ניט דערלאַנגען צום טיש?"

## 13

# אַ נאָכגעגעבענע מוטער

רב אסי, וועלכער האָט געוואוינט אין בבל, האָט געהאַט אַן אלטע מוטער וועמען ער פלעגט שטאַרק נאָכגעבען אַלע איהרע קאַפּריזען. איינמאָל זאָגט זי צו איהם: "איך וויל האָבען פיינע צירונג", האָט ער איהר דאָס געקויפט. און אזוי האָט ער איהר צופיעסטעט ביז זי האָט אָנגעהויבען צו בעטען פון איהם זאַכען וואָס זיינען שוין געווען אוממעגליך. איינמאָל זאָגט זי צו איהם: "איך וויל האָבען אַ מאַן וואָס זאָל זיין אזוי שעהן ווי דו." רב אסי האָט שוין מעהר פון איהר ניט געקענט אויסהאַלטען, איז ער אוועק פון בבל אין ארץ ישראל. יוען ער איז אהין אָנגעקומען האָט ער געהערט אז זיין מוטער לויפט אויך אהין.

ווען רב אסי האָט דערהערט אז זיין מוטער קומט צו איהם אין ארץ ישראל האָט ער געוואָלט געהן צוריק און איהר אָבהאַלטען פון דעם שריט. עס איז מעגליך אז ער האָט געוואָלט פערמיידען זי זאָל איהם פערשאַפען בזיונות אין ארץ ישראל. אָבער אזוי ווי עס איז געגען דעם דין צו פערלאָזען די הייליגע לאַנד און געהן נאָך חוץ לארץ, איז רב אסי געקומען צו ר' יוחנן פרעגען אַ שאלה: "מעג איך געהן פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ?" האָט ר' יוחנן געענט־פערט: "דו טאָהרסט ניט." האָט רב אסי געפרעגט: "צוליעב אַ מאַמען אויך ניט?"

דאָס איז שוין געווען אַ ביסעל הארבליך צו ענטשיידען, האָט ר' יוחנן איהם געענטפערט: "איך ווייס ניט. בעסער וואַרט אָב אַ ביסעל." אַ קורצע צייט שפּעטער איז רב אסי ווידער געקומען צו רבי יוחנן. ר' יוחנן האָט געמיינט אז ער האָט זיך בעשלאָסען צו פאָהרען האָט ער צו איהם געזאָגט: "עס איז ביי דיר געבליבען אז דו זאָלסט פאָהרען? זאָל דער אייבערשטער דיך אהין ברייִנגען לשלום."

רב אסי איז אריין צו רבי אלעזר און האָט צו איהם גע־זאָגט: "איך האָב מורא אז ר' יוחנן איז אויף מיר אין כעס געוואָרען." האָט ר' אלעזר געפרעגט: "וואָס האָט ער דיר דען געזאָגט?" און רב אסי האָט איהם איבערגעגעבען די ווערטער פון ר' יוחנן. "ווען ער וואָלט אויף דיר געווען אין כעס וואָלט ער דיך ניט געבענשט", האָט ר' אלעזר געזאָגט.

ווען רב אסי איז שוין געווען נאָהנט פון דעם אָרט וואו זיין מוטער האָט געוואוינט, האָט ער זיך בעגעגענט מיט איהר לויה. "ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט איך ניט ארויס פון ארץ ישראל," האָט ער געזאָגט.

## 14

## רעספעקט פאר געלעהרטע

אביי האט געזאגט אז ווי איינער דערזעהט א גרויס גע־לעהרטען דארף ער פאר איהם אויפשטעהן, ווען אפילו יע־נער איז נאָך גאנץ ווייט. אביי אליין פלעגט זיך אויפשטע־לען גלייך ווי ער פלעגט דערזעהן די אויערען פון דעם אייזעל אויף וועלכען רב יוסף פלעגט קומען רייטענדיג.

איינמאָל איז אביי געפאהרען רייטענדיג אויף אן אייזעל, און ווען ער איז אָנגעקומען צו א טייך, האט ער געזעהן אויף דעם אנדער זייט טייך זיטצען רב משרשיא און אנדערע רבנן. ווען ער האט געזעהן אז זיי שטעלען זיך ניט אויף פאַר איהם, האט ער זיי געפרעגט: "בין איך דען ניט א געלעהרטער רב?" האבען זיי זיך ענטשולדיגט, אז זיי זיי־נען געווען צוטראגט און האבען איהם ניט בעמערקט.

## 15

## רעספעקט פאר יעדען מענשען

רבי יוחנן פלעגט אויפשטעהען פאר אן אלטען גוי און פלעגט דערביי זאגען: "אה, ווי פיעל אָט דער אלטער האט שוין דורכגעלעבט!"

אביי פלעגט אן אלטען גוי געבען די האנד.

רבא פלעגט פאר אן אלטען גוי ניט אויפשטעהן, די האנד פלעגט ער איהם אויך ניט געבען, אָבער ער פלעגט שיקען א שליח ער זאל דעם גוי געבען שלום עליכם.

רב נחמן וועלכער איז געווען א גרויסער יחסן און אן אײדים פון נשיא פלעגט שיקען זײנע דינער צו בע־גריסען אן אלטען גוי. און דערבײ פלעגט ער אזוי ערקלערען : "איך טהו אזוי, ווײל איך וויל פערהיטען דעם כבוד פון דער תורה, און ווען ניט די תורה, זײנען דאָ א סך מענשען אין מארק וואס זײנען אזוי גוט ווי איך".

## 16

# מענשען מיט שטארקע גײסטער

אין רבי חנינא בר פפית האט זיך פערליעבט א פּאַר־נעהמע דאמע, א גויה. האט ער גאט געבעטען אז ער זאל איהם מיאוס מאכען אין די אויגען פון דער דאמע. גלײך איז זײן גאנצע לײב בעדעקט געוואָרען מיט קרעץ און מאוגדען. האט די דאמע געטהאן עפּעס א כשוף און רבי חנינא איז אויסגעהײלט געוואָרען. איז ער אנטלאָפען און האט זיך בעהאַלטען אין א באָד וועלכע איז געווען אן אלטע, א פער־לאָזענע און איז געווען פערדעכענט פאר א געפעהרליכען אָרט. אָבער עס איז איהם געשעהן א נס און ער איז פון דאָרט ארויס א לעבעדיגער.

ווען ער איז ארויס האבען איהם די רבנן געפרעגט : "ווער האט דיך פערהיט פון דער סכנה אין באד ?" און אזוי ווי ער האט זיך געשעהמט זײ צו דערצעהלען די גאנצע געשיכטע האט ער זײ אָבגע'פטר'ט מיט א אונדײטליכע ער־קלעהרונג : "צוויי דיענער פון דעם הערשער האבען מיך אָבגעהיט".

"מיר פערשטעהען", האבען די רבנן געזאגט, "דו ביזט בײגעשטאנען א גרויסען נסיון און דערפאר איז דיר גע־שעהן א נס".

ר' צדוק האט אויך געהאט דעם זעלבען אונגליק וואס א פּאַרנעהמע דאמע האט זיך פערליעבט אין איהם. אום איהר צו צײגען ווי שלעכט און זינדיג עס איז איהר פער־לאנג, האט ער צו איהר געזאגט : "די הארץ חלש'ט מיר. האָסטו עפּעס פאר מיר צו עסען ?" האט די דאמע געענט־פערט : "איך האב א פײן שטיקעל חזיר־פלײש. עס איז דאך אָבער בײ אײערע אידען טמא".

"וואס מאכט עס אויס ?" האט ר' צדוק געזאגט. "ווער

עס ערלויבט זיך צו ליעבען א פרעמדע פרוי קען זיך אויך ערלויבען צו עסען א זאך וואס איז טמא״.

די דאמע האט איינגעהייצט דעם אויווען אום צו קאָכען דעם אונריינעם מאָהלצייט, אָבער ווי נאָר דער פייער האט זיך צוברענט איז ר׳ צדוק אריינגעשפרונגען אין אויווען. ״וואס טהוסטו ?״ האט די דאמע מיט שרעק אויסגעשריען. ״וואס מאכט עס אויס ?״ האט ר׳ צדוק געענטפערט. ״פריהער אָדער שפעטער—דער וואס זינדיגט מוז אריינפאלען אין פייער״.

האט זיך די דאמע פערטראכט און האט מיט חרטה געזאגט : ״ווען איך וואלט געוואוסט אזוי פיעל וואלט איך דיך ניט געערגערט״.

רב כהנא איז געווען אן אָרימאן און האט זיך מפרנס געווען פון דעם וואס ער פלעגט פערקויפען קערבלעך אין וועלכע פרויען טראָגען פערשיעדענע קליינינקייטען. איינמאָל איז געקומען א גרויסארטיגע דאמע קויפען ביי איהם א קארב. האט זי זיך פערליעבט אין איהם און האט געוואלט, אז ער זאל מיט איהר תתונה האבען. און אזוי ווי ער האט ניט געקענט זיך אָבטשעפען פון איהר, האט ער געזאגט : ״לאָמיך צוגעהן אהיים און זיך איבערטהאן אין שעהנערע קליידער״.

קומענדיג אהיים איז ער ארויף אויפ׳ן דאך שטיבעל און איז פון דאָרט ארונטערגעשפרונגען. ער האט בעסער געוואָלט זיך מאכען דעם טויט, איידער זיך צו לאָזען פערפיהרען פון זינד. איז געקומען אליהו הנביא און האט איהם אונטערגעכאפט. ״דו ווייסט״, האט אליהו געזאגט, ״דו האסט מיך שטארק מטריח געווען, דען איך בין געווען פאר פיער הונדערט מייל ווייט פון דאנען״.

״ווער איז שולדיג, אויב ניט מיין אָרימע פרנסה ?״ האט רב כהנא געזאגט. ״ווען איך וואלט ניט געווען אן אָרימאן וואלט איך ניט געהאט אזא פרנסה און וואלט ניט געקומען צו דעם נסיון״.

האט איהם אליהו געגעבען א כלי מיט רענדלעך, ער זאל מעהר ניט דארפען שטעהן אין מארק מיט זיין אָרימען מבחר.

## 17

## לערנען און טהאָן

רבי טרפון און אנדערע גרויס געלעהרטע זיינען געזעסען אין אַ הויז אין לוד און האָבען געשמועסט וועגען ערנסטע זאכען. איז פאר זיי פאָרגעקומען די פראגע: "וואָס איז וויכטיגער — לערנען אָדער טהאָן?" האָט ר' טרפון געענטפערט: "טהאָן איז וויכטיגער." וואָס טויג דען וואָס איינער קען שעהן ריידען און פריידיגען ווען ער אליין וויל נים טהאָן וואָס ער פריידיגט? רבי עקיבא האָט געזאָגט: "לערנען איז וויכטיגער." האָבען די אנדערע געלעהרטע בעשלאָסען אז רבי עקיבא האָט רעכט. "לערנען איז וויכטיגער, ווייל דער לערנען ברייננט צו טהאָן."

## 18

## ווי די וועלט האָט זיך צוטיילט

צעהן מאָאָס חכמה זיינען ארונטער אויף דער וועלט. ניין מאָאָס האָט צוגענומען ארץ ישראל און איין מאָאָס איז געבליעבען פאר דער גאנצער וועלט.

צעהן מאָאָס שעהנהייט זיינען ארונטער אויף דער וועלט. ניין מאָאָס האָט צוגענומען ירושלים און איין מאָאָס איז געבליבען פאר דער גאנצער וועלט.

צעהן מאָאָס עשירות זיינען ארונטער אויף דער וועלט. ניין האָט צוגענומען רוים און איין מאָאָס איז געבליבען פאר דער גאנצער וועלט.

צעהן מאָאָס אָרימקייט זיינען ארונטער אויף דער וועלט. ניין מאָאָס האָט צוגענומען בבל און איין מאָאָס איז געבליבען פאר דער גאנצער וועלט.

צעהן מאָאָס שמאָלץ זיינען ארונטער אויף דער וועלט. ניין האָט צוגענומען דאָס לאנד עילם און איין מאָאָס איז געבליבען פאר דער גאנצער וועלט.

צעהן מאָאָס שטארקייט זיינען ארונטער אויף דער וועלט. ניין מאָאָס האָבען צוגענומען די פערסיער און איין מאָאָס איז געבליבען פאר דער גאנצער וועלט.

צעהן מאָס כשוף זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָט צוגענומען מצרים און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט.

צעהן מאָס פעסט זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָבען צוגענומען חזירים און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט.

צעהן מאָס אויסגעלאַסענהייט זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָט צוגענומען אַראַביען און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט.

צעהן מאָס חוצפה זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָט צוגענומען דאָס לאַנד מישן און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וולעט.

צעהן מאָס רייד זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָבען צוגענומען ווייבער און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט.

צעהן מאָס שכרות זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָבען צוגענומען די כושיים און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט.

צעהן מאָס שלאָף זיינען אַרונטער אויף דער וועלט. ניין האָבען צוגענומען די קנעכט און איין מאָס איז געבליבען פאַר דער גאַנצער וועלט.

## 19

# די רבני'שע ערד

רב גידל האָט געהאַלטען אין קויפען אַ שטיקעל לאַנד. איז געקומען רבי אבא און האָט עס אָבגעקויפט פריהער פון איהם. רב גידל איז אַוועק זיך צו בעקלאָגען ביי ר׳ זירא. ר׳ זירא איז אַוועק און האָט די מעשה דערצעהלט צו רבי יצחק נפחא. האָט ר׳ יצחק געזאָגט: „לאָמיר וואַרטען ביז רבי אבא וועט אַהער קומען צו דעם פאַר־יום־טוב׳דיגען צוזאַמענפאָהר״.

ווען רבי אבא איז אָנגעקומען האָט מען איהם געפרעגט:

„אַז אַן אָרימאַן בעט אימיצען ער זאָל איהם שענקען אַ קיכעל און עס קומט איינער און קויפט אָב דעם קיכעל פאַר געלד, מאַ וואָס איז ער?״

„אַ רשע!״ האָט רבי אבא אויסגערופען.

"טאָ פארוואס האָסטו אויסגעדונגען דאס שטיקעל לאנד ביי רב גידל ?"

"איך האב ניט געוואוסט אז יענער האלט עס אין קויפען".

"טאָ גיב דאס איהם יעצט אוועק".

"פערקויפען קען איך דאס ניט, ווייל דאס איז דאס ערשטע לאנד וואס איך האב געקויפט און עס איז ניט מזל'דיג צו פערקויפען דאס ערשטע לאנד וואס איינער קויפט. איך וועל דאס איהם אוועקגעבען אומזיסט".

רב גידל האט אָבער קיין געשאנק געוואלט אָננעהמען.

און אזוי ווי ניט דער און ניט דער אנדערער האבען געוואלט דאס לאנד, איז דאס געבליבען הפקר פאר די תלמידים, און מען האט דעם שטיק לאנד גערופען "די רבנ'ישע ערד".

## 20

# פאר'ן אמת שלאָגט מען

ינאי המלך איז איינמאָל געגאנגען נאָך דאָס לאנד כוחלית וואָס געפינט זיך אין מדבר, און ער האָט דאָרט איינגענומען זעכציג שטעדט. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים האָט ער זיך שטארק געפרעהט. ער האָט פעררופען אלע אידישע געלעהרטע און האָט צו זיי געזאָגט:

"אין דער צייט וואָס אונזערע עלטערען האָבען געבויט דעם בית המקדש האָבען זיי געלעבט אויף זאלץ פלאנצען. צום אנדענקען פון יענע צייטען לאָמיר אויך עסען זאלץ פלאנצען".

האָט מען געגרייט דעם אָרימען מאכל אויף גאָלדענע טישען און מען האָט געגעסען. צווישען די געסט האָט זיך געפונען איינער א שלעכטער מענש, א שפּאָס טרייבער און אן אויסוואורף. אלעזר בן פועירא האָט ער געהייסען. האָט דער אלעזר געזאָגט צו ינאי המלך:

"זאָלסט וויסען זיין, ינאי המלך, אז די מענשען וואָס זיצען דאָ מיט דיר און פרעהען זיך מיט דיר, זיינען דיר אין הארצען פאלש."

"ווי קען איך וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי זיי אין הארצען ?" האָט ינאי המלך געזאָגט.

„דו טהו אזוי,“ האָט דער מוסר געענטפערט. „טהו אָן דעם כהן גדול'ס קרוין אויף דיין שטערן, און דו ווייסט דאָך, אז ווער עס זעהט דיזע קרוין מוז ארויסזאָגען דעם גאנצען אמת וואָס ביי איהם איז אויפ'ן הארצען.“

דער קעניג האָט געפאָלגט און אָנגעטהאָן די קרוין אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבען דעם שם המפורש.

צווישען די געסט האָט זיך געפונען איינער א זקן, א גרויסער מאַן, יהודה בן גדידא האָט ער געהייסען, און ווי ער האָט דערזעהן די קרוין, האָט ער זיך אָבגערופען צום קעניג:

„ינאי המלך! גענוג פאר דיר אז דו טראָגסט א קרוין פון א קעניג, לאָז איבער די קרוין פון כהונה פאר די קינדער פון אהרן.“

מיט דיזע רייד האָט ער דעם קעניג געגעבען אָנצוהע־רענים וועגען דעם אז זיין פאָטער איז ניט א ריינער. דען מען פלעגט דערצעהלען, אז ינאי'ס מוטער איז אמאָל געווען געפאנגען אין מודעים, כאָטש אז מען האָט די זאך נאָכגעזוכט האָט מען די געשיכטע ניט געקענט בעשטעטיגען.

ינאי איז געוואָרען שטארק בייז. די שמחה איז צר־שטערט געוואָרען, און די אידישע געלעהרטע זיינען זיך צוגאנגען אין א זעהר ניט פרעהליכע שטימונג.

דער מוסר, אלעזר בן פועירא, האָט ניט אויפגעהערט צו העצען און האָט געזאָגט צום קעניג:

„ינאי המלך! א פראָסטער מענש קען אזא בעליידיגונג פערשווייגען, אָבער דו, א מלך און א כהן גדול, וועסטו אויך דאָס פערשווייגען?“

„וואָס זאָל איך טהאָן?“ האָט ינאי געפרעגט.

„אויב דו ווילסט פאָלגען מיין עצה, הרג'ע זיי אוים.“

„אויב איך וועל אוים'הרג'ענען די אידישע געלעהרטע, וואָס וועט ווערען פון דער תורה?“ האָט ינאי געפרעגט.

„די תורה ליעגט אין א ווינקעל, אָן אָנגעשריבענע, און ווער עס וועט וועלען לערנען האָט ער דאָך א פערטיגע תורה,“ האָט דער מוסר געענטפערט.

ינאי המלך האָט זיך געלאָזט פערפיהרען פון דעם מוסר, און דער בלוטיגער בלבול פון אלזער בן פועירא האָט נע־פיהרט צו דעם, אז עס זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען אלע אידישע חכמים. די וועלט איז געוואָרען אונטויסענד, ווייל עס איז ניט געווען ווער עס זאָל לערנען. בלויז איין שמעון

בן שטח איז לעבען געבליבען. ער איז געווען א ברודער פון ינאי המלך׳ס פרוי, און זי האָט איהר ברודער בעהאלטען. ווען א צייט שפּעטער האָט די קעניגין אויסגעפיהרט, אז דער קעניג זאָל איהם ערלויבען צוריק צו קומען אין ירושלים, האָט שמעון בן שטח אומגעקעהרט די תורה צו איהר אלטען גלאנץ.

## 21

# ווער עס בעליידיגט אן אנדערען טרעפט זיך אליין

איינער, א מאַן פון נהרדעא, איז געקומען צו א קצב אין פומבדיתא און געזאָגט: „גיב מיר פליישׁ.” האָט איהם דער קצב געבעטען: „וואַרט א ווײַלע, לאָז צוערשט נעהמען דער דיענער פון רב יהודה בר יחזקאל, און נאָכדעם וועל איך דיר געבען.” איז דער מאַן פון נהרדעא בייז געוואָרען און ער האָט מיט גראָבהייט אויסגעשריען: „ווער איז ער, דער פליישׁ פרעסער יהודה, וואָס מען גיט איהם פריהער פון מיר?” האָט מען דאָס דערצעהלט צו רב יהודה, און רב יהודה האָט דעם מאַן ארייַנגעלייגט אין חרם. שפּעטער האָט מען איהם דערצעהלט, אז דער מאַן פון נהרדעא האָט א געוואוינהייט צו רופען אלעמען „קנעכט,” האָט רב יהודה געלאָזט אויסרופען, אז יענער מאַן איז אליין א קנעכט.

איז געגאַנגען דער מאַן פון נהרדעא און האָט אָנגע־קלאָגט רב יהודה׳ן ביי רב נחמן, און רב נחמן האָט געשיקט צו רב יהודה א שריפט אז ער זאָל קומען צו א דין תורה. רב יהודה איז אוועק צו רב הונא און געפרעגט אויב ער זאָל געהן אָדער נים. „געהן מוזטו נים,” האָט רב הונא געענט־פערט, „ווייל דו ביזט א גרעסערער מענש פון רב נחמן, אָבער ווייל רב נחמן איז דעם נשיא׳ס אן איידים, דאַרפסטו געהן צוליעב דעם כבוד פון דעם נשיא.”

ווען רב יהודה איז געקומען האָט ער געטראָפען רב נחמנ׳ן ארבייטענדיג. ער האָט געהאלטען אין מאַכען אן ארומצאַמונג צו זיין דאַך. „ווייסטו נים, אז א מענש וואָס בעזיצט א גרויסען אמט טאָהר נים טהאָן קיין ארבייט פאַר זייטיגע מענשען, ווייל דורכדעם פערלירט ער זיך, און די מענשען האָבען פאַר איהם קיין רעספּעקט?” האָט רב יהודה געפרעגט.

רב נחמן האָט געפּיהלט, אַז רב יהודה מיינט מיט דעם צו צייגען, אַז ער ווייס מעהר פון איהם, האָט איהם רב נחמן געענטפערט אין אַ הויך אַריסטאָקראַטישען לשון. רב יהודה האָט איהם צוריק געענטפערט, אַז אַ תלמיד חכם רעדט ענטוועדער לשון קודש אָדער די תלמוד'ישע שפּראַך. אָבער רב נחמן האָט איהם ווידער געענטפערט אין אַ גאוה'דיגען לשון. צולעצט האָט רב נחמן געזאָגט: "איך וועל אַריינרופען מיין טאָכטער דונג און זאָל זי דיר געבען אַ טרונק. האָט רב יהודה געענטפערט: "שמואל האָט גע'פּסק'ענט, אַז מען טאָהר זיך ניט שאַפען מיט אַ פרוי."

"זי איז דאָך אָבער נאָך אַ קליין קינד."

"שמואל האָט געזאָגט, סיי אַ קליינע, סיי אַן ערוואַקסענע."

רב יהודה האָט אפילו זיך ענטזאָגט צו זאָגען שלום צו ילתא'ן, די פרוי פון רב נחמן, אפילו דורך אַ שליח, אפילו דורך איהר מאַן. זיין אויפפיהר איז געווען שוין מעהר ווי רב נחמן האָט געקענט פערטראָגען. ילתא האָט געשיקט אַ שליח צו איהר מאַן, ער זאָל פון דעם גאַסט וואָס שנעלער פּטור ווערען.

"איינענטליך, וועגען וואָס איז דער האר צו מיר געקומען?" האָט געפרעגט רב נחמן, ווען ער האָט וויזט אויס געהאַט פערגעסען, אַז ער האָט געלאַדען רב יהודה צו קומען פאַר איהם צו אַ דין תורה.

רב יהודה האָט איהם געצייגט די איינלאַדונגס שריפט, און רב נחמן האָט געזאָגט:

"אַז דער האר איז שוין יאָ געקומען, זאָל ער געבען אַן ערקלעהרונג, כדי מען זאָל ניט זאָגען, אַז די תלמידי חכמים חנפ'ענען איינער דעם אַנדערען. וואָרום האָסטו יענעם מאַן אין חרם אַריינגעלייגט?"

"ווייל ער האָט בעליידיגט אַ דיענער פון אַ תלמיד חכם."

"פאַר וואָס האָט דער האר געלאָזט אויסרופען אַז יענער מאַן קומט אַרויס פון קנעכט?"

"דערפאַר, ווייל ער פלעגט אַלעמען רופען קנעכט, און עס איז אַ כלל, אַז ווען איינער בעשולדיגט דעם אַנדערען אין אַ פעהלער, אָדער אַ פערברעכען, איז ער אַליין שולדיג אין דעם.

## 22

# ניט קיין גליכער שדוך

זעירי איז געווען אַ תלמיד ביי רבי יוחנן. ר׳ יוחנן האָט געהאַט אַ טאָכטער וועלכע ער האָט זעהר ליעב געהאַט, און אַזוי ווי זעירי איז איהם שטאַרק געפעלען געווען, האָט ער איהם פאָרגעשלאָגען אַז ער זאָל נעהמען די טאָכטער. זעירי האָט דעם שדוך ניט געוואָלט, ווייל זי איז געווען פון ארץ־ישראל און ער איז געווען פון בבל. און די תלמידי חכמים פון בבל האָבען זיך געהאַלטען העכער פון די תלמידי חכמים פון ארץ־ישראל.

איינמאָל איז ר׳ יוחנן אויסגעקומען צו געהן אין איין וועג מיט זעירי׳ן. ווען זיי זיינען געקומען צו א גראבען וועלכער איז געווען פול מיט וואסער, האָט זעירי ארויפגענומען זיין רבי׳ן אויף די שולטערן און האָט איהם אריבערגעטראָגען.

”הער צו מיין תלמיד, איך קען דיר נאָר ניט פערשטעהן. איך אלס רבי געפעל איך דיר, אָבער מיין טאָכטער פאר אַ ווייב געפעלט דיר ניט!“ האָט ר׳ יוחנן געזאָגט.

## 23

# שטאַרקער פון פייער

איינמאָל האָבען גוים געבראַכט אַ צאָהל געפאַנגענע אידישע מיידלעך אין נהרדעא. די אידען פון דער שטאָדט האָבען די אידישע טעכטער אויסגעלעזט פון די גוי׳שע הענד, און מען האָט זיי געבראַכט אין דער הויז פון רב עמרם חסידא, דער הייליגער, זיי זאָלען דאָרטען נעכטיגען. פון קיין בעסערן און מעהר זיכערן אָרט האָט מען גאָר ניט געקענט דענקען. רב עמרם האָט די מיידלעך געלאָזט ארויפפיהרען אין אַן אויבערשטיבעל און געהייסען צונעהמען דעם לייטער.

ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפען און ארום און ארום איז געווען שטיל, איז איינע פון די מיידלעך פערביי־געגאַנגען דעם דאך פענסטערל, אונטער וועלכען רב עמרם האָט זיך געפונען. פון איהר שעהנהייט איז ליכטיג געוואָרען אין הויז. רב עמרם האָט ניט געקענט פערשטעהן וואס מיט איהם איז געווען. אַ געהיימע קראַפט, וואָס איז געווען

שטארקער פון זיין פערשטאנד, האט איהם געצווינגען ארויף, דארט צו דער געפאנגענער מיט'ן ליכטיגען פנים. ער האט גענומען דעם לייטער, וועלכער איז געווען א שווערער און צעהן מענשען פלעגען איהם דארפען טראגען. אבער ער האט אין דער מינוט בעקומען אזא קראפט, דאס ער האט דעם שווערען לייטער אליין אויפגעהויבען און צוגעטראגען צום אריינגאנג פון דעם אויבערשטיבעל.

און אט האט ער שוין אנגעהויבען צו קלעטערען ארויף, העכער און העכער. ווען ער האט שוין ארויפגעקלעטערט ביי דער העלפט פון דעם לייטער, האט ער זיך בעהערשט און זיך פעסט א שטעל געטהאן מיט די פיס אויף די טרעפ, און גענומען שרייען: "פייער, פייער! עס ברענט ביי עמרם אין הויז."

די רבנן וואס האבען געוואוינט אין דער נאכבארשאפט האבען געמיינט אז עמרם'ס הויז ברענט טאקע, זיינען זיי אהין געלאפען ראטעווען. ווען זיי זיינען אנגעקומען און זיך דערוואוסט וואס דא איז געשעהן, האבען זיי געזאגט צו רב עמרם: "דו האסט אונז פערשעהמט!" האט רב עמרם זיי געענטפערט: "בעסער זאלט איהר זיך מיט מיר שעהמען אויף דער וועלט איידער איהר זאלט זיך דארפען מיט מיר שעהמען אויף יענער וועלט."

און נאכדעם האט רב עמרם געזאגט מיט נצחון צום יצר הרע: "דו ביזט פייער און איך בין ניט מעהר ווי פלייש, אבער איך האב דיר געציינט אז פלייש איז שטארקער ווי פייער!"

## 24

# קיינער איז זיכער מיט זיך

ר' מאיר פלעגט אבלאכען פון זינדיגע מענשען. ווי שוואך, ווי נאריש זיי זיינען וואס זיי קענען ניט בעהערשען זייער ווילען! האט דער שטן געוואלט צייגען ר' מאיר'ן אז ער דארף ניט זיין אזוי זיכער. איינמאל ווען ר' מאיר האט שפאצירט נעבען א טייך, האט ער דערזעהן פון דער אנ־דער זייט טייך א שעהנע, רייצענדע פרוי. דאס איז געווען דער שטן וואס האט זיך אזוי פערשטעלט. ר' מאיר האט זיך גענומען אריבערגעהן דעם טייך איבער א דינעם בריקעל. ווען

ער איז שוין אָבגעגאַנגען ביי א העלפט פון דער בריק האָט איהם דער שטן אָבגעלאָזען און געזאָגט: "ווען מען וואָלט מיר יעצט ניט געזאָגט פון הימעל אז איך זאָל שוינען דיך און דיין תורה, וואָלט איך דיך געמאַכט אזוי ווי צוויי מינצען."

## 25

# זיך גערייצט מיט'ן יצר הרע

פלימו פלעגט יעדען טאָג זיך רייצען מיט'ן שטן, זאָגענדיג: "בלייענע קוילען דיר אין דיינע אויגען, דו שטן!" איינמאָל, אום ערב יום כפור, האָט זיך דער שטן פערשטעלט פאַר אַן אָרימאַן, איז געקומען צו פלימו'ן ביים טהיר און געבעטען מען זאָל איהם געבען עפּעס צו עסען. האָט מען איהם ארויסגעטראָגען עסען.

"היינט איז א טאָג ווען אַלע עסען אינווענינ און איך דאַרף עסען אין דרויסען", האָט זיך דער אָרימאַן בעקלאָגט.

פלימו האָט געהייסען מען זאָל איהם אריינלאָזען אין הויז און מען האָט איהם געגעבען צו עסען ערגעץ אין א ווינקעל.

"אַלע עסען היינט צוזאַמען ביי איין טיש און איך עס איינער אליין," האָט דער אָרימאַן זיך ווידער בעקלאָגט.

האָט מען איהם אוועקגעזעצט ביים טיש מיט דער גאַנצער הויז געזינד צוזאַמען.

אין אַן אויגענבליק איז דער אָרימאַן בעדעקט געוואָרען מיט קרעץ און בלאָטערן, און ער האָט זיך אויפגעפיהרט אזוי, אז יעדען האָט געעקעלט דער עסען. "איך בעט דיך, פיהר זיך אויף אַנשטענדיג," האָט פלימו געבעטען.

"גיט מיר א בעכער", האָט דער אָרימאַן געזאָגט. און אז מען האָט איהם דעם בעכער געגעבען, האָט ער אין דעם אַנגעשפּיגען. פלימו האָט אויף איהם אָנגעשריען, האָט זיך דער אָרימאַן געמאַכט אזוי ווי ער איז פאַר שרעק געשטאָרבען. איז באַלד געוואָרען א געשריי אין גאַס: "פלימו האָט גע'הרג'עט א מענשען!" פלימו איז אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אויסען שטאָדט. דער שטן זעהענדיג אז פלימו האָט גרויסע יסורים, איז ער צו איהם געקומען און האָט איהם אויסגעזאָגט ווער ער איז. "דו האָסט מיך ניט געדאַרפט

שילטען″, האָט דער שטן געזאָגט. ″דו האָסט געדאַרפט בעטען גאָט אז ער זאָל מיך דערווייטערן פון דיר.″

## 26

# אַלץ געהט נאָך דער כונה

יעדען טאָג פלעגט רבי חייא בר אשי גאָט בעטען אז ער זאָל איהם פאַרהיטען פון זינד. איינמאָל האָט דאָס אונטערגעהערט זיין פרוי, האָט זי געזאָגט צו זיך: ″וואָס האָט ער דען מורא צו האָבען פאַר זינד? ער איז דאָך שוין אזוי אַלט!″ איז איהר איינגעפאַלען זי זאָל איהם אויספּראָבירען.

איין טאָג, ווען ער איז געזעסען אין גאָרטען און האָט געלערענט, איז די פרוי געגאַנגען און האָט זיך פערפוצט אזוי אז עס איז איהר ניט געווען צו דערקענען. נאָכדעם איז זי אריין אין גאָרטען און איז פערבייגעגאַנגען איהר מאַן. איינמאָל און א צווייטען מאָל. ″ווער ביזטו?″ האָט רבי חייא געפרעגט. זי האָט איהם געענטפערט אז זי איז ″חרותא″, א גרויסע שעהנהייט וועלכע איז געווען בעריהמט אין יענע צייטען. האָט ער איהר אָנגעהויבען צורעדען צו א זינד. ″געה, ברייננ צוערשט יענעם קליינעם צווייג,″ האָט זי געזאָגט. האָט ער א שפרונג געטהאָן און האָט עס איהר געבראַכט.

שפּעטער, ווען ער איז געקומען אהיים און זיין פרוי האָט איינגעהייצט דעם אויוועז, איז ער אריינגעקראָכען אין פייער. ″וואס טהוסטו?″ האָט זיין פרוי געפרעגט. האָט ער איהר דערצעהלט וואָס מיט איהם איז דעם טאָג געשעהן. ″דאָס בין איך געווען″, האָט זי געזאָגט. ער האָט איהר אָבער ניט געוואָלט גלויבען, האָט זי איהם געציינט דעם צווייג וואָס זי האָט בעהאַלטען פאַר א סימן. ″אָבער איך האָב דאָך בעגאַנגען א זינד″, האָט ער געענטפערט, ″ווייל איך האָב געמיינט אז דו ביזט געווען א פרעמדע.″

זיין גאַנצען לעבען איז דער צדיק געווען פול מיט חרטה און ער איז געשטאָרבען פון א צובראָכענער האַרץ.